STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11101

# FOLKLOR-LIDER

Akademiia nauk USSR, Kiev

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אינסטיטוט פאר יידישער פראָלעטארישער קולטור פון דער
וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע פון אוסרר. עטנאָגראַפישע סעקציע

# פאָלקלאָר-לידער

נײַע מאטעריאלן-זאמלונג

באנד II

געזאמלט דורך: יע. אוסטערליץ, מ. בערעגאָווסקי, ב. גוטיאנסקי, א. געלבמאן, י. טשערניאק, פ. כאַראָוועצער, ז. סקודיצקי, ש. קופערשמיד, כ. רײַכשטײַן אא.

צוגעגרייט צום דרוק מיט אן
אריינפיר און באמערקונגען

ז. סקודיצקי

אונטער דער רעדאקציע פון

מ. ווינער

פארלאג „עמעס“, מאָסקווע 1936

Printed in Soviet Union

# אַרײַנפיר

## 1. אלגעמײנע באמערקונגענ וועגנ דעמ פאָלקלאָר־ליד

זײַט יענער צײַט, ווענ די אנטשטײונג פונ פריוואט־אײגנטומ האָט געבראכט צו דער אויסבילדונג פונ א קלאסנ־געזעלשאפט, זײַנענ שטענדיק אפסנײַ אופגעשטעלט געוואָרנ צוימענ, וואָס האָבנ פאר די אונטערדריקטע אונ עקספלואטירטע מאסנ געדארפט פארשטעלנ דעמ וועג צומ אָנגעזאמלטנ קולטורעלנ פארמעגנ פונ דער מענטשהײַט. אָבער ווי שווער די עקספלואטאציע אונ די אונטערדריקונג פונ די הערשנדיקע קלאסנ האָבנ ניט געזאָלט זײַנ, זײַנענ זײ אָבער פאָרט ניט בעקויעכ געווענ צו דערשטיקנ אונ צו פארשטאָפנ יענע גוואלדיקע קוואלנ פונ קולטורעלער אונ אויכ קינסטלערישער שעפערישקײַט, וואָס האָבנ געשפרודלט אינ די טיפענישנ פונ די האָרעפּאשנע מאסנ, אונ וואָס זײַנענ געוויינלעכ געקומענ צומ אויסדרוק אינ פאָלקלאָרישע פאָרמעס; פארשטײט זיכ: אינ גאָר א באדײַטנדיקער מאָס אויכ אינ דער ליטעראטור, אינ ליטערארישע פאָרמעס, אָבער די קינסטלערישע שעפערישקײַט פונ די סאמע ברײטסטע מאסנ האָט זיכ דעריקער אונ מערער פאר אלצ ארויסגעוויזנ אינ פאָלקלאָרישע פאָרמעס.

אינ יעדנ פעריאָד אינ דער געשיכטע פונ דער קלאסנ־געזעלשאפט ביז צו די לעצטע צײַטנ האָט אכוצ דער אָפיציעלער ליטערארישער קולטור אונ קונסט עקזיסטירט די ניט-אָפיציעלע, אזוי צו זאָגנ אונטערערדישע, אומגעהײער שעפערישע אונ באפרוכפערנדיקע פאָלקלאָרישע קונסט אונ קולטור, וואָס האָט אינ זיכ קאָנצענטרירט די הויכע טאלענטירטקײַט אונ שעפערישקײַט פונ די סאמע ברײטסטע האָרעפּאשנע אונ אונטערדריקטע פאָלקסמאסנ. פארשטײט זיכ, אז די ליטעראטור אונ דער פאָלקלאָר האָבנ ניט עקזיסטירט איזאָלירט אײנע פונ דעמ אנדערנ. דער פאָלקלאָר האָט מעכטיק באפרוכפערט אונ אינ אנטשײדנדיקע מאָמענטנ געשטופט אפ פאָרויס די ליטעראטור אונ קונסט, פונקט אזוי ווי ער איז פונ זײַנ זײַט שטענדיק באווירקט געוואָרנ פונ דער ליטעראטור.

אלס קינסטלערישע שאפונג, א טיפישע פאר די האַרעפּאַשנע אונטערדריקטע מאסן. האָט דער פאָלקלאָר (מיר האָבן דאָ אין זינען דעם פאָלקלאָר, ווי ווײַט ער האָט זיך אויסגעדריקט אין וואָרט, אָבער דאָס איז, נאטירלעך, שײַעך אויך צום מוזיקאַלן פאָלקלאָר, מאָלערישן פאָלקלאָר אאוו.) אָפּגעשפּיגלט אין זיך דאָס לעבן און די שטרעבונגען, די שטימונגען, אידייען און געפילן, דעם סאָציאַלן פּראָטעסט און די בונטאַרישקייט פון די דאָזיקע מאסן.

אין די רעוואָליוציאָנערע עלעמענטן פונעם פאָלקלאָר, רעוואָליוציאָנערע אין ברייטסטן זינען פון דעם וואָרט, אָפּ וויפל זיי האָבן קינסטלעריש אָפּגעשפּיגלט דאָס געזעלשאפטלעכע שטרעבן אָפּ פאַרויס פון די אונטערדריקטע ארבעטנדיקע מאסן אין יעדן פעריאָד — דעריין באַשטייט דער הויפּטווערט פונעם פאָלקלאָר אלס קולטור-ירושה.

די גרונטלייגער פונעם מארקסיזם—מארקס, ענגעלס, לענין און סטאלין האָבן ניט איין מאָל אונטערגעשטראָכן דעם באַטײַט פון גרויסע קינסטלערישע ווערק פאר דער דערקענטעניש פון דער הײַנט־צײַטיקער ווירקלעכקײַט און פון דער פארגאנגענהײַט.

די ספּעציפיק פון די פאָלקלאָר־שאפונגען. אלס קינסטלערישע ווערק איז אין גרונט גענומען די זעלבע, ווי די ספּעציפיק פון ליטעראַרישע ווערק; סײַ די ליטעראַטור, סײַ דער פאָלקלאָר, ווי ווײַט ער האָט זיך אויסגעדריקט אין וואָרט, שטעלן מיט זיך פאר א וואָרטלעך־בילדערישע פאָרם פון געזעלשאפטלעכן באַוווּסט־זײַן, געזעלשאפטלעכן שטרעבן און פון דערקענען די ווירקלעכ־קײַט. פּרינציפּיעל גענומען האָבן דעריבער די פאָלקלאָר-ווערק דעם זעלבן באַטײַט פאר דער דערקענטעניש ווי די ליטעראַרישע ווערק ביכלאל. דאָ קומט אָבער צו איינער א וועזנטלעכער מאָמענט, וואָס מאכט פאר דער סאָוועטישער וויסנשאפט נאָך וויכטיקער, נאָענטער און טײַערער דעם באַטײַט פון די פאָלקלאָר־ווערק.

דער פאָלקלאָר האָט אָפּגעשפּיגלט דעם געזעלשאפטלעכן באַוווּסט-זײַן, דעם לעבנשטייגער, שטימונגען, געפילן־צושטאנד פון מאסן, וואָס די אמאָליקע געשיכטע־פאָרשונג האָט פאר זיי באוויזן ווײַט ניט יע-נעם צענטראַלן אינטערעס, וואָס זיי פאַרדינען לויט זייער צענטראַ־לער ראָליע אין דער געשיכטלעכער אנטוויקלונג, זייער לעבן ווייניק און ניט אזוי ווי ס'קער צו זײַן געפאָרשט, — פון די מאסן, וואָס אויך די ליטעראַטור האָט זיי אין איר צײַט זעלטענער, ווי זיי פאַרדינען דאָס, גענומען אלס באַשרײַבונג-אָביעקט, און גאנץ אָפט אויך פאלש זיי געשילדערט.

ווענ וולאדימיר איליטש לענינ, וועלכער האָט געהאט דעמ טיפסטנ אינטערעס אונ פארשטענדעניש פארנ לעבנ אונ פאר דער שעפערישקײַט פונ די האָרעפאשנע מאסנ אינ אלע זײערע ארויסווײַזונגענ, האָט אינ זײַנע שמועסנ מיט באָנטש-ברויעוויטשנ געגעבנ א הויכע אָפּשאצונג דעמ פאָלקלאָר, האָט ער דערבײַ אינ זינענ געהאט דעמ גרויסנ באטײַט פונעמ פאָלקלאָר אפ צו דערקענענ דאָס לעבנ אונ די שטרעבונגענ פונעמ ארבעטנדיקנ פאָלק.

ווענ א פאָר דורכגעקוקטע רוסישע פאָלקלאָר־זאמלונגענ האָט וולאדימיר איליטש געזאָגט באָנטש־ברויעוויטשנ: „ס'ארא אינטערעסאנטער מאטעריאל... מע וואָלט דאָכ אפנ גרונט פונעמ דאָזיקנ מאטעריאל געקאָנט אָנשרײַבנ אנ אויסגעצייכנטע אויספאָרשונג וועגנ די האָפענונגענ אונ דערווארטונגענ פונעמ פאָלק". [1] וועגנ בארסאָווס זאמלונג... „Завоенные плачи" האָט לענינ, ווי עס טײלט מיט באָנטש־ברויעוויטש, געגעבנ פאָלגנדיקנ אָפּרופ: „ס'ארא מערקווירדיקע זאכ דאָס איז, ס'ארא רײַכע מאטעריאלנ וועגנ די מיליטערישע מאטערנישנ, וואָס די קייסאָרימ האָבנ דערלאָזט, באזונדערס ניקאָלײַ דער ערשטער, אפ וואָסער מינ אויסגעצייכנטנ אויפנ די דאָזיקע מאטערנישנ האָבנ זיכ אָפּגעשפיגלט אינ די פאָלקס־לעגענדעס אונ לידער. אונ מיר האָבנ וועגנ דעמ ניט געוווּסט. דאָס איז זיכ אזוי פארשריבנ געוואָרנ, אינ א קלײנער צאָל עקזעמפּליארנ ארויסגעגעבנ געוואָרנ, עס איז אָבער ניט דערגאנגענ צו די ברײטע מאסנ. מע דארפ אומגעזאמט שרײַבנ וועגנ דעמ ארטיקלענ, ביכער..." [2]

די וויכטיקײַט פונ דער פאָלקלאָר־ירושע ווערט פאר אונדז אונטערגעשטראָכנ, דורכ יענער אופמערקזאמקײַט, וואָס עס ווײַזט ארויס צומ פאָלקלאָר אונדזער פירער, דער כאווער סטאלינ. ווי באקאנט, איז לויט דער איניציאטיוו פונעמ כאווער סטאלינ אונטערגענומענ געוואָרנ דאָס פארשרײַבנ אוקראינישע פאָלקלאָר־לידער אפ גראמאָפאָנ־פלאסטינקעס. ווענ כאווער סטאלינ האָט געשטעלט פאר דעמ באוווּסטנ קינאָ־רעזשיסער דאָווזשענקאָ די אופגאבע צו שאפנ א פילמ וועגנ שטשאָרסנ, דעמ „אוקראינישנ טשאפּײַעוו", האָט ער אימ דערופ אופמערקזאמ געמאכט, אז ער זאָל אינעמ דאָזיקנ פילמ אויסנוצנ דאָס אוקראינישע פאָלקלאָר־ליד, דעמ אוקראינישנ פאָלקלאָר ביכלאל. [3]

---

1 Бонч-Бруевич, „Ленин о поэзии", „На лит. посту" № 4, 1931,стр. 4.

2 ציטירט לויט א באריכט וועגנ דער ערשטער בעראטונג פונ שרײַבער אונ פאָלקלאָריסטנ אינעמ זשורנאל „Советская Этнография" 1—2, 1934

3 זע וועגנ דעמ ארטיקל פונ כווילא „Украинская народная песня", „Правда" 30. III. 1935 г.

מ. גאָרקי, דער גרעסטער שרײַבער פונ אונדזער צײַט אונ אָנ שום סאָפעק אויכ אײנער פונ די גרעסטע קענער אונ שעצער פונ דער פאָלקלאָר-שאפונג אינ אונדזער צײַט, האָט אינ זײַנ פאָרטראָג וועגנ דער סאָוועטישער ליטעראטור אפנ ערשטנ שרײַבער-צוזאמענפאָר באזונדערס באטאָנט אונ ארויסגעהויבנ דעמ ד ע ר ק ע נ-ט ע נ י ש-ווערט פונעמ פאָלקלאָר. „מע קאָנ ניט וויסנ,— האָט גאָרקי געזאָגט,— די עמעסע געשיכטע פונעמ האָרעפאשנעמ פאָלק, ניט וויסנדיק די מינדלעכע פאָלקשאפונג, וואָס האָט אומופהערלעכ אונ באשטימט געווירקט אפ דער באשאפונג פונ אזוינע גאָר גרויסע ווערק פונ דער דער בוכ-ליטעראטור, ווי צומבײַשפיל, „פאוסט", „די פאסירונגענ פונעמ באראָנ מינכהאוזענ", „פאנטאגריועל אונ גארגאנטיוא", „טיל אולענשפיגעל" דע קאָסטערס, „דער באפרײַטער פראָמעטײ" שעליס אונ א סאכ אנדערע. פונעמ טיפנ אלטערטומ איז דער פאָלקלאָר טריט בא טריט אונ אײגנארטיק מיטגעגאנגענ מיט דער געשיכטע. ער האָט זײַנ מײנונג וועגנ דער טעטיקײַט פונ לידוויג דעמ עלפטנ, איוואנ דעמ גרויזאמענ אונ די דאָזיקע מײנונג אונטערשײדט זיכ פונ די אָפשאצונגענ פונ דער געשיכטע, וואָס ספעציאליסטנ האָבנ אָנגעשריבנ, ספעציאליסטנ, וועלכע האָבנ זיכ ניט זײער שטארק אינטערעסירט מיט דער פראגע וועגנ דעמ, וואָס האָט ארײַנגעטראָגנ אינעמ לעבנ פונעמ האָרעפאשנעמ פאָלק דער קאמפ פונ די מאָנארכנ קעגנ די פעאָדאלנ".

דעמ גרויסנ דערקענטעניש-ווערט פונעמ פאָלקלאָר האָט ניט אײנ מאָל אונטערגעשטראָכנ בא פארשײדענע געלעגנהײַטנ אויכ פאָל לאפארג. ספעציעל וועגנ פאָלקלאָר-לידער האָט לאפארג געשריבנ, אז זײ „האָבנ א הויכנ היסטאָרישנ באטײַט. בא דער אָפוועזנהײַט פונ אנדערע קוואלנ קאָנ מענ לויט זײ אופשטעלנ די מינהאָגימ אונ געדאנקענ פונ יענעמ נאָמענלאָזנ האמוינ, וועגנ וועלכ: עס זאָרגנ ווײניק די כראָניקיאָרנ אונ די היסטאָריקער".[1]

עס איז נאטירלעכ, אז פאר אונדז, סאָוועטישע פאָלקלאָריסטנ, זײַנענ באזונדערס וויכטיק אונ אינטערעסאנט יענע טײלנ פונ דער פאָלקלאָר-יערושע, אינ וועלכע עס איז דײַטלעכער געקומענ צומ ארויסדרוק דער קאמפ קעגנ סאָציאלער אונטערדריקונג, פאר באפרײַונג, אינ וועלכע עס איז געקומענ צומ ארויסדרוק דער סאָציאלער פראָטעסט, די בונטארישקײַט אונ די רעוואָליוציאָנערישקײַט פונ די מאסנ. דאָס איז יענער פאָלקלאָר, יענע לידער אונ מײַסעס, ווערטלעכ אאוו., וואָס האָבנ אומפארמײַדלעכ באגלייט יעדע גרויסע באפרײַונג-

1 Поль Лафарг „Очерки по истории культуры", Москва, 1926, стр. 51.

באוועגונג אין דער פארגאנגענהײט. דאָס איז דער פאָלקלאָר ארום די פויערים-מילכאָמעס אין דײַטשלאנד אין דער צײַט פון רעפאָרמאציע, דער פאָלקלאָר פון דער ענגלישער רעוואָליוציע, די באַרימטע לידער פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע, די לידער, מײַסעס און לעגענדעס וועגן די פויערישע אופשטאנדן אין רוסלאנד, אוקראַינע, די לידער, וואָס האָבן באגלייט די טשארטיסטישע באוועגונג, דער רעוואָליוציאָנערער פאָלקלאָר פון ארום 1905־טן יאָר בא די פעלקער פונעם געוועזענעם צארישן רוסלאנד אאוו. אאוו. אינעם דאָזיקן פאָלקלאָר איז בוילעט און שארף געקומען צום אויסדרוק דער ברויזנדער רעוואָליוציאָנערער טעמפעראמענט פון די ברייטע פאָלקסמאסן.

דער באזונדערס גרויסער באטײַט פון דעם מין פאָלקלאָר ווערט פאר אונדז נאָך מער קלאָר, ווען מיר דערמאָנען זיך, ווי הויך עס האָבן אים געשאצט און ווי ווײַט עס האָבן אים אויסגענוצט אין זייער אייגענער ארבעט די גרונט-לייגער פונעם מארקסיזם.

ווען מארקס וויל אין זײַנעם אן ארטיקל, פאָלעמיזירנדיק מיט רוגע, אופווײַזן דעם באוווסטזיניקן (אין קעגנזאץ צום סטיכישן) כאראקטער פונעם אופשטאנד פון די שלעזישע וועבער (1844), פארופט ער זיך דערבײַ פריִער פאר אלץ אפן פאָפולערן פאָלקלאָרישן קאמפליד פון די שלעזישע אופשטענדלער.

מארקס שרײַבט וועגן רוגעס מיינונג בענעגייע די שלעזישע אופשטענדלער: „די דײַטשע אָרעמעלײַט — כאָכמעט ער זיך — (דה. רוגע — ז. ס.) זײַנען ניט קליגער פון די אָרעמע דײַטשן", דה. זיי זײַנען קיינמאָל ניט ווײַט פון זייער אייגענער היים, פון זייער פאבריק, פון זייער ראיאָן; אפ דער דאָזיקער גאנצער פראגע זעט מען נאָך ניט דעם שטעמפּל פון דער אלץ־דורכדרינגענדיקער פאָליטישער נעשאָמע ..." און ווען מארקס נעמט זיך צעקלאפן דעם דאָזיקן שטאנדפונקט רוגעס, וועלכער האָט פארזען דעם קוואליטאטיוון אונטערשייד פון אן ארבעטער־אופשטאנד, ווי דאָס איז געווען דער אופשטאנד פון די שלעזישע וועבער, ביז א געוויינלעכן סטיכישן הונגער־בונט, שרײַבט ער: „פריִער פאר אלץ דערמאָנט זיך „דאָס ליד פון די וועבער", דעם דאָזיקן דרייסטן שלאכט־רוף, ווו עס ווערט קיין איין מאָל ניט דערמאָנט וועגן היים, פאבריק, ראיאָן, ווו דער פראָלעטאריאט האָט אָבער שארף, קלאָר, אומבאראכמאָנעסדיק, מעכטיק דערקלערט פאר אלעמען וועגן זײַן קעגנזעצלעכקײַט צו דער געזעלשאפט פון פריוואט־אייגנטום". [1]

[1] Маркс-Энгельс, Сочинения, т. III, стр. 15, Москва, 1930.

וועגן דער אנטשטייונג פונעם ליד פון די שלעזישע וועבער און וועגן דער דירעקט-רעוואָלוציאָנערער ווירקונג, וואָס דאָס האָט געהאַט, געפינען מיר עטלעכע אינטערעסאַנטע שורעס בא פראַנצ מערינגן אין זיין „געשיכטע פון דער דײַטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע". מערינג שרײַבט דאָרט וועגן די שלעזישע וועבער: „פונעם האַרצן פון די דאָזיקע אויסגעמאַטערטע מענטשן האָט זיך אַרויסגעריסן א ליד, וואָס אירע איינפאַכע און ניט פּרעטענציעזע פערזן ווײַזן אַפּ א פאַרכאַפּנדיקן אופן, וויאַזוי עס האָט צווישן זיי אין די אומענדלעכע ליידן אופגעוואַכט דער ווילדער געפיל פון בונט. די מאַסע אליין האָט געשאַפן דאָס ליד, זי האָט צוגעשטעלט וואָרט צו וואָרט, זאַץ צו זאַץ, ביזוואַנען דער טעקסט איז דערנאָך ניט איבערגעריסן געוואָרן מיטאַמאָל, פונקט אַזוי ווי דער אופשטאַנד פון די וועבער איז מיטאַמאָל דערשטיקט געוואָרן דורכ די ביקסן-זאַלפּן פון די סאָלדאַטן... די וועבער פון פּעטערסוואַלדאַו, א דאָרפ מיט פינפ טויזנט אײַנוווינער, האָבן עטלעכע מאָל דורכגעזונגען דאָס דאָזיקע ליד פאַרן הויז פון די צוואַנציגערס (צוויי ברידער, פאַבריקאַנטן, וואָס האָבן באַזונדערס אומבעראַכמאָנעסדיק עקספּלואַטירט די וועבער — ז.ס.). איינעם פון זיי האָט מען געכאַפּט, אַרײַנגענומען אין הויז אַרײַן, געשלאָגן און אָפּגעגעבן אין די הענט פון דער אָרטיקער פּאָליציי. דעם 4-טן יונ איז דער שטראָם אַרויס פון די ברעגן. די מאַסע וועבער... האָט זיך אויסגעשטעלט אין רייען און זיך א לאָז געטאָן אַפּן פּראַכטפולן הויז פון זײַנע אונטערדריקער".[1]

דאָס רעוואָליוציאָנערע פּאָלקלאָר-ליד איז אַזויאַרום אין דעם פאַל געוועזן אַפּן סאַמע אומיטלבאַרסטן און דירעקטן אופן געבונדן מיטן קאַמפּ קעגן עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג. עס איז אין דעם ווידער, ווי מיר זעען עס פון מאַרקס שאַצונג, אַמפולסטן געקומען צום אויסדרוק דער אידייִשער אינהאַלט פונעם אופשטאַנד.

אויכ ענגעלס, וועלכער האָט פון דער פריסטער יוגנט און ביזן שפּעטן עלטער אַרויסגעוויזן צום פאָלקלאָר א גרויסן אינטערעס און געהאַט אויכ אינעם דאָזיקן געביט ריזיקע קענטענישן, — אויכ ענגעלס האָט ניט איין מאָל אויסגענוצט טעקסטן פון עלטערע רעוואָליוציאָנערע פאָלקלאָר-לידער צוליב צוועקן פון רעוואָליוציאָנערן קאַמפּ און אַגיטאַציע. דעם 5-טן פעווראַל 1865-טן יאָר פאַרעפנטלעכט ענגעלס אין דער צײַטונג „סאָציאַל-דעמאָקראַט" זײַנע אַן איבערזעצונג

[1] Ф. Меринг, История немецкой социал-демократии, т. I, стр. 222, 1923.

פונ אנ אלט-דענישנ רעוואָלוציאָנערנ פויערישנ פאָלקלאָר-ליד [1]. אינ זײַנ בריוו צו מארקסנ פונ 27־טנ יאנואר 1865־טנ יאָר שרײַבט ער וועגנ דעמ: „כ'שיק די דאָזיקע לײַט (געמיינט די רעדאקציע „סאָציאַל-דעמאָקראט"—ז. ס.) א קליינ דעניש פאָלקסליד וועגנ טידמאנענ, וועלכנ עס הארגעט אנ אלטער אפנ טינג דערפאר, ווײַל ער לייגט ארופ אפ די פויערימ נײַע שטײַערנ. עס איז רעוואָליוציאָנער אונ דאָכ קאָנ מענ, קעגנ דעמ ניט אופהייבנ קיינ געריכט־איניענ, דעריקער איז עס געווענדט קעגנ דעמ פעאָדאלנ אדל, קעגנ וועלכנ די צײַטונג מוז אומבאדינגט ארויסטרעטנ" [2].

אינ זײַנע באמערקונגענ צומ ליד שרײַבט ענגעלס: „דאָס ליד דערציילט וועגנ דעמ, ווי די פויערימ האָבנ פארשטאנענ צו מאכנ אנ עק צו די באדריקונגענ פונ די אדל-לײַט. אינ אזא לאנד ווי דײַטשלאנד, ווו אינעמ באזיצנדנ קלאס איז פאראנ פונקט אזויפיל פעאָדאל־אדל, ווי בורזשואזיע, אונ אינעמ פראָלעטאריאט אזויפיל לאנדווירטשאפט־פראָלעטאריער, ווי אינדוסטריעלע ארבעטער, אונ אפילע נאָכ מערער, וועט דאָס דאָזיקע קרעפטיקע פויערימ-ליד זײַנ פונקט צומ אָרט".

אינ 1882 יאָר האָט ענגעלס פארעפענטלעכט אינ דער צײַטונג „סאָציאַל-דעמאָקראט" זײַנע אנ איבערזעצונג פונ אנ אלטנ ענגלישנ פאָלי־טישנ פאָלקלאָר-ליד אונטערנ טיטל „דער גאלעכ פונ ברע" [3] דאָס איז א סאטיריש ליד, אינ וועלכנ עס ווערט בײַז אויסגעלאכט א גאלעכ, וואָס בײַט זייער פלינק זײַנע פאָליטישע איבערצײַגונגענ, אָפהענגיק פונעמ כאראקטער פונ דער פאָליטישער מאכט אינעמ לאנד. אָט איז ער א קאטאָליק, אָט א פראָטעסטאנט, אָט א מאָנארכיסט אונ אָט גאָר א רעפובליקאנער. איינ גרונט-פרינציפ פארמאָגט דער דאָזיקער פארשוינ:

Denn dieses gilt und hat Bestand,
Bis an mein End, soll's wahr sein,
Dass wer auch König sei im Land',
In Brah will ich Vikar sein.

אינ זײַנע באמערקונגענ צומ ליד שרײַבט ענגעלס: „דאָס אויבנ געבראכטע ליד איז עפשער דאָס איינציקע פאָליטישע פאָלקסליד, וואָס

---

1 די רוסישע איבערזעצונג פונעמ ליד אינאיינעמ מיט ענגעלסעס באמערקונגענ דערצו זע אינעמ זשורנאל „Борьба классов" נומ. 4 פארנ 1933־טנ יאָר.

2 Маркс и Энгельс, Сборник избр. писем под ред. Адоратского, стр. 147.

3 Маркс-Энгельс, Сочинения, т. XV, стр. 618, Москва, 1935.

האָט אינ ענגלאנד פארהיט זײַנ פּאָפּולערקײַט אינ פארלויפ פונ הונדערט זעכציק יאָר, אינ א היפשער מאָס אויכ אדאנק זײַנ אויסגעצייכנטער מעלאָדיע, וואָס מע זינגט נאָכ אויכ איצטער אומעטומ. אגעוו, אויכ אינ באצוג צו אונדזערע איצטיקע דײַטשע באדינגונגענ איז דאָס דאָזיקע ליד ווײַט ניט פארעלטערט".

פונ ענגעלסנ האָבנ מיר אויכ די זייער וויכטיקע מעטאָדאָלאָגישע אָנווײַזונג וועגנ דעמ פונעמ ווערט פאָלקלאָר פונ פארגאנגענע רעוואָליוציעס פארנ הײַנטיקנ רעוואָליוציאָנערנ קאמפּ. ענגעלס שרײַבט וועגנ דער דאָזיקער פראגע אזוי: „ביכלאל גענומענ, האָט די פּאָעזיע פונ די פארגאנגענע רעוואָליוציעס (שטענדיק — מיטנ אויסנאמ פונ דער מארסעליעזע) זעלטנ־ווענ א רעוואָליוציאָנערע ווירקונג אינ די שפּעטערדיקע צײַטנ, ווײַל קעדיי צו ווירקנ אפ די מאסנ, האָט זי באדארפט אָפּשפּיגלענ אויכ די פּאָרורטײלנ פונ די מאסנ.[1] ענגעלס, ווי מיר זעענ, באשטרײַט ניט דעמ רעוואָליוציאָנערנ באטײַט פונ דער פּאָעזיע אונ פונעמ לידער־פּאָלקלאָר פונ די פארגאנגענע רעוואָליוציעס פאר זייער צײַט אונ אזוי־ארומ אויכ ניט זייער דערקענטעניש־ווערט פאר אונדז, ער ווײַזט בלויז אָנ, אז אינ די שפּעטערדיקע צײַטנ קאָנענ זיי ניט האָבנ (כוץ אייניקע אויסנאמענ) קיינ אבסאָליוטנ אגיטיר־ווערט. פארשטייט זיכ, אז דאָס איז ניט שײַעכ צומ לידער־פּאָלקלאָר פונ דעמ רעוואָליוציאָנערנ קלאסנ־באוווסטזיניקנ פּראָלעטאריאט. ענגעלסעס שאצונג אונ זײַנ אייגענע פּראקטיק דארפ אונדז דינענ אלס אָנווײַזונג, וועגנ דעמ ווי ווײַט אונ אפ וואָס פאר אנ אויפנ דער בונטאריש־רעוואָליוציאָנערער פּאָלקלאָר פונ די פארגאנגענע צײַטנ קאָנ אויסגענוצט ווערנ אינ אונדזער הײַנטצײַטיקנ פּראָלעטארישנ קאמפּ.

---

ווענ מיר שטרײַכנ אונטער דעמ באזונדערנ באטײַט, וואָס עס האָט פאר אונדז יענער פּאָלקלאָר, אינ וועלכנ ס'איז דירעקט, דײַטלעכ אונ קלאָר אויסגעדריקט די רעוואָליוציאָנערישקײַט פונ די מאסנ, מיינט עס בעשומויפנ ניט, אז דער גאָרער איבעריקער פּאָלקלאָר איז פאר אונדז ווייניק וויכטיק. דאָס וואָלט געווענ פאלש אונ אומגעלומפּערט.

אויב, לעמאָשל, די פּאָלקלאָרישע ליבע־לידער, אָדער, די פארשיידענע הומאָריסטישע אָדער לירישע שטייגער־לידער זײַנענ ניט אפ א דירעקטנ אויפנ רעוואָליוציאָנער לויט זייער טעמאטיק, האָבנ זיי אָבער פּאָרט דירעקט אָדער אומדירעקט, אמאָל טאקע גאָר שטארק

[1] Маркс и Энгельс об искусстве, Москва, 1933, стр. 194.

פאַרמיטלט, אויסגעדריקט דעם וועלט-באַנעם פונעם אונטערדריקטן האַמויִן, זײַנע נעשאָמע־צושטאַנדן און שטרעבונגען אַף פּאַרויִס.

דער טיפּסטער מעהוס פונעם האַרעפּאַשנעם האַמויִן, זײַן ריזיקע שעפערישקײַט האָט זיך העל און פאַרביק אָפּגעשפּיגלט אינעם פאָלקלאָר ביכלאַל, אין די פאַרשיידנסטע דערשײַנונגען זײַנע, און אויב מיר טיילן אויס די דירעקט רעוואָליוציאָנערע טעמאַטיק אינעם פאָלקלאָר אַלס מער וויכטיקע פאַר אונדז, באַטײַט עס בעשום־אויפן ניט, אַז די אַלע איבעריקע געביטן זײַנען פאַר אונדז ווייניק אינטערעסאַנט אָדער גאָר מינדערווערטיק.

צווישן די יִדישע פאָלקלאָרישע שטייגער־לידער, ליבע־לידער, אאַוו. געפינען זיך גאַנצע ציקלען אַזוינע, וואָס זייער טעמאַטיק האָט גאָר קיין אָפּשפּיגלונג אין דער ליטעראַטור ניט געקריגן. וועלן מיר דען, לעמאָשל, געפינען אין דער עלטערער יִדישער ליטעראַטור אַזוינע ווערק, וואָס פיקסירן קינסטלעריש די טעמע „ליבע באַ די האַרעפּאַשנע מאַסן“, אַזוי סאָציאַל פאַרשאַרפט, ליידנשאַפטלעך, פולבלוטיק, און טאַקע פון אַזאַ עמעסדיקײַט און טיפער מענטשלעכקײַט, ווי דאָס קומט פאָר אין די פאָלקלאָרישע ליבע־לידער?

און ווידער זײַנען פאַראַן געוויסע ציקלען פאָלקלאָר־לידער, וואָס זייער טעמאַטיק האָט געקריגן אַן אָפּשפּיגלונג אויך אין דער ליטעראַטור און אַמאָל אפילע פון דעם זעלבן קלאַסן־שטאַנדפּונקט, ווי אינעם פאָלקלאָר. די יִדישע פאָלקלאָר-לידער וועגן אָרעמקײַט און נויט, לעמאָשל, האָבן זייער אָפּט גענוג ענלעכקײַט, סײַ וואָס שײַעך פאָרם סײַ וואָס שײַעך אינהאַלט, מיט געוויסע לידער פון ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט, רייזען, מ. ראָזענפעלד אאַ.

דאָרט, ווו דאָס פאָלקלאָר-ליד שפּיגלט אָפּ דערשײַנונגען, שטרעבונגען און שטימונגען, וואָס זײַנען אין דער ליטעראַטור צו דער אַנטשפּרעכיקער צײַט קינסטלעריש פיקסירט געוואָרן, קאָן דאָס אונדז גאַנץ אָפּט דינען אויך אַלס וועזנטלעכער קאָרעקטיוו צו דער אַנטשפּרעכנדיקער ליטעראַריש-קינסטלערישער פיקסירונג. אַזוי איז עס דעמלט, ווען איינע און די זעלבע טעמע איז אינעם פאָלקלאָר און אין דער ליטעראַטור באַהאַנדלט געוואָרן פון פאַרשיידענע קלאַסאַווע שטאַנדפּונקטן און דאָס פאָלקלאָר־ליד האָט אָביעקטיווער, עמעסדיקער באַהאַנדלט די דאָזיקע טעמע. (פאַרגלײַך, לעמאָשל, די טעמע רעקרוטשינע אינעם פאָלקלאָר און אין דער האַסקאָלע-ליטעראַטור. אינעם פאָלקלאָר איז די טעמע רעקרוטשינע באַהאַנדלט געוואָרן פון שטאַנדפּונקט פון דער אונטערדריקטער און עקספּלואַטירטער אָרעמשאַפט, אין דער האַסקאָלע־ליטעראַטור — דעריקער פון שטאַנדפּונקט פונעם אופקומענדיקן בירגערטום).

עס זײַנענ ווידער מעגלעכ אויכ אַזוינע פאַלנ, ווענ דאָס פאָלקלאָר-ליד קאָנ אונדז דינענ אַלס באַשטעטיקונג פאַר דער ליטעראַריש-קינסטלערישער שילדערונג. אַזוי איז עס דעמלט, ווענ אַ געוויסע טעמע איז סײַ אינעמ פאָלקלאָר, סײַ אינ דער ליטעראַטור באַהאַנדלט געוואָרנ פונ אײנעמ אונ דעמ זעלבנ קלאַסנ-שטאַנדפונקט (לעמאָשל, די טעמע וועגנ אַרבעטער-קאַמפ אינעמ רעוואָליוציאָנערנ פאָלקלאָר אונ אינ דער דיכטונג פונ די עלטערע רעוואָליוציאָנערע שרײַבער). וואָרעמ די פּאָפּולערקײַט פונ אַ געוויסנ פאָלקלאָר-ליד באַטײַט זײַנ אַפּראָבאַציע דורכ יענעמ קלאַסנשיכט, ווו דאָס ליד איז פאַרשפּרייט. „דאָס פאָלקסליד ווערט אויפגענומענ אונ איבערגעגעבנ פונ מויל צו מויל אינ פאַרלויפ פונ דוירעס נאָר דערפאַר, ווײַל עס שפּיגלט אָפּ די געפילנ, לײדנשאַפטנ, פאָרורטײלנ, אָבערגלויבענישנ אונ אידײענ פונ די, וואָס היטנ עס אָפּ פונ פאַרגעסונג" [1] (לאַפאַרג).

---

פאָלקלאָר אַלס שאַפונג פונ די אונטערדריקטע אונ עקספּלואַטירטע מאַסנ, האָט אַנ אומגעהייער וויכטיקע באַדײַטונג אונ אַ גרויסנ ווערט, דאָס באַטײַט אָבער ניט, אַז מיר דאַרפנ זיכ צו דער פאָלקלאָרישער יערושע אומקריטיש באַציִענ, אַז מיר דאַרפנ אומקריטיש אַרײַננעמענ די *גאַנצע* פאָלקלאָר-יערושע אינ דער שאַצ-קאַמער פונ אונדזער פּראָלעטאַרישער קולטור, אַז מיר מעגנ זיכ לאָזנ פאַרפירנ צו אַנ *אידעאַליזירנדיקנ* צוגאַנג צומ פאָלקלאָר, צו אַ טעזיס — אַז אַלצ וואָס איז פאָלקלאָר איז אונדז סאָציאַל נאָענט, איז אונדזערס.

די פאָרמולע: „פאָלקלאָר-שאַפונג איז דעריקער די שאַפונג פונ אַרבעטנדיקע, עקספּלואַטירטע אונ אונטערדריקטע אָרעמע מאַסנ", איז די אַלגעמײנע ברײטע פאָרמולירונג פאַר דער סאָציאַלער באַזע פונעמ פאָלקלאָר, וואָס דאַרפ (די פאָרמולע) פאַר יעדער עפּאָכע באַזונדערס אונ גענוי קאָנקרעטיזירט ווערנ. די דאָזיקע פאָרמולע באַטײַט בעשומויפנ ניט, אַז דער פאָלקלאָר איז דורכויס אײנהײַטלעכ לויט זײַנ סאָציאַלנ מעהוס אונ אויסדרוק.

אינ דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע, לעמאָשל, איז דאָס שאַפנ אונ געברויכנ פאָלקלאָר דאָמינירנדיק אונ דעריקער כאַראַקטעריסטיש פאַר די שטאָטישע אונ דאָרפישע אַרבעטנדיקע מאַסנ. צו די פאָלקלאָר-שאַפער אונ געברויכער אינעמ דאָזיקנ פעריאָד געהערנ אָבער אויכ געוויסע באַלעגופישע שיכטנ אינ דאָרפ אונ עקספּלואַטאַטערישע בירגערלעכע עלעמענטנ אינ דער שטאָט. עמעס די דאָזיקע סאָציאַלע

---

[1] Лафарг, „Очерки по истории культуры“, стр. 53.

שיכטנ זייַנענ קיינמאָל ניט געווענ די הויפּט-טרעגער פונעם פאָלקלאָר, ניט זיי שאפנ זייַנ גרונט-קערנ, פאָרט אָבער מוז אויכ זייער אָנטייל אינעם פאָלקלאָר-שאפנ גענוי דיסקאָנטירט ווערנ.

דער פאָלקלאָר האָט אזויארום אָפּגעשפּיגלט א גאנצ ברייטע גאמע סאָציאלע אינטערעסנ פונ די פארשיידנסטע קלאסנ אונ אויכ פונ פארשיידענע קלאסעווע שיכטנ בא די האָרעפּאשנע אונ אָרעמע מאסנ גופּע. בעשומויפנ וועלנ מיר דאָ קיינ דורכויס איינהייַטלעכנ באוווסטזייַנ ניט געפינענ. פּונקט אזויווי אינ דער ליטעראטור, אזוי אויכ דאָ אינעם פאָלקלאָר האָט יעדער סאָציאלער שיכט אָפּ זייַנ אויפנ זיכ אויסגעדריקט, איבערלאָזנדיק אָפּ זייַנע שאפונגענ (מייַסעס, לידער אאוו.) דעמ שטעמפּל פונ זייַנע קלאסעווע אָנשויונגענ אונ שטרעבונגענ.

אינ דער בעעמעס אויסגעצייכנטער זאמלונג פונ רוסישע פאָלקלאָר-לידער „Великорусс“, וואָס מ. גאָרקי האָט אינ זייַנ שלוס-רעדע אָפּ ערשטנ אלפארבאנדישנ שרייַבער-צוזאמענפאָר מיט רעכט רעקאָמענדירט די סאָוועטישע דיכטער — אינ דער דאָזיקער זאמלונג פונ (דעריקער) פויערישנ לידער-פאָלקלאָר, וועלנ מיר צווישנ די הונדערטער לידער, ווו ס'קומט צומ אויסדרוק די אידעאָלאָגיע פונ האָרעפּאשנע שיכטנ פויערטום, געפינענ אויכ געננוג אזוינע, וואָס זייַנענ לויט דער אידעאָלאָגישער געוועגדטקייַט זייערער טיפּיש-באלעבופּיש. וועגנ איינער א גרופּע באלעבופּישע פאָלקלאָרישע כאסענע-לידער, וואָס זייַנענ געזאמלט געוואָרנ אינ די דערפער פונ וואָלאָגדער אונ ארכאנגעלסקער גובערניע שרייַבט פּ. שיינ, דער צונויפשטעלער פונ דער זאמלונג, אז „עס איבעראשט אינ זיי די ארויסווייַזונג פונ אזא אופריכטיקער רעליגיעזער אונ פּאטריאָטישער שטימונג, וואָס מיר טרעפנ זי ניט דערווייַל אינעם איבעריקנ רוסלאנד, נעמלעכ: דאָס פאלנ אָפּ די קני פאר די איקאָנעס אונ דאָס טפּילע טאָנ פארנ גאָלאָכנטומ, פארנ צאר, צארינע, צארישער מישפּאָכע אונ פאר דער ארמיי“[1].

אָבער אפילע יענער טייל אינ דער פאָלקלאָרישער יערושע, וואָס שפּיגלט דייַטלעכ אָפּ די פּסיכאָלאָגיע פונ די האָרעפּאשנע אונ אָרעמע מאסנ, קאָנ אויכ ווייַט ניט שטענדיק, ניט אינ אלע אויסדרוקנ זייַנע דורכ אונדז אָנגענומענ ווערנ אלס „אייגנס“, אלס מיטשטימענדיקער מיט אונדזערע באשטרעבונגענ, וואָרעמ אינ דער פאָלקלאָר-שאפונג פונ די ברייטע האָרעפּאשנע שיכטנ איז געקומענ צומ אויסדרוק ניט נאָר די בונטארישקייַט פונ די מאסנ, ניט נאָר זייער שארפער פּראָטעסט קעגנ אונטערדריקונג אונ עקספּלואטאציע, נאָר אויכ די פארפינצטערטקייַט זייערע, זייער אומוויסנ אונ אָבערגלויבערישקייַט, ווירקונגענ פונ דער

---

1 „Великорусс“, стр. 826.

אידעאָלאָגיע פון די הערשנדיקע קלאסן, — א דירעקטער רעזולטאט פון „אזא געזעלשאפטלעכער אָרדענונג, וואָס האָט פארורטיילט מי־ליאָנעס און צענדליקער מיליאָנעס אפ פינצטערניש, דערשלאָגנקײַט, קאטאָרזשנע מי און אָרעמקײַט” (לענין).[1]

אויסנוצנדיק מארקס באוווּסטן זאץ וועגן דער קלאסעווער נאטור פונעם פויערטום, קאָן מען זאָגן, אז דער פאָלקלאָר האָט אָפּגעשפּיגלט ניט נאָר דעם *אורטײל* פון די מאסן, נאָר אויך דעם *פאָרורטײל* זייערן, ניט נאָר זייער *בילדונג*, נאָר אויך זייער *אָבערגלויבן*.

ענגעלס, ווי מיר האָבן אויבן געזען, האָט געהאלטן פאר וויכטיק אונטערצושטרײַכן דעם עלעמענט פון פאָרורטייל אפילע אינעם דירעקט רעוואָליוציאָנערן (לויטן אינהאלט און דער טעמאטיק) פאָלקלאָר פון דער פארגאנגענהײַט. דערפון אליין איז שוין קלאָר, ווי ווײַט דער דאָזיקער מאָמענט מוז גענומען ווערן אין באטראכט באם באהאנדלען דעם גאנצן איבעריקן פאָלקלאָר.

אפ רעאקציאָנערע עלעמענטן אין עטנאָגראפיע און פאָלקלאָר ווײַזט לענין דײַטלעך אָן אין זײַנעם א בריוו צו מ. גאָרקין. לענין שרײַבט דאָרט: „די „פאָלק-פאָרשטעלונג” וועגן גאָטעניו און געט־לעכן — דאָס איז „פאָלק”־טעמפּקײַט, דערשלאָגנקײַט, פינצטערניש, פונקט אזא פינצטערניש ווי די „פאָלק-פאָרשטעלונג” וועגן קייסער, נישט-גוטן, וועגן שלעפּן די ווײַבער פאר די האָר. וויאזוי איר קאָנט די „פאָלק־פאָרשטעלונג” וועגן גאָט אָנרופן „דעמאָקראטישע”, פארשטיי איך אבסאָליוט ניט” (Ленинский сборник, I, стр. 159).

לענין נעמט דאָ אומעטום די ווערטער *פאָלק* און *פאָלק־פאָרשטעלונג* אין גענדזן־פיסלעך. דערמיט שטרײַכט ער אונטער, אז גאָר ניט פארן גאנצן פאָלק זײַנען די דאָזיקע קנעכטישע „גאָט”־פאָרשטעלונגען כאראקטעריסטיש, אז עס זײַנען פאראן אנדערע ווירק־לעכע *פאָלק*-פאָרשטעלונגען, וועגן די דאָזיקע אלע זאכן, וואָס כא־ראקטעריזירן ניט די פינצטערניש, טעמפּקײַט און דערשלאָגנקײַט פון די מאסן, נאָר דאָס פּאָרויסגעשריטענע אין זיי, דאָס בונטארישע און פּראָטעסטירנדיקע.

טאקע דערפאר, ווײַל דער פאָלקלאָר שפּיגלט אָפּ ניט נאָר דעם „אורטײל” פון די מאסן, נאָר אויך זייער „פאָרורטייל”, האָט ער געקאָנט אויסגענוצט ווערן און איז אויסגענוצט געוואָרן דורך פאר־שיידנערליי רעאקציאָנערן, נאציאָנאליסטן פאר זייערע בורזשואזע און קליינבירגערלעכע צילן, — אפ צו פלאנצן שאָוויניזם, רעליגיעזן אָבערגלויבן, געטרײַשאפט צו דער עקזיסטירנדיקער עקספּלואטאטע־

[1] Ленин, т. XIV, стр. 400.

רישער אָרדענונג. די בורזשואזע און קלײנבירגערלעכע רעאקציאָנערע פאָלקלאָריסטן פרווּן זיך געווײנלעך ארויסצוהייבן און צו פאראלגעמײנערן גראָד די אָפגעשטאנענע עלעמענטן אינעם פאָלקלאָר אלס קלוימערשט כאראקטעריסטישע פארן פאָלקלאָר ביכלאל. לויט די דאָזיקע עלעמענטן פון „פאָרורטײל“ — קאָנסטרויִרן זײ און „געפינען ארויס“, אנטשפרעכיק צו די אײגענע קלאסעווע האסאָגעס און שטרעבונגען, די „גײַסט-אײגנטימלעכקײַטן“ פונעם „פאָלק“. אזוי, לעמאָשל, האָט דער עסעריש-ציוניסטישער פאָלקלאָריסט ש. אנסקי זיך באמיט צו באווײַזן, אז די רעליגיעזע עלעמענטן, וואָס געפינען זיך אין באשטימטע זשאנרען פון ייִדישן פאָלקלאָר, זײַנען ביכלאל כאראקטעריסטיש פארן גאנצן ייִדישן פאָלקלאָר פון אלע צײַטן און פון אלע קלאסן, און נאָך מער, אז די „רעליגיעזע גײַסטיקײַט“ (אלס קעגנזאץ צו „גאשמיִעסדיקײַט“) איז כאראקטעריש פארן גאנצן ייִדישן פאָלק ביכלאל.

סע וואָלט אָבער געווען ניט ווײניקער פאלש און שעדלעך, ווען מע זאָל וועלן, פארקערט, די פאָרגעשריטענע בונטארישע עלעמענטן אינעם פאָלקלאָר פאראלגעמײנערן אפן גאנצן פאָלקלאָר ביכלאל. אויך אזא „פאראלגעמײנערונג“ קאָן ברענגען צו די רעאקציאָנערסטע און פאלשסטע רעזולטאטן.

די דאָזיקע אלע עלעמענטן אינעם וועזן פונעם פאָלקלאָר איז נייטיק אונטערצושטרײַכן, און באזונדערס איצט, ווען עס שטײַגט דער געזונטער אינטערעס צום פאָלקלאָר בא דער סאָוועטישער געזעלשאפטלעכקײַט. מיט פראקטישער פאָלקלאָר-ארבעט, מיטן אופזאמלען פאָלקלאָר-לידער, מײַסעס אאוו. פארנעמען זיך אין אונדזער לאנד הונדערטער שילער, סטודענטן, קאָמיוגיסטן, לערער, ארבעטער און קאָלווירטניקעס. די דאָזיקע אלע זאמלער דארפן באקומען א קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דער זאך, וואָס זײ טוען, וועגן דעם מעהוס פון דער פאָלקלאָרישער ירושע. וואָרעם אויב ניט, קאָן אמאָל זײער אינטערעס צום עלטערן פאָלקלאָר אויסגענוצט ווערן דורכן קלאסנסוינע, דורך די רעשטן פון דער נאצדעמאָוושטשינע. דער שטײַגנדיקער געזונטער אינטערעס צום פאָלקלאָר אין אונדזער לאנד טאָר בעשומויפן ניט באגלייט ווערן פון דערווידערופלעבונג פון א פאָלקיסטישן, אידעאליזירנדיקן צוגאנג צו פאָלקלאָר ב י כ ל א ל, צו פאָלקלאָר ס ט א ם.

אופזאמלענדיק און פארעפנטלעכנדיק דעם עלטערן פאָלקלאָר קערט אום די סאָוועטישע פאָלקלאָריסטיק דעם פראָלעטאריאט און די האָרעפאשנע מאסן זײערע שאפונגען פון יענעם פעריאָד, ווען זײ, די ארבעטנדיקע מאסן, זײַנען געווען אונטערדריקט. מעכטיק אויסגע-

וואָקסן פאר די יאָרן פון רעוואָליוציע אין היגזיכט פון קולטור און שעפערישקייט, דערפאָלגרייך באהערשנדיק די קולטור־ירושע פון דער פארגאנגענהייט, יארשנט דער פּראָלעטאריאט אויך דאָס בעסטע, מענטש־לעך־טיפסטע און רעוואָליוציאָנערסטע אין דער פאָלקלאָר־שאפונג און אייגנט זיך דאָס אָן פאר דער בויונג פון דער נייער סאָציאַליסטישער קולטור.

## 2. ארבעטער־לידער

אלס ערשטנ אָפּטייל אין אונדזער איצטיקער זאמלונג לידער־מאטעריאַלן ברענגען מיר א קליינע גרופּע ניי־געזאמלטע פאָלקלאָרישע ארבעטער־לידער. אינעם פאָרוואָרט צום ערשטן באנד פון אונדזער אויסגאבע, אין וועלכן דער אָפּטייל פאָלקלאָרישע ארבעטער־לידער האָט פארנומען דאָס צענטראַלע אָרט, האָבן מיר געשריבן, אז דאָס זאמלען פאָלקלאָרישע ארבעטער־לידער טאָר נאָך ווייט ניט באטראכט ווערן אלס פארענדיקט, אז א סיסטעמאטישע און פּלאנמעסיקע זאמלארבעט קאָן דאָ נאָך ברענגען פרוכטבארע רעזולטאטן.

זינט יענער צייט האָט זיך אונדזער עטנאָגראפישע סעקציע בא דער מיטהילף פון אירע זאמלער־קאָרעספּאָנדענטן איינגעגעבן אופצוזאמלען א צאָל אינטערעסאנטע, ביז איצט נאָך קיינמאָל ניט פארעפנטלעכטע, ארבעטערישע פאָלקלאָר־לידער און אויך וויכטיקע וואריאַנטן צו שוין געדרוקטע ארבעטער־לידער. דער דאָזיקער פאקט לערנט אונדז, אז אויך אפ ווייטער דארף דאָס אופזאמלען דעם רעוואָליוציאָנערן ארבעטער־פאָלקלאָר פארנעמען א וויכטיק אָרט אין אונדזער ארבעט.

די ניי־אופגעזאמלטע ארבעטער־לידער, וואָס מיר ברענגען אין אונדזער איצטיקער זאמלונג, ווייזן נים—אין פארגלייך מיט יענע פאָל־קלאָרישע ארבעטער־לידער, וואָס זיינען שוין ביז איצט געווען גע־דרוקט—ניט אין זייער טעמאטיק און נים אין דער קינסטלערישער אויספורעמונג — קיין שום וועזנטלעכע נייע שטריכן. צו דער אלגע־מיינער סאָציאַלער און קינסטלערישער כאראקטעריסטיק פונעם פאר־אָקטיאבערישן פאָלקלאָרישן ארבעטער־ליד גיבן זיי ווייניק וואָס צו. דאָס זיינען אָבער נייע, אין אייניקע פאלן גלענצנדיקע קינסטלערישע מוסטערן פון פאָלקלאָרישער ארבעטער־שאפונג. זיי באשטעטיקן אגעוו אן איבעריק מאָל די פעסטשטעלונג, אז די פאָלקלאָרישע ארבעטער־שאפונג האָט געהאט א ברייטן מאסווון פארנעם.

פונקט ווי אין די ביז איצט פארעפנטלעכטע ארבעטער־לידער, טרעפן מיר דאָ ווידער שילדערונגען פון שווערער מי, קלאָג אפ וויסטער פינצטערער האָרעוואניע און דעם געפיל פון טיפסטן האס צו די עקספּלואטאטערס.

„בעסער אין דער היימ
עסנ ברויט אליינ,
איידער אפ דער גראבארקע
פלייש מיט כריינ.

אוי, וויי, א באלעבאטיש קינד,
קומט אפ דער גראבארקע,
קומט ער אָפ ווי א הונט" (ז. 92, נומ. 7).

אזוי ווערט געזונגענ אינ איינ ליד. אונ מיר הערנ דאָ דײַטלעכע טענער פונ דעקלאסירטע, וואָס מוזנ זיכ ווילנדיק־ניט-ווילנדיק פראָלעטאריזירנ. [1] „לײַט זײַנענ מיר מעקאנע", דערציילט אינ א ליד א צווייטער ארבעטער, וואָס „שטייט אופ גאנצ פרי", „ארבעט ביז שפעט אפדערנאכט" אונ „באקומט דערנאָכ א וויגאָוואָר", ווײַל ער האָט „ווייניק ארבעט געמאכט".

„לײַט זײַנענ מיר מעקאנע,
איכ פארדינ מיר קאָשער מײַנ ברויט,
גרינ אונ געל זאָלנ ווערנ אלע באלעבאטימ,
באקומענ זאָלנ זיי דעמ טויט" (ז. 87, נומ. 1).

זײַנ אייגענע קלאסעווע דערפארונג האָט איבערצײַגט דעמ דאָזיקנ ארבעטער, אז עס גייט ניט אינ דעמ, וואָס גראָד זײַנ באלעבאָס איז א „שלעכטער", פארשעלט ער פונ טיפסטנ הארצנ „אלע באלעבאטימ", אלע עקספּלואטאטערס.

די שארפע קלאסעווע ווידערשפּרוכנ צווישנ ארבעטער אונ ארבעט-געבער, עקספּלואטירטע אונ עקספּלואטאטערס, קריגנ זייער אָפּשפּיגלונג אינ אלע איבעריקע ארבעטער-לידער, וואָס מיר ברענגענ דאָ איצט, אָנגעהויבנ פונ די לידער, אינ וועלכע עס ווערט בלויז געקלאָגט אפנ שווערנ ביטערנ לעבנ פונ אנ ארבעטער:

„מיר זיצנ אפ די בענקעלעכ אראָפּגעלאָזט די קעפּעלעכ,
אפ יעדנ פינגער רײַסט א נײַע ווונד,
מיר ארבעטנ באטאָג, מיר האָרעווענ באנאכט
אונ האָבנ אזא ווערט ווי די הינט" (ז. 91, נומ. 6).

אונ פונעמ שפּילעוודיק־סאטירישנ ליד, געשאפנ אינ דער סוויווע פונ לערנ־ייִנגלעכ,

„אז די באלעבאָסטע גייט ארויס,
קינדער, קינדער, לאכט זי אויס" (ז. 90, נומ. 4),

אינ וועלכנ ס'ווערט קינדעריש־נאַיִוו, אָבער בעשומויפנ ניט גלאט אזוי אויס קינדערישער שטיפערישקײַט, נאָר צוליב גאנצ באשטימטע

---

[1] ענלעכע מאָטיוונ וועגנ דער פּראָלעטאריזירונג געפינענ מיר אויכ אינ ליד נומ. 14, ז. 28, „פאָלקלאָר-לידער" I. אויכ בא לעמאנענ א.א.פ. נומ. 59.

קלאסעווע סיבעס, אויסגעדריקט האס אונ שפּאָט צו דער באלעבאָסטע, אונ געענדיקט מיט יענע רעוואָליוציאָנערע פאָלקלאָרישע געזאנגענ, געשאפענע אינעמ סטיל אונ אונטער דער דײַטלעכער ווירקונג פונ ווינטשעווסקיס אונ עדלשטאטס לידער, וואָס זײַנענ אנטשטאנענ אינעמ פּעריאָד פונ 1905־טנ יאָר, אונ וואָס פיקסירנ די אידעאָלאָגיע פונ קלאסנ-באוווסטזיניקע, צומ פּראָלעטארישנ קאמפּ רײַפע אונ גרייטע ארבעטער־מאסנ:

„שארפט אײַכ וואָפנ, קומט צומ שטרײַט,
קעגנ פאלשקײַט, קעגנ מערדערײַ,
גענוג שוינ צו דולדנ, דענ עס איז שוינ צײַט
צו פארניכטנ שקלאפערײַ.

צו א רעוואָליוציאָנ זאָלט איר זיכ צוגרייטנ
אונ מיט וואָפנ אינ די הענט,
אונדזער הערשער, אונדזער קייסער מוזנ מיר טויטנ,
צו מאכנ פונ שקלאפערײַ אנ ענד“ (ז. 93, נומ. 8).

---

ווענ מיר בלעטערנ די פאָלקלאָרישע ארבעטער-לידער, לעבנ אופּ פאר אונדזערע אויגנ בילדער פונ ארבעטער-לעבנ אונ פונ רעוואָליוציאָנערנ קאמפּ אינ דער פארגאנגענהײַט, פונ יענער צײַט, ווענ די ארבעטער פונעמ גאנצנ צארישנ רוסלאנד אונ אינאיינעמ מיט זיי אויכ די יידישע ארבעטער האָבנ געפירט א פארביטערטע מילכאָמע קעגנ דער צארישער זעלבסטהערשונג אונ דעמ קאפּיטאליזמ. אלס דענקמעלער וועגנ דעמ לעבנ אונ קאמפּ פונעמ פּראָלעטאריאט, געשאפענע מערסטנטייל דירעקט אינ דער ארבעטער־סוויווע, זײַנענ אונדז די דאָזיקע לידער באזונדערס טײַער, אונ די ווײַטערדיקע אופזאמלונג אונ פאנאנדערארבעטונג זייערע בלײַבט אויכ אפּ ווײַטער א וויכטיקע פליכט אונ אופגאבע פאר דער סאָוועטישער פאָלקלאָריסטיק.[1]

## 3. די לידער וועגנ אָרעמקײַט אונ נויט

די לידער, וואָס מיר ברענגענ אינ דעמ דאָזיקנ אָפּטייל שפּיגלענ אָפּ די סוויווע פונ די סאמע אָרעמע, סאמע דערשלאָגענע שטעטלשע אונ שטאָטישע קליינבירגערלעכע שיכטנ—אונ שטאמענ אויכ אָפּ פונ דער דאָזיקער סוויווע. דאָס זײַנענ לידער פונ יענער באלמעלאָכישער אונ קליינ-קרעמערישער אָרעמשאפט, וואָס האָט געלעבט באמ צא-

---

[1] די פּראָבלעמעס פונעמ ארבעטער־ליד באהאנדל איכ גענוי אינ מײַנ ארבעט „וועגנ פאָלקלאָרישנ ארבעטער־ליד“, געדרוקט אינ דער זאמלונג „פּראָבלעמעס פונ פאָלקלאָריסטיק“ I, 1932.

דיזמ אין די שווערסטע באַדינגונגען און איז קיינמאָל ניט געווע־ זיכער ניט אין איר הייַנטיקן, ניט אינעם מאָרגעדיקן טאָג. די מאָטיוון וועגן נויט און אָרעמקייַט, אַלס כאַראַקטעריסטישע אַרט טיפּישע שטריכן פונעם עקאָנאָמישן לעבנשטייגער פון דער דאָזיקער אָרעמשאַפט, טרעפן מיר זייער אָפט אינעם יידישן פאָלקלאָר־ליד. די דאָזיקע מאָטיוון ווערן אינעם פאָלקלאָר־ליד וואַרייִרט און באַהאַנדלט אַף די פאַרשיידנסטע אופֿאַנים: אַמאָל ווערן זיי פאַנאַנדערגעוויקלט אין דער פאָרם פון דירעקטע דעטאַלישע שילדערונגען פון שווערן אומדערטרעגלעכן לעבן, אַמאָל זייַנען דאָס לירישע־סענטימענטאַלע באַטראַכטונגען וועגן מאַזל און אַמאָל גאָר ווערן די מאָטיוון וועגן אָרעמקייַט און נויט, אַרויסגעבראַכט אינעם פאָלקלאָר־ליד וויצלדיק־הומאָריסטיש, כוויזעק־מאַכעריש מיט Galgenhumor, דה. מיט יענעם לעהאַכעס־הומאָר פון אַ פאַרמישפּעטן צו דער טלִיָה.

אין דער גאַנצער לידער־גרופּע קלינגט איין גרונט־מאָטיוו „ניטאָ וואָס צו עסן, ניטאָ קיין ברויט, ניטאָ צו וואָס נעמען זיך טאָן“. אָט איז אַ טיפּישער מוסטער פון דעם מין לידער:

„איך קום אַהיימ אַפ אַ שאָ,
קיין ברויט אין שטוב איז ניטאָ,
די קינדערלעך שרייַען עסן,
איך גיי אַהין און אַהער,
קיינער פרעגט ניט, וואָס איז די מער?
אַ באַלעגאָלע האָב איך געוואָלט ווערן,
האַלטן די וואָזשקעלעך אין די הענט,
געבן די קינדערלעך ברויט,
בין איך אָבער אָרעמ ווי דער טויט“ (רשומות II, ז. 372, נומ. 4).

אין אַ צווייט ליד טרייַבט דאָס ווייַב דעמ מאַן:

„שטיי אופ, מייַן מאַן, טו אָן דייַנע טאַכטויגים
און גיי דיר שוין זוכן אַפ שאַבעס.
אונדזערע שכיינים זייַנען אויך געמיינע
זיי האָבן דעמ שאַבעס פאַרפרי.
מיר קומט ער אָן מיט נויט,
איך עס מיר ניט אָן זאַט מימ קיין ברויט“ (זע ווייַטער, ז. 108, נומ. 10).

סענטימענטאַלע קלאָגעניש און ווייַנעוודיקייַט, אָפּוועזנהייַט פון שאַרפן, דירעקט און קלאָר אַרויסגעזאָגטן סאָציִאַלן פּראָטעסט (אַ באַשטימטן פּאַסיוון סאָציִאַלן פּראָטעסט אַנטהאַלט אין זיך שוין די קלאָג גופע)—דאָס זייַנען די וועזנטלעכע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון די דאָזיקע לידער. די קלייַנבירגערלעכע אָרעמשאַפט פאַרמאָגט זעלטן־ווען אַ קלאָרן פאַרשטאַנד פאַר די סיבעס פון איר שווערער

לאגע, פון איר ביטער פאראָרעמט לעבן. ערשט דער קלאסנבאַ־
וווסטזיניקער פראָלעטאריאט מאכט קלאָר פאר דער דאָזיקער מאסע
איר לאגע, די סיבעס פון איר לאגע און ווייזט איר דעם אויסוועג.
דעריבער געפינען מיר אין די פאָלקלאָר־לידער וועגן אָרעמקייט
זייער זעלטן א דייטלעכן און שארפן פראָטעסט־טאָן. געווײנלעך
האָבן מיר דאָ דעריקער קלאָג, מאכטלאָזע סענטימענטאלע קלאָג. די
מאכטלאָזיקייט און סענטימענטאלישקייט אין דער פאָלקלאָר־דיכטונג
פון דער אָרעמשאפט אנטשפרעכט צו דער סאָציאלער דערשלאָגנקייט
פון דער קליינבירגערלעכער אָרעמשאפט, צו איר אָנמעכטיקייט, פון
וועלכער זי באפרייט זיך ערשט אונטער דער ווירקונג און אָנפירונג
פונעם פראָלעטאריאט.

עס איז פאראן א געוויסע ענלעכקייט צווישן דעם אינהאלט פון
דער גרופע לידער וועגן אָרעמקייט און נויט, וועגן וועלכע מיר
ריידן דאָ איצט, און דעם אינהאלט פון געוויסע עלטערע פאָלק־
לאָרישע ארבעטער־לידער. די ענלעכקייט באשטייט אין דעם, וואָס
אויך פארן עלטערן פאָלקלאָרישן ארבעטער־ליד איז כאראקטעריסטיש
סענטימענטאלע קלאָג אפן אייגענעם ביטערן לעבן, אפ שווערער ניט־
באלוינטער מי. עס איז אָבער פאראן אויך א וועזנטלעכער אונטער־
שייד צווישן דיביידע מינים פאָלקלאָר־לידער, אַן אונטערשייד, וואָס
זיינע סיבעס וואָרצלען אין דער פארשיידענער געזעלשאפטלעכער
דערפארונג פון יענע סאָציאלע גרופעס, וואָס האָבן געשאפן די
פאָלקלאָרישע לידער וועגן אָרעמקייט און יענע, וואָס האָבן
געשאפן דאָס עלטערע פאָלקלאָרישע ארבעטער־ליד. דער אונטער-
שייד באשטייט אין דעם, וואָס אין די ארבעטער־לידער, אפילע אין
די נאָך ניט דייטלעכע רעוואָליוציאָנערע, טרעפן מיר געשילדערט קי־
מאט שטענדיק און דורכויס אויך דעם צווייטן פארטנער אין דער
סאָציאלער דראמע,— דעם באלעבאָס, דעם עקספלואטאטער. בא אלע
סענטימענטאלע קלאָגן ווייסט אָבער דער ארבעטער אין יענע לידער
פאָרט,— כאָטש ער באנעמט עס נאָך דערווייל ניט אין דער גאנצער
ברייט,— ווער עס איז שולדיק אין זיינע מאטערנישן. אין די גע־
ווײנלעכע אָרעמשאפט־לידער טרעפן מיר אָבער זייער זעלטן דעם
אָנווייז אפן צווייטן צאד, אפן סאָציאלן קעגנער. די וועגן, דורך
וועלכע עס קומט פאָר די עקספלואטאציע פון דער קליינבירגער־
לעכער אָרעמשאפט, זיינען גאנץ אָפט אזוי קאָמפליצירט, אזוי פאר־
הוילן, אז ניט שטענדיק קאָן די אָרעמשאפט־מאסע קלאָר און ריכ-
טיק דערזען דעם אייגנטלעכן אונטערדריקער און עקספלואטאטער
אירן. די דערשלאָגנסטע און אָפגעשטאנענע גרופעס אָרעמשאפט דער־
הייבן זיך אין זייערע פאָלקלאָר־לידער, געוויינלעך, בלויז צו דער

פעסטשטעלונג וועגנ דעמ אונטערשייד צווישנ אָרעמ אונ רײַכ. דער-בײַ אויכ זייער אפ א פרימיטיוונ אויפנ אונ אָנ קיינ שומ דײַט-לעכע אויספירנ פאר זיכ. עמעס, שוינ די דאָזיקע פעסטשטעלונג גופע אנטהאלט אינ זיכ געוויסע עלעמענטנ פונ פראָטעסט, פונ א באשטימטער עמבריאָנאלער בונטארישקײַט.

„אלעפ—אײַנגעמאכטס עסט דער נאָגיד,
בייז—בולבע עסט דער אָרעמאנ,
גימל—געזונדלעכ עסט דער נאָגיד,
דאלעד—דעמ דאלעס האָט דער אָרעמאנ“ (זע ווײַטער, ז. 109, נ. 12).

אָנגעלאָדנקײַט מיט רעליגיעזע פאָרורטיילנ, וואָס זײַנענ אונטער-געהאלטנ געוואָרנ אינ דער אָרעמשאפט דורכ די הערשנדיקע קלאסנ אונ די רעליגיע־דינער, האכנאָע אונ דערשלאָגנקײַט, אָפּהענטיקײַט, אלס רעזולטאט פונ אונטערדריקונג—אָט דאָס זײַנענ יענע סאָציאל-פסיכאָלאָגישע שטריכנ, וואָס מיר טרעפנ אָפטער פאר אלצ אינ די לידער וועגנ אָרעמקײַט אונ נויט... „כאסוועשאָלעמ איכ זינדיק ניט“ באוואָרנט זיכ דער „אָרעמער שוימער“, וואָס „די נאכט איז אימ פאר-וואָגלט“ אונ „דער שלאָפ ברעכט אימ זײַנע ביינער“.

„כאסוועשאָלעמ איכ זינדיק ניט,
אז מע איז געזונט איז אויכעט גוט,
אויב ניט איז שלעכטער,
שוינ בעסער זײַנ א וועכטער...
זאָל איכ פרעגנ בא גאָט א קאשע,
פארוואָס קומט מיר אזא פארנאָסע—
מיסטאמע בינ איכ אזוי ווערט,
אזא פארנאָסע איז מיר באשערט“ (זע ווײַטער, ז. 103, נומ. 4).

פאטאליזמ אונ פעסימיסטישקײַט הערנ מיר באזונדערס דײַטלעכ אינ די לידער וועגנ מאזל, וואָס איז „אנטרונענ“ אונ וואָס „מע טוט אימ זוכנ אינ אלע ווינקעלעכ אונ מע קאָנ אימ ניט געפינענ“ (זע ווײַטער, ז. 104־105, נומ. 6,5). לויט דער שטארקײַט, מיט וועלכער ס'ווערט אינ זיי אויסגעדריקט די האָפענונגלאָזע נויט פונ די מאסנ, געהערנ די דאָזיקע לידער צו די קינסטלעריש באדײַטנדיקסטע אינ דער גאנצער גרופע. זייער לירעזמ איז אָבער א טיפ טרויעריקער, א געבראָכענער, אנ אויסדרוק פונ העכסטער פײַנ אונ אָנמאכט.

דער פעסימיסטיש־יִעשדיקער טאָנ, וואָס איז אינ גרונט כא-ראקטעריסטיש פאר דער גאנצער גרופע לידער וועגנ אָרעמקײַט פעלט טיילווײַז, אמאָל מער, אמאָל ווייניקער, בלויז אינ יענע לידער פונ דער דאָזיקער גרופע, וואָס באהאנדלענ די אָרעמקײַט-טעמע וויצלדיק-

הומאָריסטיש, פאַראָדירנדיק, כויזעק־מאַכעריש. שוין דער איינפאַל אַליין צו באַהאַנדלען די טרויעריקסטע לעבנפאַקטן, וואָס רירן אָן דעם זינגער און שעפער פונעם ליד מאַמעש אין ביין, אויף אַ לייכט־וויצלדיקן הומאָריסטישן אופן, טראָגט אין זיך סימאָנים פון אַ געוויסער אָפּטימיסטישער שטימונג, פון אַ לעבנ־האָפערדיקייט. דער וויץ און כויזעק שטעלן דאָ מיט זיך פאָר דעם אויסדרוק פון קלאַסעווער פאַרביטערטקייט, וואָס איז דערווייל נאָך געצאַמט אין זיך, וואָס קאָן אָבער איבערגיין אין אָפענער בונטאַרישקייט. אָבער קיין אויסדריקלעך בוילעטע, פולבלוטיקע, אָפּטימיסטישע שטימונג וועלן מיר אויך אין די דאָזיקע וויצלדיק־הומאָריסטישע לידעלעך ניט געפינען. ווען אַזא אין טאָך גענומענע טיפּ פּעסימיסטישער טעקסט, ווי

„אף ברי,
אפּ מאָרגן נאָך יאָנטעוו גלייך אינדערפרי...
אין מאַרק מוז מען לויפן,
בולבעס מוז מען קויפן,
און קיין געלט איז ניטאָ"... (ג. מ. ז. 320).

ווערט געזונגען מיט דער מעלאָדיע פון אַ יאָנטעווודיקער טפילע, שטעקט דערין אי אַ לייכטע באַציִונג צו דער טפילע, אי ביטערער שפּאָט איבער דעם גאַנצן איניען פון בולבעס קויפן און פון „קיין געלט איז אַלץ ניטאָ". ניט געקוקט אויפן גאַנצן קלוימערשטן הומאָר איז דאָ אָבער די שטימונג פון דעם ליד אַ טיפּ טרויעריקע.

דאָס לידעלע

„אוי, דאַלעסל, נו, נו, נו,
אין אַלע ווינקעלעך ביסטו דאָ.
וואָלט איך דיר געהאָלפן,
האָב איך ניט פונוואַנען,
בעט איך דיך, דאַלעסל,
פאַרנעם זיך פונדאַנען" (זע ווייטער, ז. 106, נומ. 7).

וויצלט זיך איבער דער אָרעמקייט־סיטואַציע אויף אַ שפּילעוודיקן שפּאַסיקן. אויפן ס'ווערן דאָ ניט געבראַכט די גרעלע פאַרבן און דעטאַלן, ווי אין די אויבן־ציטירטע לידער. באַ דער גאַנצער שפּאַסיקייט, געפינט זיך דאָ אָבער אויך אַ היפּשער טראָפּן טרויער. ענלעך צו דעם איז אויך דאָס ליד „עליקל מייַן מאַן" (זע ווייטער, ז. 114, נומ. 17), ווו דאָס ווייַב פרעגט באַם מאַן אירן, וואָס פאַרט אַוועק קיין אַמעריקע, „ווו וועט זי נעמען אויף שאַבעס" און ער ענטפערט איר שפּאַסיק־וויצלדיק: „איך וועל דיך בינדן, וועסטו פאַרשפּאָרן ליכט צינדן, און קיין געלט האָב איך ניט", און אַזוי ווייַטער אין דעם גייַסט אויך אויף אַלע איבעריקע פראַגעס.

אין די וויצלדיק־הומאָריסטישע לידער וועגן אָרעמקייט טרעפן

מיר אויך באשטימטע עלעמענטן פון אָנגרײַפערישקײַט, פון סאטירע, א שטריך, וואָס מיר טרעפן אים ניט אין די לידער, ווו די טעמע אָרעמקײַט ווערט דעטאַל-שטייגעריש און סענטימענטאַל דערלאַנגט. אין פּאָפּולערע וויצלדיקע לידער, וואָס באהאנדלען די טעמע דירע־געלט, ווערט געזונגען:

„קומט ארײַן דער באלעבאָס
מיטן גראָבן בײַכל, —
„איר צאָלט מיר ניט קיין דירע־געלט,
און איר קאָכט זיך א ייַיכל“.

אוי, דירע־געלט דעם גאָראָדאָוווי,
אוי, דירע־געלט דעם טשאַסאָווי,
אוי, דירע־געלט דעם באלעבאָס,
אוי, דירע-געלט מוז מען צאָלן.

קומט ארײַן דער באלעבאָס,
מיט דער געגאָלטער מאָרדע, —
„איר צאָלט מיר ניט קיין דירע־געלט —
שיק איך אײַך ק'טשאָרטו“ („בא אונדז ייִדן“, ז. 104, נומ. 4).

אויך דער „וויסטער באלעגאָלע“, וואָס קלאָגט אין א ליד האלב־ערנסט האלב-וויצלדיק אף זײַן וויסטער דאָליע, געפינט אין זיך געוווּג „האָזע“ אף א שטאָך צו טאָן די מענטשן, וואָס זײַנען אים ניט צום הארצן:

„סע נעמט זיך צונויף א קאָמפּאניע כסידעמלעך
פאָרן צום גוטן ייִדן:
איינער שרײַט: „פאָרט גיכער —
איך דארף צום גוטן ייִדן“.
דער צווייטער שרײַט: „פאָר פּאוואָליע,
אוי, מײַנע מערידן“ (זע ווײַטער, ז. 102, נומ. 3).

ווען מיר שטעלן פעסט פּעסימיסטישע טענער אין די פאָלקלאָר־לידער, וואָס באהאנדלען די טעמע אָרעמקײַט, מיינען מיר ניט דער־מיט צו זאָגן, אז ביכלאַל גענומען זײַנען אלע לידער, וואָס זײַנען געשאפן געוואָרן דורך דער אָרעמשאפט, פּעסימיסטיש לויט זייער אינהאלט און טאָן, דאָס וואָלט געווען ניט ריכטיק. די פאָלקלאָר־שאפונג פון דער אָרעמשאפט האָט ביכלאַל גענומען, פארמאָגט אָן א שיר אָפּטימיזם. א מונטערער אָפּטימיסטישער לעבנבאנעם איז געוויינלעך כאראקטעריסטיש פאר דער האָרעפּאשנער מאסע. דער דאָ־זיקער אָפּטימיזם האָט זיך אָבער ניט געקאָנט ארויסווײַזן בא דער בלוטיק־אָנגעווייטיקטער טעמע וועגן אָרעמקײַט און נויט.

די לידער פון דער באהאנדלטער גרופּע, באזונדערס די סענטי־מענטאל באקלאָגערישע, פארמאָגן ניט קיין בלענדנדיקע עפּיטעטן, מעטאפאָרן, פארגלייכענישן און ביכלאל קיין שום מיילעס ניט פון דעם דאָזיקן מין. די דאָזיקע לידער זיינען אויך ניט קיין אויס־דרוק פון גרויסער קראפט, פון געזעלשאפטלעכן מוט און פעסטקייט, די גרונט־שטימונג זייערע איז, ווי שוין געזאָגט, א פּעסימיסטישע, און דאָך אָבער פארמאָגן זיי א היפּשע אופּווירקונג־קראפט. די ווירקונג־קראפט פון די דאָזיקע לידער נעמט זיך דערפון, וואָס אין זיי איז טיף־מענטשלעך, אופריכטיק און הארצלעך אויסגעדריקט די פּיין און ליידן פונעם האָרעפּאשנעם און אונטערדריקטן אָרעמען מענטשן. דאָס מאכט זיי געזעלשאפטלעך באדייטנדיק. די הארצלעכע אומיטל־בארקייט פונעם אויסדרוק, די פּאָשעטקייט און אומגעקינצלטקייט פון וואָרט און בילד, פארשאפט זיי א פּאָעטישן כיין און צווינגט אונדז צו גלייבן אינעם עמעס פון זייער אינהאלט.

די וויצלדיק־הומאָריסטישע לידער אין דער גרופּע „לידער וועגן אָרעמקייט און נויט“ אנטפּלעקן פאר אונדז די באגאבטקייט פונעם האָרעפּאשנעם האמוינ פאר הומאָר און סאטירע. די זשאנרען פונעם הומאָריסטישן און סאטירישן ליד זיינען אינעם פאָלקלאָר־ליד, ביכ־לאל גענומען, היפּש פארשפּרייט. די וויצלדיק־הומאָריסטישע לידער אפ דער טעמע וועגן אָרעמקייט פארמאָגן די אלע מיילעס, וואָס עס פארמאָגט דאָס הומאָריסטישע און סאטירישע פאָלקלאָר־ליד ביכלאל: טרעפלעכקייט אין דער בילדערישער כאראקטעריסטיק פון די אָנגע־גריפענע פארשוינען („גייט אריין דער באלעבאָס מיט דער געגאָלטער מאָרדע“), וואָרטשפּילעוודיקייט („אוי, דאלעסל, נו, נו, נו...“ „דירע־געלט — אוי, באָזשע מוי, דירע־געלט דעם גאָראָדאָוווי“) און וויציקע איינפאלערישקייט (דאָס הומאָריסטישע דורכשמועסן זיך מיטן דאלעס).

---

אינעם אָפּטייל „לידער וועגן אָרעמקייט און נויט“ ברענגען מיר אויך א קליינע גרופּע בעטלער־לידער. זיי זיינען, געוויינלעך, געזונגען געוואָרן דורך בעטלער באם בעטלען און האָבן געהאט דעם צוועק ארויסצורופן ראכמאָנעס צום זינגער. דאָס ליד שילדערט גע־וויינלעך אויספירלעך, ווי שלעכט ס'איז דעם בעטלער, ווי ביטער ס'איז צו זיין אן אָרעמאן און „בעטן בא לייטן געלט“. דעריבער טרעפן מיר דאָ אזא איבערפלוס פון וויינעוודיקייט און קלאָג. א געוויינלעכער שטריך אין די בעטלער־לידער איז אויך דאָס אָנצו־הערעניש אפ דער אמאָליקער „גרויסקייט“, „רייכקייט“ פונעם איצטיקן בעטלער. דאָס איז אויסגערעכנט אפ דער סענטימענטאליטעט פונעם קליינבירגערלעכן צוהערער.

„אז איך בין געווען א קליין קינד,
עסן האָט מען מיר דערלאנגט,
האלעווײַ מײַן דערנערונג זאָל אזוי זײַן אצינד,
וואָלט איך גאָט געדאַנקט“ (זע ווײַטער, ז. 127, נומ. 28).

געשאפן גאנצ אָפּט טאקע אינ דער סוויווע פונ בעטלער צוליב זייער „פּראָפעסיאָנעלע“ צוועקן, זײַנען די דאָזיקע לידער געווען פארשפּרייט אויך צווישן די אָרעמשאפטלעכע שיכטן ביכלאַל. די סענטימענטאלע קלאָג־שטימונג האָט גערעדט צו זייער הארצ און אָפּ עפּעס אנ אויפן האָבנ זיי אינ די דאָזיקע לידער געפילט אנ אויסדרוק אויך פאר זייערע צאָרעס.

ביכלאַל דארפ מענ באמערקן, אז די בעטלער און די גאסנזינגער האָבנ אָפּגעשפּילט א היפּשע ראָליע באַם פארשפּרייטנ אינ דער מאסע פארשיידענע פאָלקלאָר־לידער, דעריקער טרויעריקע און סענטימענטאל־באקלאָגערישע.

---

צוליב א געוויסער ענלעכקײַט אינעם אינהאלט און אינ באזונדערע מאָטיוונ האָבנ מיר אינעם אָפּטייל „לידער וועגנ אָרעמקײַט און נויט“ אײַנגעשלאָסנ אויך א קלײנינקע גרופּע לידער וועגנ עמיגראציע און עלנטקײַט. די וואנדערונג פונ די שטעטלעך אינ די גרעסערע שטעט ארײַנ און די עמיגראציע אינ אנדערע לענדער, דעריקער קיינ אמעריקע, — די דאָזיקע ביז גאָר וויכטיקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָצעסן, וואָס זײַנען אָנגעגאנגענ אינ דער סוויווע פונ יידישנ קלײנבירגערטום אינ צארישנ רוסלאנד, אָנגעהויבנ פונ די 60-70-ער יאָרנ פונ XIX יאָרהונדערט, און וואָס האָבנ זיך באזונדערס פארשטארקט סאָפּ XIX און אָנהייב XX יה., האָבנ אומפארמײַדלעך געמוזט קריגנ זייער אָפּשפּיגלונג אינעם פאָלקלאָר־ליד, אינ וועלכנ עס פלעגנ, געוויינלעך, געפינענ אנ אָפּקלאנג אלע וועזנטלעכע דערשײַנונגען אינעם לעבנ פונ די מאסנ.

לידער וועגנ עמיגראציע און אויסוואנדערונג זײַנען אינעם יידישנ פאָלקלאָר פארהעלטנמעסיק א גאנצ אלטע דערשײַנונג. די ערשטע ידיעה וועגנ אזוינע לידער געפינענ מיר אינעם ארטיקל פונעם באקאנטנ ליבעראלנ יידישנ היסטאָריקער אי. אָרשאנסקי. „פאָלקסטימלעכע לידער פונ די רוסישע יידנ“ (געדרוקט צוערשט נאָך אינ יאָר 1867 אינעם זשורנאל (Гакармел, русское приложение №№ 31, 32).

דערמאָנענדיק פאקטנ וועגנ וואנדערונג פונ יידישע מאסנ אינ די גרענעצנ פונ צארישנ רוסלאנד גופע און אויך וועגנ עמיגראציע קיינ אויסלאנד (ער רופט אָנ דערבײַ אלס אויסוואנדער-ערטער די אמע־

ריקאנער שטאטנ, ענגלאנד), באמערקט אָרשאנסקי: „צומ באדויערנ, האָבנ מיר ניט קיינ שומ יעדיִעס וועגנ די דעטאלנ פונ דער דאָזיקער דערשײַנונג, קיינ שומ סטאטיסטישע יעדיִעס וועגנ איר פארנעמ. ווי ווײַט מיר איז באקאנט, איז וועגנ איר אפילע ביז איצט ניט דערמאָנט געוואָרנ אינ דרוק. עס איז אינטערעסאנט דעריבער זיכ אָפּצושטעלנ אפ יענע אומבאשטימטע אונ ניט פינקטלעכע יעדיִעס וועגנ דער דאָזיקער זאכ, וועלכע מע קאָנ שעפנ פונ די ייִדישע פאָלקס-לידער". [1] ער ברענגט דערנאָכ א פּאָר ציטאטעס (אינ רוסישער איבערזעצונג) פונ ייִדישע פאָלקלאָר-לידער, וואָס בארירנ אפ א געוויסנ אופנ די וואנדערונג-אונ עמיגראציע-טעמע. דאָס זײַנענ לידער וועגנ אָרעמע פרויענ, וואָס זייערע מענער האָבנ זיי פארלאָזט, זײַנענ אוועקגעפאָרנ אינ אנדערע שטעט אָדער גאָר אינ פרעמדע לענדער אונ לאָזנ פונ זיכ גאָרנישט הערנ.

ס'איז הייסט דאָס, פעסטגעשטעלט, אז ייִדישע פאָלקלאָר-לידער אפ דער עמיגראציע-טעמע זײַנענ שוינ פאראנ געווענ אינ די 60-ער יאָרנ (אָדער נאָכ א ביסל פריִער, ווײַל מע דארפ רעכענענ, אז ביז די דאָזיקע לידער זײַנענ דערגאנגענ צו אָרשאנסקינ האָט באדארפט פארבײַגיינ א שטיק צײַט זײַט זייער אנטשטייונג). לידער וועגנ (אינערלעכער) וואנדערונג ביכלאל זײַנענ מיסטאמ פאראנ געווענ אויכ פריִער.[2]

מע דארפ זאָגנ, אז דער גרונט-אינהאלט פונעמ פאָלקלאָרישנ ליד וועגנ אויסוואנדערונג איז זײַט יענער צײַט שוינ געבליבנ דער זעלבער אונ האָט זיכ ניט פארענדערט. דער גרעסטער טייל פונ די ביז איצט געדרוקטע לידער אפ דער דאָזיקער טעמע אונ אויכ פונ די, וואָס מיר ברענגענ אינ אונדזער איצטיקער זאמלונג, באהאנדלענ דעריקער די לאגע פונ פרויענ, וואָס די מענער זייערע האָבנ אויסגעוואנדערט (אינ אנדערע שטעט אָדער לענדער) אונ זיי מיט די קינדער איבערגעלאָזט אינ דער היימ אָנ מיטלענ צומ לעבנ. דאָס איז איינע א וואריִאציע אפ דער טעמע וועגנ דער לאגע פונ דער פרוי, פונ דער אָרעמער פרוי, אפ דער טעמע, וואָס פארנעמט אזא וויכטיק אָרט אינעמ פאָלקלאָר-ליד ביכלאל.

---

1 И. Оршанский „Евреи в России“, стр. 396—397.
זע אינ די „באמערקונגענ אונ צוגאָבנ“ ז. 325.

2 א פאָלקלאָר-ליד וועגנ דער וואנדערונג פונ ליטע אינ די קאָלאָניעס פונ כערסאָנשטשינע, וואָס באציט זיכ (דאָס ליד) אנערעכ צו די 40-קער יאָרנ פונ XIX יה. ציטירט מענדעלע אינ זײַנ „די אלטע מײַסע“. זע „באמערקונגענ אונ צו-גאָבנ“ ז. 334-335.

„דײַן טאטע איז געפאָרן קײן אמעריקע
טרינקט ער דאָרט די בעסטע גלאָז ביר,
מיך האָט ער איבערגעלאָזט מיט צווײ קלײנע קינדער
אזױװי אן אָני בא דער טיר״ (זע װײַטער, ז. 113, נומ. 16).

און אין א צװײט ליד:

„מײַן מאן איז געפאָרן גליקן מאכן,
מיך האָט ער געלאָזט אלײן,
געכײַ װאָלט ער געװען א געט צושיקן,
מײַן הארץ זאָל זיך אין מיר ניט צעגײן.

מײַנע קינדערלעך שטײען פונדערװײַטן,
זײ באװײַזן ניט קײן פרײַע מינע,
זײ פרעגן מיך: „מאמעניו, װו איז אונדזער פאָטער?
אז פינצטער און ביטער איז מיר״[1] (זע װײַטער, ז. 122, נומ. 23).

אין די װײניקע לידער, װאָס האָבן אלס טעמע די איבערלע־בונג פון די אויסװאנדערער גופא, הערשט א שטימונג פון סענטימענ־טאלער בענקעניש נאָך דער אלטער הײם. דער דעגראדירטער פאראָרעמ־טער עמיגראנט איבערצײַגט זיך, אז אינעם נײַעם לאנד װארטן אַפּ אים ניט די אויסגעטרוימטע גליקן, ער פילט זיך אײנזאם, פארלאָזן. דערפון קומט די בענקעניש נאָך דער אלטער הײם, פון װעלכער מע איז פריִער אנטלאָפן און װאָס װײַזט זיך איצט אויס דעם עמי־גראנט אידיליש־ליב.[2]

„װאָס בין איך קײן אמעריקע געפאָרן
און װאָסערע גליקן האָבן מיך דאָרט געטראָפן,
אז עלנט בין איך דאָרט פארבליבן,
פון פאָטער און מוטער פארטריבן,
פון שװעסטער און ברידער אזױ װײַט״ (זע װײַטער, ז. 112, נומ. 14).

אגעװ, װעלן מיר דאָ באמערקן, אז ניט נאָר די לידער, װאָס דערצײלן װעגן די איבערגעלאָזענע פרױ און קינדער, נאָר אויך יענע, װאָס שילדערן די שטימונג פונעם עמיגראנט, זײַנען גע־װײנלעך געשאפן און געזונגען געװאָרן אינעם אויסװאנדערונג־לאנד און ניט אינעם אײַנװאנדערונג־לאנד. די איבערגעבליבענע אין דער

1 א ליד װעגן א פארלאָזענער פרױ, װאָס איר מאן האָט עמיגרירט קײן אמע־ריקע, האָט אמאָל געשריבן אויך שאָלעם־אלײכעם. דאָס איז דאָס ברײט־באקאנטע ליד זײַנס „שלאָף, מײַן קינד, מײַן קרױן, מײַן שײנער״, װאָס איז זײער פיל געזונ־גען געװאָרן און װאָס פיגורירט אין גינזבורג־מארעקס זאמלונג אלס פאָלקלאָר־ליד (זע ג. מ. נומ. 82), װײַל די זאמלערס האָבן ניט געװוסט, אז דאָס איז פון שאָלעם־אלײכעמען.

2 װעגן דעם דאָזיקן סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן שטריך באם אויסגעװאנדערטן קלײנ־בירגערטום זע מ. װיינערס ארבעט „די סאָציאַלע װאָרצלען פון שאָלעם־אלײכעמס הו־מאָר״ אינעם בוך פון מ. װיינער און א. גורשטײן: „פּראָבלעמעס פון קריטיק״, ז. 91.

היים פילן זיך איין אין דער לאגע פון די אויסגעוואנדערטע און שאפן די לידער וועגן די יעדיעס און בריוו, וואס קומען פון זיי אן. באוויייזלעך איז אין דעם זינען פאלגנדיקער פאקט: י. ל. קאהאן, זאמלט שוין אין פארלויף פון א פאר צענדליק יאר יידישע פאלקלאר־לידער אין אמעריקע. עס זיינען אבער אין קיין איינער פון זיינע ביז איצטיקע זאמלונגען און פובליקאציעס ניט פארעפנטלעכט געווארן און ניט דערמאנט געווארן קיין לידער, וואס זאלן שילדערן די לאגע און איבערלעבונגען פון די איינגעוואנדערטע קיין אמעריקע.

## 4. אנטיקלעריקאלע לידער.

די בורזשואזע און קליינבירגערלעכע יידישיסטישע עטנאגראפן און פאלקלאריסטן האבן זיך שטענדיק פארנומען מיט דער אידעאליזאציע און פארהערלעכונג פון די סאמע אפגעשטאנענסטע און רעאקציאנערסטע עלעמענטן אינעם יידישן פאלקלאר — פון די רעליגיעזע לידער, כאסידישע און ראבאנישע מייסעס און לעגענדעס, פון מעשונעדיקע רעליגיעזע טראדיציעס און אבערגלויבנס אאזוו. דערביי איז בא זיי די דאזיקע אידעאליזאציע ניט עפעס קיין ביי־זאך, נאר א וועזנטלעכער מאמענט אין דער איינשטעלונג.

די קלעריקאלע און נאציאנאליסטישע טענדענצן פון דער יידישיסטישער פאלקלאריסטיק האבן געקריגן זייער אויסדרוק, סיי אין איר זאמלארבעט, סיי אין אירע טעארעטישע באגרינדונגען און אויספירן. פון איין זייט האט מען זיך באמיט צונויפזאמלען און צו פארעפנטלעכן וואס מער רעליגיעזע לידער, ליטורגישע מעלאדיעס, כאסידישע מייסעס, רעליגיעזע לעגענדעס, צאדיקישע ניסימוועניפלאעס, ראבאניש־קלויזישע ווערטלעך אאזוו. פון דער צווייטער זייט האט מען זיך געסטארעט דערווייזן, אז גראד דער דאזיקער פאלקלאר־שטאף איז דער אינטערעסאנטסטער אינעם יידישן פאלקלאר, דער כאראקטעריסטישער פאר דער יידישער פאלקלאר־שאפונג און פארן יידישן „פאלק־גייסט“ ביכלאל.

באזונדערס בולעט זיינען די דאזיקע קלעריקאלע טענדענצן אויסגעדריקט אין אנסקיס עטנאגראפישע שריפטן, ביפראט אין זיין גרעסערן ארטיקל „די יידישע פאלקשאפונג“, וואס גילט בא די יידישיסטן אלס „איינציקער גרינטלעכער פרווו אויסצופארשן די גרונט־שטריכן פון דער פאלקשאפונג“ (ז. רייזען). מיט דער גרעסטער אינערלעכער באגייסטערונג און אנטציקונג ווערט דא איבערדערציילט דער אינהאלט און אופגעדעקט דער קלוימערשט „דער־

הויבענער" טאָכ פונ פינצטערע אָבערגלויבישע מיטלאַלטערלעכע מײַ־סעס וועגנ צאַדיקימ, רעבײַימ, באַלשעמס אאַוו.

אינ דעמ דאָזיקנ אַרטיקל האָט אַנסקי אַפּ אזא מינ אויפנ כאַ־ראַקטעריזירט דעמ גרונט־אינהאַלט אונ די הויפּט־שטריכנ פונ דער ייִדישער פאָלקלאָר־שאַפונג:

„קוידעמקאָל דאַרפ פאַרצײַכנט ווערנ, אַז אָפטער ווי אַלצ טרעפנ מיר אינ דעמ הײַנצײַטיקנ ייִדישנ פאָלקלאָר מײַסעס אונ לידער אַפּ די טעמעס פונ ביבלישע דערצײלונגענ אונ, אַז די אַקטיוווסטע ראָליע אינעמ דאָזיקנ פאָלקלאָר שפּילנ די ביבלישע אונ צומ טייל אויכ די טאַלמודישע פּערסאָנאַזשנ" (אַנסקי ב. XV, ז. 46). „מע מעג דרייסט זאָגנ, אַז די ייִדישע פאָלקשפּראַכ איז אינגאַנצנ דורכגעדרונגענ מיטנ ביבלישנ אונ צומ טייל מיטנ טאַלמודישנ גײַסט" (דאָרטנ, ז. 52). „דער הויפּטמאָטיוו פונ קימאַט אַלע לעגענדעס אונ פונ דעמ גרעסטנ טייל מײַסעס איז די שטרעבונג פונ דעמ מענטשנ צו דער טוירע, דער קאַמפּ מיט די מאַטעריעלע באַדינגונגענ פאַר זײַער מעגלעכקײַט אָפּצוגעבנ זיכ דעמ לערנענ אונ די שילדערונג פונ דער גרויסער רוכניעסדיקער מעכטיקײַט פונ די, וואָס זיי איז געלונגענ אַרײַנצודרינגענ אינ די טיפע סוידעס פונ דער טוירע" (דאָרטנ, ז. 54). „די אייגענע מאָטיווו, וואָס מיר האָבנ אָנגעמערקט אינ דער פאָלקסמײַסע, געפינענ מיר אויכ אינעמ פאָלקסליד. אויכ דאָרט פאַרנעמט דעמ אויבנ אָנ די טוירע, וואָס ניט נאָר זי ווערט באַזונגענ אַנ אונ פאַר זיכ, ווי די „טאָכטער פונ גאָט", נאָר זי דערשײַנט אַלס דאָס העכסטע גליק פאַר דעמ מענטשנ אינ אַלע פעריאָדנ פונ זײַנ לעבנ, פונ וויגל ביזנ קייווער" (דאָרטנ, ז. 58).

אומגעלומפּערט אונ אַפּ אַ רעאַקציאָנערנ אויפנ האָט דאָ אַנסקי געפעלשט די ווירקלעכע פאַקטנ אונ פאַרהעלטענישנ אינעמ ייִדישנ פאָלקלאָר, ווי דאָס קאָנ זענ יעדער, וואָס איז ווי־ניט־איז באַקאַנט מיטנ ייִדישנ פאָלקלאָר. ער האָט די כאַראַקטער־שטריכנ פונ יענעמ, לאַכלוטנ ניט אַנטשיידנדיקנ טייל פאָלקלאָר, וואָס איז באַווירקט פונ גאַנצ באַשטימטע קלעריקאַלישע קרײַזנ (ראַבאָנימ, רעבײַימ, כאַזאָנימ, דאַיאָנימ, לאָמדימ, יעשיווע־באָכערימ אאַוו.), אָנגעגעבנ אַלס אייגנטימלעכע פאַר דער גאַנצער ייִדי־שער פאָלקלאָר־שאַפונג ביכלאַל.

דער ייִדישיסט באַמיט זיכ מיט אַלע קרעפטנ אונ מיטלענ אַרויס־צוהייבנ די רעליגיעזע פאָלקלאָר־שאַפונג אַלס דעמ קלוימערשט גרעסטנ, פאַרשפּרייטסטנ, שענסטנ אונ ווערטפולסטנ צווײַג אינעמ ייִדישנ פאָל־קלאָר. די האַכנאָעדיקע דערשלאָגנקײַט אונ פאַרשקלאַפטקײַט (אייגנטלעכ, איז דאָס דער טאָכ פונעמ אַטאָבעכאַרטאָנעדיקנ שאָוויניזמ), וואָס קומענ צומ אויסדרוק אינ דער דאָזיקער שאַפונג, דאָס זײַנענ יענע „פאָלקס־

טימלעכע" שטריכן, וואָס זײַנען דעם ייִדישן נאַציאָנאַליסט באַזונ־דערס צום האַרצן.

א צווייטער ייִדישיסטישער פאָלקלאָריסט, נ. פרילוצקי, דערקלערט זײַן באַזונדערע אנטציקונג פאַר דער גרופּע רעליגיעזע פאָלקלאָר־לי־דער מיט מאָטיוון, וואָס שטימען גענוי מיט אנסקים שטאַנדפּונקט: „די דערמאָנטע (רעליגיעזע) גרופּע — שרײַבט ער — איז באַזונדערס אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס זי שטעלט מיט זיך פאָר א פּרוכט פון אָ ר י ג י נ ע ל ע ר ייִדישער פאָלקשאַפונג. די איבעריקע אָפּטיילונגען זײַנען שוין ניט אזוי זעלבשטענדיק. פאַראַן דאָרט א סאַך מאָטיוון, וואָס מיר האָבן איבערגענומען בא אנדערע פעלקער".[1]

און פאַרבײַגייענדיק, מאַכט שוין דער אויפהיטער און באַוואָרער פון דער „אָריגינעלער" ייִדישער פאָלקשאַפונג אויך ריין פּראַקטישע אויספירן. די רעליגיעזע פאָלקלאָר־לידער זײַנען אים טײַער, ווײַל זיי זײַנען „א גלענצנדיק אָפּלייקעניש פון דעם פאַרשפּרייטן פאָרורטייל, אז דעם ייִדס דאַווענען איז טאָמיד מעכאַניש, אז ער פאַרשטייט קיינ־מאָל ניט די ווערטער פון דער טפילע, וועלכע ער גראַגערט פּאָשעט אָפּ, ווי אַן אָנגעדרייט שפּילקעסטל. ניט בא איין ייִדן ווירקלעך, איז די אַווידע בלויז א צוגעווינטקײַט, אָפּטמאָל זאָגאַר א טויטער אָל. — אָבער דער עמעס פרומער, דער איניקסט־רעליגיעזער ייִד פּילט טיף איטלעכן וואָרט פון די פּאַיעטישע אָדעס; איטלעכע אָס איז פאַר אים פול מיט מעסיקעס — „צוקער־זיס" — ער נעמט עס אדורכן ביזן גרונט, ביזן אָנהערבאַרסטן אָפּקלאַנג, ביזן פאַרבאָרגנסטן שאָטן".[2]

ס'אַרא געדיכטער געשטאַנק פון קלעריקאַלער רעאַקציע עס לאָזט זיך הערן אין אָט די פרום־צוויאַקישע רייד פונעם „געלערנטן" פאָלק־לאָריסט, דעם שרײַבער פון „מאָמענט".

דאָס דאָזיקע שטרעבן צו דערהייבן דעם רעליגיעזן און קלערי־קאַלן פאָלקלאָרישן שטאָף, צו אידעאַליזירן דאָס גאַנצע רעליגיעזע עטנאָגראַפישע קלאַפּערגעצײַג, אָנגעהויבן פון כאַסידישע מײַסעס און געענדיקט מיט א פורעמדיקן גראַגער, בלײַבט, פאַרשטייט זיך, כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר דער ייִדישער בורזשואַזער און קלייןבירגערלעכער פאָלקלאָריסטיק אויך בא הײַנטיקן טאָג.

די דאָזיקע פאָלקלאָריסטיק, ווי ווײַט נאָר זי איז טעטיק, ציט עס ווי מיט צוואַנגען צום פורים־קוילעטש און צו דער יאַרמעלקע, צום ראָוו און צו איילִיאָהו־האַנאָווי. עס האָט דאָך עפּעס צו זאָגן דער פאַקט, וואָס די ערשטע אַרבעט פון דער ווילנער ייִוואָ־עטנאָגראַ־

---

[1] פרילוצקי, „ייִדישע פאָלקסלידער" I, ז. VI.

[2] דאָרטן, ז. VII.

פּיע זײַנען געווענ די בארימטע „יאָנטעוו-אנקעטעס” אונ וואָס די ערשטע גרויסע אויסגאבע אירע אינ דעמ געביט וועט זײַנ, ווי ס'איז געווענ געמאָלדנ, א באנד „ייִדישע יאָנטויווימ”.

עטלעכע נײַע פאָלקלאָר-זאמלונגענ, וואָס זײַנען די לעצטע יאָרנ דערשינענ אינ קאפּיטאליסטישנ אויסלאנד, באווײַזנ, אז די קלעריקאלע טענדענצנ פונ דער ייִדישער בורזשואזער פאָלקלאָריסטיק ווערנ לעצטנס נאָכ מער פארשטארקט.

א ציִעניסטישער זשורנאליסט מ. ליפּסאָנ האָט אינ 1928 יאָר ארויסגעגעבנ אונטערנ נאָמענ „די וועלט דערציילט” צוויי בענדער ראבאָנישנ אונ לאָמדישנ „פאָלקלאָר”. די דאָזיקע אויסגאבע איז צונויפגעשטעלט לויט א גאנצ באשטימטנ מיינ: דערווײַזנ, אז דער ייִדישער קלער — ראבאָנימ, רעבייִמ, דאיאָנימ אאוו. — דאָס זײַנען די לײַטישסטע, די פײַנסטע, די דערהויבנסטע לײַט. זיי זײַנען אניוועס-דיק, דארפנ פאר זיכ גאָרניט, אלצ נאָר פאר יענעמ, האָבנ ליב דעמ „אָרעמאנ” אאוו. אאוו.

עמעס, אפילע אינ די דאָזיקע, מיט אזא קלאָרער טענדענצ צונויפגעשטעלטע זאמלונגענ, ווארפט זיכ דורכ אויכ גענוג מאטעריאל פונ אזא מינ, וואָס דעמאסקירט דאפּקע דעמ ייִדישנ קלער, אָבער דאָס דארפ מענ רעכענענ, איז שוינ ניט ליפּסאָנס שולד.[1]

דעמ קלאָרנ צוועק פונעמ ציִעניסטישנ צונויפשטעלער קאָנ מענ זייער לײַכט ארויסלייענענ פונ זײַנ פאָרוואָרט צומ ערשטנ באנד. ער טרעט דאָרט ארויס מיט שארפע טײַנעס קעגנ זײַנע ייִדישיסטישע אונ ציִעניסטישע קאָלעגנ-עטנאָגראפנ, האלעמײַ זיי האָבנ געזאמלט בלויז כאסידישע מײַסעס אונ אפ „די מײַסעס אונ ווערטלעכ, האנ-האָגעס אונ מידעס פונ די אזויגערופענע אוילאָמישע געוינימ, געדוילימ, ראבאָנימ אָדער סטאמ שיינע ייִדנ, וואָס זײַנען ניט מאָפּסיש, ניט אויסטערליש, דערפאר אָבער אזוי מענטשלעכ, אזוי ייִדיש מענטשלעכ, וואָס זײַנען פול מיט סייכלדיקײַט אונ הארציקײַט, פונ בעני'מעסדיקער פאשטעס ביז געוינישער כאריפעס, מיט נעשאָמע-ריינקײַט, מיט אָנ א שיר גוטסקײַט אונ דערבארעמדיקײַט — אפ דעמ קוקט מענ זיכ קנאפ-וואָס ארומ”.[2]

ענדלעכ האָט זיכ פאר דער זאכ פונ אופזאמלענ אונ דערקלערנ דעמ ראבאָנישנ אונ רעליגיעזנ פאָלקלאָר גענומענ א פאָרשטייער פונ יענע קרײַזנ, וואָס דער דאָזיקער איניענ האָט צו זיי א דירעקטע שײַכעס — א פאָרשטייער פונעמ קלער. אינ 1928 יאָר האָט דער ראָוו

1 גענוי וועגנ דער דאָזיקער זאמלונג אינ אנ אנדער אָרט.

2 ליפּסאָנ, „די וועלט דערציילט”, ב. I, ז. 9.

יעשיַע זלאָטניק זיכ מיסקאנע געווענ אינ די לאָרבער-קרענצ פונ די יידישיסטישע פאָלקלאָריסטנ אונ האָט ארויסגעלאָזנ א זאמלונג „יאָמים-טויווים־פאָלקלאָר", וואָס אנטהאלט „אלע פאָלקסטימלעכע דיבורים, גלייַכווערטלעכ, כאָכמעס, וויצנ, האלאָצעס אונ אנעקדאָטנ, וואָס באציִענ זיכ אפ אונדזערע יאָמטויווים". די צוועקנ, וואָס א ראָוו האָט אינ זינענ מיט אזא זאמלונג, פארשפּאָרט מענ דאָ דערקלערנ.

אָט אזוי האָבנ זיכ ארומ דער זאכ — פונ פארהייליקנ דורכ קלוי-מערשטער „פאָלקשאפונג" די רעליגיִעזע טראדיציע, מיטלאלטערלעכע אָבערגלויבנס אונ דעמ יידישנ קלער — ברידערלעכ פארייניקט דער עסער אנסקי, דער „פאָלקיסט" פרילוצקי אונ דער ציִעניסט ליפסאָנ, די ייִוואָיִשע עטנאָגראפנ אונ דער ראָוו יעשיַע זלאָטניק.

די שארפסטע אָפּווענדונג קעגנ די פאלסיפיצירנדיקע האנאָכעס פונ דער יידישיסטישער פאָלקלאָריסטיק געפינענ מיר אינעמ מאטע-ריאל פונ דער פאָלקלאָר־שאפונג גופע.

וואָרעמ באנאנד מיטנ שטראָמ פונ רעליגיִעזע לידער אונ מייַסעס, רעבייִשע אונ ראבאָנישע מאָפּסימ, וואָס זייַנענ אינ זייער גרעסטער מערהייַט געווענ די שאפונג פונ פאראזיטישע קלעריקאלע שיכטנ אונ פונ די סאמע אָפּגעשטאנענסטע טיילנ פונ דער פאָלקס־מאסע — אכוצ דעמ דאָזיקנ שטראָמ האָט אינעמ יידישנ פאָלקלאָר עקזיסטירט — אונ דאָס פארשווייַגנ געוויינלעכ די יידישיסטנ — א גאנצ ברייטער שטראָמ, גאָר אנ אנדערער, טאקע פונ אנטיקלעריקאלנ פאָלקלאָר: לידער, מייַסעס, אנעקדאָטנ אונ וויצנ, אינ וועלכע עס איז אופגעדעקט געוואָרנ די צוויִעס, פאלשקייַט, פאראזיטארישקייַט אונ עקספּלואטאטערישקייַט פונעמ יידישנ קלער.

דער קליינבירגערלעכער האָרעפּאשניק, אפילע דער פאָרשריטלע-כער, האָט זיכ אדאנק דער באגרענעצטקייַט פונ זייַנ וועלט־באנעמ ניט געקאָנט דערהייבנ ביז צומ באוווּסטזיניקנ אטעיִזמ. דעמ עקספּלואטא-טערישנ פאראזיטישנ טאָכ פונעמ קלער האָט ער אָבער אָפּטמאָל דאפקע יאָ ארויסגעצייכנט באנומענ. ער האָט אימ טאָגטעגלעכ צוגעזענ אונ געפילט אפ זייַנע אייגענע פלייצעס; אונ אויב ער האָט אינ דער רעאלער ווירקלעכקייַט ניט גאָר אָפט געהאט דעמ מוט זיכ אקטיוו אנטקעגנ־שטעלנ דעמ קלער, וואָס איז געשטיצט געוואָרנ דורכנ גאנצנ אפּאראט פונ דער קלאסנ־געזעלשאפט, איז אינ זייַנ פאָלקלאָר-שאפונג זייַנ קעגנשטעלנ זיכ יאָ געקומענ צומ אויסדרוק.

די סאָוועטישע פאָלקלאָריסטיק, וואָס איר צענטראלע אופגאבע איז ווייזנ אונ מארקסיסטיש אנאליזירנ די ווירקלעכע, רעאלע פּראָצעסנ,

וואָס זייַנען פאָרגעקומען אינ דער פאָלקלאָר־שאפונג, וועט דער אופ־
גאבע פונ אופזאמלענ, פארעפנטלעכנ אונ דערקלערנ דעמ אנטיקלע־
ריקאלנ פאָלקלאָר דארפנ אָפגעבנ א גרויסע אופמערקזאמקייַט.

אייַנזייַטיק דערמיט וועט זיכ אונדזער פאָלקלאָריסטיק דארפנ
ערנסט פארנעמענ מיטנ אופווייַזנ די קלאסנ־וואָרצלענ אונ די קלאסעווע
פונקציע פונעמ רעליגיעזנ אונ קלעריקאל־באפארבטנ פאָלקלאָר. די
אופגאבע באשטייט דאָ אינעמ באווייַזנ טאקע אפנ סמאכ פונעמ דאָ־
זיקנ פאָלקלאָר, וויַאזוי די „אידיי וועגנ גאָט האָט ש ט ע נ ד י ק פאר־
שלעפערט אונ צוגעטעמפט די „סאָציִאלע געפילנ", פארבייַטנדיק דאָס
לעבעדיקע אפ נעווילע, זייַענדיק ש ט ע נ ד י ק אנ אידיי פונ קנעכט־
שאפט (פונ ערגסטער, אויסוועגלאָזער קנעכטשאפט)" (לענינ א־נ א
בריוו צו מ. גאָרקינ .Ленинский сборник I, стр. 151.)

---

דאָס גרעסטע אָרט אינ אונדזער איצטיקנ אָפטייל „אנטיקלערי־
קאלע לידער" פארנעמענ לידער געווענדטע קעגנ כסידישע רעביים
אונ כסידים ביכלאל. אינ זייער גרעסטער מערהייַט זייַנען די
דאָזיקע לידער מיסטאמע אנטשטאנענ אינ די 20־ער—70־ער יאָרנ
פונ פאָריקנ יאָרהונדערט, ווענ עס איז אָנגעגאנגענ א שארפער
קאמפ פונ דער האסקאָלע קעגנ דעמ כאסידיזמ. וועגנ דעמ, אז די
דאָזיקע סאטירישע לידער זייַנען דירעקט באווירקט פונ האס־
קאָלע־אידייענ אונ שטימונגענ קאָנ גאָר קיינ סאָפעק ניט זייַנ. די
אווטאָרנ פונ די דאָזיקע לידער אונ אויכ די הייסע פארשפרייטער
זייערע זייַנענ געווענ גענויס די שטעטלשע מאסקילימ, די לערערס,
אקציזניקעס, זייערע אָנגעשטעלטע אאוו. מע דארפ רעכענענ, אז די דאָ־
זיקע סוויווע איז עס געווענ אויכ א י י נ ע ר פ ו נ ד י ק ו א ל נ פונ
וועלכנ עס האָבנ אינ די מאסנ אוועקגעשטראָמט אויכ א גרויסע צאָל
אנטיקלעריקאלע אונ אנטיכסידישע מייַסעס, אנעקדאָטנ, וויצנ אאוו. די
ברייטע פארשפרייטקייַט פונ די דאָזיקע פאָלקלאָר-ווערק איז, אגעוו, א
באווייַז, ווי ווייַט די האסקאָלע האָט מיט יענע פונקטנ פונ איר פראָגראמ,
וואָס זייַנענ געווענ פראָגרעסיוו, באווירקט די מאסנ. [1]

וועגנ דער סוויווע, אינ וועלכער עס זייַנען אופגעקומענ די אנ־

1 זע צו דער טעמע אויכ דאָס קאפיטעלע „דאָס פאָלקלאָר־ליד פונ דער בור־
זשואזער האסקאָלע" אינ א. ראָזענצווייַגס ארבעט „די סאָציִאלע דיפערענציאציע אינ־
נעמ יידישנ פאָלקלאָר־ליד", קיִעוו, 1934. אגעוו, די אנטיכסידישע לידער „קומ אהער,
דו פילאָזאָפ" אונ „מאָשיִעכס צייַטנ", וואָס ראָזענצווייַג (ז. 36—37) דערמאָנט זיי אלס
פאָלקלאָר־לידער זייַנענ אינדערעמעסנ • ליטערארישע לידער, געשריבנ פונ וועלוול
זבאראזשער.

טיכסידישע לידער, אנעקדאָטנ אונ וויצנ, גיט אונדז א שטיקל פּאָר־שטעלונג א ליד פונעמ מאסקילישנ שרײַבער ש. בערנשטיינ אינ זײַנ „מאגאזינ פונ ייִדישע לידער”... (זשיטאָמיר, 1869). דאָס ליד הייסט „יעלאָלאס צאדיקימ” אונ עס שטעלט פּאָר ווי „גוטע ייִדנ” קלאָגנ אפ די ביטערע צײַטנ, וואָס זײַנענ פּאר זיי אָנגעקומענ.

„אפּיקאָרסימ זעט מענ זיכ מערנ,
איבער די וויסטע שולנ.
פּייעס האקנ, שערנ,
בערד פּוצנ, גאָלנ.
זיי זאָלנ אזויגע קלוגע
ניט לאכנ פונ אונדזער קונצ,
זײַנענ זיי דענ מעשוגע,
(זיי) זאָלנ גלויבנ אינ אונדז.

א ביטער שטיקל צײַט
איז אפ אונדז געקומענ.
אפּיקאָרסימ ייִנגעלײַט
האָבנ זיכ אפ אונדז גענומענ,
לוידײַ זיי ריידנ אונ לאכנ,
אונדז גיסט דאָס בלוט ווי וואסער,
באשרײַבנ זיי נאָכ אונדזערע זאכנ
אינ „מייליץ” אונ אינ „קאָל מעוואסער”.

קענ גאָכ זײַנ א סוואָרע,
ס'זאָל אונדז ווערנ בעסער,
אז יעדע נײַע צאָרע
איז פונ דער פריִעריקער גרעסער.
טאקע צווישנ אונדזערע ייִדעלעכ,
וואָס זײַנענ אפ אונדז גרויסע מעווינימ,
מאכנ אפ אונדז לידעלעכ
אונ זינגענ מיט אונדזערע ניגונימ”.

די דאָזיקע קופּלעטנ זײַנענ אינטערעסאנט ניט נאָר דערמיט, וואָס זיי שילדערנ די סוויווע, ווו עס איז אופגעקומענ א גרויסער טייל פונ די אנטיכסידישע לידער; זיי ווײַזנ אונדז אויכ די ראָל פונעמ אנטיכסידישנ ליד אינעמ קאמפּ פונ דער האסקאָלע קעגנ כאסידיזמ. בערנשטיינ לאָזט דאָ די כסידישע רעביימ פארעכענענ די סאטירישע לידעלעכ אלס דאָס גרעסטע בייז; אזוי האָט, אפּאָנעמ, געשאצט דעמ ווערט פונ די אנטיכסידישע לידער ש. בערנשטיינ אליינ, א מענטש, וואָס איז זיכער געווענ באקאנט מיט די ווירקלעכע פארהעלטענישנ. אונ אויב אפילע זײַנ מיינונג איז עטוואָס

איבערגעטריבן, איז זי אָבער פּאַרט מיסטאמע נאָענט צום עמעס. ווייל פון אלע ליטעראַרישע זשאַנרען, וואָס די האסקאָלע האָט פּראַקטיקירט אין איר קאַמף קעגן כאסידיזם, איז דער זשאַנער פונעם סאַטירישן ליד געווען דער שלאָג-קרעפּטיקסטער איבער זיין פּאָפּולערקייט און איבער זיינע שנעלע פאַרשפּרייטונג-מעגלעכקייטן.

עס וועט געוויס ניט זיין קיין גוזמע צו זאָגן, אַז פּאָפּולערער פון אלע אנדערע אנטיכסידישע ווערק פון דער האסקאָלע, זיינען געווען די אנטיכסידישע לידער פון וועלוול זבאַראַזשער, מ. גאָרדאָן, גאָלדפאַדן אאַ. ביז אפן היינטיקן טאָג אפילע קורסירן נאָך אין די מאסן פאָלקלאָרישע איבעראַרבעטונגען פון די דאָזיקע לידער. עס קאָן אויך קיין ספק ניט זיין, אַז דאָס מאסקילישע ליטעראַרישע אנטיכסידישע ליד האָט באַדייטנד געווירקט אפן אינהאַלט און אויס-פּורעמונג פונעם פּאָלקלאָרישן אנטיכסידישן ליד. (זע „באמער-קונגען און צוגאָבן" ז. 326–331).

די פאָלקלאָרישע אנטיכסידישע לידער צייכענען זיך אויס מיט א שאַרפן סאַטירישן טאָן קעגן דעם פּאַראַזיטישן, עקספּלואַטאַטערישן שטייגער פון די רעביים און כסידים בכלל, און טאַקע דערפאַר האָבן זיי ניט גוויסע־כיין געווען אין אנסקיס אויגן, וואָס האָט אין איינעם אַן אַרטיקל זיינעם מיט באַדויערן קאָנסטאַטירט: „צוגלייך מיט די אַלטע אָריגינעלע כסידישע לידער, ווערט אויך געזונגען דאָס וואולגאַרישע אנטיכסידישע ליד, ווי אשטייגער:

„דער רעבע פּאַרט,<br>
דער רעבע פּאַרט,<br>
דער רעבע איז שוין געקומען.<br>
טרינקט'ן בראָנפן אפן קוואָרט,<br>
דאָס איז דער בעסטער סימען".

וואולגאַריש, — ווי אנדערש האָט דער רעאַקציאָנעדער ראָמאַנטיקער געקאָנט באַצייכענען לידער, וואָס רייסן אַרונטער יענעם מיסטיש־רע-ליגיעזן ראָמאַנטישן שלייער, אין וועלכן ער אין זיין־גלייכן האָבן דעם כאסידיזם, די כסידישע רעביים און דעם גאַנצן כסידישן שטייגער איינגעהילט.

די שאַרפסטע פיילן זיינע ווענדט דאָס אנטיכסידישע ליד קעגן דעם רעבן. אינעם רעבן ווערט אָפּגעצייכנט, פריער פאַר אלץ זיין געלט־גיריקייט:

„דאָס ווייסט דאָך יעדערער אין דער וועלט,<br>
אַז סאָכרים צום רעבן פּאָרט (!)<br>
סאָכרים צום רעבן א פּידיען גיט,

גיט דאָס דעם רעבן א ברי.
ער גיט זיך קעגן זיי א קנייטש
און זאָגט זיי צו;
„גיי, גיי אָן מוירע
מיטן רעבנס גליק,
אָן מאָרעשכוירע
מיטן רעבנס גליק" (זע ווײַטער, ז. 133, נומ. 1).

דער זעלבער קופלעט כאַזערט נאָכדעם איבער „דאָס ווייסט דאָך יעדערער אין דער וועלט, אז דער גאַנעוו צום רעבן פאָרט"... און אויך דעם גאַנעוו וויבאַלד נאָר ער גיט א פידיען, זאָגט דער רעבע צו: „גיי, גיי אָן מוירע" אאַוו.

מיט דער קעגנשטעלונג סויכער—גאַנעוו, וואָס ביידע פאָרן צום רעבן, האָט דאָס ליד טרעפלעך אונטערגעשטראָכן צוויי מאָמענטן: 1) דעם רעבנס גלײַכגילט צו דעם קוואַל פונוואַנען ער שעפּט געלט, — זאָל זײַן אפילע פון א גאַנעוו, 2) דעם קאָמישן מאָמענט — דער רעבע זאָגט צו דעם גאַנעוו, וואָס דאַרף גאַנווענען באַם סויכער, די זעלבע גליקן, וואָס דעם סויכער.[1] דעם מאָטיוו פון רעביישער געלט־גײַציקײַט טרעפן מיר אויך אין אַנדערע פאָלקלאָר-לידער און באַזונדערס אָפּט אינעם אַנטיקלעריקאַלן וויץ און אַנעקדאָט.

א צווייטער אָפּטער מאָטיוו אינעם אַנטיכסידישן ליד — און אויך אינעם אַנעקדאָט און וויץ — איז כויזעק איבער רעביישע „מאָפּסים". די לידער פון דעם מין זײַנען, געוויינלעך, געבויט אפן קאָמישן עפעקט, וואָס באַקומט זיך אַדאַנק די אומגעריכטע רעזולטאַטן פון רעביישע „מאָפּסים". נאָך איינער א פונקט, אין וועלכן עס שלאָגט באַזונדערס שטאַרק דאָס אַנטיקלעריקאַלע ליד איז די עראָטישע אויסגעלאַסנקײַט פונעם רעבן און פון דער גאַנצער פרום־צוויאַקישער קנופיע, א שטריך, וואָס דער פאָלקלאָר אויך פון אַנדערע פעלקער באַמערקט און שטרײַכט אונטער באַ זײַנע „גײַסטלעכע".

די פאָלקלאָרישע אַנטיכסידישע לידער געהערן ביכלאַל גענומען צום זשאַנער סאַטירישע שטײַגער-לידער. מע דאַרף פאַרצייכענען, אז דאָס אַנטיכסידישע ליד האָט אפ זײַן אויפן גאַנץ קונציק, אויסגענוצט יענע אויסדרוק־מעגלעכקײַטן, וואָס דער דאָזיקער פאָלקלאָרישער זשאַנער גיט. לויט זײַער סאַטירישער שלאָגקראַפט, מײַסטערישקײַט אין דער שילדערונג און פײַן־אויסגעדריקטער איראָניע, דערמאָנען

1) ענלעך צו דעם באַ אקסנפעלדן אין דער „געוואַרטער וועלט". אין איינער און דער זעלבער צײַט זאָגט דאָרטן דער רעבע צו—גלײַכן דעם „פּראָסטן רענדאַר" וואָרעמס וועטערן און שויעל אָסטרער, דעם וואַלדסויכער, — שטאַרקע פּרעסס.

די בעסערע אנטיכסידישע פאָלקלאָר-לידער אָנ די אנטיקלעריקאַלע לידער פונ בעראנזשע.

דאָס פאָלקלאָרישע ליד האָט דאָ געכויזעקט פונ א באשטימטנ שטייגער, עס האָט אימ באדארפט וויַזנ, אונ עס האָט אימ געוויזנ. מיר געפינענ דאָ אָנגעהויפנט א היפּשע צאָפ שטייגער-בילדער אינעמ רעבייִשנ הויפ אונ אינ דער כסידישער סוויווע, שארפ אופגעכאפּטע אונ מיט קינסטלערישנ טאקט פארפיקסירטע טנועס אונ גענג פונ דער דאָזיקער סוויווע („גיט דאָס דעמ רעבנ א ברי, ער גיט זיכ קעגנ זיי א קנייטש אונ זאָגט זיי צו"). — אמאָל איז דאָ דאָס שטייגערישע בילד, עמעס, סכעמאטיש, עס ווערט אָבער באלעבט דורכ דער שארפער סאטירישער שטימונג אונ דער צילגעווענדקייט פונעמ ליד. שפּאָט אונ כויזעק זייַנענ דאָ קונציק איבערגעוועבט מיט אנ אָנשטעל פונ נאיִווקייט אונ פרומקייט אונ דאָס פארשטארקט נאָכ מער דעמ סאטירישנ עפעקט. אינעמ ליד וועגנ דעמ רעבנס מאָפּסימ, לעמאָשל, קומענ צוערשט די פערזנ:

„איינ גרויסע מיצווע איז פונעמ רעבנ צו שמועסנ,
א גרויסע זאכ.
זייַנע מאָפּסימ, אז איר ווילט וויסנ
הערט מיכ אויס, איכ קאָנ א סאכ".

ערשט דערנאָכ, נאָכ דעמ פרומלעכנ אָנשטעל, מיט וועלכנ דער זינגער האָט אזויווי „ארייַנגענארט" דעמ צוהערער, קומענ אומגעריכט די כויזעקמאכערישע אנטיקלעריקאַלע פערזנ. „אנ אוישער אָנ קינדער" איז געקומענ צומ רעבנ בעטנ, ער זאָל אימ „מאַפטיעכ זייַנ" א קאדעש, א זונ; אונ „א געפערלעכער כוילע אנ אָרעמאנ" איז געקומענ בעטנ באמ רעבנ א רעפוע — אויסגעלאָזט האָט זיכ, אז „דער אוישער האָט געהאט א רעפוע א ווילע, א קאדעש האָט געלאָזט דער אָרעמער כוילע". אונ פונקט ווי גאָרניט איז ניט געשענ, קערט זיכ דאנ דער זינגער ווידעראמאָל אומ אינעמ רעפרענ צוליב נאָכ שטארקערער סאטירישער איינדרוקלעכקייט צו זייַנ „פרומלעכנ" אָנשטעל; נאָכ די פריִערדיקע פערזנ וועגנ דעמ אוישער מיטנ כוילע קלינגט דאנ די „פרומלעכקייט" אינעמ רעפרענ באזונדערס שפּאָטיש:

„אוי, וויי, עס איז א כויפעס,
טאקע פונ דעמ רעבנ אליינ,
דעמ רעבנ וויל, דעמ רעבנ גוט,
דעמ רעבנס נעס איז דאָס געווענ" (זע ווייַנער, ז. 134, נומ. 4).

אגעוו, איז דער דאָזיקער פאראָדירנדיקער אָנשטעל אָנגעווענדט געוואָרנ אויכ אינ די מ ע ל אָ ד י ע ס פונ די אנטיכסידישע לידער, וואָס זייַנענ גאנצ אָפט געבויט לויטנ מוסטער (אונ אמאָל זייַנענ זיי

טאקע דירעקט איבערגענומענ) פונ כסידישע געזאנגענ. די רעביים, אינ אויבנ ציטירטנ ליד בערנשטיינס, קלאָגנ אפ יונגעלייט, וואָס „מאכנ אפ אונדז לידעלעכ אונ זינגענ מיט אונדזערע ניגונים". די צו־בויפאסונג פונ א „פרומער" כסידישער מעלאָדיע מיט אנ אנטיכסידישנ טעקסט האָט ארויסגערופנ דורכנ קאָנטראסט א שטאַרק קאָמישנ אײַנ־דרוק.

אנטשטאנענ צום גרעסטנ טייל אינ דער סוויווע פונ שטעטלשע מאסקילישע יונגעלײַט, זײַנענ די אנטיכסידישע לידער דערנאָכ ארײַנ־געדרונגענ אינעם רעפערטואר פונ די האָרעפאשנע מאסנ. דאָ האָט מענ זיי ווארייִרט, באארבעט, צוגעגעבנ אונ אראָפגענומענ פערזנ — צו־געפאסט צום שטייגער פונעם פאָלקלאָר־ליד. מיר טרעפנ דעריבער צווישנ דעם אנטיכסידישנ פאָלקלאָר־געזאנג גאנצע לידער (לעמאָשל, דאָס באקאנטע ליד „א כאָסיד איז געגאנגענ איבער וועגנ") אונ אינ באזונדערע לידער איינצלנע פערזנ אונ ווענדונגענ, וואָס זײַנענ גע־בויט לויטנ מוסטער פונ די עלטסטע אונ טיפישסטע יידישע פאָלקלאָר־לידער. מיר וועלנ דאָ ציטירנ אלס א בײַשפּיל פאָלגנדיקע פערזנ פונעם ליד וועגנ רעבנס מאָפּסים (זע ווײַנער, ז. 136, נומ. 5).

„וויאזוי ער איז אָפּגעזעסנ באַם רעבנ א יאָר,
אזוי איז ער ניט געוואָרנ קיינמאָל קלאָר".

אָדער אינ דעם זעלבנ ליד

„וויאזוי ער האָט דעם רעבנ צוגעהערט,
אזוי האָט ער זיכ אפ די קריזשעס איבערגעקערט".

„וויאזוי" באַם אָנהייב פונ ערשטנ פערז אונ „אזוי האָט ער זיכ" — באַם אָנהייב צווייטנ פערז איז א ווענדונג א טיפּישע, וואָס מיר טרעפנ זי אָפט אינ דער יידישער פאָלקלאָר־דיכטונג. דאָס אויבנ־ציטירטע ליד „דאָס ווייסט דאָכ יעדערער אינ דער וועלט" איז געבויט מיטנ מעטאָד פונ איבערכאזערונגענ, וואָס איז אויכ, ווי באקאַנט, זייער כאראקטעריסטיש פארנ פאָלקלאָר־ליד.

די צאָל ביז איצט פארפיקסירטע אנטיכסידישע פאָלקלאָרישע לי־דער איז ניט קיינ גאָר גרויסע. צו יענער צײַט, ווענ די טעמאטיק פונ די דאָזיקע לידער אינ געווענ אקטועל, האָבנ זיי אָנ סאָפעק קורסירט אינ א אומפארגלײַכלעכ גרעסערער צאָל. אָבער שוינ לויט די פאראנענע פארפיקסירטע לידער פונ דעם מינ לאָזט זיכ זאָגנ, אז דאָס איז גע־ווענ א צווײַג אינעם פאָלקלאָר־ליד, וואָס האָט אינעם קאמפ מיט די פעאָדאלע רעשטנ אינ דער יידישער סוויווע אָפּגעשפּילט א באשטימטע ראָליע. פאר אונדז האָט דער דאָזיקער פאָלקלאָר־צווײַג נאָכ דעם באזונדערנ באטײַט, וואָס ער שפּיגלט אָפּ איינע א פראָגרעסיווע

זײַט אין דער אידעאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע פון די האַרעפּאַשנע מאַסן.[1]

קימאַט אַלע אַנטיקלעריקאַלע לידער, וואָס מיר ברענגען אין אונדזער איצטיקער זאַמלונג, און אויך די, וואָס זײַנען ביז איצט פאַרעפנטלעכט אין אַנדערע זאַמלונגען, זײַנען געווענדט ספּעציעל קעגן כסידישן קלער, קעגן דעם כסידישן רעבן. אין פאַרשיידנערליי פאָלקלאָר־לידער (אין די רעקרוטן-לידער, אַרבעטער־לידער אאַ.) געפינען מיר איינצלנע סטראָפן און פּערזן, וואָס זײַנען געווענדט ניט נאָר קעגן כסידישן רעבן, נאָר אויך קעגן דעם ראָוו און דעם קלייקוידעש ביכלאַל (אינעם אַרבעטער־פאָלקלאָר זײַנען די דאָזיקע מאָטיוון ניט נאָר אַנטיקלעריקאַל, נאָר אויך אַנטירעליגיעז). אָבער קיין לידער, וואָס זאָלן גאַנצערהייט דווקא זייער אינהאַלט געווענדט זײַן קעגן דעם ראָוו אָדער דעם קלער ביכלאַל, פּונקט אַזוי ווי די פאָלקלאָרישע אַנטי-כסידישע לידער זײַנען גאַנצערהייט געווענדט קעגן כסידישן רעבן — אַזעלכע לידער[2] זײַנען ביז איצט זייער ווייניק פיקסירט געוואָרן.

דאָס באַטײַט אָבער ניט, אַז זיי זײַנען אין דער ווירקלעכקייט געווען זייער זעלטן, פאַרקערט, מיר פאַרמאָגן באַשטימטע ידיעות וועגן דעם, אַז אַזעלכע לידער זײַנען אינעם האַמוין געשאַפן און געזונגען געוואָרן. מיר האָבן דאָ אין זינען דאָס באַקאַנטע אָרט אין „שלוימע רעב כאַיִמס", וווּ מענדעלע גיט אַ כאַראַקטעריסטיק

---

1 עס איז דאָ בייטיק צו באַמערקן, אַז אין די שפּעטערדיקע יאָרן, נאָך דעם, ווי דער קאַמף צווישן האַסקאָלע מיטן כאַסידיזם איז געוואָרן אויס אַקטועלע טאַטזאַכ, זײַנען די אַנטיכסידישע לידער באַנומען געוואָרן ווי ביכלאַל אַנטיקלעריקאַלע. „כאָסיד" האָט דעמלט אָנגעהויבן באַטײַטן ביכלאַל אַ פרומאַק, און דעם כילעק צווישן רעבן און ראָוו האָט מען זיך, געוויינלעך, זייער שוואַך פאָרגעשטעלט.

2 אַ מוסטער פון דעם מין לידער:

„אַמאָל איז געווען אַ באַלעבאָס,
האָט ער געהאַט אַ ציג אָן אַ באָז.
די ציג איז געווען אָן אַ באָז און אָן אַ האָרן,
אַף אַלע דײַטשן געזאָגט געוואָרן.
די ציג איז דול און מעשוגע געוואָרן,
האָט די רעבעצן גענומען דעם גראָבן סידער צו זאָגן,
האָבן די ווײַבער אָנגעהויבן צו יאָמערן און קלאָגן,
איז מען געלאָפן צום ראָוו אַ שײַלע צו באַלייגען,
האָט דער ראָוו געפּאַסקנט, אַז אַלע ווײַבער זאָלן האַלטן,
און די רעבעצן זאָל קלאָגן און וויינען"

(מינסקער „צײַטשריפט" ב. 2-3, שפּאַלט 821, נום. 7).

„אַף אַלע דײַטשן געזאָגט געוואָרן"—באַטײַט דאָ—קלוימערשט—אַף אַלע אַפּיקאָרסים געזאָגט געוואָרן (אַגעה, אַ באַווײַז, אַז אויך דאָס דאָזיקע ליד איז געשאַפן אין דער מאַסקילישער סוויווע), אַ וואַריאַנט פונעם דאָזיקן ליד זע ווײַטער, ז. 144, נום. 14.

פון דעם אינהאלט און די מאָטיוון פון פאָלקלאָר־לידער, וואָס זיינען געשאפן געוואָרן אין דער באַלמעלאָכישער סוויווע.[1] „דאָרט בא די פויאַלים־שרײַבט מענדעלע—ווערן אָפט געזונגען לידלעך, אייגענע ארבעט טאקע, וואָס גייען דערנאָך ארויס אפ דער וועלט, צווישן אוילעם, פאלן ארײַן אין מויל צו מיידלעך, דינסטמיידלעך און באַקומען דעם נאָמען „פאָלקסלידלעך"... צווישן די לידלעך איז דאָ פיל איבער נעגידים, קאָהאָלס־לײַט און קלייקוידעש, אין וועלכע זיי רעכענען זיך אָפ מיט די אלע פײַנע־בעריעס פאר די צאָרעס און ליידן, וואָס זיי שטייען פון די לײַט אויס און לאָזן אויס צו זייער קאָפ אלדאָסבייז מיט שארפע ווערטלעך און שפּיציקע שטעכווערטלעך. יענע הייסן בא זיי: יאָלדן, שמעלקעס, דאָס אויבערשטע פון שטויסל, צימעס, לאָקש, קאפּהאָנ־דאָס, שיינע־ריינע־מוירײַנעס". מענדעלע זאָגט דאָ גאנץ דײַטלעך, אז לידער געווענדטע קעגן „נעגידים, קאָהאָלס־לײַט און קלייקוידעש" זײַנען געווען א פארשפּרייטע זאך. פון די עטלעכע ווערטער, מיט וועלכע מענדעלע כאראקטעריזירט דעם אינהאלט פון די דאָזיקע לידער, קאָן מען זיך אויך גאנץ לײַכט פאָרשטעלן דעם קינסטלערישן כאראקטער זייערן: דאָס זײַנען געווען, ווי עס זעט אויס, דעריקער סאטירישע לידער. וואָס זשע איז די סיבע דערפון, וואָס די סאטירישע לידער וועגן קלייקוידעש (און טאקע אויך וועגן די נעגידים און קאָהאָלס־לײַט) זײַנען דערגאנגען צו אונדז אין א סאך א קלענערע צאָל ווי די אנטיכסידישע לידער?

מע דארף רעכענען, אז די סיבע שטעקט דאָ אין א באשטימטן מין צענזור, וואָס די פאָלקלאָר־שאפונג, האָט פאָרט געהאט אויסצושטיין פון די הערשנדיקע קלאסן, ניט געקוקט אפ איר מינדלעכן פארשפּרייט־אויפן. איינער פון די אָנגעזעענסטע זאמלער און פון די בעסטע קענער פונעם רוסישן פאָלקלאָר־ליד פ. שיין האָט זיך אָנגעשטויסן אין זײַן ארבעט אפ דער דערשײַנונג, אז אינעם רוסישן פויערישן לידער־פאָלקלאָר זײַנען פאראן פארהעלטניסמעסיק ווייניק—יעדנפאלס א סאך ווייניקער ווי מע האָלט עס געקאָנט דערווארטן—לידער געצילטע קעגן פאָרעץ און לײַבייגנטום. שיין דערקלערט די דאָזיקע דערשײַנונג אפ אזא מין אויפן: זינגען אין דאָרף לידער קעגן דעם פאָרעץ איז פאָשעט געווען געפערלעך.[2] די צונויפ-

1 זע „באמערקונגען און צוגאָבן" ז. 331־336

2 זע שיינס ארטיקל „Крепостное право в нар. песнях" אינעם זשורנאל „Русская старина" 1886 № 2 עס זײַנען באקאנט פאקטן, ווען מע האָט פויערים געשמיסן פאר זינגען אנטיפריצישע פאָלקלאָר־לידער. אינטערעסאנטער מאטעריאל צו דער טעמע וועגן דער ווירקונג פון דער צענזור פון די הערשנדיקע

שטעלונג אונ דערנאָכ די פארשפרייטונג פונ אזוינע לידער איז טאָרמאָזירט געוואָרנ דורכנ גאנצנ רעזשים פונ דער פריצישער הערשאפט, וואָס האָט אומבעראכמאָנעסדיק געשטיקט יעדע פרײַע באשטרעבונג פונעמ לײַבייגענעמ. אפ אנ ענלעכנ אויפנ דארפ דערקלערט ווערנ אויכ דער פאל מיט וועלכנ מיר האָבנ דאָ צו טאָנ. דאָס אנטיכאסידישע ליד האָט נאָכ ווי-ס'ניט-איז געקאָנט געדולדעט ווערנ פונ די הערשנדיקע גרופעס אינ דער יידישער סוויווע. פונ א געוויסער גרופע נײַ־אנטשטאנענער בורזשואזיע, וואָס איז אלײנ געווענ אריינגעטאָנ אינעמ קאמפ מיטנ כאסידיזמ, איז אזא מינ פאָלקלאָר אפילע געשטיצט געוואָרנ. דער בייזער שפּאָט פונעמ פאָלקלאָרישנ ליד איבער א כסידישנ רעבנ איז דורכ די דאָזיקע קרײַזנ ניט באנומענ געוואָרנ, ווי אנ ארויסטרעטונג קעגנ קלער ביכלאל (כאָטש בא די האָרעפאשנע מאסנ האָט דער דאָזיקער שפּאָט גאנצ אָפט יאָ געהאט אזא באטײַט), נאָר ווי אנ ארויסטרעטונג בלויז קעגנ א באשטימטנ סעקטאנטישנ מינ קלער. אנדערש אָבער איז עס מיט לידער, וואָס זײַנענ געווענדט געווענ קעגנ דעמ אָפיציעלנ „רעגולערנ" קלערוס — דעמ ראָוו אונ די קלייקוידעש. אזוינע לידער האָבנ דורכ די הערשנדיקע קלאסנ געמוזט באנומענ ווערנ, ווי אנ ארויסטרעטונג קעגנ די „גרונטלאגנ", „גרונטפרינציפנ" פונ דער געזעלשאפט ביכלאל אונ פונ „יידישנ לעבנ" ביפראט.

## 5. ליבע-לידער

אינ עטלעכע ערטער פונ זײַנ בוכ „די אָפשטאמונג פונ דער מישפאָכע, פריוואט־אייגנטומ אונ מעלוכע" שטרײַכט ענגעלס אונטער, אלס איינעמ אנ אויספיר פונ זײַנ פאָרשונג, דעמ געדאנק, אז עמעס אופריכטיקע ליבע צווישנ געשלעכטער איז אינ דער קלאסנ-געזעלשאפט, דערעכ-קלאל, מעגלעכ בלויז בא די אונטערדריקטע אונ עקספלואטירטע קלאסנ. בא די הערשנדיקע קלאסנ ווערנ די באציונגענ צווישנ געשלעכטער באשטימט אינ דער ערשטער ריי אונ דעריקער פונ עקאָנאָמישע מאָטיווג. „אינ דער פראקטיק פונ די הערשנדיקע קלאסנ, — שרײַבט ענגעלס, — האָט זיכ פונ סאמע אָנהייב גערעכנט פאר אומדערלאָזבאר, אז די קעגנזײַטיקע סימפאטיע פונ די צדאָדימ זאָל זײַנ דער גרונט-יעסאָד פונעמ הייראטנ. עטוואָס ענלעכס האָט געוווסט בלויז די ראָמאנטיק אונ... די אונטער־

---

קלאסנ אפ דער פאָלקלאָר־שאפונג געפינט זיכ אינעם ארטיקל פונ פראָפ. פיקסאנאָוו „Социально-политические судьбы песен о Степане Разине" געדרוקט אינעם זאמלבוכ Художественный фольклор I, Москва, 1926.

דריקטע קלאסנ."[1] אינ א צווייט אָרט שרייבט ענגעלס: „דער הערשנדיקער קלאס בלייבט פארקנעכטעט דורכ געוויסע עקאָנאָמישע ווירקונגענ אונ ווייסט דעריבער בלויז אינ אויסנאַם-פאלנ פונ ווירקלעכ פריי-געשלאָסענע הייראַטנ, בעשאס וועג זיי זיינענ, ווי מיר האָבנ געזענ, א קלאל באַם אונטערדריקטנ קלאס".[2] אונ ענדלעכ אינ א דריט אָרט: „די געשלעכטלעכע ליבע צו א פרוי ווערט ווירקלעכ אונ קאָנ ווערנ א קלאל בלויז צווישנ די אונטערדריקטע קלאסנ".[3]

ווענ מיר טראכטנ זיכ איינ אינעם טיפנ זינ פונ די דאָזיקע פעסטשטעלונגענ ענגעלסעס, ווערט פאר אונדז קלאָר יענע שעפע פונ ליבע-לידער, וואָס מיר טרעפנ זי אינ דעם פאָלקלאָר. מיר באקומענ דאָ אויכ א דערקלערונג פאר דער קינסטלערישער קראפט פונ די דאָזיקע פאָלקלאָרישע ליבע-מאָטיוונ, וואָס ווערט פריער פאר אלצ באשטימט דורכ זייער טיפער מענטשלעכקייט, עמעסדיקייט אונ אופריכטיקייט.

די יידישע פאָלקלאָרישע ליבע-ליריק געהער אָנ סאָפעק צו די שענסטע אונ אויכ רייכסטע צווייגנ אינעם יידישנ פאָלקלאָר. דורכ די, פארנ פאָלקלאָר אייגנטימלעכע, קונסט-מיטלענ, מיט דער פאָשעטקייט אונ קלאָרקייט, וואָס איז כאראקטעריסטיש פאר עכטע קונסטווערק, זיינענ אינעם ליבע-ליד אויסגעדריקט געוואָרנ די אינטימסטע, צארטסטע אונ איידלסטע געפילנ אונ עמפינדונגענ, איז אָפגעשפיגלט געוואָרנ די עמעסע אופריכטיקע אונ טיפ-ליידנשאפטלעכע ליבע, אזויווי זי איז פאָרגעקומענ אונ מעגלעכ געווענ נאָר אינ דער האָרעפאשנער סוויווע.

דאָס פאָלקלאָרישע ליבע-ליד איז זייער פארשיידנארטיק אינ זיינ קינסטלערישנ אויסדרוק. עס איז אמאָל לירישע צארט, הארציק ווייכ, אמאָל אָבער אויכ ליידנשאפטלעכ צאָרנדיק אונ גאָר אמאָל וויצלדיק אונ שפילעוודיק. דאָס ליבע-ליד איז געוויינלעכ הויכ-דראמאטיש לויט זיינ סוזשעט, פול מיט שארפסטע לעבנ-קאָליזיעס, עס הויכט פונ דעם דער אָטעם פונ עמעסנ האמוינישנ לעבנ מיט זיינע וויייטעקנ, האָפענונגענ אונ ליידנשאפטנ.

ווי פריש אונ אופרייסעריש האָבנ עס געמוזט ווירקנ די דאָזיקע דורכויס ערדישע רעאליסטישע מאָטיוונ פונ האמוינישער ליבע צוריק מיט א יאָרהונדערט, אָדער גאָר נאָכ פריער — אינ דער פארדומפענער

---

1 Энгельс „Происхождение семьи, частной собственности и государства“, Партиздат, 1932, стр. 79.

2 דאָרטנ, ז. 81.

3 דאָרטנ, ז. 71.

סוויווע פונעם קליינעם יידישן שטעטל, וואָס האָט נאָך געשטעקט טיף אינעם מיטלאַלטער! די דאָזיקע ליבע-ליריק האָט דאָך באַטייט בונט קעגן דער אסקעטישער רוכניעסדיקייט, וואָס די רעליגיע האָט געפּריידיקט.

דער פאָלקלאָר האָט זיך אויך אין דעם פאַל אַרויסגעוויזן פאַר א סאַך פאָרגעשריטענער, געוואַגטער פון דער ליטעראַרישער יידישער דיכטונג, וואָס האָט קימאַט ביז צום סאָף XIX יאָרהונדערט זעלטנ-ווען אמאָל באַהאַנדלט מאָטיוון פון ליבע. עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אַפילו אין די פאַרשיידנערליי געדרוקטע לידער-ביכלעך, וואָס זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרן פאַרן „פאָלק" פון קאָלערליי באַדכאָנים, גאַסנזינגער אאוו., פעלט לאַכלוטן דער ליבע-מאָטיוו.

די סוויווע, וואָס עס מאָלט דאָסראָוו פאָלקלאָרישע ליבע-לידער, איז די סוויווע פון דער האָרעפּאַשנער יוגנט. די פאַרשוינען, וואָס ווערן דערמאָנט אינעם ליד, זיינען געוויינלעך שניידער, שוסטער, פּריקאַשטשיקעס, אַרבעטער-מיידלעך אאוו. זייער אָפּט טרעפן מיר אין דעם ליד אַזוינע פערזן ווי: „איך האָב מיך פאַרליבט אין א שוסטער-יינגעלע" (ג. מ. נום. 211) „איך האָב פאַרפירט א ליבע מיט א שניידער-יונג" (ג. מ. נום. 224), „זיצן זיץ איך בא מיין אַרבעט" (זע ווייטער, ז. 191, נום. 52), „אַפ מאָרגן גיי איך צו מיין אַרבעט, זע איך מיין געליבטן מיט א צווייטער גיין" (קאַהאַן I ז. 168). די צאָל פון אַזוינע ביישפּילן וואָלט מען לייכט געקאָנט פאַרמערן. מיט א געוויסן רעכט קאָן מען זאָגן, אַז אויך אופגעקומען, באַשאַפן געוואָרן זיינען די פאָלקלאָרישע ליבע-לידער מערער פאַר אַלץ אין דער האָרעפּאַשנער סוויווע.

די גרונט-טעמע פונעם יידישן פאָלקלאָרישן ליבע-ליד איז ניט אַזוי די פרייד פון געזונטער, גליקלעכער ליבע, ווי די ליידן פון אומגליקלעכער, צוליב פאַרשיידענע סיבעס (דעריקער סאָציאַלע) ניט צו שטאַנד געקומענער ליבע, די ליידן פון צעשיידונג, בענקעניש און כאַראָטע. די לידער וועגן צעשיידונג און בענקעניש צייכענען זיך אויס מיט א באַזונדערער לירישקייט. מיר וועלן דאָ ציטירן גאַנצער-הייט איינס אַזא כאַראַקטעריסטיש ליד:

„דו פאָרסט אוועק אין א פרעמדר לאַנד,
מיט קיין פרעמדע מענטשן ביסטו ניט באַקאַנט,
נאָר פאָרן פאָרסטו ניט יווילנדיק,
פאַרברענגען זאָלסטו דאָרט ניט אומעטיק.

דו פאָרסט אוועק, דו געזעגנסט זיך מיט מיר,
טייכן טרערן גיס איך אָן א שיר.

טײַכן טרערן גיס איך אָן אַן עק, —
מײַן בעסטער פֿרײַנט פֿאָרט פֿון מיר אַוועק.

איך וועל דיך קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן,
סײַ באַם טרינקען, סײַ באַם עסן,
דײַן שיינעם פּנים מיט דײַן איידלקייט
וועל איך געדענקען אַ לאַנגע צײַט"

(זע ווײַטער ז. 149, נומ. 2).

אינעם דאָזיקן ליד, ווי אויך אין פֿיל אַנדערע פֿון דעם מין איבעראַשט די פֿולשטענדיקע קלאָרקייט פֿון דער דיכטערישער עמאָציע, פֿונעם וואָרט און בילד, די אָפּוועזנהייט פֿון יעדער מין פּרעטענציעזקייט, די פֿאַרגאַנצטקייט אין דער לירישער שטימונג, וואָס ווערט ניט געשטערט פֿון קיינע זײַטיקע מאָמענטן, די טיפֿע אופּריכטיקייט, וואָס לאָזט זיך פֿילן אין יעדער וואָרט באַזונדער און אין דעם ליד אינגאַנצן גענומען. באַם לייענען די דאָזיקע לידער וועלן מיר ניט האָבן קיינמאָל דאָס געפֿיל פֿון עפּעס ניט עכטס, פֿון אויסגעטראַכטס. די טיפֿע אופּריכטיקייט פֿונעם ליבע-ליד ווערט אַמאָל אונטערגעשטראָכן דורך אַ באַשטימטער נאַיוויקייט אינעם אויסדרוק. „ער האָט צו מיר אַזעלכע רייד גערעדט", — זינגט זיך אין איינעם אַ ליד.

„ער האָט צו מיר אַזעלכע רייד גערעדט,
ס'האָט מיר אָנגעכאַפּט היץ און קעלט,
ער האָט צו מיר אַזעלכע רייד גערעדט...
אוי, גוואַלד, ס'אַרא פֿאַלשע וועלט"

(קאַהאַן I, ז. 198, נומ. 4).

און גראָד אָט דער נאַיווער אויסרוף „אוי, גוואַלד, ס'אַרא פֿאַלשע וועלט!", וואָס קומט ווי אַ פֿאַרסאַכאַקלונג פֿון דער שווערער שטימונג באַם מיידל — און וואָס וואָלט ערגעץ אַנדערש-ווו (צומבײַשפּיל, אין אַ ליטעראַריש ליד) געקלונגען גאָר קאָמיש, — שטרײַכט דאָ אונטער די טיפֿקייט און אופּריכטיקייט פֿונעם געפֿיל.

אַ באַזונדער אָרט פֿאַרנעמען צווישן די לידער וועגן צעשיידונג יענע, אין וועלכע עס קלינגען אָפּ שאַרפֿע סאָציאַלע טענער, ווו די צעשיידונג פֿון די געליבטע קומט פֿאָר צוליב סאָציאַלע און עקאָנאָמישע סיבעס. דער באַוואָלטער צאַד איז דאָ, געוויינלעך, די פֿרוי, וועמען איר געליבטער דערקלערט, אַז ער קאָן זי ניט נעמען, ווײַל „זי שטייט ניט אָן זײַן מאַמען פֿאַר קיין שנור", אָדער גאָר אָפֿן „ווײַל איר טאַטע איז אַ גרויסער אָרעמאַן". מיט בייזן צאָרן און פֿאַרביטערטן סאַרקאַזם פֿאַרשעלט אַמאָל דאָס מיידל די אַלע, וואָס זײַנען שולדיק אין איר אומגליק:

„און דײַן טאטע, דײַן טאטע, געלײמט זאָל ער ליגן,
אף זײַנע פיס זאָל ער ניט קאָנען גײן,
בלינד זאָל ער װערן, אז מע זאָל אים דארפן פירן,
און א נעדאָװע זאָל ער קומען צו מיר בעטן.

און אז ער װעט קומען א נעדאָװע צו מיר בעטן,
אופנעמען װעל איך אים פארן שײנעם גאָסט,
א שײנע נעדאָװע װעל איך אים נאָך געבן
דערפאר, װאָס ער האָט מיר זײַן זון ניט צוגעלאָזט"
(זע װײַטער, ז. 174, נומ. 32).

טיפ טראגישע טענער פארנעמען מיר אין יענע פאָלקלאָר־לידער, װאָס באהאנדלען די טעמע װעגן אָפגענארטע, פארפירטע מײדלעך. קעדײ װי געהעריק צו באנעמען דעם טרױעריקן אינהאלט און די שטימונג פון די דאָזיקע לידער, דארף מען געדענקען צו װאָסער שרעקלעכער פּײַן ס'איז געװען פארמישפּעט דאָס מײדל, װאָס האָט געהאט א „ניט-געזעצלעך" קינד, איר שװידערלעכן גורל אין אלטן יידישן שטײגער. זי אלײן האָט געהאט אױסצושטײן אומענטשלעכסטע פאראכטונג און די שװערסטע רעדיפעס, איר קינד איז לױטן רעליגיעזן געזעץ געװען אױסגעשלאָסן פון דער יידישער סװיװע ביז צום „סאָף פון די דורעס". „זײַ װיסן, אז איך װארט אף דיר" — זינגט זיך אין אײנעם פון די דאָזיקע טרױעריקע לידער:

„זײַ װיסן, אז איך װארט אף דיר,
װאָס זשע האָסטו געװאָלט פון מיר,
װאָס זשע האָסטו געװאָלט פון מיר האָבן,
א יונגע צו באגראָבן?

װאָס האָסטו מיר פריער ניט געזאָגט,
אז דו דארפסט צום זשערעב שטײן,
אױ, גװאלד, די זינד,
װאָס װעל איך טאָן מיט מײַן פיצל קינד?"
(זע װײַטער, ז. 150, נומ. 4).

---

באדײַטנדיקע קינסטלערישע אײַנדריקלעכקײַט דערגרײכט דאָס ליבע־ליד דורכן אָנװענדן די פאר דער פאָלקלאָר־ריכטונג ספּעציפישע מיטלען פון פּסיכאָלאָגישן פאראלעליזם און פון די פארשײדנסטע מינים איבערכאזערונגען. דער פאראלעליזם װירקט דאָ, געװײנלעך, דורך זײַן אומגעריכטקײַט, דורך דער נײַקײַט און אָריגינעלקײַט פון דער אסאָציאציע, װאָס װערט אײַנגעשטעלט צװישן צװײ באזונדערע געדאנקלעכע און בילדערישע רײען. עס איז אָרי-

גינעל און טיף דיכטעריש, כאָטש אויך היפּש נאַיִוו, ווען די פאָלקלאָרישע זינגערן אינעם ליד שטעלט אומגעריכט אײַן א געדאנקלעכע פארבינדונג צווישן דעם ווילטיק פון די פישעלעך, וואָס שפּילן זיך אינעם וואסער, און אירע אייגענע ביטערע איבערלעבונגען: „פּישעלעך אין וואסער, זיי לעבן זיך גאָר פײַן — און איך בין מיר א מיידעלע מיט אייגענע געדאנקען, כ'האָב אָנגעהויבן א ליבע צו שפּילן און קאָן זי ניט דערלאנגען” (זע ווײַטער, ז. 155, נומ. 10). אָדער — צווישן דער שווערקײַט א גרויסן מויער אויסצובויען — און די לײַדן באם „שפּילן” א ליבע: „איך האָב אויסגעבויט א מויער פון צען גאָרן די הייך — איך האָב אָנגעהויבן א ליבע שפּילן און האָב שוין ניט קיין קויעך”.

דורכן פּסיכאָלאָגישן פּאראלעליזם ווערן דאָ אין אויסגעבריי־טערטע מעטאפאָרעס אפּ א ווירקונגפולן אויפן קאָנקרעטיזירט פארשיידענע עמאָציעס.

דורך דער איבערכאזערונג דערגרייכט דאָס ליבע־ליד א באַדײַטנדיקע פארשטארקונג פון דער עמאָציע און דער שטימונג. „איך גיי אפּ גובערנאטערסקע שפּאצירן” — זינגט זיך אין א ליד.

„עס גייט מיר גאָרניט אײַן,
אוי, ווו ביסטו, מײַן טײַער לעבן,
איך קאָן אָן דיר ניט זײַן”.

און ווען די דאָזיקע פּאָעטישע פאָרמולע ווערט נאָכדעם נאָכאַנאַנד איבערגעכאזערט אין פארלויף פונעם גאנצן ליד, פארשטארקט דאָס באַדײַטנדיק זײַן עמאָציאָנעלע אויסדריקלעכקײַט.

„איך זיצ מיר אין טעאטער,
עס גייט מיר גאָרניט אײַן,
אוי, ווו ביסטו, מײַן טײַערער לעבן,
איך קאָן אָן דיר ניט זײַן.

איך הער די פייגעלעך זינגען,
דאָס זינגען גייט מיר גאָרניט אײַן,
אווו ביסטו, מײַן טײַערער לעבן,
איך קאָן אָן דיר ניט זײַן” (זע ווײַטער, ז. 183, נומ. 41).

די בילדערישקײַט פון דער שפּראך אינעם פאָלקלאָרישן ליבע־ליד — מיר האָבן דאָ אין זינען די אזויגערופענע עלעמענטן פון פּאָעטישער שפּראך: מעטאפאָרעס, עפּיטעטן, פארגלײַכן אאזוו. — פאלט אין א היפּשער מאָס צונויף מיט דער בילדערישקײַט פון דער גערעדטער האמוינישער שפּראך, מיט די פאָלקלאָרישע באשטענדיקע בילדערישע פאָרמולעס אין דער דאָזיקער רייד־שפּראך. דאָס ליבע־ליד נעמט פון דער רייד־שפּראך אזעלכע פארגלײַכן, מעטאפאָרעס

אאוו. ווי לעמאָשל: „שײַנ ביסטו נאָר אזויווי די גאנצע וועלט", „דאָס הארצ צעגײט מיר פּאָשעט פאר געוויינ", „גליקלעכ ווי די וועלט", „פונעמ גוטנ ווענ האָסטו מיכ אראָפּגעפירט, ארײַנגע־פירט האָסטו מיכ אינ בלאָטע", „האָסט מיר צוגעזאָגט גילדערנע בערג", „עלנט בינ איכ ווי א שטיינ" אאוו. (די צאָל פונ אזוינע בײַשפּילנ קאָנ מענ פארמערנ אָנ א סאָפ).

גאנצ אָפט באנוגנט זיכ דער פאָלקלאָר־דיכטער ניט בלויז מיטנ ארײַנעמענ אינעמ ליד דאָס ריידנסארטלעכ פיקסירטע בילד, נאָר ער באמיט זיכ אויסצונוצנ די מעגלעכקײַטנ פאר ווײַטערדיקער „רעאלי־זירונג" פונ די דאָזיקע מעטאפאָרעס, פארגלײַכנ אאוו. אינ דער מאסנ־שפּראַכ זײַנענ באקאנט די בילדערישע אויסדרוקנ „שײַנט, ווי די זונ", „א שווערער שטיינ אפנ הארצנ". אינעמ ליד ווערנ די דאָ־זיקע בילדער אפ אזא מינ אויפנ אנטוויקלט: „אזויווי די זונ האָב איכ אמאָל געשײַנט, מיט א וואָלקנ האָסטו מיכ פארדעקט" (ז. 178, נומ. 36). „אינ מײַנעמ הארצנ ליגט א שווערער שטיינ. אוי, איז ער שווער, אוי, איז ער שווער, איכ קאָנ אים פּאָשעט ניט דערטראָגנ" (ז. 189, נומ. 49).

די גרעסטע צאָל פאָלקלאָרישע ליבע־לידער ווערנ געזונגענ אי־נעמ נאָמענ פונעמ מיידל. אינ דער גרעסטער מערהײַט פאלנ איז דאָס מיידל אונ ניט דער יונג די הויפּט־העלדינ פונ דער פאָלקלאָרי־שער ליבע־ליריק. עס וואָלט אָבער געווענ ניט ריכטיק, ווענ מיר זאָלנ אפ דעמ סמאכ אידענטיפיצירנ די אווטאָרנ פונ די דאָזיקע לי־דער מיט זייערע העלדנ, — ווענ מיר זאָלנ זאָגנ: די דאָזיקע לידער זײַנענ אלע געשאפנ געוואָרנ דורכ פרויענ. פונקט אזוי ווי עס וואָלט געווענ נאריש צו מיינענ, אז די אלע לידער, אינ וועלכע עס זינגט זיכ וועגנ רעקרוטנ אונ זעלנער זײַנענ אלע געשאפנ געוואָרנ דאפקע דורכ רעקרוטנ אאוו. אזא פעסטשטעלונג וואָלט באטײַט, אז מיר שליסנ אויס פארנ פאָלקלאָר־קינסטלער די פעיקײַט זיכ ארײַנצולעבנ אינ יענעמס איבערלעבונגענ אונ זיי דערנאָכ קינסטלעריש איבער־צײַגנדיק צו שילדערנ.

אלזאָ, ניט אלע ליבע־לידער, וואָס ווערנ געזונגענ אינ נאָמענ פונ פרויענ, זײַנענ דאפקע דורכ פרויענ געשאפנ געוואָרנ. סע שטייט אָבער אויסער יעדנ סאָפעק, אז די פרוי האָט גענומענ א באדײַטנ־דיקנ אָנטייל אינ דער אויסבילדונג פונעמ דאָזיקנ זשאנער אינ דער יידישער פאָלקלאָר־דיכטונג. אינ דער באשאפונג אונ אינ דער שפּע־טערדיקער ארומארבעטונג, ארומשלײַפונג אונ וואריִרונג פונ די פאר־שיידנערליי ליבע־לידער האָט די פרוי, וואָס צו איר רעפּערטואר האָבנ די דאָזיקע לידער דעריקער געהערט, זיכער געשפּילט א באַ־דײַטנדיקע ראָליע. עס טרעפט אמאָל, אז דער דאָזיקער פאקט ווערט

דאָקומענטירט אפילע אינעם פאָלקלאָר־ליד גופע. אין איינער א ליבע־ליד בא ג. מ. (ז. 131, נומ. 169) זינגט זיך:

„איך האָב געשווירן,
ווי איך בין א ייִד,
אז איך וועל דײַן כאָסן ניט זײַן;
וואָס דו האָסט געמאכט אפ מיר א ליד,
געווים איז דאָס ניט שיינ״.

## 6. לידער וועגן רעקרוטשינע, פריזיוו און מיליטער־דינסט באַם צאַריזם

די טעמע „רעקרוטשינע און מיליטער־דינסט באַם צאַריזם״ געהער צו די, וואָס מיר באגעגענען אַם אָפטסטן אינעם עלטערן ייִדישן פאָלקלאָר. די צאָל פון פאַרעפנטלעכטע פאָלקלאָר־לידער וועגן רעקרוטשינע און מיליטער־דינסט דערגרייכט איצט אן ערעך 130. עס גייט אָבער ניט אזוי אין דער צאָל, א סאך וויכטיקער איז פאַר אונדז די אינהאַלטרײַכקײַט פונעם שטאָף.

אין די דאָזיקע 130 לידער געפינען מיר אָפגעשפּיגלט — און מערסטנטייל פון שטאנדפונקט פון די אונטערדריקטע קלאסן, — די רעקרוטשינע, דעם קאַנטאָניזם און די כאַפּערײַ אין זייער שוידערלעכסטער פאָרם, די קלאסווע שטימונגען פון דער אָרעמשאַפט און פון דער קליינבירגערלעכער סוויווע, באַם אײַנפירן דעם אַלגעמיינעם מיליטער־דינסט אין יאָר 1874, דעם אָנטייל און די באַציִונג פון ייִדישע זעלנער, פאַרשטייער פון דער אָרעמשאַפט און פון די קליינבירגערלעכע האָרעפּאשנע שיכטן אין די צארישע מילכאָמעס פון די יאָרן 1856, 1874, 5—1904 און, ענדלעך, אין דער אימפעריאַליסטישער מילכאָמע פון 1914—1917. די סיבע פאַר דער באַזונדערער פּאָפּולערקײַט פון דער טעמע רעקרוטשינע און מיליטער־דינסט באַם צאַריזם אינעם פאָלקלאָר איז א גאַנץ איינפאכע; די רעקרוטשינע, דער מיליטער־דינסט, די צאַרישע אימפעריאַליסטישע מילכאָמעס האָבן בלויז טיק אָנגערירט אין דער ערשטער ריי די אָרעמשאַפט, די קליינבירגערלעכע האָרעפּאשנע מאסן, דה. יענע סאָציאַלע שיכטן, וואָס דער פאָלקלאָר איז ד ע מ ל ט געווען זייער אייגנטלעכער און צומאָל אפילע איינציקער קינסטלערישער אויסדרוק־אויפן.

דער ייִדישער פאָלקלאָר האָט דאָ מיט זיך קיין שום אויסנאַם ניט פאָרגעשטעלט: די טעמע רעקרוטשינע און מיליטער־דינסט האָט פאַרנומען אן אָנגעזועגן אָרט אין דער פאָלקלאָר־שאַפונג פון די אַלע פעלקער אין צארישן רוסלאנד, וואָס האָבן דעם דאָזיקן אָל געטראָגן — אין דער רוסישער פאָלקלאָר־שאַפונג, אוקראַיִנישער, ווײַסרוסישער

אאוו. און דאָס אינטערעסאנטסטע און וויכטיקסטע איז דערביי דאָס, וואָס אין טאָג איז די באַציִונג צו דער רעקרוטשינע און צום „רעגו-לערנ" מיליטער־דינסט איינע און די זעלבע סיי אינעם רוסישנ פאָלק־לאָר־ליד, סיי אינעם אוקראַיִנישנ, סיי אינעם יידישנ אאוו. די האָ־רעפּאשנע שיכטנ פונ אלע פעלקער אינ געוועזענעם צארישנ רוסלאנד האָבנ געהאט אלע אלציינס ווינציק גרונט צו זיינ „באגייסטערט" פונ דער רעקרוטשינע, פונ דער סאָלדאטשינע, וואָס האָט זיכ געלייגט אלס אומדערטרעגלעכע לאסט אפּ זייערע פּלייצעס. מיר טרעפנ דע־ריבער אינ דער פאָלקלאָר-שאפונג פונ די אלע פעלקער שארפנ האס צו די רייכע; אינעם יידישנ שטייגער, — צו די נגידים, קאָהאָלס-לייט אאוו. אינעם רוסישנ, אוקראַיִנישנ, ווייסרוסישנ שטייגער, — צו די פּריצים און צו די באלעגופים, וואָס האָבנ געטאָנ אלצ, קעדיי אראָפּ־צוווארפנ די שווועריקייטנ פונ דער רעקרוטשינע אפּ די אָרעמסטע קלאסנ. אומעטום הערנ מיר דאָ די זעלבע סינע צו דער סאָלדא-טשינע, צו דעם מושטריר-שטייגער פונ די צארישע קאזארמעס, די זעלבע קלאָג איבער דער צעשיידונג מיט די אייגענע, איבער די אָרעמע עלטערנ, וואָס זיינענ געבליבנ פארלאָזנ אָנ שום מיטלענ צום לעבנ. אומפּארגעסלעכ זיינענ יענע פאָלקסלידער, וואָס שילדערנ דאָס זינלאָזע אומקומענ פונעם זעלנער אינ די צארישע מילכאָמעס.

פארשיידנערליי יידישע נאציאָנאליסטנ (אנסקי אא.) האָבנ זיכ געפּרוווט אויסצוטייטשנ די סינע צו דער רעקרוטשינע און צום מי-ליטער־דינסט, וואָס מיר טרעפנ אינ דעמ פאָלקלאָר, ווי א ספּעציר־פיש־יידישנ „נאציאָנאלנ" שטריכ, דאָס יידישע פאָלק, האָט עס באדארפט באטייטנ, איז אינ טאָג אנדערש פונ אלע אנדערע איבע-ריקע פעלקער — עס איז רוכניִעסדיק, דעריבער ניט „קריגעריש", האלט ניט פונ פיזישנ קויעכ. בעשאס אלע איבעריקע פעלקער זיינענ פאר-קערט גאשמיִעסדיק, „קריגעריש", האָבנ „ליב" מילכאָמע, ווייל דאָס ליגט שוינ אזוי אינ זייער „נאציאָנאלער נאטור".

די יידישע נאציאָנאליסטנ זיינענ זיכ דאָ אפּ א גאנצ נאטירלעכנ אופנ צונויפגעקומענ מיט די טיינעס און באהויפּטונגענ פונ די סאמע פינצטערסטע, שווארצמייעדיקסטע אנטיסעמיטנ, וואָס האָבנ אויכ גע-טיינעט, אז סינע צום צארישנ מיליטער־דינסט איז א ספּעציפיש-יידי־שער שטריכ פונ פּאכדאָנעס און פּאציפיזם, אזוי צו זאָגנ. דאָס, וואָס די אנ־טיסעמיטנ האָבנ כאראקטעריזירט אלס „ספּעציפיש-יידישע פּאכדאָנעס", האָבנ די יידישע נאציאָנאליסטנ גערופנ „ספּעציפיש-יידישע רוכניִעסדי-קייט און פּאציפיסטישקייט". אינ דער יידישיסטישער פאָלקלאָריסטיק האָט דעם דאָזיקנ נאציאָנאליסטיש־רעאקציאָנערנ שטאנדפּונקט אויסדריק-לעכער פאר אלעמענ פארטראָטנ ש. אנסקי.

די אומגעלומפּערטקײט פונ די אלע כקירעס ווערט טײקעפּ קלאָר, ווענ מע ציט צו צומ פארגלײַכ אנטשפּרעכנדיקע לידער וועגנ רעקרוטשינע אונ מיליטער-דינסט בא די אנדערע פעלקער פונ געוועזענעמ צארישנ רוסלאנד. די אנאלאָגיע איז דאָ אויכ אנ־אונ־פאר-זיכ אפּ אזויפיל אינטערעסאנט, אז עס לוינט זיכ אפּ איר א ביסל אויספירלעכער אָפּצושטעלנ. מיר וועלנ דאָ צוליב דעמ צוועק ברענגענ אײניקע כאראקטעריסטישע שטעלנ פונ אוקראינישע פאָלקלאָר-לידער וועגנ רעקרוטשינע אונ מיליטער־דינסט באמ צאריזמ, אלס פּאראלעל צו די אנטשפּרעכנדיקע ערטער אינ די יידישע פאָלקלאָר-לידער אפּ דער זעלבער טעמע.

ווי שטארק „פּאטריאָטיש" עס איז געווענ דער אוקראינישער פויער אונ ווי שטארק ער האָט „אָנגעקוואָלנ" פונ זײַנ גײנ פאר א רעקרוט, קאָנ מענ ארויסזענ פונ פאָלגנדיקנ שטעל אינ א ליד:

„Щось на мене люде ворогують,
Кайданочки тай готують,
Кайданочки тай на ніжки,
Дрібна нуто тай на руки,
Тай либонь мені тут не буги,
Либонь мені йти в рекрути"
(Чубинский V, стр. 970, № 58).

אינ יידישע רעקרוטנ-לידער האָט מענ געקלאָגט אפּ די סאָלדאטסקע קליידער: „בעסער וואָלט איכ געלעגנ צענ אײלנ אינ בלאָטע, אײדער צו טראָגנ די נײַע קאפּאָטע" (ג.מ. נומ 45), אונ דער אוקראינישער רעקרוט האָט געטײַנעט קימאט מיט די זעלבע ווערטער: „בעסער וואָלט איכ געקאלופּעט ווײַסע שטײנער, אײדער אָנטאָנ אפּ זיכ דעמ קײסערס שמאטעס".

„Волив би я біл камінь колупати,
Ніж я маю государське шмаття вбрати"
(Чубинский V, стр. 973, № 62).

אינעמ יידישנ ליד וועגנ רעקרוטשינע ווערט מיט פארביטערונג ארויסגעזאָגט האס צו די רײַכע דערצײלט וועגנ די פּארנײסימ אונ ראבאָנימ, וואָס העלפנ אָפּצוגעבנ אָרעמע קינדער פאר „יעוואָנימ".

„בא זושע ראקאָווער זײַנענ דאָ זיבנ באָנימ,
איז פונ זיי ניט אײנער אינ יעוואָנימ;
נאָר לײע די אלמאָנעס אײנציקער קינד
איז א קאפּאָרע פאר קאָהאָלשע זינד,
עס איז א מיצווע אָפּצוגעבנ פּראָסטאקעס,
שוסטער, שנײַדער זײַנענ דאָכ לײדאקעס;
קרעציקע כאציקלעכ פונ א מישפּאָכע א שײנער
טאָר בא אונדז אוועקגײנ ניט אײנער" (ג.מ. נומ. 50).

גענוי די זעלבע קלאַסעווע שטימונגען טרעפן מיר אינעם אוקראַינישן פאָלקלאָר-ליד, אויך דאָ ווערט געוואָרפן די באַשולדיקונג די גאַלאָכים און די רייַכע לייַט, די באַלעגופים, אַז זיי גיבן אָפּ פאַר רעקרוטן אָרעמע יעסוימים:

„Говорять попи, ще і богати люде
Забрать, забрать тих бідних сирот,
Бо з них добра не буде“
(Чубинский V, стр. 973, № 63).

און נאָך קלאָרער ווערט די דאָזיקע שטימונג אויסגעדריקט אין א צווייטן וואַריאַנט פון דעם זעלבן אוקראַינישן ליד:

„А з вечора у ночі
Сходилися богачі
Стали раду радити
Кого в рекрути взяти.
Є в удові два сина,
То виддаймо в осени,
Взяли-би сь мо богача,
То не буде орача;
А озьмімо бідного,
Буде плачу немного,
Як виддамо сироту,
То збудемось клопоту“
(Чубинский V, стр. 977, № 69).

אינעם דאָזיקן ליד, וואָס איז פול מיט קלאַסנהאַס צו די באַלעגופים און גאַלאָכים, ווערט דערנאָך דערציילט, ווי מע קומט נעמען דעם יאָסעם בא דער אָרעמער אַלמאָנע, ער אַנטלויפט, מע כאַפּט אים, מע שליסט אים אין קייטן און מע פירט אים צום פּריזאָם. דאָס אַלץ איז ביז אין דעטאַלן ענלעך צו יידישע פאָלקלאָר-לידער אָפ דער זעלבער טעמע. און ס'איז גאַנץ נאַטירלעך: ענלעכע קלאַסעווע סיטואַציעס און שטימונגען בא די האָרעפּאַשנע מאַסן פון די פאַרשיידענע פעלקער זיינען אויך אָפּ אַן ענלעכן אויפן אָפּגעשפּיגלט געוואָרן אין זייער פאָלקלאָר.

„אינעם יידישן פאָלקסליד, — שרייַבט אַנסקי — איז, פאַרשטייט זיך, נישטאָ קיין שום עפּישע אָדער לירישע שילדערונגען פון מילכאָמעס און שלאַכטן, און אויב ערגעץ אין א ליד ווערט יאָ דערמאָנט וועגן מילכאָמע, איז עס נאָר וועגן די יעסורים, וואָס מע לעבט דאָן איבער“.[1] אָפּ צו באַשטעטיקן זיין געדאַנק ציטירט אַנסקי

1 ש. אנסקי, באנד XV, ז. 61.

דערבײַ א סטראָפּע פֿון פֿאָלגנדיקן ליד בא גינזבורג־מארעק (נומ. 331), וואָס מיר ברענגען דאָ עטוואָס געקירצט.

„זאָג דו מיר סאָלדאַט,
אפֿ מײַן פֿראגע ענטפֿער מיר —
ס'איז עפּעס ניט גלאַט
ס'מוז עפּעס פֿעלן דיר".

און דער סאָלדאַט ענטפֿערט:

„ווו איך בין געווען,
דאָרט ביסטו ניט געווען,
און וואָס איך האָב געזען,
דאָס האָסטו ניט געזען.

בא פּלעווגע און בא באַלקאַנעס
זײַנען מיר אויך געווען,
פֿיל שרעק און פֿיל צאָרעס
האָבן מיר צוגעזען.

דונײַ זײַנען מיר אריבער,
ניט פֿאר איצטער געדאַכט;
פֿון אונדזער קערפּער
איז א טעל געמאַכט"...

לייענענדיק אנסקין, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אז רוסישע, אוקראַיִנישע אאוו. זעלנער, וואָס זײַנען געווען בא פּלעווגע און די באַלקאַנעס, האָבן לויט זייער נאַציִאָנאַלער טעווע גאָר אנדערש אופֿגענומען די בלוטיקע שלאַכטן דאָרטן און האָבן אין זייערע פֿאָלקלאָר־לידער די דאָזיקע שלאַכטן גאָר אפֿ אן אנדער אופֿן „קריגעריש", עפּיש באַזונגען. אָבער דאָס איז זייער ווײַט פֿון עמעס. אן אוקראַיִניש סאָלדאַטיש ליד וועגן די שלאַכטן, טאַקע בא דעם זעלבן דונײַ, איז ביז גאָר ענלעך לויטן אינהאַלט און לויט דער שטימונג צום ציטירטן יידישן ליד. דאָס אוקראַיִנישע ליד דערציילט אויך, מיט אנסקיס שפּראַך רייִדנדיק, וועגן די יעסורים, וואָס מע לעבט איבער אפֿ דער מילכאָמע.

„Ой, хто, братця, не був за Дунаєм,
Той горя не знає,
А ми, братця, були за Дунаєм,
То все горе знаєм.
Ой Дунай річка, братця, невелика,
Переходу ніту..."

(Чубинский V, стр. 1007, № 109).

אנסקי שרײַבט:[1] „דעם באָכער קומט אויס אין דער בעסטער

---

1 אנסקי, ב. XV, ז. 60.

צײַט פֿון זײַן לעבן אָפּצורײַסן זיך פֿון דער טוירע און גײן פֿאַר א סאָלדאט. די פֿאָלקס־מוזע רופֿט זיך דערויף אָפּ מיט צענדליקער עלנטישע לידער. אויך אין דער רוסישער פֿאָלקשאפֿונג געפֿינען מיר אָן א שיר קלאָג־לידער וועגן רעקרוטנשאפֿט. אָבער אין דעם ייִדישן פֿאָלקסליד טראָגט דער פּאכעד פֿאַר דעם מיליטער־דינסט א באזונדערן כאראקטער. נישט די צאָרעס און דאכקעס פֿון דעם סאָלדאטן־לעבן פּײַניקן און שרעקן דעם ייִדישן רעקרוט, נאָר דאָס, וואָס אין מיליטער וועט ער נישט קאָנען לערנען טוירע און מעקאַיעם זײַן די מיצוועס".

„דעם באָכער קומט אויס אין דער בעסטער צײַט פֿון זײַן לעבן אָפּצורײַסן זיך פֿון דער טוירע" — די באלמעלאָכישע קינדער, די קינדער פֿון דער אָרעמשאפֿט, וואָס צו זייער קאָפּ האָט זיך עס דעריקער אויסגעלאָזט די רעקרוטשינע, האָבן לויטן ווייסן פֿונעם רעאקציאָנערן פֿאָלקלאָריסט מער ווי מיט דער טוירע זיך קיינמאָל מיט גאָרניט ניט פֿארנומען, „די דאכקעס פֿונעם סאָלדאטן־לעבן" פּײַניקן זיי גאָרניט, דעריקער איז בא זיי דאָס, וואָס זיי וועלן ניט קאָנען לערנען אינעם דינסט די טוירע. אנסקין האָט ווייניק געארט, וואָס די איבערוועגנדיקסטע מערהײַט פֿון די ייִדישע רעקרוטשינע־און סאָלדאטן־לידער דערציילט דעריקער און דאפֿקע וועגן אזעלכע פּראָזאישע זאכן ווי „די דאכקעס פֿונעם סאָלדאטן־לעבן", וועגן דער פּײַן באם צעשיידן זיך מיט עלטערן, פֿרײַנט, נאָענטע מענטשן, וועגן איבערלאָזן אָרעמע עלטערן אָן מיטלען צום לעבן.

א סאָלדאט, וואָס מע שיקט אים אוועק „פֿון יענער זײַט קאווקאז" דערקלערט מיט טיפֿן הארצווייַ:

„אוי, מײַן מאמע בלײַבט אליין,<br>
אוי, מײַן מאמע בלײַבט אליין,<br>
אוי, זי איז אָרעם, אוי, זי איז אָרעם,<br>
אין מײַן הארצן נאָגט א וואָרעם" (רשמות, ז. 370, נומ. 2).

אין א ליד, וואָס שילדערט בילדער באם פּריזאָם־הויז לייענען מיר:

„דאָרט וויינט און קלאָגט אן אלטער פֿאָטער אצינד:<br>
וואָס טויג מיר מײַן לעבן גאָר?<br>
מע האָט בא מיר צוגענומען מײַן איינציק קינד,<br>
ווער וועט מיר שפּײַזן אף מײַנע אלטע יאָר"<br>
(זע ווײַטער, ז. 245, נומ. 3).

וועגן זייער סאָלדאטיש לעבן דערציילן סאָלדאטן:

„ווו וועלן מיר פֿאָרן, ברידער?<br>
צו דער מילכאָמע, ברידער,

צו דער מילכאָמע איז אייך [1] ניט גוט,
אזוי ווי וואסער גיסט זיך אונדזער בלוט.

וואָס וועלן מיר עסן, ברידער?
קרויט מיט ווערעם, ברידער.
קרויט מיט ווערעם איז אייך ניט גוט,
אזוי ווי וואסער גיסט זיך אונדזער בלוט"

(„פינקעס", ז. 393, נומ. 10).

אזוינע און ענלעכע צו זיי מאָטיוון זיינען די כאראקטעריסטישסטע, די פארשפרייטסטע און אָפטסטע אינעם יידישן רעקרוטשינע־ליד. זיי כאזערן זיך צענדליקער מאָל איבער. סיי אין די עלטערע רעקרוטשינע־לידער, סיי אין די שפּעטערדיקע לידער פונעם פּעריאָד, ווען ס'איז איינגעפירט געוואָרן די אלגעמיינע מיליטער־דינסט, סיי אין פארשיידענע מילכאָמע־לידער.

קעדיי צו באשטעטיקן די נאציאָנאליסטיש־קלעריקאלע קאָנצעפּציע, האָט אנסקי באזונדערס ארויסגעהויבן גראָד יענע ווייניקע יידישע פאָלקלאָר־לידער אפ דער סאָלדאטן־טעמע, אין וועלכע עס ווערט צווישן אנדערע באריערט אויך דער רעליגיעזער מאָמענט, ווו דער סאָלדאט קלאָגט זיך, אז דער מיליטער־דינסט רייסט אים אָפּ פון אויספילן דעם רעליגיעזן ריטואל.

צווישן 95 לידער אפ דער רעקרוטשינע־און סאָלדאטן־טעמע, וואָס געפינען זיך אין פיר גרעסערע יידישע פאָלקלאָר־לידער־זאמלונגען,[2] זיינען פאראן סאכאקל זיבעצן לידער, אין וועלכע דער רעליגיעזער מאָמענט ווערט אמאָל שוואכער, אמאָל שטארקער דערמאָנט. אויך אין די דאָזיקע לידער קומט אָבער קיינמאָל ניט דער רעליגיעזער מאָמענט אלס איינציקער, אויך אין זיי פארנעמט די קלאָג אפ די רייך מאטעריעלע „דאכקעס פונעם סאָלדאטן־לעבן" א היפּש אָרט. דעם דאָזיקן מאָמענט האָט זיך אנסקין ניט געלוינט צו באמערקן, כאָטש ער ווארפט זיך גאנץ שארף אין די אויגן.

ס'איז טאקע א פאקט, אז צווישן די יידישע פאָלקלאָר־לידער אפ דער רעקרוטשינע־און סאָלדאטן־טעמע זיינען פאראן אויך אזוינע, וואָס עס ווערט אין זיי אונטערגעשטראָכן דער רעליגיעזער מאָמענט, בעשאס אין די רוסישע, אוקראַינישע אאוו. לידער אפ דער זעלבער טעמע טרעפן מיר דעם דאָזיקן מאָטיוו ניט. ווו איז די דערקלערונג פאר דער דאָזיקער דערשיינונג? איז די רוסישע,

---

1 מיסטאמע פארגרייזט פון „דאָכ".

2 גינזבורג און מארעקס זאמלונג, י. ל. קאהאן, ב. II, „בא אונדז יידן", „פאָלקלאָר־לידער" I.

אוקראַינישע אַוו. סאָלדאַטנ־מאַסע אינ איר מערהײַט געווענ ווײַניקער רעליגיעז פאַרפירט אונ אָבערגלויביש, אַפ אַנסקיס לאָשנ וואָלט עס געהײסנ ווײַניקער „רוכניעסדיק“, ווי די יידישע? גײַנ. די סיבע ליגט דאָ גאָר ערגעץ אַנדערש, דעם רוסישנ רעקרוט אונ סאָלדאַט, צי ער האָט עס געוואָלט, צי ניט געוואָלט, האָט מענ אויכ אינ דער קאַזאַרמע געצוווּנגענ אויסצופילנ דעם פּראַוואָסלאַווישנ רעליגיעזנ ריטואַל גענוי דעם זעלבנ, וואָס אינ דער היים, אינעם דאָרפ, בעשאַס ווענ בענעגײַע צו דער יידישער סאָלדאַטנ־מאַסע האָט די צאַרישע מאַכט, האָבנדיק דערבײַ אינ זינענ באַשטימטע צוועקנ, אָנגעווענדט געוויסע מיסיאָנערישע שטיק.[1] אָט דערינענ שטעקט די סיבע פאַרנ רעליגיעזנ מאָטיוו אינעם יידישנ רעקרוטנ־אונ סאָלדאַטנ־ליד. אויב מיר וועלנ זיכ נאָכ דערצו דערמאָנענ, אַז די ראַבאָניש־קלעריקאַלע סוויווע, טאַקע יענע, וועגנ וועלכע עס האָט זיכ אינעם רעקרוטנ־ליד געזונגענ „כאַזאָנים אונ ראַבאָנים טוענ אונדז טרײַבנ צו דער שווע“ (ג. מ. נומ. 42), האָבנ דעם טומל אונ די אויפרודערונג אַרומ דער רעקרוטשינע אויסגענוצט צוליב צוועקנ פונ הייבנ דעם רעליגיעזנ פאַנאַטיזמ פונ די מאַסנ, דערקלערנדיק די רעקרוטשינע אַלס רעליגיעזע גזירע אונ אַלס ניסויענ פונ גאָט, וועט פאַר אונדז אינגאַנצנ קלאָר ווערנ, פונוואַנענ סע נעמט זיכ דער רעליגיעזער מאָטיוו אינעם יידישנ רעקרוטישנ אונ סאָלדאַטישנ פאָלקלאָר־ליד. דערבײַ דאַרפ מענ אינ זינענ האָבנ, אַז די דאָזיקע רעליגיעזע מאָטיוונ, די איבערגעטריבענע רעליגיעזע דײַגעס, שטאַמענ, אַפ וויפיל זיי קומענ פאָר אינעם רעקרוטשינע־ליד, דעריקער פונ די קלעריקאַלע קרײַזנ.

א באַדײַטנדיקער טייל פונ די לידער, וואָס מיר ברענגענ אינעם אָפּטייל „לידער וועגנ רעקרוטשינע, פריזיוו אונ מיליטער־דינסט באַמ צאַריזמ“ שפיגלט אָפ די סיטואַציע אַרומ דעמ 1874 יאָר, ווענ עס זײַנענ אָפּגעשאַפנ געוואָרנ די לעצטע רעשטנ פונ דער רעקרוטשינע אונ עס איז אײַנגעפירט געוואָרנ דער אַלגעמיינער מיליטער־דינסט. לויטנ אינהאַלט פונ אייניקע פונ די דאָזיקע לידער, לאָזט זיכ אַפילע פעסטשטעלנ, אַז זיי זײַנענ אַנטשטאַנענ טאַקע אינ 1874 יאָר, גלײַכ נאָכ דעם, ווי דער געזעץ וועגנ אַלגעמיינער מיליטער־פליכט האָט אָנגעהויבנ פאַרווירקלעכט ווערנ אינ לעבנ.[2]

---

1 זע אינ מ. ווינערס אַרבעט „די רעקרוטשינע אונ די האַסקאָלע“ (אַקסענפעלדס ווערק, ב. 1, ז. 109 — 110).

2 די דאָזיקע לידער האָט מענ דאַנ גערופנ מיט א באַזונדערנ נאָמענ — „לידער וועגנ איינ־אונ־צוואַנציקער“ (איינ אונ צוואַנציק יאָר — דער עלטער צו וועלכנ מע פלעגט זיכ שטעלנ צומ פריזיוו).

אויב די לאַסט פונ דער רעקרוטשינע איז מיט איר גאַנצער שווערינקייט געפאַלנ אפ דער אָרעמשאַפט, אפ די ניט־פאַרמעגלעכע באַלמעלאָכישע שיכטנ, האָט דער נייַער געזעצ — אינ פּרינציפּ, לעפאָכעס — אָנגערידט אויכ מער פאַרמעגלעכע שיכטנ פונעמ קליינבירגערטום און אפילע דאָס מיטלבירגערטום. מיר טרעפנ, דעריבער, אינ די פאָלקלאָר־לידער וועגנ די איינ-און-צוואַנציקער, זייער אָפט און אפ פאַרשיידענע אויפאַנימ וואַריִרט דעמ מאָטיוו:

„אַכ, אוי, אוי, אַכ,
סײַ אָרעמ, סײַ רײַכ,
אַלעמענ צו גלײַכ —
מיר מוזנ דעמ זשרעביע ציִענ" (ג.מ. נומ. 383).

פאַרשטייט זיכ, אַז די דאָזיקע קלאָגערישע פעסטשטעלונג האָט אַנטשפּראָכנ צו דער ווירקלעכקייט בלויז אינ א זייער באַגרענעצטער מאָס. די רײַכע קלאַסנ האָבנ אויכ איצטער, ניט געקוקט אפ דעמ, וואָס דער געזעצ האָט בעפיירעש גערעדט וועגנ אַלגעמיינער מיליטער־פליכט, געהאַט געניג מיטלענ, קעדיי זיכ פונ דער דאָזיקער פליכט אַרויסצודרייענ.

דאָס אינטערעסאַנטסטע ליד וועג דעמ אײַנפירנ דעמ אַלגעמיינעמ מיליטער-דינסט איז בלישומ־סאָפּעק דאָס ליד „נעגידישע קינדער הערט אוּפ צו שטיפנ" (זע ווײַטער, ז. 241, נומ. 2). מ. ווינער, וואָס האָט עס צומ ערשטנ מאָל, פאַרעפנטלעכט,[1] האָט וועגנ דעמ מיט רעכט געשריבנ, אַז „עס קומט דאָ שאַרפ צומ אויסדרוק די טיפּישע און עכטע שטימונג פונעמ ברייטנ אָרעמענ האַמוינ בענעגייע דער ענדערונג אינעמ איניענ מיליטער־פליכט. עס ווערט דאָ דײַטלעכ אַרויסגעזאָגט אַזאַ שאַרפער קלאַסנ-סינעדיקער נעקאָמע־געפיל צו די טקיפיש-גווירישע אונטערדריקער, ווי מיר געפינענ דאָס זעלטנ אינ דער ליטעראַטור און פאָלקסליד פונ יענער צײַט". דער זינגער ווענדט זיכ צו די „נעגידישע קינדער", „פערוועגילדע־קופּצעס", וואָס האָבנ פונ דער רעקרוטשינע קיינמאָל ניט געליטנ:

„ביז אהער האָט איר ניט געוווּסט פונ קיינ צאָרע
פונ קיינ אַגמעסנעפעש, פונ קיינ לייד,
אַז דער קאַפּצנ איז נעבעכ געוועג די קאַפּאָרע,
איז בא אײַכ אינ שטוב געוועג א פרייד.

ווענ ער איז נעבעכ געזעסנ פאַרשפּאַרט
אינ סבאָרניע, אינ פינצטערנ גרוב,
האָט דאָס אײַכ אַפילע ניט געאַרט,
איר זענט געזעסנ רויִק אינ שטוב.

[1] זע „אָנמערקונגענ און עקסקורסיעס" צו י. אַקסנפעלדס ווערק, ב. 1, קיִעוו, 1931, ז. 333—336.

און אז מע האָט אים געפירט צום פריזאָם,
ווי אן אָקס צו דער שכיטע,
ער האָט פארגאָסן טרערן א יאָם,
עס איז געווען א צאָרע א גוטע.

אָבער איר האָט דאָס ניט געפילט,
עס האָט אייַך ניט באַרירט,
וואָס איר האָט ליב, וואָס איר ווילט,
האָט איר בא זיך אויסגעפירט.

ציינד האָט מען אייַך באַטראַכט,
וויאַזוי איר זאָלט צו אונדזער הארץ קומען,
די וויסטע פינצטערע נאַכט
איז שוין אַפ אייַך אויך געקומען".

די געשעענישן און די אופרודערונג ארום דעם אייַנפירן די אַל־געמיינע מיליטער־פליכט זייַנען געווען א דאנקבארע טעמע פאר פאר־שיידנערליי גאסן־זינגער, באַדכאָנים, פרייַלעכמאכערס אפ כאסענעס אאוו. פון די דאָזיקע קרייַזן שטאמען, לויט אונדזער מיינונג, די קופּלעטן „אַז איך בין קיין זשיטאָמיר געקומען" (זע ווייַטער, ז. 244, נומ. 3), וואָס זייַנען צוגעפאסט פאר א באַלעבאַטישער סוויווע. אייב אינעם אויבנציטירטן ליד איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן די צופרידנקייַט און דאָס נאַטירלעכע נעקאָמע־געפיל פון דער אָרעמשאפט, וואָס איצט „וועט דאָס איידעלע קינד, מוזן גיין מיט אַלע קאפּצאָנים", איז פאר דער באַלעבאַטישער סוויווע פאסיק געווען די טייַנע צו גאָט:

„אוי, ווייַנט זשע ייִדן, פאר דעם בוירע
אַפ הייַנטיקער שלעכטער צייַט,
אוי, עס איז דאָך א ביטערע גזיירע,
אז יעדער קינד מוז זייַן א סאָלדאַט".

דער קינסטלערישער באַטייַט פון די דאָזיקע קופּלעטן איז א גאַנץ קנאפּער.

טיפע סינע און פארביטערטער האַס — דאָס זייַנען געווען יענע געפילן, וועלכע ס'האָט אַרויסגערופן בא די ייִדישע האָרעפּאשנע מאסן די רעקרוטשינע, די צארישע קאַזאַרמע און מיליטער־דינסט, און וועלכע מיר שפירן אין די פאָלקלאָר־לידער פון די דאָזיקע מאסן. אָבער דאָס אַלץ האָט גאָרניט צו טאָן ניט מיט די אַנטיסעמיטישע „טעאָריעס" וועגן „ספּעציפיש־ייִדישער פּאַכראָנעס" און ניט מיט די רעאַקציאָנערע ייִדישע נאַציאָנאַליסטישע „טעאָריעס" וועגן „ספּעציפיש־ייִדישער רוכ־ניעסדיקייַט". די פאַלשקייַט און די ליגנערישקייַט פון די דאָזיקע אַלע „טעאָריעס" ווערט פאר אונדז באַזונדערס קלאָר, ווען מיר דערמאָנען

זיכ, מיט וואָס פאר א מוט אונ אנטשלאָסנקײַט יידישע ארבעטער אונ האָרעפּאשניקעס האָבנ געקעמפט אינ די רייענ פונ דער רויטער ארמיי האנט בא האנט מיט די ארבעטער אונ האָרעפּאשניקעס פונ אנדערע פעלקער, ווענ מיר דערמאָנענ זיכ מיט וואָס פאר א ליבע, באגײַס־טערונג אונ פרייד די יידישע ארבעטנדיקע יוגנט גייט איצטער דינענ אינ דער ר ו י ט ע ר ארמיי, וואָס איז בארופנ צו פארטיידיקנ דאָס סאָציאליסטישע היימלאנד, ווענ מיר דערמאָנענ זיכ יענע שיינע הערלעכע לידער אונ פּאָעמעס וועגנ דער רומפולער רויטער ארמיי, וואָס באצירנ די זײַטנ פונ דער יידישער סאָוועטישער דיכטונג.

## 7. לידער פונ שטייגער

אינעם אָפּטייל „לידער פונ שטייגער", וועלכנ מיר ברענגענ אינעם דאָזיקנ בוכ, איז די צענטראלע טעמע די שווערע לאגע פונ דער פרוי אינ דער מישפּאָכע, איר אונטערדריקטע לאגע אינ געזעל־שאפטלעכנ לעבנ. די דאָזיקע טעמע איז איינע פונ די פארשפּרייטסטע אינ דער פאָלקלאָר־שאפונג ביכלאל, ניט נאָר אינ דער יידישער. די געשטאלט פונ דער דערשלאָגענער פארהאָרעוועטער פרוי, וואָס איז אונטערדריקט אינ אלע אירע מענטשלעכע רעכט, וואָס האָט אויס־צושטיינ שווערע ליידנ פונעמ מאנ, פונ שווער אונ שוויגער אינ דער פאטריארכאלישער מישפּאָכע אונ אמאָל אויכ פונ אירע אייגענע קינדער — די דאָזיקע געשטאלט איז א טיפּישע דערשיינונג אינעמ פאָלקלאָר־ליד פונ קימאט אלע היינטצײַטיקע פעלקער.

אינעמ פאָלקלאָר ווערנ דאָ אָפּגעשפּיגלט יענע פארהעלטענישנ אינעמ מישפּאָכע־לעבנ פונ דער בורזשואזער עפּאָכע, וואָס ענגעלס האָט כאראקטעריזירט אפ אזא אופנ: „די היינטצײַטיקע אינדיווי־דועלע מישפּאָכע איז געבויט אפ אָפענער אָדער פארמאסקירטער שטוביקער פארשקלאפטקייט פונ דער פרוי, אונ די היינטצײַטיקע געזעלשאפט שטעלט מיט זיכ פאָר א מאסע, וואָס אירע מאָלעקולנ זײַנענ אזוינע אינדיווידועלע מישפּאָכעס. דער מאנ מוז בא איצ־טיקער צײַט אינ דער גרעסטער צאָל פאלנ, יעדנפאלס בא די באזיצנדיקע קלאסנ, זײַנ א פארדינער, דער דערנערער פונ דער מישפּאָכע, אונ דאָס פארשאפט אימ די הערשנדיקע לאגע... ער פארנעמט אינ דער מישפּאָכע דאָס אָרט פונעמ בורזשוא, אונ די פרוי שטעלט מיט זיכ פאָר דעמ פּראָלעטאריאט". [1] עמעס מענטשלעכע באציונגענ צווישנ די געשלעכטער, ווײַזט אָנ ענגעלס, עקזיסטירנ אינ

[1] Энгельс — „Происхождение семьи, частной собственности и государства". Партиздат. 1932, стр, 74.

דער דאָזיקער עפּאָכע בלויז בא די אונטערדריקטע קלאסנ, באם פראָ-
לעטאריאט. „דאָ פעלט יעדע מינ אײגנטומ, וואָס טאקע איז צו פאר-
היטנ עס אונ אפ איבערצוגעבנ עס דורכ ירושע, זײַנענ באשאפנ
געוואָרנ די מאָנאָגאמיע אונ די הערשאפט פונ מענער... דאָ האָבנ
די הויפּט-ראָליע געשפּילט גאָר אנדערע פערזענלעכע אונ געזעלשאפט-
לעכע פארהעלטענישנ".[1] אָבער אויכ אינ דער פּראָלעטארישער מיש-
פּאָכע פונ דער בורזשואזער געזעלשאפט, ווײַזט ווײַטער ענגעלס אָנ,
איז נאָכ פאראנ אלס איבערגעבליבענע אז אדערשײַנונג, ווי „דאָס גראָבע
באהאנדלענ די פרויענ".[2]

די אונטערדריקונג פונ דער פרוי אינ דער מישפּאָכע איז בא
פארשײדענע פעלקער, אָפּהענגיק פונ די אײגנארטיקײַטנ אינ זײער
היסטאָרישער אנטוויקלונג, געווענ פארשײדנארטיק ניואנסירט. אינ
טאָכ אָבער איז די לאגע פונ דער פרוי אינ דער קלאסנ-געזעלשאפט
אומעטומ געווענ גענוג ענלעכ, דעריבער זײַנענ אזוי ענלעכ צו זיכ
די אנטשפּרעכיקע מינימ פאָלקלאָר-לידער בא פארשײדענע פעלקער.
קעדײַ זיכ אינ דעמ צו איבערצײַגנ, איז גענוג צו פארגלײַכנ די
ייִדישע פאָלקלאָר-לידער אפ דער טעמע מיט די אוקראַאינישע לידער
פונ דעמ מינ (אגעוו, אײניקע ייִדישע לידער ווײַזנ זיכ דאָ ארויס
אלס אנטלײַונגענ אונ איבערזעצונגענ פונ די אנטשפּרעכיקע אוקראַי-
נישע לידער), מיט די רוסישע, ווײַסרוסישע אאוו.

---

„די רעליגיעס אונ רעגירונגענ רינגלענ ארומ דעמ הײַראטס-אקט
מיט קאָוועד אונ פײַערלעכקײַט. די פילאָסאָפנ, גאלאָכימ אונ מעלוכע-
לײַט באטראכטנ די הײַראט, ווי א ווינקלשטײנ פונ דער מישפּאָכע,
ווי אנ אינסטיטוט, וואָס שאפט דער פרוי קאָוועד אונ שוצ. דאָס
פאָלקסליד טראָגט ארײַנ א דיסאָנאנס אינ דער דאָזיקער פײַערלעכער
אונ אימפּאָזאנטער אײנשטימיקײַט, וועלכע דויערט שוינ יאָרהונדער-
טער". אזוי האָט געשריבנ פאָל לאפארג אינ זײַנער א פאָלקלאָריס-
טישער פאָרשונג „כאסענע-לידער אונ מינהאָגימ".[3] די ציטירטע פעסט-
שטעלונג לאפארגס געפינט א באשטעטיקונג אויכ דורכנ ייִדישנ פאָלק-
לאָר-ליד. לעמאָשל:

„אוי, ווי נעמ איכ אמאָליקע יאָרנ,
ווענ איכ בינ א מײדעלע געווענ,
אוי, ווי נעמ איכ אמאָליקע יאָרנ
מיט מײַנ קאָפּ בלאָנדינישע האָר...

---

1 Энгельс — „Происхождение семьи, частной собственности и государства“, Партиздат, 1932, стр. 71.

2 דאָרטנ, ז. 71.

3 Лафарг — „Очерки по истории культуры“. стр. 54.

אוי, ווי, שוועסטערלעך, אוי ס'גיט גוט,
אוי, ווי, כאסענע האָבן הייס איך ניט,
די צײַט גייט אוועק
אין צאַרעס און שרעק...
אוי, ווו נעם איך אמאָליקע יאָרן" (זע ווײַטער, ז. 296, נומ. 32).

דער יידישער מישפּאָכע-שטייגער האָט אין זיך אײַנגעהיט ביז צו דער צווייטער העלפט XIX יה. א היפּש ביסל פּעאָדאלישע רעשטן, וואָס האָבן באַזונדערס שווער געווירקט אפ דער לאַגע פון דער פרוי. אהער באַציט זיך דאָס כאסענע האָבן דורך א שאדכן, כאסענעס, גע-שלאָסענע דורך די עלטערן קעגן דעם ווילן פון די קינדער, דאָס באטראכטן די פרוי אין דער מישפּאָכע ווי א נידעריקער וועזן, איר היימישע פארשקלאפטקײַט און רעכטלאָזיקײַט אאוו. אאוו.

די פרוי אינעם פאָלקלאָר-ליד פארשעלט, געוויינלעך, דעם שאדכן, וואָס קומט זי אומגליקלעך מאכן:

דער שאדכן ווארפט אן אייגל,
און טוט מיר אָן א צאַר,
איך בין א פרײַער פויגל,
וואָס דארף איך דעם אויבערהאר?"
(זע ווײַטער, ז. 278, נומ. 8).

און נאָך שארפער אין א צווייט ליד:

„שאדכן, שאדכן, א קלאָג צו דיר,
אוי, וואָס האָסטו געהאט צו מיר,
דו האָסט גענומען די שאדכאָנעס
און האָסט געקוילעט אָן ראכמאָנעס,
א קלאָג צו דיר, א קלאָג צו דיר" (ג.מ. נומ. 279).

דאָס מיידל ווענדט זיך מיט ביטערע טענעס צו אירע עלטערן, וואָס מאכן זי כאסענע קעגן איר ווילן:

„איך, נעבעך, אָרעמע מיידל.
שלעכט און ביטער איז מיר,
זיי טוען אונדז אומגליקלעך מאכן,
אונדזער פאָטער און מוטער.
זיי טוען אונדז כאסענע שפּילן,
טוען בא אונדז ניט פרעגן,
דערום האָבן מיר שטענדיק א פארשטערטן לעבן"
(זע ווײַטער, ז. 274, נומ. 2).

און די זעלבע טענעס קעגן עלטערן הערן מיר אויך אין א צווייט ליד:

„שווײַגן מוזטו, מיידעלע,
וואָס עלטערן גיבן דיר דאָס עס,
און וואָס דו גלוסט אײַדעלע
אין דעם גיך פארגעס.

א קאליקע אנ אלטנ,
געפעלט זיי פאר שיינ,
מוזטו זיכ מיט אימ האלטנ,
ווייל דאָס ווילנ זיי אליינ.

נאָר דאָס, וואָס זיי געפעלט,
מוז ווערנ באלד געטאָנ,
איי, דו גייסט פונ דער וועלט,
דאָס גייט זיי גאָרניט אָנ’’. [1]

---

אינ א באשטימטנ טייל פונ דער גרופע פאָלקסלידער, וואָס האָבנ צו טאָנ מיט דער טעמע וועגנ געצוווּנגענע כאסענעס קעגנ דעמ ווילנ פונעמ מיידל, לאָזט זיכ דייטלעכ פילנ די ווירקונג פונ דער מאסקילישער דיכטונג. די מאסקילישע ליטעראטור איז פונ שטענדיק אָנ, אָנגעהויבנ פונ די קאָמעדיעס פונ דער בערלינער האסקאָלע אונ ווייטער דורכ עטינגערנ, אקסנפעלדנ, גאָטלאָבערנ ביז צו גאָרדאָנענ אונ גאָלדפאדענענ, אנטשפרעכיק צו איר נייעמ בירגערלעכנ וועלט־באנעמ, ארויסגעטראָטנ קעגנ באשטימטע שטריכנ פונ פעאָדאליזמ אינעמ מישפאָכע-שטייגער, באזונדערס קעגנ געצוווּנגענע כאסענעס.

עס זיינענ באקאנט א היפשע צאָל ליטעראַרישע מאסקילישע לידער, וואָס פאלנ צונויפ לויט זייער אינהאלט אונ לויט זייערע מאָטיוונ מיט אייניקע פונ די אויבנציטירטע פאָלקלאָר-לידער אונ, וואָס זיינענ געווענ זייער פאָפולער אינעמ האמוינ, זיינענ דאָרטנ וואריִירט אונ פאָלקלאָריש איבערגעארבעט געוואָרנ. אהער געהערנ, לעמאָשל, מ. גאָרדאָנס לידער „פונ דער כופע’’ אונ „מיינ דייע’’, וואָס וועגנ זיי האָט גאָרדאָנ אלײנ אָנגעמערקט, אז „זיי זיינענ ביידע א קריטיק אפ דער קרומער, נארישער פירונג אינ שידוכימ, וואָס יידישע עלטערנ האָבנ געטאָנ מיט זייערע יונגע קינדער’’ אונ, אז זיי זיינענ נאָכנ אנטשטיינ זייערנ „אומעטומ אויסגעברייטערט געוואָרנ’’. אהער געהער מ. גאָרדאָנס זייער פארשפרייט ליד „זעלדע פאר דעמ געט’’ — לויט די ידיעס, וואָס מיר האָבנ — איינס פונ די פארשפרייטסטע יידישע לידער ביכלאל. אהער געהערנ אייניקע לידער פונ גאָטלאָבערנ,[2] גאָלדפאדענענ אא.

קעדיי צו ווייזנ, ווי ענלעכ עס זיינענ די דאָזיקע ליטעראַרישע מאסקילישע לידער לויט זייער שטימונג אונ מאָטיוונ צו די אויבנציטירטע פאָלקסלידער, וועלנ מיר דאָ ברענגענ א פראגמענט פונ א

---

1 ציטירט פונ לערנערס ארטיקל „די יידישע פאָלק־מוזע’’ אינ „הויזפריינט’’ II, ז. 187.

2 זע אינ מיינ ארטיקל „וועגנ פאָלק־איבערארבעטונגענ פונ גאָטלאָבערס לידער’’ אינ מינסקער „צייטשריפט’’ ב. V, ז, 250.

פאָלקלאָרישער איבעראַרבעטונג פונעם ליד „זעלדע פּאַרנ געט", וואָס גינזבורג און מאַרעק האָבן עס אַרײַנגענומען אין זייער לידער־זאַמלונג, ניט וויסנדיק, אַז דער אורשפּרינגלעכער טעקסט פונעם ליד שטאַמט פון מ. גאָרדאָנען:

„איך געדענק דעם טאָג דעם שלעכטן,
ווען מע האָט מיך געפירט צו דער כופּע שעכטן;
דאַן בין איך געגאַנגען די צורע פאַרהאַנגען.
דער טאַבאַקאַס־קעדושן, דער גאָלדענער רינג,
דער שאַרפער כאַלעף, ער שנײַדט טיף און גרינג,
דער טאַבאַקאַס־קעדושן, די אײַזערנע קייט,
מע האָט מיך געצווונגען און געפייט.
צוועלף פינצטערע יאָר נאָך מײַן כאַסענע הײַנט,
איך האָב אָפּגעלעבט מיט מײַן מאַן, וואָס איך האָב פײַנט"
(ג.מ. ז. 237, נומ. 285).

אויבן האָבן מיר אויפמערקזאַם געמאַכט אַף דעם פאַקט, אַז די פאָלקלאָרישע אַנטיכסידישע לידער זײַנען אין אַ גרויסן טייל געשאַפן געוואָרן אין דער סוויווע פון שטעטלשע מאַסקילים. דאָ ווידער קומט אויס פעסטצושטעלן, אַז די ווירקונג פון דער דאָזיקער סוויווע לאָזט זיך פילן אויך אין אַ גאַנצער רײ שטייגער־לידער, באַזונדערס אין די, וואָס זײַנען קריטיש אָנגעצילט קעגן די פאַרקריפּלטע, פּעאָדאַלע דערשײַנונגען אינעם מישפּאָכע־שטייגער. עס באַשטעטיקט זיך, אַזוי־אַרום, די האַשאָרע פון מ. ווינער וועגן דעם, אַז די סוויווע פון די קליינשטעטלדיקע מאַסקילים, „אַפּיקאָרסים" „האָט געהאַט אַ וויכטיקע האַשפּאָע אַפן שאַפן, גאַנג און אַנטוויקלונג פונעם ייִדישן פאָלקסליד אינעם XIX יאָרהונדערט, באַזונדערס דאָרט, ווו דאָס פאָלקסליד ווײַזט געזעלשאַפטלעכע אָדער מאַסקילישע טענדענצן".[1]

## 8. ווירקונגען פונעם אוקראַיִנישן פאָלקלאָר־ליד

די פּראָבלעם וועגן דער ווירקונג פונעם סלאַווישן לידער־פאָלקלאָר אַפן ייִדישן איז ביז צו דער לעצטער צײַט זייער ווייניק פאַנאַנדערגעאַרבעט געוואָרן.

דער ערשטער, וואָס האָט ביכלאַל געגעבן אַ פאַרגלײַכנדיקע (רײַן פאָרמאַליסטישע) שטודיע צווישן דעם ייִדישן לידער־פאָלקלאָר און דעם פאָלקלאָר פון אַנדערע פעלקער, איז געווען דער בירגערלעכער ייִדישער פילאָלאָג און פאָלקלאָריסט א. לאַנדוי. אין זײַן רעצענזיע איבער גינזבורג־מאַרעקס לידער־זאַמלונג, געדרוקט אין נומ. 11 פון די

1 אקסטענפעלדס ווערק, ב. I, „אָנמערקונגען און עקסקורסיעס" ז. 321.

„Mitteilungen zur jüdischen Volkskunde“ האָט ער אָנגעוויזנ אָפּ אַנ ערעכ דרײַ צענדליק לידער פונ דער דאָזיקער זאַמלונג, צו וועלכע ער האָט געפונענ דײַטשישע פּאַראַלעלנ, אונ וואָס שטאַמענ אָפּ לויט זײַנ מיינונג, פונעמ דײַטשנ לידער־פאָלקלאָר. וואָס שײַעכ ביכלאַל דער פּראָבלעמ וועגנ דער ווירקונג פונ אַנדערשפּראַכיקע פאָלקלאָר־לידער אָפּנ ייִדישנ פאָלקלאָר־ליד, קומט דאָ לאַנדוי צו אַזאַ אַלגעמיינעמ אויספיר — „די לידער, וואָס ווײַזנ זיכ אַרויס פיר אַנטליִענ זײַנענ אויסשליסלעכ פונ אַ דײַטשנ אָפּשטאַמ. דאָס וואָס עס זײַנענ ניט אַנטליִענ געוואָרנ קיינ סלאַווישע לידער, לאָזט זיכ דערקלערנ דורכ שפּראַכלעכע שוועריקײַטנ. בײַ לידער, ווו טעקסט אונ מעלאָדיע זײַנענ אומצעטיילעוודיק, האָט מענ ניט געקאָנט סטאַמ אַזוי אַריבערנעמענ דעמ אינהאַלט אַזויווי בײַ די מײַסעלעכ, ווו די פאָרמ האָט קיינ ווערט ניט (?) — מע וואָלט זיי געדאַרפט איבערדיכטנ אינ אַ ריטמ, וואָס איז צוגעפּאַסט צו דער מעלאָדיע. לויטנ אינהאַלט געפינענ זיכ אָבער, דוכט זיכ, די ליבע־לידער גאַנצ היפּש אונטער דער ווירקונג פונעמ סלאַווישנ פאָלקסגעזאַנג, וואָס איז גראַד אָפּ דעמ געביט אַזוי רײַכ אַנטוויקלט” (דאָרטנ, ז. 68).

ס'איז ניט שווער אײַנצוזעענ, אַז די באַגרינדונג פונ לאַנדויס טעזיס וועגנ דער אוממעגלעכקײַט פונ סלאַווישע אַנטלײַונגענ אינעמ ייִדישנ לידער־פאָלקלאָר, איז ווײַט ניט קיינ איבערצײַגנדיקע. פאַרוואָס טאַקע ניט דערלאָזנ, אַז יענע שפּעריִשע פּערזענלעכקײַטנ, וואָס זיי זײַנענ עס געווענ די אויטאָרנ פונ הונדערטער, צומאָל הויכקינסטלערישע, פאָלקלאָר־לידער, האָבנ אויכ געקאָנט געוויסע סלאַווישע פאָלקלאָר־לידער איבערדיכטנ „אינ אַ ריטמ, וואָס איז צוגעפּאַסט צו דער מעלאָדיע”, אויב זיי האָבנ געקאָנט אָריגינעל שאַפנ, דיכטנ, פאַרוואָס אויסשליסנ פאַר זיי די מעגלעכקײַט פונ איבערדיכטנ, איבערזעצנ?

די ווײַטערדיקע פאָרשונג האָט טאַקע דערוויזנ, אַז לאַנדויס טעאָריע איז ניט קיינ ריכטיקע. אינ 1923 יאָר האָט דער פּוילישער פאָלקלאָריסט ביסטראָנ אינ זײַנער אַנ אַרבעט[1] אַרויסגעפונענ סלאַווישע פּאַראַלעלנ צו אייניקע ייִדישע פאָלקלאָר־לידער. דערבײַ לאָזט זיכ מיט אַ געוויסער זיכערקײַט זאָגנ, אַז פיר פונ די ייִדישע פאָלקלאָר-

1 Jan Stanislaw Bystron, „Uwagi had dziesecin piesniami zydow polskich“

אַגעוו, איז דאָ קעדײַ צו דערמאָנענ, אַז די ערשטע אָנווײַזונגענ אָפּ אייניקע סלאַווישע אַנטלײַונגענ אינעמ ייִדישנ פאָלקלאָר־ליד האָט געמאַכט נאָכ פריִער מיט קאַרגע זיבעציק יאָר אי. אָרשאַנסקי. זײַ דעמ אַרטיקל „О замкнутости евреев“ אינ אָר־שאַנסקיס בוכ „Евреи в России“ געדרוקט צוערשט אינ 1866 יאָר אינ דער רוסישער בײַלאַגע צו „הכרמל” פאַר 1866 יאָר, נומ. 9־10.

לידער, מיט וועלכע ביסטראָנ אָפּערירט, שטעלנ מיט זיכ טאקע פאָר אמאָל איבערזעצונגענ, אמאָל ווייטערע ווארייִרונגענ פונ די אנטשפּרעכיקע סלאווישע פּאראלעלנ. דאָס זיינענ, נעמלעכ, די לידער „הער נאָר דו שיינ מיידעלע, הער נאָר דו פיינ מיידעלע, וואָס וועסטו טאָנ אינ אזא וויטנ וועג" (א ליבע-ליד), „אפּ די גרינע פעלדער, וועלדער" (מילכאָמע-ליד), „אפנ בארג אונטערנ בארג זיצנ טויבנ פּאָרנ" (שטייגעריש-ליד), „אוי, אָב הרחמים שוכן במרומים (א רעקרוטנ-ליד).

צו אזוינע רעזולטאטנ האָט געבראכט דער ערשטער פּרווו פונ א פארגלייכנדיקער פאָרשונג צווישנ ייִדישנ אונ סלאווישנ לידער-פאָלקלאָר, דורכגעמאכט אפנ סמאכ פונ זייער א קליינעם ייִדישנ מאטעריאל.[1] פארשטייט זיכ, אז אנ ערנסטע פארגלייכ-פאָרשונג פונעם גאנצנ פארעפנטלעכטנ ייִדישנ לידער-פאָלקלאָר מיטנ סלאווישנ לידער-פאָלקלאָר וואָלט געבראכט, בליסאָפעק, צו אומפארגלייכלעכ רייכערע רעזולטאטנ אינ דער הינזיכט.

די פאקטנ, וואָס אזא פארגלייכ-פאָרשונג קאָנ ארויסברענגענ זיינענ טיפ אינטערעסאנט אונ באלערעוודיק. זיי שטעלנ מיט זיכ פאָר א רייכנ מאטעריאל פאר דער קולטור-היסטאָרישער פאָרשונג, זיי זיינענ וויכטיק פאר דער שפּראכוויסנשאפט (צו דער פּראָבלעם וועגנ דער ווירקונג פונ סלאווישע שפּראכנ אפ ייִדיש) — אונ דעריקער — זיי ווייזנ אונדז ווי ווייט ענג עס איז געוועננ געבונדנ די שאפונג פונ די האָרעפּאשנע ייִדישע מאסנ מיט דער שאפונג פונ די האָרעפּאשנע מאסנ פונ יענע פעלקער, צווישנ וועלכע זיי האָבנ אינ פארלויפ פונ יאָרהונדערטער געלעבט. אינ דעמ אונ ניט עפּעס אינ אנדערש ליגט דער זינ אונ דער באדייט פונ אזא פאָרשונג פאר דער סאָוועטישער וויסנשאפט. עס איז זעלבסטפארשטענדלעכ, אז פאר אונדז בלייבט לאכלוטנ פרעמד אונ פיינטלעכ יענער שמאָל-נאציאָנאליסטישער, ווייט ניט וויסנשאפטלעכער צוועק, וועלכנ עס שטעלט זיכ די ייִדישיסטישע פאָרשונג אינ דעמ געביט: דער צוועק אָפּצוטיילנ דאָס „עכט ייִדישע" פונעם „פרעמדנ".

די סאָוועטישע פאָלקלאָריסטיק באטראכט ניט דעמ פאָלקלאָר, ווי א געביט, אינ וועלכנ עס איז קאָנצענטרירט „אלדאָס נאציאָנאלע". די לידער, וואָס זיינענ דורכנ ייִדישנ פאָלקלאָר איבערגענומענ געוואָרנ פונ אנדערשפּראכיקע פאָלקלאָרנ, זיינענ פאר אונדז ניט ווייניקער אינטערעסאנט ווי די סאמע „עכטסטע" ייִדישע לידער.

---

1 ביסטראָנ האָט ניט געהאט אינ זיינ רעשוס די גרעסטע ייִדישע פאָלקלאָר-לידער זאמלונגענ (גינזבורג-מארעקס, י. ל. קאהאנס) אא. אונ האָט אָפּערירט בלויז מיט מאטעריאלנ פונ א. עליאסבערגס „Ostjüdische Volkslieder" אונ ארנאָ נאדלס פארעפנטלעכונגענ אינעמ דייטשישנ זשורנאל „Der Jude".

פאַרבּרייטערן די טעמע וועגן דער סלאַווישער ווירקונג אויפן ייִדישן לידער־פאָלקלאָר, פאַנאַנדעראַרבּעטן די דאָזיקע טעמע אין איר גאַנצן פאַרנעם איז איצט ניט אין אונדזערע מעגלעכקייטן; אונדזער צוועק איז דאָ איצטער א סאַך א שמעלערער: אַרויסברענגען יענע סלאַווישע פּאַראַלעלן צו ייִדישע פאָלקלאָר־לידער, וועלכע מיר האָבן פאַרצייכנט, זוכנדיק וואַריאַנטן צו די לידער פונעם דאָזיקן בוך, און אפן סמאַך פון די דאָזיקע פּאַראַלעלן, ווי אויך אפן סמאַך פון די פּאַראַלעלן, וואָס די פאָרשונג האָט שוין ביז איצט פעסטגעשטעלט, מאַכן מער ניט ווי עטלעכע באַמערקונגען צו דער דאָזיקער טעמע.

צו פאָלגנדיקע ייִדישע פאָלקלאָר-לידער האָבן מיר אַרויסגעפונען סלאַווישע (אוקראַיִנישע, ווײַסרוסישע און רוסישע) פּאַראַלעלן.

1. „אַזאַ שוואַרצע און אַזאַ גרינע, פון אַזאַ מין ווײַטער מעדינע“ (א שטייגער־ליד; געדרוקט אין אונדזער איצטיקער זאַמלונג. זע ווײַטער, ז. 294, נומ. 31).

2. „גיט מיך אָפּ מײַן מאַמע, גיט מיך אָפּ מײַן מאַמע“ (א שטייגער-ליד; געדרוקט אין מ. בערעגאָווסקיס „ייִדישער מוזיק-פאָלקלאָר“ I, ז. 214, נומ. 97).[1]

3. „וואַסער שוימט, וואַסער שוימט, טוט מען גאַנץ ווײַט הערן“ (א שטייגער־ליד; געדרוקט אין לעאָ ווינערס „געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור“ (ענגליש), ז. 67).

4. „סאָלאָווייטשיק מאַליענקי, בא דיר א גאָלאָס טאָנענקי“ (א שטייגער־ליד; געדרוקט אין אונדזער איצטיקער זאַמלונג. זע ווײַ-טער, ז. 313, נומ. 53).

5. „אפ די בערג די הויכע טוט א גראָז וואַקסן“ (א ליבע-ליד; געדרוקט אין אונדזער איצטיקער זאַמלונג. זע ווײַטער, ז. 138, נומ. 14).

6. „גאָט דו דערבּאַרעמדיקער, פאַרוואָס בין איך ניט קיין מאַזלדי־קער“ (סאָציאַל־שטייגעריש ליד; געדרוקט בא ג.מ. ז. 257, נומ. 308).

7. „איך הער א געשריי און א גוואַלד“ (א מיש־שפּראַכיק מיסטיש-רעליגיעז ליד; געדרוקט בא קיפּניסן I, ז. 138).

8. „אוי, פּיוו יא או נעדילו“ (א מיש-שפּראַכיק מיסטיש-רע־ליגיעז ליד; געדרוקט בא קיפּניסן II, ז. 146).

9. „אוי, נא דוואָרי סטאָיאַטשי, סטאָיִט כוסיד אי פּלאַטשע“ (אַן אַנטיכסידיש־ליד; געדרוקט אין אונדזער איצטיקער זאַמלונג. זע ווײַטער, ז. 138, נומ. 8).

10. „אוי, כוסיד, כוסיד בווו“ (אַנטיכסידיש ליד; געדרוקט אין אונדזער איצטיקער זאַמלונג. זע ווײַטער, ז. 140, נומ. 9).

---

[1] אפ דער אוקראַיִנישער פּאַראַלעל צו דעם ליד האָט מיר אָנגעוויזן כאַווער מ. בערעגאָווסקי.



1259—

11. „זע נאַר, טאַטע, זע נאַר, מאַמע" (א קינדער־ליד; טעקסט געפינט זיך אינעם פאָלקלאָר-ארכיוו פון אונדזער עטנאָגראַפישער סעקציע).

12. „גדיע טי יעדיעש ראָמאַני" (א קינדער־ליד; געדרוקט אין „פינקעס", ז. 406, נומ. 2).

13. „ייִסנאַדאַל וועיִסקאַדאש שמיי ראַבאַ, וואָס אמאָל איז געווען אין היינט ניטאָ" (שטייגעריש-הומאָריסטיש ליד; טעקסט געפינט זיך אין פאָלקלאָר־ארכיוו פון אונדזער עטנאָגראַפישער סעקציע, געדרוקטער וואַריאַנט בא ג.מ. ז. 106, נומ. 133).

14. „פּאָ טים באָצי דונאַיו" (רעליגיעז-מיסטיש ליד; געדרוקט בא קיפּניס II, ז. 139).

15. „איך, דער שיפער, זיפּצ און קלער" (סאָציאַל-שטייגעריש ליד; טעקסט געפינט זיך אין פאָלקלאָר-ארכיוו פון דער עטנ. סעקציע).

16. „אשרי האיש אשר לא הלך, כ'האָב געהאַט א פעטער א וואָלעך" (הומאָריסטיש ליד; טעקסט געפינט זיך אין פאָלקלאָר־ארכיוו פון דער עטנאָגראַפישער סעקציע).

17. „ווי וועסטו מיך לאָזן, סענדערל מיין מאַן" (סאָציאַל-שטייגעריש ליד; געדרוקט בא ג.מ. נומ. 306).

18. „קראַסנא דיעוואָטשקאַ, א כטאָ טי" (שטייגעריש־הומאָריסטיש ליד, געדרוקט בא ג.מ. ז. 310 נומ. 353).

19. „ווען איך זאָל האָבן א גראָוו פערד" (ליבע־ליד, געדרוקט אין אונדזער איצטיקער זאַמלונג. זע ווייטער, ז. 170, נומ. 28).

20. „ווי איז דאָס געסעלע, ווו איז די שטוב" (ליבע־ליד, געדרוקט בא קאַהאַן I, ז. 26, נומ. 17).

סאַכאַקל צוואַנציק לידער. אויב מיר וועלן צו דער צאָל נאָך צוגעבן די פיר לידער, וואָס זייער סלאַווישע אָפּשטאַמונג האָט פעסטגעשטעלט ביסטראָן, די צוויי לידער („לייג איך מיר מיין קעפּעלע אָפּ מיין מאַמעס בעטעלע" א שטייגער-ליד, געדרוקט בא קאַהאַן III, ז. 77, נומ. 112, און „אמאָל איז געווען א באַבעצקע"—א קינדער־ליד, געדרוקט דאָרטן, ז. 87. נומ. 163), וואָס זייערע אוקראַיִנישע פּאַראַלעלן האָט אַרויסגעפונען י. ל. קאַהאַן און, ענדלעך, איין ליד (דאָס באַקאַנטע ליד וועגן אָרעמע און רייכע ברודער, זע די ייִדישע טעקסטן דערפון בא פּרילוצקי, ב. II), וואָס אָפּ זיין סלאַווישן אָפּשטאַם האָט נאָך אין זיין צייט אָנגעוויזן אַל. אָרשאַנסקי, וועלן מיר באַקומען אין סאַכאַקל זיבן און צוואַנציק ייִדישע פאָלקלאָר־לידער (צווישן זיי עטלעכע זייער פּאָפּולערע), וואָס שטאַמען אורשפּרינגלעך אָפּ פון אוקראַיִנישע, ווייסרוסישע, רוסישע

און פוילישע לידער.[1] די סלאווישע פאראלעלן צו דער מערהייט פון די דאָזיקע לידער ברענגען מיר, באגלייך מיט די יידישע טעקסטן אלס צוגאָב צום סאָף פון דעם בוך. דער לייענער וועט זיך קאָנען איבערצייגן, ווי ווייט גרויס עס איז די ענלעכקייט צווישן די אנטשפרעכיקע טעקסטן, סיי אין סוזשעט, סיי אין וואָרטלעך־בילדערישער אויספורעמונג. בא דער מערהייט פאלן האנדלט זיך עס אפילע ניט וועגן ענלעכקייט, נאָר וועגן קימאט פולשטענדיקער טעקסטועלער צונויפאלונג.

זיבן און צוואנציק יידישע פאָלקלאָר־לידער, אנטליענע פון סלאווישן פאָלקלאָר (מערסטנטייל פון אוקראינישן) — דאָס קאָן שוין ניט דערקלערט ווערן דורך א צופאל אָדער אלס אויסנאם־דערשיינונג. אויב מיר וועלן נאָך נעמען אין אכט, אז אויך די דאָזיקע צאָל איז בעשומיפן ניט קיין רעזולטאט פון אן אויסשעפנדיקער פארגלייך־פאָרשונג, וועלן מיר האָבן דאָס פולסטע רעכט צו זאָגן, אז די איבערוואנדערונג און איינבירגערונג פון סלאווישע פאָלקלאָר־לידער אינעם יידישן לידער־פאָלקלאָר איז געוועזן א גאנץ אָפטע דערשיינונג.

א פארטיפערטע פאָרשונג וועט געוויס פעסטשטעלן אויך א פארקערטע דערשיינונג — פאקטן וועגן דער ווירקונג פונעם יידישן פאָלקלאָר־ליד אפן אוקראינישן, ווייסרוסישן, פוילישן אאוו. פאָלקלאָר. אויב מיר ווייסן נאָך ביז איצט זייער ווייניק וועגן יידישע אנטלייונגען אינעם סלאווישן פאָלקלאָר, איז דאָס אָן סאָפעק נאָר דערפאר, ווייל עס פעלט אויס פאָרשונג אינעם דאָזיקן געביט.

---

די יידישע פאָלקלאָר־לידער, וואָס זיינען שוין אָן סאָפעק פעסטגעשטעלט אלס אנטליענע פון סלאווישן פאָלקלאָר, זיינען פארשיידנארטיק לויט זייער טעמאטיק. דאָ זיינען פאראן לידער וועגן מישפּאָכעשטייגער (באזונדער דארף דאָ פארצייכנט ווערן די לידער, וואָס מאָלן די שווערע לאגע פון דער פרוי אין דער מישפּאָכע), ליבע־לידער, סאָלדאטן־לידער, לידער וועגן סאָציאלן שטייגער, הומאָריסטישע לידער. די פארשיידנארטיקייט אין דער טעמאטיק פון די אנטליענע לידער זאָגט איידעס וועגן א גאנץ ברייטן נאטירלעכן און אומגעצווונגענעם אינטערעס פון דער יידישער האָרעפּאשנער סוויווע צו די שאפונג פונעם אוקראינישן האָרעפּאשניק (מיר האָבן דאָ צו טאָן, ווי געזאָגט, מערסטנטייל מיט אנטלייונגען פון אוקראינישן פאָלקלאָר־ליד). עס איז אויך נייטיק אונטערצושטרייכן, אז בא די אנטלייונגען האָט דער יידישער פאָלקלאָר־זינגער ארויסגעוויזן אן אויסגעצייכנטן קינסטלערישן כוש, —

---

1 אן אנטלייונג פון סלאווישן פאָלקלאָר איז מיסטאמע אויך דאָס ליד נומ. 5, ז. 104.

די אנטלײַענע לידער געהערן מערסטנטייל צו די שענסטע און אינ־טערעסאנטסטע מוסטערן פונעם אוקראַיִנישן פֿאָלקלאָרישן געזאַנג.

די מערהײַט אנטלײַענע סלאַווישע לידער צװײ און צװאַנציק פֿון זיבן און צװאַנציק — האָבן אינעם ייִדישן פֿאָלקלאָר אײַנגעהיט די זעלבע טעמע און דעם זעלבן ספּעציאַלן כאַראַקטער, װאָס זײ האָבן געהאַט אין דעם סלאַװישן פֿאָלקלאָר. פֿינף פֿון די דאָזיקע לידער האָבן בײַ דער אנטלײַונג געביטן זײער ספּעציאַלן אינהאַלט און זײַנען אינעם ייִדישן פֿאָלקלאָר אויסגענוצט געװאָרן צוליב גאָר אנדערע צװעקן װי פֿריִער אין דער אוקראַיִנישער פֿאָרם.

דאָס ליד „פּיוו יא או נעדיליו“ איז אין אוקראַיִניש (און װײַס־רוסיש), א געװײנלעך טרינק־ליד. איבערגענומענע אין ייִדיש דורך כסי־דישע קרײַזן איז דאָס דאָרט פֿאַרװאַנדלט געװאָרן אין א מיסטיש־רעליגיעז ליד. אין א מיש־שפּראַכיק רעליגיעז־מיסטיש ליד איז אויך פֿאַרװאַנדלט געװאָרן דאָס אוקראַיִנישע מישפּאָכע־ליד „Та говорили журавлі та ходячи по полі“ (געדרוקט בײַ Гринченко אונטערן נומער 167).

דער אינהאַלט פֿונעם דאָזיקן אוקראַיִנישן ליד איז: א פֿאָטער האָט כאַסענע דאָס צװײטע מאָל, די קינדער זײַנען פֿאַרלאָזן אים דערפֿאַר און אנטלויפֿן אינעם װאַלד. ער גײט אהין זײ אָפּזוכן. אין דער ייִדישער כסידישער סוויווע האָט דאָס ליד געקראָגן אזא מין באַטײַט: גאָט גײט ארום זוכן זײַנע קינדער, די „בני־ישׂראל“, װאָס ער האָט זײ אלײן ארויסגעטריבן פֿון זײער הײם.

אן ענלעכער פֿאַל איז אויך פֿאָרגעקומען מיט א דריט אוקראַיִ־נישן שטײגער־ליד: „По тім боці Дунаю“, מיסטיש־רעליגיעז איבערגע־פֿאַרטײַטשט זײַנען די דאָזיקע דרײַ לידער אויסגענוצט געװאָרן דורך דער קלערנקאַלער, כסידיש־רעבײישער סוויווע. א באַזונדערן אינטערעס צװישן די ייִדישע אנטלײַונגען פֿון אוקראַיִנישן פֿאָלקלאָר שטעלן מיט זיך פֿאָר די צװײ אנטיכסידישע לידער.

„Ой на дворі стоячи, стоіть хусід и плаче“.
„Ой хусід, хусід був“

אינעם אוקראַיִנישן אָריגינאַל איז די טעמע פֿונעם ערשטן פֿון די דאָזיקע צװײ לידער — די ליבע־פּאַסירונגען פֿון א פּויערישן יונג מיטן נאָמען הריצ. אין דער ייִדישער סוויווע איז דאָס דאָזיקע ליד געזונגען געװאָרן אויך דורכויס אף אוקראַיִניש, בלויז מיט דעם אונטערשײד, װאָס דאָ װערן אלע מעשׂים צוגעשריבן ניט דעם פּויערישן יונג, נאָר דעם כאָסיד. צוליב דעם אלײן בלויז באַקומט דאָס ליד אן אנטיכסי־דישן באַטײַט. דאָס זעלבע איז פֿאָרגעקומען אויך מיטן צװײטן ליד. א קאָמישע פּאַסירונג מיט א פּויערטע, װאָס דאָס איז די טעמע פֿונעם

אוקראַיִנישנ אָריגינאַל, ווערט אינ דער „יִידישער“ אנטלייִונג נאָכ מער סאטירישׂ פארשארפט — אונ צוגעשריבנ דעם כאָסיד.

איבערראשנדיק איז די איבערזעצערישע געראָטנקייט, וואָס לאָזט זיכ פעסטשטעלנ אינ די יִידישע אנטלייִונגענ פונ אוקראַיִנישע פאָלקלאָר-לידער. עס איז צו באוווּנדערנ, ווי דער יִידישער פאָלקלאָר-זינגער האָט קימאט שטענדיק געפונענ דעם אדעקוואטנ אויסדרוק אונ דאָס פאסיקסטע בילד אפ איבערצוגעבנ דאָס אוקראַיִנישע ליד אינ יִידיש, ווי ער האָט זייַנ איבערזעצונג געפורעמט דורכויס צוגעפאסט צו דער נאַציָאנאלער סוויווע אונ אינ איינקלאנג מיט די שפּראַכ-מעגלעכקייטנ אונ פאָרמ-טראדיציעס פונעמ יִידישנ פאָלקאָר-ליד. עס וועט זייַנ ניט איבערגעטריבנ צו זאָגנ, אז די שעפערישקייט פונ דער האמוינישער סוויווע האָט זיכ בא די דאָזיקע איבערזעצונגענ ארויסגעוויזנ אָפטמאָל ניט אינ קיינ קלענערער מאָס, ווי אינ די אָריגינעלע פאָלקלאָר-שאפונגענ.

עס זייַנענ פאראנ צווישנ די אנטלִיענע פאָלקלאָר-לידער אויכ אזוינע, וואָס גייענ זיכ אינ אייניקע טעקסט-טיילנ פאנאנדער מיט זייערע סלאווישע פאראלעלנ.

דער פאָלקלאָרישער „איבערדיכטער“, איבערזעצער, האָט נאטירלעכ ניט געפילט אפ זיכ דעם דרוק פונ אָפיציִעל-אָנגענומענע קלאָלימ וועגנ איבערזעצערישער פינקטלעכקייט. ער האָט זיכ געקאָנט דערלויבנ — אונ האָט זיכ דערלויבט — אמאָל א קלענערע, אמאָל א גרעסערע שעפערישע פרייַקייט אינעמ איבערזעצנ. דאָס אוקראַיִנישע ליד האָט פאר אימ געקאָנט אמאָל זייַנ ניט מער ווי א סכעמע, אנ אויסגאנגפונקט פאר אייגענע שעפערישע אופטוענ.

דערבייַ מוזנ מיר אינ זינענ האָבנ, אז אפילע אינ יענע פאלנ, וועג דער פאָלקלאָר-זינגער האָט געשאפנ א מער ווייניקער פינקטלעכע איבערזעצונג פונעמ אוקראַיִנישנ ליד, פלעגט זיכ אָפט טרעפנ (ווי דאָס איז אינ דער טעווע פונ אלע פאָלקסלידער), אז אינ פארלויפ פונ דער צייַט איז דאָס ליד דורכ די זינגער וואריִירט געוואָרנ אפ א פארשיידענעמ אויפנ.

עס איז ווידער מעגלעכ, אז אינ אייניקע פאלנ האָבנ מיר נאָכ ניט ארויסגעפונענ גראָד יענעמ ווארִיאנט פונעמ אוקראַיִנישנ, ווייַסרוסישנ אאוו. ליד, וואָס צו אימ אנטשפרעכט דאָס יִידישע ליד אמיינסטנ.

---

וועגנ אנטלייִונגענ אינעמ פאָלקלאָר האָט פאָל לאפארג געשריבנ: „דער סוזשעט (פונעמ ליד — ז.ס.) קאָנ אמאָל ארייַנגעטראָגנ ווערנ פונ אויסנ, אָבער ער ווערט אָנגענומענ בלויז אינ דעם פאל, וועג ער אנטשפרעכט צו דעם גייַסט אונ מינהאָגימ פונ די, וועלכע

נעמענ אימ איבער. א ליד קאָנ ניט אָנגעבונדנ ווערנ, ווי א נײַע מאָדע אפ קליידער".[1] די דאָזיקע ריכטיקע באמערקונג לאפארגס מוזנ מיר אינ זינענ האָבנ אויכ אינ אונדזער פאל. עס איז ווייניק בלויז פעסטצושטעלנ דעמ פאקט פונ סלאווישע אנטלײַונגענ אינעמ ייִדישנ פאָלקלאָר. עס איז נאָכ נייטיק די דאָזיקע דערשײַנונג צו דערקלערנ.

קעדיי די דאָזיקע פראגע צו פארענטפערנ, מוזנ מיר געדענקענ, אז די געזעלשאפטלעכע באזע פאר פאָלקלאָר איז בא אלע פעלקער, אינ גרונט גענומענ, איינע און די זעלבע — די ארבעטנדיקע, אונטערדריקטע און עקספלואטירטע מאסנ. דער סאָציאלער לעבנשטייגער, די אידעאָלאָגיע און פסיכאָלאָגיע פונ די דאָזיקע מאסנ איז בא פארשיידענע פעלקער, ניט געקוקט אפנ גאנצנ אונטערשייד אינ דער היסטאָרישער פארגאנגענהײַט, פאָרט אָבער אינ די גרונט־שטריכנ גענוג ענלעכ איינס צומ אנדערנ. דאָס איז טאקע די סיבע דערפונ, וואָס אינעמ פאָלקלאָר פונ פארשיידענע נאציאָנאליטעטנ טרעפנ מיר אזוי אָפט איינע און די זעלבע טעמעס, מאָטיוונ, סוזשעטנ, שטימונגענ, אידייענ. מיר וועלנ, לעמאָשל, קימאט בא אלע הײַנטצײַטיקע פעלקער טרעפנ אינ זייערע פאָלקלאָר־לידער אָפגעשפיגלט אפ א גאנצ ענלעכנ אויפנ די טעמע וועגנ דער שווערער לאגע פונ דער פרוי, אינ זייער דערציילערישנ פאָלקלאָר — שפּאָט־מײַסעס און אנעקדאָטנ וועגנ קלער אאוו. די דאָזיקע קרויווּשאפט פונ מאָטיוונ, סוזשעטנ, שטימונגענ און אידייענ אינעמ פאָלקלאָר פונ פארשיידענע פעלקער איז א דירעקטער רעזולטאט פונ דער סאָציאלער קרויווּשאפט צווישנ די עקספלואטירטע אונטערדריקטע מאסנ פונ די דאָזיקע נאציאָנאליטעטנ, וואָס האָבנ דעמ פאָלקלאָר געשאפנ. די סאָציאלע קרויווּשאפט פונ די פאָלקלאָר־שאפער בא פארשיידענע פעלקער — דאָס איז אויכ די סיבע פאר דער וואנדערונג פונ פאָלקלאָר־מאָטיוונ און פאָלקלאָר־סוזשעטנ פונ איינ נאציאָנאלער סוויווע אינ דער אנדערער, — פאר יענעם גרויסנ דיפוזיע־פּראָצעס, וואָס קומט פאָר צווישנ די פאָלקלאָרנ פונ פארשיידענע נאציאָנאליטעטנ אינ פארלויפ פונ יאָרהונדערטער. באזונדערס גרויס איז, נאטירלעכ, דער דאָזיקער דיפוזיע־פּראָצעס צווישנ די פאָלקלאָרנ פונ אזוינע פעלקער, וואָס די שפּראכנ זייערע זײַנענ קרויוויש אָדער פונ אזוינע פעלקער, וואָס לעבנ בישכיינעס איינס מיטנ אנדערנ.

ווענ מיר שטעלנ פעסט, אז אינעמ ייִדישנ לידער־פאָלקלאָר איז פאראנ א געוויסע צאָל לידער, וואָס איז „אנטליִענ" געוואָרנ פונ סלאווישנ לידער־פאָלקלאָר, ווערט עס דערקלערט דערמיט, וואָס עס איז פאראנענ

---

[1] П. Лафарг, „Очерки по истории культуры", стр. 55.

געווענ א געוויסער אידעאָלאָגישער, קלאסעווער קאָנטאקט צווישנ די ייִדישע האָרעפּאשנע מאסנ אונ די האָרעפּאשנע מאסנ פונ יענע סלאווישע לענדער, צווישנ וועלכע זיי האָבנ געלעבט. עס זײַנענ געווענ באשטימטע קלאסעווע אָנשויונגענ, סאָציאלע שטימונגענ, שטרעבונגענ אונ עמפּינדונגענ, וואָס זײַנענ כאראקטעריסטיש געווענ סײַ פארנ אוקראיִנישנ דאָרפישנ אונ שטעטלשנ האָרעפּאשניק, סײַ פאר די ייִדישע האָרעפּאשנע מאסנ. אָט די דאָזיקע געמיינזאמקײַט פונ סאָציאלע אָנשויונגענ האָט עס מעגלעכ געמאכט די איבערוואנדערונג פונ אוקראיִנישע פאָלקלאָר־לידער אינ דער ייִדישער סוויווע.[1]

דעריבער טאקע נעמענ מיר ניט אופ די ייִדישע פאָלקלאָר־לידער, וואָס זײַנענ אנטליִענ פונ אוקראיִניש, ווי „פרעמדע“. וועגנ דעמ, אז די דאָזיקע לידער שטאמענ אָפּ פונ אוקראיִניש, דערוויסנ מיר זיכ דורכ וויסנשאפטלעכער פאָרשונג, זיי, די לידער אליינ (אכוצ די געמישט-שפּראכיקע), אינ זייער י ִ ד י ש ע ר פ אָ ר מ, גיבנ דערצו, לויט זייער אינהאלט אונ קינסטלערישער אויספורעמונג, קיינ שומ גרונט ניט. זיי זײַנענ פונקט אזוי „ייִדיש“, ווי אלע אנדערע ייִדישע פאָלקלאָר־לידער. פונקט אזוי, ווי זיי זײַנענ איבערגענומענ געוואָרנ פונ אוקראיִניש, האָבנ זיי אויכ געקאָנט אנטשטיינ א ָ ר י ג י נ ע ל אינ ייִדיש.

מיט וואָס, למשל, איז ניט „ייִדיש“ די סטראָפע פונעמ ליד נומ. 308 בא ג.מ.:

„לײַטישע מאזאָלעס טוענ אפ די וואסערנ שווימענ,
אונ איכ טו זוכנ אונ טו נישט געפינענ,
אונ די גאנצע וועלט ביג איכ ארומגעלאָפנ
אונ איכ האָב מײַנ מאזל ניט געטראָפנ“. [2]

זי דריקט אויס אפ אנ אויסגעצייכנטנ, דורכויס ניט „איבערגעזעצטנ“ אופנ, די שווערע פעסימיסטישע שטימונג פונ א ייִדישנ געזעל, א דינסטמיידל, אנ אָרעמענ קרעמער, וואָס עס גייט זיי שלעכט אונ וואָס זעענ גאָר ניט קיינ אויסוועג פונ זייער שווערער, ביטערער לאגע.

אָבער די דאָזיקע סטראָפע שטאמט אורשפרינגלעכ פונ אנ אוקראיִניש ליד, וואָס איז געשאפנ געוואָרנ — אורטיילנדיק לויט געוויסע סימאָנימ אינעמ אינהאלט — אינ א באטראקישער סוויווע.

1 עס האנדלט זיכ דאָ בלויז וועגנ יענע פאלנ, ווענ אריבערגענומענע אינ דער ייִדישער סוויווע האָבנ די סלאווישע פאָלקלאָר־לידער פארהיט דאָרטנ די זעלבע סאָציאלע פונקציע, דעמ זעלבנ קלאסעווונ אינהאלט. עס זײַנענ מעגלעכ, ווי מיר האָבנ אויבנ געזענ, אויכ אנדערע פאלנ.

2 ענלעכע פערזנ אויכ בא קאהאנענ III, ז. 79 נומ. 114, א ליד פונ א מיידל, וואָס ארבעט אינ דער פרעמד: „לײַטישע מאזאָלעס טוענ אפ וואסערנ שווימענ, איכ טו זוכנ מײַנ מאזל אונ קאָנ נישט געפינענ“

„Едному щастя ріками пливе,
А до другого щастя берегами іде,
Я зійшов цілий світ,
Мні щастя ні долі ніт"
(Костомаров, стр. 161, № 55). [1]

די לאגע פונעמ אוקראַיִנישנ באַטראַק, וואָס האָט געהאָרעוועט אַלע זײַנע יאָרנ אָפּנ באַלעגופּ אונ פּאָרעצ, איז געווענ, פאַרשטייט זיכ, פאַרשיידנ, אָבער אויכ גענוג ענלעכ צו דער לאגע פונעמ אָרעמענ ייִדישנ געזעל, מעשאָרעס, דינסטמיידל אאַוו. דעריבער איז די דאָזיקע באַטראַקישע שאַפונג אַזוי אָרגאַניש אונ נאַטירלעכ איבערגענומענ געוואָרנ אינ דער אַנטשפּרעכיקער ייִדישער סאָציִאַלער סוויווע.

אָפּ אַזאַ אויפנ דאַרפנ אויכ דערקלערט ווערנ, אַזוי דוכט אונדז, די אַלע אַנדערע ייִדישע אַנטלײַונגענ פונעמ סלאַווישנ לידער־פאָלק־לאָר. ווענ מיר וועלנ זיכ צוקוקנ נעענטער צומ „אַנטלײַענעמ" מאַטע־ריאַל, וועלנ מיר זענ, אַז עס זײַנענ ניט איבערגענומענ געוואָרנ פונ אוקראַיִניש, ווײַסרוסיש, פּויליש קיינ לידער, וואָס זאָלנ לויט זייער אינהאַלט, טעמאַטיק אונ קלאַסעוועער געוועגדטקײַט ניט קאָנענ געפינענ קיינ סאָציִאַלנ אָפּקלאַנג אויכ אינ דער ייִדישער סוויווע (לעמאָשל לידער מיט א ספּעציפיש פּויערשער טעמאַטיק, היסטאָרישע לידער אאַוו.).

---

פאַר א ברייטער איבערוואַנדערונג פונ סלאַווישע פאָלקלאָר־לידער אינ ייִדישנ פאָלקלאָרישנ געזאַנג איז נייטיק געווענ נאָכ איינ וויכטיקע פאָרהאַנאָכע: מע זאָל אינ דער ייִדישער האָרעפּאַשנער סוויווע קענענ די אַנטשפּרעכיקע ס ל אַ ו ו י ש ע  ש פּ ר אַ כ נ. קעדיי צו קאָנענ איבער־זעצנ — אונ די ייִדישע פאָלקלאָרישע איבערזעצונגענ פונ די סלאַווישע לידער זײַנענ דערעכ־קלאַל געמאַכט אויסגעצייכנט — האָט מענ דאָכ געדאַרפט קענענ די שפּראַכ, פונ וועלכער מע איבערזעצט. אינ דעמ זינ זײַנענ אויכ די באַדינגונגענ פאַרנ אַנטלײַונג־פּראָצעס געווענ גינסטיקע. די ייִדישע שטעטלשע האָרעפּאַשנע מאַסע איז עקאָנאָמיש, בעמײַלע שוינ אויכ שטייגעריש, געווענ ענג פאַרבונדנ מיטנ אוקראַיִ־נישנ (אינ אוקראַיִנע), ווײַסרוסישנ (אינ ווײַסרוסלאַנד), פּוילישנ (אינ פּוילנ) דאָרפישנ, שטעטלשנ האָרעפּאַשניק אונ האָט די אַנטשפּרעכיקע שפּראַכנ, אינ דער מאָס, ווי דאָס האָט געפאָדערט דאָס עקאָנאָמישע אונ קולטורעלע צוזאַמענלעבנ, באַהערשט.

1 אייניקע אַנדערע פּערזנ פונעמ דאָזיקנ ליד בא קאָסטאָמאַראָוונ, טרעפנ מיר אינ אַנ אַנדער ייִדיש ליד, וועגנ איינעמ א פאַרשויג, וואָס האָט קיינ מאַזל ניט. זע די באַמערקונג צומ נומ. 5 אָפּ זײַט 105.

פונ געוויסע שילדערונגענ אינ דער ייִדישער ליטעראטור פונעמ האסקאָלע-פעריאָד, אויכ אינ דער ייִדישער קלאסישער ליטעראטור, קאָנ זיכ אמאָל שאפנ בא אונדז דער איינדרוק (כאָטש די שרייבער האָבנ דאָס גאָר אזוי ווייט ניט געמיינט), אז אינ דער ייִדישער סוויווע האָט מענ זייער שלעכט, אָדער גאָר מער, איינגאנצנ ניט געקענט די סלאווישע שפראכנ. גענוג צו דערמאָנענ זיכ דעמ כאָסידס אויסטייַנענ זיכ מיטנ אוריאדניק אינ לינעצקיס „פוילישנ ייִנגל", ביניאָמינ אונ סענדערלס שמועס מיטנ פויער אינ מענדעלעס „מאסאָעס ביניאָמינ האשלישי" אאוו.

עס איז ריכטיק, — כאָטש אויכ נאָר ביז צו א געוויסער מאָס, — אז דער כאָסיד, דער בעסמעדרעש-ייִד האָט שלעכט אָדער אמאָל אפילע איינגאנצנ ניט געקענט ריידנ קיינ אוקראַיִניש, אָבער די האמויִנישע אונ האָרעפּאשנע ייִדישע מאסע האָט די דאָזיקע שפראכ געקענט. ביניאָמינ קענ מיטנ פויער לאכלוטנ ניט ריידנ, סענדערל, וואָס ער איז ניט קיינ האָרעפּאשניק, אָבער פאָרט מער האמויִניש פונ ביניאָמינענ, ווייסט שוינ עפּעס מער.

אינ זייַנ לעצטער ארבעט „די סלאוויזירונג פונ ייִדיש"[1] האָט כ' שטיפ גלענצנד אופגעוויזנ, ווי ווייַט דער אוקראַיִנישער שפראכ-פאָלקלאָר, דער פאָלקלאָרישער ריידסטיל האָט געווירקט אפ דעמ ייִדישנ. ווענ מיר וועלנ דערצו צוגעבנ דעמ מאטעריאל וועגנ דער אנטלייַונג פונ סלאווישע פאָלקלאָר-לידער אינ דער ייִדישער סוויווע, וועלנ מיר באקומענ א בילד פונ א היפּשנ שטראָמ סלאווישנ פאָלקלאָר, וואָס איז אריבערגענומענ געוואָרנ אינ ייִדיש.[2] אזא דערשייַנונג

---

1 „אפנ שפראכפראָנט" נומ. 5-6, 1932.

2 א ספּעציִעלע פאָרשונג וועט געוויס פעסטשטעלנ ברייטע אוקראַיִנישע אונ ביכ־לאל סלאווישע ווירקונגענ אונ אנטלייַונגענ אויכ אינ די ייִדישע שפריכווערטער אונ פאָלקס-מייַסעס. אז אוקראַיִנישע שפריכווערטער זייַנענ ברייט גענוצט געוואָרנ אינ דער ייִדישער סוויווע אינ זייער אוקראַיִנישער שפראכלעכער פאָרמ, איז א באקאנטער פאקט. פיל בייַשפּילנ אזוינע געפינענ מיר פיקסירט אינ שאָלעמ-אליינעמס ווערק. אָבער אייניקע אוקראַיִנישע, ווייַסרוסישע שפריכווערטער זייַנענ אויכ בלישומ-סאָפעק איבערגעזעצט געוואָרנ אינ ייִדיש. מיר וועלנ דאָ ציטירנ א פּאָר בייַשפּילנ, וואָס געפינענ זיכ בא אונדז איצטער אונטערנ האנט. צומ זייער פּאָפּולערנ ייִדישנ שפריכוואָרט „בעסער מיט א קלוגנ צו פארלירנ איידער מיט א נאר צו געפינענ" איז פאראנ א פינקטלעכע אוקראַיִנישע פאראלעל:

«Лучше з розумным згубить, як з дурнем знайти»
(Радченко «Гомельские нар. песни», стр. XLIII).

צומ שפריכוואָרט „אנ אָקס האָט א לאנגנ צונג אונ קאָנ קיינ שרופער ניט בלאָזנ" — א ווייַסרוסישע פאראלעל: — «У вола язык доугі; да говорiць ня можець» (Шейн II, сув. 481).

וועגנ דער פארשפרייטקייט פונ אוקראַיִנישע פאָלקס-מייַסעס אינ דער ייִדישער

וואָלט בעשומפנ ניט מעגלעכ געווענ, ווענ מע זאָל אינ דער ייִדישער סוויווע ניט געווענ קענענ (אונ אינ באַזונדערע פאַלנ גוט קענענ) די אַנטשפּרעכיקע סלאַווישע שפּראַכנ.

אַפילע וועגנ דער קלעריקאַלער, בעסמעדרעשדיקער, כסידיש-רעבייִשער סוויווע, וואָס וועגנ איר זייַנענ מיר מערער פאַר אַלצ גענייגט געווענ צו מיינענ, אַז זי האָט די פרעמדע שפּראַכנ ניט געקענט, — אויכ וועגנ דער דאָזיקער סוויווע גיט אונדז דער פאָלקלאָר אַזעלכע מאַטעריאַלנ, וואָס צווינגט אַזא מיינונג צו קאָרעגירנ. צווישנ די העכער הונדערט געמישט-שפּראַכיקע פאָלקלאָר-לידער, וואָס זייַנענ ביז צום יאָר 1931 פאַרעפנטלעכט געוואָרנ — זייַנענ פאַראַנ פינפ אונ זיבעציק[1] פונ א מיסטיש-רעליגיעזנ אינהאַלט אונ כאַראַקטער. דערבייַ ווערט אינ די דאָזיקע לידער אַרויסגעוויזנ אַזויפיל באַהאַוונטקייַט אינ פאַיעט, אינ פאַרשיידנערליי טפילעס אונ אינ רעליגיעזע אָנגעלעגנהייַטנ, אַז עס איז שווער צו גלייבנ, זיי זאָלנ געווענ אַנטשטיינ אינ דער סוויווע פונ האָרעפּאַשניקעס, זאָל זייַנ אַפילע פונ רעליגיעזע אונ פרומע (כאָטש געזונגענ ווערנ האָבנ זיי געקאָנט אויכ אינ דער דאָזיקער סוויווע). אַנדערש גערעדט, דרייַ פערטל פונ די געמישט-שפּראַכיקע ייִדישע פאָלקלאָר-לידער זייַנענ, אַפּאָנעם, אַנטשטאַנענ דעריקער אינ דער סוויווע פונ כסידים, רעביים, קלויזניקעס אונ „ייִדייִע סייפער", דה. פונ באַהאַוונטע אינ די רעליגיעזע ביכער.

---

עס וואָלט געווענ אינטערעסאַנט, כאָטש לעערעכ פעסטצושטעלנ די כראָנאָלאָגישע דאַטעס, ווענ די אַנטלייַונג, די „פאַרייִדישונג" פונ די אָדער יענע סלאַווישע לידער איז פאָרגעקומענ. צום באַדויערנ, איז דאָס אָבער קימאַט ווי אומעגלעכ צו דערגיינ. די לידער אַלייִנ גיבנ דערצו לויט זייער אינהאַלט קיינ מאַטעריאַל ניט, אונ אָנווייַזונגענ וועגנ דעמ פונ אַנדערע זייַטיקע קוועלנ פאַרמאָגנ מיר, דערווייַל, אויכ ניט.

עטוואָס לייַכטער איז אופצושטעלנ אינ אַלגעמיינע שטריכנ דאָס בילד פונעמ פּראָצעס, וויאַזוי עס איז פאָרגעקומענ די „ייִדישיזירונג" פונ די סלאַווישע פאָלקלאָר-לידער אינעמ ייִדישנ פאָלקלאָר. אָבער

---

סוויווע האָט אי. אַרשאַנסקי געשריבנ אינ זייַנ אויבנ דערמאָנטנ אַרטיקל «О замкнутости евреев»: „איכ אַלייִנ האָב געהערט פונ אַנ אַלטער ייִדישער פרוי א סאַכ אַזעלכע מייַסעס וועגנ קעסירימ, ריזנ אונ שלאַנגענ, וואָס איכ פלעג זיי נאָכדעמ געפינענ אינ זאַמלונגענ פונ רוסישע פאָלקס-מייַסעס".

[1] לויט יעדיעס פונ מ. בערעגאָווסקי אינ זייַנ אַרבעט „Чужомовні та різномовні пісні евреїв Польщі та України". Этногр. вісник №8, 1931.

אויך אין דעם פּראַט איז פֿאַר אונדז ווײַט ניט אַלץ קלאָר, וואָרעם וועגן דעם דאָזיקן פּראָצעס קאָנען מיר אורטיילן בלויז נאָך זײַנע רעזולטאַטן.

צו דער פֿראַגע, וואָס אינטערעסירט אונדז דאָ, האָט דעם ענגסטן שײַכעס, דער פֿאַקט, אַז אין דער ייִדישער סוויווע האָט קורסירט אַ היפּשע צאָל סלאַווישע פֿאָלקלאָר-לידער, וואָס מע האָט זיי דאָ געזונגען טאַקע אין דער אָ ר י ג י נ ע ל ע ר שפּ ר אַ ך, אויף אוקראַיִניש, ווײַסרוסיש, פּויליש. דער דאָזיקער פֿאַקט, וואָס איז פֿון קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט ביז גאָר אינטערעסאַנט און וויכטיק, איז ביז איצט ניט פֿיקסירט אין דער ספּעציעלער עטנאָגראַפֿישער ליטעראַטור. ס'איז אָבער אַ דערשײַנונג, וואָס איז געווען אַמאָל — אָפּגערעדט שוין פֿון איצט — גאַנץ פֿאַרשפּרייט.[1]

מע דאַרף זיך פֿאָרשטעלן, אַז די אַלע ייִדישע פֿאָלקלאָר־לידער, וואָס מיר שטעלן פֿעסט זייער סלאַווישן אָפּשטאַם, האָבן צוערשט קורסירט אין דער ייִדישער סוויווע אין זייער סלאַווישער אורפֿאָרם. איבערזעצט געוואָרן זײַנען זיי דערנאָך, ווען מע האָט זיך שוין געפֿילט מיט זיי גענוג היימיש, אַז אַזויפֿיל היימיש, אַז עס האָט זיך שוין זיי געגלוסט אויך שפּראַכלעך צו פֿאַרייגענען. ווען אַזאַ מין איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן געראָטן, איז זי, געוויינלעך, לויטן שטייגער פֿונעם פֿאָלקלאָר ביכלאַ", שנעל פֿאַרשפּרייט און וואַריִירט

---

1 אין 1907 יאָר האָט כ' י. טשערניאַק אָפּגענומען בײַ אַ ייִדישער פֿרוי, אַ נייטערין מ. פֿריידינע אין אײנעם מיט אַ גרויסער צאָל ייִדישע פֿאָלקלאָר־לידער אויך אייניקע (בײַ אַ צענדליק) ווײַסרוסישע און רוסישע פֿאָלקלאָר־לידער, די אַנטשפּרעכיקע מאַטעריאַלן געפֿינען זיך אינעם אַרכיוו פֿון דער עטנאָגראַפֿישער סעקציע. וועגן דעם, אַז אוקראַיִנישע פֿאָלקלאָר־לידער האָט מען אין זייערע שטעטלעך געזונגען אין דער ייִדישער סוויווע דערציילן די כּכי' מ. בערעגאָווסקי (מאַקאַראָוו, קיִעווער געגנט), ב. סלוצקי (האָראָדישטשע, קיִעווער געגנט): דאָס זעלבע געדענק איך אויך וועגן מײַן היים אין זשיטאָמיר פֿאַר די יאָרן 1910–12. אַן עלטערע ייִדישע פֿרוי, ב. שײַנקער, וואָס האָט אירע יוגנט־יאָרן פֿאַרבראַכט אין דאָרף שטשערבאַקי, קיִעווער געגנט, האָט מיר דערציילט, 1875–1890 אַז ניט נאָר די ייִדישע אײַנוווינער פֿון דעם דאָזיקן דאָרף פֿלעגן זינגען אוקראַיִנישע לידער, נאָר אַז אויך די אוקראַיִנישע פּויערים פֿלעגן גאַנץ אָפֿט זינגען י י ד י ש ע פֿאָלקלאָר־לידער. אַ פֿאַרהעלטניסמעסיק עלטערע ידיעה (באַציט זיך צום יאָר 1854) וועגן אוקראַיִנישע פֿאָלקסלידער אין ייִדישן געברויך געפֿינען מיר אין ד.ק. זעלענינס בוך „Описание рукописей ученого архива императ. русского геогр. общества“, выпуск I, 1914.

אויף זײַט 275, אינעם דאָזיקן בוך ווערט נאָטירט אַ מאַנוסקריפּט, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן אין 1854 יאָר פֿון איינעם אַ גאַלעב אַבראַמאָוויטש, פֿון יאַפּאָלאָט, ראָוונער אויעזד. דער דאָזיקער אַבראַמאָוויטש שרייבט, אַז די ייִדישע פֿרויען פֿון זײַן דאָרף זינגען, בײַם בינדן די גאַרבן, אוקראַיִנישע לידער:

„Зните пак, зенцики, додолу, пійдем пак, зенцики, до дому; Взе я нивоцку дозала, взе я снопоцки звязала». «Сейне гіт., цого ходис без цобі, Колиб, Сейне, робило, тоб в цоботях ходило“.

געוואָרן און האָט אַרויסגעשטויסן דאָס אַנטשפּרעכיקע סלאַווישע ליד פון ייִדישן געברויך. מע האָט עס דאַן שוין געזונגען אױף ייִדיש.

עס זײַנען אָבער אויך פֿאַראַן פֿאַלן, ווען געוויסע לידער האָבן קורסירט אין דער ייִדישער סביבה גלײַכצײַטיק סײַ אין דער אור־שפּרינגלעכן סלאַווישער פֿאָרם, סײַ אין דער נײַער ייִדישער פֿאָרם. אזוי לעמאָשל, איז דאָס געשען מיטן שטייגער־ליד „אזא שווארצע און אזא גרינע פון אזא מין ווײַטער מעדינע" (זע ווײַטער, ז. 294, נום. 31). דער ערשטער ייִדישער וואַריאַנט פֿונעם דאָזיקן ליד, וואָס שטאַמט אורשפּרינגלעך פון אַ סלאַווישן פֿאָלקלאָר־ליד, איז געדרוקט געוואָרן אין י. ל. קאַהאַנס לידער־זאַמלונג (ב. II, ז. 61) אין 1912 יאָר. דער צווייטער ייִדישער וואַריאַנט, וואָס מיר דרוקן אים אין אונדזער איצטיקער זאַמלונג האָט פאַרשריבן דער דיכטער ל. רעזניק אין 1915 יאָר. אָבער נאָך אין 1927 יאָר האָט כ' י. טשערניאַק פאַרשריבן פון מ. פריידינע אַן עלטערער ייִדישער פרוי, אַ נייטערן, אין כאָטימסק (ווײַסרוסלאַנד) אַ ווײַסרוסישן וואַריאַנט פֿונעם דאָזיקן ליד.[1]

אין דער שפּראַכלעכער פֿאָרם פֿון אייניקע ייִדישע פֿאָלקלאָר־לי־דער, וואָס זײַנען אַנטליִען געוואָרן פון סלאַווישן לידער־פֿאָלקלאָר איז נאָך ביז איצט קענטיק דער אויפֿן, דורך וועלכן עס איז פֿאָר־געקומען זייער אײַנבירגערונג אינעם ייִדישן פֿאָלקלאָר. מיר האָבן דאָ אין זינען די לידער 1) „אויפֿן באַרג, אונטערן באַרג, פֿליִען טויבן פּאָרן" און 2) „אַך, פֿאָטער, וואָס האָסטו געוואָלט פֿון מיר האָבן".[2] יעדעס פֿון די דאָזיקע צוויי לידער איז אין ייִדישע פֿאָל־קלאָר־לידער־זאַמלונגען פיקסירט אין צוויי שפּראַכלעכע וואַריאַנטן. איין וואַריאַנט איז אַ געמיִשט־שפּראַכיקער; אינעם דאָזיקן וואַריאַנט קומט צוערשט די אורשפּרינגלעכע אָריגינעלע אוקראַיִנישע סטראָפֿע, דערנאָך די ייִדישע איבערזעצונג, און אזוי סטראָפֿע נאָך סטראָפֿע ביזן סאָף. דער צווייטער וואַריאַנט איז אַ דורכויס ייִדישער.

עס קאָן קיין ספֿק ניט זײַן, אַז אונדזערע מיש־שפּראַכיקע וואַריאַנטן פֿון אזעלכע לידער זײַנען אַן עלטערע דערשײַנונג, ווי די דורכויסיק־ייִדישע. זיי פיקסירן אזא מין צושטאַנד אינעם אַנטלײַונג־פּראָצעס, ווען באַם זינגער און בײַ זײַן סביבה איז נאָך, אַפֿאָנעם, פֿריש דער צוזאַמענהאַנג פֿון דער איבערזעצונג מיטן אורשפּרינגלעכן אַנדערשפּראַכיקן אָריגינאַל; די דורכויסיק ייִדישע וואַריאַנטן פון אזעלכע לידער פיקסירן דעם מאָמענט, ווען דער דאָזיקער צוזאַמענ־האַנג איז שוין קימאַט פֿאַרגעסן געוואָרן.

---

1 דער טעקסט געפינט זיך אינעם אַרכיוו פון דער עטנאָגראַפישער סעקציע.

2 זע די אַנטשפּרעכיקע טעקסטן אין די „באַמערקונגען און צוגאָבן" ז. 361, נום. 3 און ז. 363, נום. 4.

אויב דאָס איז אזוי, קאָנענ מיר דעמלט האשאַרעמעסיק רעקאָנסטרויִרנ אזעלכע דרײַ עטאפּנ אינ דער „ייִדישיזירונג“ פונ די אנטשפּרעכיקע צוויי אוקראַיִנישע לידער. ערשטער עטאפּ: די דאָזיקע לידער קורסירנ אינ דער ייִדישער סוויווע אלס אוקראַיִנישע לידער,— דורכויסיק אוקראַיִנישע לויט דער שפּראַכ. צווייטער עטאפּ: זיי ווערנ איבערגעזעצט אינ ייִדיש, דער אוקראַיִנישער (ווײַסרוסישער) טעקסט בלײַבט אָבער איבער אונ ווערט געזונגענ פּאראַלעל מיטנ ייִדישנ, אונ, ענדלעכ, דער דריטער עטאפּ: דער אוקראַיִנישער (ווײַסרוסישער) טעקסט פאַלט לאַכלוטנ אָפּ, די צוויי לידער קורסירנ שוינ איצט אינ דער ייִדישער סוויווע אלס דורכויסיק ייִדישע לידער.

צי זײַנענ די דאָזיקע דרײַ עטאפּנ כאראקטעריסטיש בלויז פאר די אָנגערופענע צוויי לידער, צי זײַנענ ניט דעמ עטאפּ פונ געמישט-שפּראַכיקײַט דורכגעגאנגענ אויכ אנדערע לידער פונ די, וואָס ווײַזנ זיכ ארויס פאר אנטלײַענ פונ סלאווישנ פאָלקלאָר-געזאנג? די דאָזיקע פראגע מוז נאָכ געפאָרשט ווערנ. אָבער אייניקע מאטעריאלנ, וואָס מיר האָבנ אינ אונדזער רעשוס, זאָגנ איידעס פאר אזא האשאָרע.

ערשטנס: צווישנ די לידער, וואָס מיר האָבנ פעסטגעשטעלט זייער אוקראַיִנישנ אָפּשטאמ, זײַנענ פאראנ נאָכ צוויי (זע ווײַטער ז. 170, נומ. 28 אונ ז. 380, נומ. 15), וואָס האָבנ אײַנגעהיט פּאראַלעל צו די ייִדישע די אוקראַיִנישע סטראָפעס; אונ צווייטנס: אינעמ פאָלקלאָר-ארכיוו פונ אונדזער עטנאָגראפישער סעקציע געפינט זיכ א לידער-ביכל, וואָס אנטהאַלט א היפּשע צאָל ייִדישע, אוקראַיִנישע אונ רוסישע פאָלקלאָרישע לידער[1] צווישנ די אלע לידער זײַנענ פאראנ דרײַ (צוויי רוסישע ראָמאנסנ אונ איינ פּאָפּולער אוקראַיִניש ליד), וואָס זײַנענ איבערגעזעצט אפּ דעמ אויבנבאַשריבענעמ אופנ,— דה. צוערשט קומט די רוסישע אָדער אוקראַיִנישע סטראָפע, דערנאָכ די ייִדישע איבערזעצונג, די שפּראַכ פונ די איבערזעצונגענ איז א דײַטשמערישע. ניט אינ די געדרוקטע זאמלונגענ ניט אינ אונדזער אייגענער זאמל-ארבעט איז אונדז קיינמאָל ניט אויסגעקומענ זיכ צו טרעפנ מיט די דאָזיקע לידער; אפּאָנעמ, אז דער איבערזעצער איז אינ דעמ פאל געווענ טאקע דער אופשרײַבער פונעמ לידער-ביכל גופע. עס איז דעריבער א סאָפעק, צי זײַנענ די דאָזיקע לידער געווענ פארשפּרייט, פאָרט אָבער פארמאָגט דער פאקט אלײנ א געוויסע באוויַזלעכקײַט: ווענ

[1] געבוי וועגנ דעמ דאָזיקנ לידער-ביכל אונ אויכ א מוסטער פונ די געמישט-שפּראַכיקע לידער, וואָס געפינענ זיכ דאָרט, זע ווײַטער אינ די „באמערקונגענ אונ צוגאָבנ“, ז. 340—344.

אונדזער אומבאקאנטער פאָלקלאָרישער איבערזעצער לאָזט איבער פאַראלעל צו דער איבערזעצונג אויכ דעם רוסישנ אָדער אוקראַינישנ טעקסט, גייט ער דאָ, אפּאָנעם, נאָכ נאָכ א באשטימטער טראדיציע. דאָס דאָזיקע לידער-ביכל איז דאָכ פונ יענעמ אייגנארטיקנ מינ, ווו פרויענ אונ מיידלעכ האָבנ אָפּט לעבנ פארשיידענע אנדערע פריוואטע אונ אינטימע איניאָנים, זיכ פארצייכנט אפּ א היימישנ אויפנ באליבטע לידער „צום זינגענ". אזא ביכל גופע איז דאָכ א שטיק עטנאָגראפיע אונ די פארצייכענונגענ זײַנענ דאָ פארבונדנ מיט דער פאָלקלאָרישער טראדיציע.

עס איז דעריבער ניט אויסגעשלאָסנ (כאָטש אפּ זיכער קאָנענ מיר עס דערווײַל נאָכ ניט זאָגנ), אז אויכ צווישנ די אנדערע יידישע פאָלקלאָר-לידער, וואָס שטאמענ אורשפּרינגלעכ אָפּ פונ סלאווישנ לידער-פאָלקלאָר אונ וואָס מיר האָבנ זיי ביז איצט פיקסירט אלס דורכויסיק יידישע לידער, זײַנענ פאראנ אייניקע אזוינע, וואָס האָבנ צוריק מיט א צײַט קורסירט אינ דער יידישער סוויווע אלס געמישט־שפּראכיקע לידער.[1]

אָט דאָס זײַנענ די עטלעכע באמערקונגענ צו דער פּראָבלעמ וועגנ סלאווישע ווירקונגענ אינעמ יידישנ לידער-פאָלקלאָר, וואָס מיר האָבנ געוואָלט מאכנ.

אונדזערע באמערקונגענ באציענ זיכ ספּעציעל צו דער פראגע וועגנ אנטלייונגענ אונ איבערזעצונגענ פונ גאנצע לידער. די ווירקונג פונעמ סלאווישנ לידער-פאָלקלאָר אפנ יידישנ האָט זיכ אָבער אויסגעדריקט ניט נאָר אינ דעמ, וואָס עס זײַנענ אינעמ יידישנ לידער-פאָלקלאָר אנטליענ געוואָרנ אונ איבערגעזעצט געוואָרנ גאנצע לידער.

אָנ שום סאָפעק האָט דער סלאווישער לידער-פאָלקלאָר באווירקט דעם יידישנ אויכ אינ פראט פונ אידייִ, טעמע, סוזשעט, מעטאפער, סטרוקטורעלנ קאנאָנ, רעפרענ אאוו. דער דאָזיקער טייל פונ דער טעמע פאָדערט א באזונדערע אויספאָרשונג אונ באהאנדלונג.[2]

[1] די פעסטשטעלונג, אז א טייל געמישט־שפּראכיקע לידער שטעלנ מיט זיכ פאָר מער ניט ווי אנ איבערזעצונג פונ אנטשפּרעכיקע אוקראַינישע אָדער אנדערע סלאווישע פאָלקלאָר-לידער, טאָר בעשומויפנ ניט פארברייטערט ווערנ אפּ אלע יידישע מיש־שפּראכיקע פאָלקלאָר־לידער ביכלאל: פאראנ צווישנ די מיש־שפּראכיקע לידער אזוינע, — אונ דאָס איז די מערהײַט — וואָס זייער סלאווישער טייל איז אויכ אורשפּרינגלעכ אינ דער יידישער סוויווע אויפגעקומענ.

[2] וועגנ דער ווירקונג פונעמ אוקראַינישנ מוזיק-פאָלקלאָר אפנ יידישנ אונ אויכ פונעמ יידישנ אפנ אוקראַינישנ, זע אינעמ פאָרוואָרט צו מ. בערעגאָווסקיס „יידישער מוזיק-פאָלקלאָר" ב. II, אויסגאבע פונ דער עטנאָגראפישער סעקציע באמ אינסטיטוט פאר יידישער פּראָלעטארישער קולטור פונ דער וויסנשאפט-אקאדעמיע פונ אוססר (דערשײַנט אינגיכנ).

## 9. עטלעכע ווערטער וועגן די טעקסטן אין דעם באנד

דער איצטיקער צווייטער באנד פאָלקלאָר־לידער איז, — פונקט אַזוי אויך ווי דער ערשטער באנד פון דער דאָזיקער אויסגאַבע, — א רעזולטאַט פון קאָלעקטיווער ארבעט. אלס זאַמלער האָבן אינעם דאָזיקן באנד מיטגעארבעט די חבֿ': ש. קופּערשמיד, ב. גוטיאַנסקי, מ. בערעגאָווסקי, א. געלמאַן, י. טשערניאַק, ז. סקודיצקי, יע. אויסטערליץ, א. כאַבענסקי, פּ. כאַראָוועצער, מ. װאַרנאָװיצקי, מוטשניק, ב. רײַכשטיין, א. קרוגליאַק, א. האָרנשטיין אאַ. אויך אינעם דאָזיקן באנד האָבן מיר אויסגענוצט אייניקע מאַטעריאַלן פונעם אַרכיוו פון דער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט און פון אַנסקיס אַרכיוו, וואָס געוויסע טיילן זייערע געפינען זיך איצט אין קיִעוו אין רעשוס פונעם אינסטיטוט פאַר ייִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור. בא יעדן ליד גיבן מיר אָן פון אויבן דעם נאָמען פונעם זאַמלער, וואָס האָט דער עטנאָגראַפישער סעקציע דאָס ליד צוגעשטעלט. די מאַטעריאַלן פון דער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט און פון אַנסקיס אַרכיוו באַצייכענען מיר אלס אזעלכע אין די העאָרעס אפּ די אַנטשפּרעכנדיקע זײַטן. אונטער די ליד־טעקסטן ברענגען מיר, געוויינלעך, דאָס יאָר, ווען דאָס ליד איז פאַרשריבן געוואָרן, די נעמען פון די מענטשן, בא וועלכע די לידער זײַנען אופגענומען געוואָרן און אויך, ווי ווײַט עס איז אונדז באַוווּסט, יעדיִעס וועגן זיי. אַרמעטום, ווו עס ווערט אויבן אָנגעגעבן א נאָמען פון א ליד, געהער דער טיטל ניט אונדז, נאָר מיר האָבן אים גענומען פונעם זינגער.

קעדיי צו ווײַזן, וויאַזוי די ליטעראַרישע שאַפונג איז אַרײַנגעדרונגען אינעם פאָלקלאָר און האָט אים באַווירקט, ברענגען מיר אינעם דאָזיקן בוך א צאָל פאָלקלאָרישע איבעראַרבעטונגען פון ליטעראַרישע (אַמאָל אויך באַדכאָנישע) שאַפונגען, וואָס זײַנען געווען פּאָפּולער אין די מאַסן. די דאָזיקע לידער זײַנען, נאַטירלעך, ניט קיין זייער טיפּישער פאָלקלאָר, זיי זײַנען אָבער דאָך ענג פאַרבונדן מיט דער פאָלקלאָרישער טראַדיציע און מוזן גענומען ווערן אין באַטראַכט באַם פאָרשן דעם פאָלקלאָר, אַגעוו, די אויספאָרשונג פון די ענדערונגען, וואָס דער מאַסן־זינגער האָט אַרײַנגעטראָגן אין די ליטעראַרישע טעקסטן פון די דאָזיקע לידער, קאָן אונדז מיטהעלפן אויסצוקלאָרן באַשטימטע סטיל־אייגנטימלעכקייטן פון דער פאָלקלאָרישער דיכטונג.

אין דער איצטיקער זאַמלונג ברענגען מיר אויך א געוויסע צאָל לידער, וואָס מיר האָבן אַראָפּגעשריבן פון האַנטשריפטלעכע לידער־

ביכלעכ. אזוינע לידער־ביכלעכ זײַנענ מיט א פּאָר יאָרצענדליקער צוריק געווענ א פאַרשפּרייטע דערשײַנונג צווישנ דער שטאָטישער אונ שטעטלשער יוגנט, דעריקער צווישנ יונגע קליינבירגערלעכע פרויענ. אינעם לידער־ביכל פלעגט די באַזיצערנ אַרײַנטראָגנ אַלע לידער, וואָס זי האָט געקאָנט זינגענ, אָדער וואָס זײַנענ איר געווענ באַזונדערס ליב.

די אַנטשפּרעכיקע ידיעס וועגנ די האַנטשריפטלעכע לידער־ביכלעכ, וואָס מיר האָבנ זיי אינ אונדזער אַרבעט אויסגענוצט, וועט דער לייענער געפינענ צום סאָפּ בוכ אינ די „באַמערקונגענ אונ צוגאָבנ" (ז. 336—347). דאָ ווילט זיכ אונדז נאָר אונטערשטרײַכנ דעמ וויכטיקנ באַטײַט, וואָס די דאָזיקע לידער־ביכלעכ אונ זייער אויפזאַמלונג האָט פאַר דער פאָלקלאָריסטיק. צווישנ די ליטעראַרישע לידער, וואָס פאַרנעמענ, געוויינלעכ, דעמ אויבנאָנ אינ א דורכשניטלעכ האַנטשריפטלעכ לידער־ביכל, געפינענ זיכ אָפטמאָל אויכ פּ אָ ל ק ל אָ ר י ש ע, אמאָל אפילע זעלטענע אונ איצט שוינ פאַרגעסענע לידער. אָבער ניט נאָר אינ דעמ זעענ מיר אײַנ דעמ באַטײַט פונ די דאָזיקע לידער־ביכלעכ. זיי זײַנענ אינטערעסאַנט נאָכ דערמיט, וואָס זיי האָבנ פאַר אונדז פיקסירט יענע ליטעראַרישע לידער פונ באַקאַנטע אונ אומבאַקאַנטע אויטאָרנ, וואָס זײַנענ אמאָל געווענ פּאָפּולער אינ די מאַסנ אונ האָבנ באַווירקט די פאָלקלאָרישע שאַפונג.

די גאַנצע עדיטאָרישע אַרבעט איבערנ דאָזיקנ באַנד — דער אָפּקלײַב אונ די קאָנטראָלירונג פונ די מאַטעריאַלנ, ביבליאָגראַפיזירונג, פעסטשטעלונג פונ וואַריאַנטנ, אײַנטיילונג אינ אָפּטיילונגענ, באַגלייטונג מיט באַמערקונגענ אאַוו. — האָט דורכגעפירט דער שרײַבער פונ די דאָזיקע שורעס. אינ אונדזער עדיטאָרישער אַרבעט האָבנ מיר זיכ געהאַלטנ בא די זעלבע פרינציפּנ, ווי באַמ צונויפשטעלנ דעמ ערשטנ באַנד פונ דער דאָזיקער אויסגאַבע.

צוליב סיבעס, וואָס זײַנענ דערקלערט געוואָרנ אינעם פאָרוואָרט צומ ערשטנ באַנד (אָפּוועזנהײַט פונ פילאָלאָגישער געשולטקײַט בא דעמ גרעסטנ טייל זאַמלער) ברענגענ מיר אויכ אינעמ דאָזיקנ באַנד אַלע מאַטעריאַלנ ליטעראַריש טראַנסקריבירט. דעמ פאָנעטישנ פרינציפּ האָבנ מיר אָפּגעהיט בלויז באַמ איבערגעבנ דיאַלעקט־גראַמענ. נישט אָפּהיטנ אינ די דאָזיקע פאַלנ דעמ פאָנעטישנ פרינציפּ וואָלט געהייסנ פאַרקריפּלענ אייניקע דעטאַלנ אינ דער פּאָעטיק פונעמ פאָלקלאָר־ליד. מיר האָבנ געשריבנ סאָפּ פערז ז א נ אָנשטאָט דעמ ליטעראַרישנ ז ײַ נ, אויב צום דאָזיקנ וואָרט קומט דערנאָכ דער גראַמ מ א נ, — אָ ל ט אָנשטאָט א ל ט, אויב דער גראַמ צום דאָזיקנ וואָרט איז ג ע וו אָ ל ט אאַוו. קעדיי ניט איבערצולאָדנ דעמ בוכ האָבנ מיר

די דאָזיקע אלע פאלנ אינעמ טעקסט מיט באזונדערע באמערקונגענ ניט באוואָרנט.

די עטנאָגראפישע סעקציע האלט פאר איר כויוו צו דאנקענ אלע אירע קאָרעספּאָנדענטנ-זאמלער (אויכ איצטיקס מאָל דארפ דאָ פארצייכנט ווערנ די באזונדערע פארדינסטפולע ארבעט פונעמ כ' ש. קופערשמיד), וואָס בלויז אדאנק זייער אקטיווער מיטארבעטערשאפט איז מעגלעכ געוואָרנ דאָס דערשײַנענ פונעמ דאָזיקנ בוכ. די עטנאָגראפישע סעקציע רופט די דאָזיקע כאוויירימ צו ווײַטערדיקער געמיינזאמער ארבעט אפנ געביט פונ דער סאָוועטישער פאָלקלאָריסטיק. באזונדערס צומ אופזאמלענ דעמ נײַעמ סאָוועטישנ פאָלקלאָר.

צומ צוואנציק־יאָריקנ יובילײ פונ דער גרויסער סאָציאליסטישער אָקטיאבער־רעוואָליוציע גרייט אונדזער עטנאָגראפישע סעקציע א ספּעציעלע זאמלונג סאָוועטישנ פאָלקלאָר, וואָס וועט אנטהאלטנ לידער, מײַסעס, שפּריכווערטער אונ טעאטראלע פאָלק־שפּילנ וועגנ דער רעוואָליוציע אונ בירגערקריג, וועגנ די פירער פונ דער רעוואָליוציע לענינ אונ סטאלינ, וועגנ דער סאָציאליסטישער בויונג אינ קאמפ קעגנ קלאסנ־סוינע, וועגנ דעמ נײַעמ פריידיקנ סאָציאליסטישנ לעבנ אינ ססר.[1]

קיעוו, מארט, 1935.

1 איכ דריק דאָ אויס מײַנ טיפנ דאנק דעמ כ' מ. ווינער פאר וויכטיקע אָנווײַזונגענ אונ סיסטעמאטישער באווערישער הילפ בא דער ארבעט איבער דעמ דאָזיקנ בוכ.

## קירצונגען, וואָס ווערן גענוצט אינעם בוך

באָסטאָמסקי — באָם קוואַל... ייִדישע פאָלקסלידער, געזאַמלט, דערקלערט און איבערגעגעבן צום דרוק מיט אַ פאָרוואָרט פון ש. באָסטאָמסקי, ווילנע, 1923.

ג. מ. — Еврейские народные песни в России. Собраны и изданы под редакцией и с введением С. М. Гинзбурга и П. С. Марека, 1901.

Гринченко В. Д. Этнограф. материалы, собранные в Черниговской и соседних с ней губерниях т. Ш, 1889. — Гринченко

Труды этнограф.-статист. экспедиции в Западно-Русский Край.. Материалы и исследования, собранные И. П. Чубинским, т. III. — Чубинский III

Труды Этнограф.-статист. экспедиции в Западно-Русский Край. Материалы и исследования, собранные И. П. Чубинским, т. V. — Чубинский V

Собрание малороссийских народных песен, аранжировал Алоиз Едличка, ч. II, Петербург. — Едличка

לעמאַן, א. א. פּ. — „אַרבעט און פרייַהייַט“, זאַמלונג פון לידער, וואָס זייַנען אַנטשטאַנען אין פאָלק אין דער צייַט פון דער פרייַהייַט־באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד. געזאַמלט און דערקלערט פון שמואל לעמאַן, וואַרשע, פאָלקלאָר־ביבליאָטעק, 1921.

לעמאַן, ג. ל.—ש. לעמאַן, גנבֿים-לידער מיט מעלאָדיעס, געזאַמלט פון שמואל לעמאַן, וואַרשע, 1928.

Эваринцкий, Малороссийские народные песни Екатеринослав, 1916 г. — Эварницкий

פּינקעס — דער פּינקעס, יאָרבוך פאַר דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור און שפּראַך, פאַר פאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָגראַפיע, ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין, 1913.

צטשר. III—II — צײַטשריפט פאַר ייִדישער געשיכטע, דעמאָגראַפיע, ליטעראַטור-פאָרשונג, שפּראַך־וויסנשאַפט און עטנאָ-גראַפיע, באַנד III—II, אויסגאַבע פון אינסט. פאַר ווײַס־רוס. קולטור, מינסק, 1928.

קאַהאַן I — ייִדישע פאָלקסלידער מיט מעלאָדיעס אויס דעם פאָלקס־מויל, געזאַמלט פון י. ל. קאַהאַן, 1-טער באַנד, ניו-יאָרק, 1912.

קאַהאַן II — ייִדישע פאָלקסלידער... פון י. ל. קאַהאַן, 2-טער באַנד, ניו-יאָרק, 1912.

קאַהאַן III —קאַהאַן י. ל. ייִדישע פאָלקסלידער, נײַע זאַמלונג... ניו־יאָרק, אַמאָפּטייל ייִוואָ, 1930.

Етнографічні писання Костомарова, ДВУ, 1930 — Костомаров

קיפּניס I — 60 פאָלקסלידער מיט נאָטן, געזאַמלט פון מ. קיפּניס.

קיפּניס II — 80 פאָלקסלידער... געזאַמלט דורך מ. קיפּניס, פאַרלאַג גיטלין, וואַרשע.

רשמות — רשמות, מאסף לדברי זכרונות, לאתנגרפיה ולפולקלור בישראל, כרך ב. תל־אביב, תרפ"ג.

Материалы для изучения быта и языка русского населения Северо-западного края, собранные П. В. Шейном, т. I, ч. 1-ая. — Шейн I

Материалы для изучения быта и языка русского — населения Северо-Западного края, собранные П. В. Шейном, т. II. — Шейн II

# ארבעטער־לידער


I לידער וועגן ארבעט, עקספּלואטאציע און נויט—ז.ז. 1—7

II לידער וועגן קאַמף און קאָרבאָנעס—ז.ז. 7—13

# I. לידער וועגן ארבעט, עקספּלואטאַציע און נויט

## 1

(גוטיאנסקי ב.)

1. איך שטיי אופן גאנץ פרי,
איך שטיי אופן גאנץ פרי,
און ארבעט ביז שפּעט אין דער נאכט,
אפּ מאָרגן אינדערפרי
באקום איך נאָך א ווידגאָוואָר —
כ'האָב ווייניק ארבעט געמאכט.

2. לײַט זײַנען מיר מעקאנע,
לײַט זײַנען מיר מעקאנע, —
איך פארדין מיר קאָשער מײַן ברויט.
גרינג און געל זאָלן ווערן
אלע באלעבאטים,
באקומען זאָלן זיי דעם טויט.

טאבאטשניק, בערשאד (ווינניצער געגנט), 1934.

## 2

ליד פון א לערנ־ייִנגל (גוטיאנסקי ב.)

1. בא מײַן מאמען בין איך געווען
|: כאָשעוו און טײַער, :|
אזוי ווי בא אן אָרעמאן
אן איינציקער דרײַער.
אז אָך און וויי
און וויי איז צו מײַנע יאָר,
וואָס בין איך אָפּגעפאָרן
פון דער היים גאָר.

2. איך לייג זיך שלאָפֿן
|: אױף דער הױלער באַנק, :|
איך שטײ אױף גאַנץ פֿרי,
איך בין טױט קראַנק.
אַז אָך און װײ... אַאוו.

3. „באַלעבאָסטע־לעבן,
|: גיט מיר עפּעס עסן!" :|
זי טוט זיך אַ דריי מיט דער זײַט,
זי מײנט איך װעל פֿאַרגעסן.
אַז אָך און װײ... אַאוו.

4. „באַלעבאָסטע־לעבן,
|: גיט מיר אַ גלאָז טײ!" :|
זי טוט זיך אַ דריי מיט דער זײַט,
און מיר איז אָך און װײ.
אַז אָך און װײ... אַאוו.

5. מײַן מאַמע פֿלעג מיר געבן עסן, זאָגן:
|: „עס מײַן קינד!" :|
און אין האַרצן פֿלעג זי טראַכטן:
„זײַ זאָלסטו געזונט".
אַז אָך און װײ... אַאוו.

6. די באַלעבאָסטע גיט מיר עסן, זאָגט זי:
|: „עס און געדענק!" :|
און אין האַרצן טראַכט זי זיך:
„עסן זאָלסטו קרענק!"
אַז אָך און װײ... אַאוו.

פּוסטילניק כײַקע, בערשאַד, 1932.

## 3

װאַריאַנט

(קופּערשמיד ש.)

1. „באַלעבאָסטע, — זאָג איך, —
גיט מיר עפּעס עסן!"
זי דרייט זיך, זי פֿרייט זיך,
זי מײנט, איך װעל פֿאַרגעסן.

און אוי, וויי,
וויי צו מײַנע יאָרן,
וואָס האָב איך באַדאַרפט
פון דער היים אוועקפאָרן.

2. „באַלעבאָסטע, — זאָג איך, —
גיט מיר נעכטיקע טייגלעך!“
זי דרייט זיך, זי פרייט זיך,
זי מיינט איך בין טויבלעך.
און אוי, וויי... אאוו.

3. די באַלעבאָסטע זאָגט מיר:
„עס, מײַן קינד, צו זאַט!“
אין האַרצן טראַכט זי זיך:
„דו עסט ווי אַ סאָלדאַט!“
און אוי, וויי... אאוו.

4. „באַלעבאָסטע, — זאָג איך, —
גענוג שוין געליטן,
גענוג שוין, גענוג שוין,
די צײַט האָט זיך געביטן“.
און אוי, וויי... אאוו.

5. יעצט בין איך געבליבן
אַליין אין שטיב.
באַלד וועט קומען,
דער, וואָס איך האָב ליב.

אוי, וויי,
איז מײַן געליבטער שיין,
און דערצו איז ער
אַ סאָזנאַטעלנע פאַרשויִן.

טאַראַשטשע, 1926. וואַר. צו נום. 2–3, „פאָלקלאָר־לידער“ I, ז, 28 נום. 3, דאָרטן איז אויך אָנגעוויזן אַפּן צוזאַמענהאַנג פון דעם דאָזיקן ליד מיט דעם ליד בא ג.מ. נום. 315.

## 4

1. אַז די באַלעבאָסטע גייט אַרויס,
קינדער, קינדער, לאַכט זיך אויס.

2. אַז די באַלעבאָסטע גייט אַרײַן,
קינדער, קינדער, שטיל זאָל זײַן.

3. אַז די באַלעבאָסטע מאַכט דעם האָן,
קינדער, קינדער, ק... איר אָן.

4. אַז די באַלעבאָסטע מאַכט די קאַטשקע,
קינדער, קינדער, מאַכט די ס..קע.

5. אַז די באַלעבאָסטע מאַכט דעם קיגל,
קינדער, קינדער, קוקט אין שפּיגל.

6. אַז די באַלעבאָסטע שטייט און לאַכט,
קינדער, קינדער, צערײַסט איר די זײַט.

7. אַז די באַלעבאָסטע שעלט אין טאַטן,
קינדער, קינדער, שטעכט איר די זײַטן.

פונעם אַנסקי־אַרכיוו. פאַרשריבן אין 1912 יאָר אין קרעמענעץ, געזונגען האָבן עס קינדער; וואַריאַנט — „פאָלקלאָר־לידער" I, ז. 29, נומ. 15.

## 5

(ג ו ט י אַ נ ס ק י ב.)

1. אַכט אַזייגער קום איך צו מײַן אַרבעט,
די צעלענדערלעך זײַ ווערן שוין הייס.
אָך און וויי איז אונדזער אַרבעט —
זומער־טאָג אָפּגייען מיט שווייס.

מיר הייסן זיך געבן אַ נאַבאַווקע,
זאָגט זי, אַז מיר נעמען נאָך טײַער.
דעם טאַם זאָל זי פילן פון אונדזער אַרבעט, —
זומער־טאָג אָפּשטייען באַם פײַער.

3. גיט א קוק אפ אונדזער באלעבאָסטע,
וױ זי לעבט זיך גוט און זיס.
זיסע טײ, גאזעטן לײענט זי,
און אונדז אלע טרעט זי מיט די פיס.

4 דרײען זיך די רעדער, קלאפט די מאשין,
דער באלעבאָס, ער גײט ארום פארדולט.
ס'איז געקומען א מענטש פון א גרױסער פאבריק
און װיל מיט אונדז מאכן אן אטיעל(!).

טאבאטשניק, בערשאד. 1934. דאָס ליד איז אײנס פון די פאָלקלאָרישע װאריאציעס צו ד. עדעלשטאטס ליד „דער ארבעטער". אנדערע פאָלקלאָר־װאריאנטן פונעם זעלבן ליד עדעלשטאטס זע אין „פאָלקלאָר־לידער" II, ז. 30–33, בא לעמאנען א. א. פ. ז. 118–121 נ: 60, 60א, 60ב. אונדזער איצטיקער װאריאנט איז אינטערעסאנט דערמיט, װאָס ער דערװײטערט זיך זײער שטארק פונעם גרונט־טעקסט עדעלשטאטס און דערמאָנט אין אים בלױז, װאָס שײַעך די אלגעמײנסטע שטריכן.

## 6

פראגמענט

(קופערשמיד ש.)

1. מיר זיצן אפ די בענקלעך, אראָפגעלאָזט די קעפעלעך,
אפ יעדן פינגער רײַסט א נײַע װינד,
מיר ארבעטן בא טאָג און מיר האָרעװען באנאכט
און האָבן אזא װערט װי די הינט.

2. Как же не завидовать нашему хозяину
Как он роскошно живет,
Чай попивает, газеты вычитает,
А нам, работникам, отдых не дает.

בראזילעװסקי איציק, בעלאָצערקװע, 1934.
פראגמענט פון א פאָלקלאָרישער װאריאציע צו עדעלשטאטס ליד „דער ארבעטער". די ערשטע סטראָפע פון אונדזער פראגמענט איז בא עדעלשטאטן אינגאנצן ניטאָ, די מאָטיװן פון דער צװײטער סטראָפע — זײַנען יאָ פאראן, אָבער, פארשטײט זיך, אפ ייִדיש.

## 7

(כאבענסקי א.)

1. בעסער אינ דער היימ
עסנ ברויט אלײנ,
אײדער אפ דער גראבארקע
פלײש מיט כרײנ.

2. אוי, ווײ, א באלעבאטיש קינד
קומט אפ דער גראבארקע,
קומט ער אָפ ווי א הונט.

וואר. צו דער צווייטער סטראָפע: לעמאנ א.א.פ. ז. 132, נומ. 38.

## II. לידער וועגן קאַמף און קאָרבאָנעס

### 8

1. שאַרפט אײַך וואָפן, קומט צום שטרײַט,
קעגן פאַלשקײַט, קעגן מערדערײַ,
גענוג שוין צו דולדן, דען עס איז שוין צײַט
צו פאַרניכטן די שקלאַפערײַ.

2. צו אַ רעוואָליוציאָן זאָלט איר זיך צוגרייטן
און מיט וואָפן אין די הענט.
אונדזער הערשער, אונדזער קייסער מוזן מיר טויטן,
צו מאַכן פון שקלאַפערײַ אַן ענד.

3. עס וועט אונדז ניט אָפּשרעקן קיין ביקסן און קאַנאָנען,
און אויך ניט די סיבירישע קעלט.
מיר מוזן זיך פאַרייניקן פעלקער און נאַציאָנען
צו באַפרײַען די גאַנצע וועלט.

4. עס וועט אונדז ניט אָפּשרעקן דער גרויזאַמער טויט,
אַז פאַר פרײַהײַט גייען מיר אין קאַמף.
מיר מוזן קעמפן אויף לעבן און אויף טויט
צו מאַכן אַ רעפּובליק אין לאַנד.

(אַרכיוו פון דער היסט. עטנ. געז.)

# 9

(קופּערשמיד ש.)

1. שטייט אויף, איר אונטערגעדריקטע ברידער,
מען וועקט אײַך פון אײַער שלאָף,
די צײַט איז שוין געקומען,
ס'זאָל נעמען פון די צאָרעס א סאָף.

2. די צײַט איז שוין געקומען
בא יעצטיקער מינוט,
צו שטרײַטן מיט די טיראנען,
וואָס זויגן פון אונדז דאָס בלוט.

3. צו שטרײַטן מיט די טיראנען
און אויך ניט פארגעסן דערבײַ,
אז מיר אלע צוזאמען
קאָנען זיך מאכן פרײַ.

4. סײַ ייִדן, רוסן, פּאָליאקן,
אלע פון איין נאציאָן,
זינגט רעוואָליוציאָנערע לידער,
באפרײַט די רויטע פאָן.

5. די אויסלענדישע ברידער —
זיי שטרײַטן[1] אונדז אויס די האנט,
זיי שרײַען: „פאריייניקט זיך, ברידער,
באפרײַט זיך אײַער לאנד".

6. זיי שרײַען: „פאריייניקט זיך, ברידער,
און ווייסט וואָס איר האָט צו טאָן.
זינגט רעוואָליוציאָנערע לידער,
באפרײַט די רויטע פאָן".

קאזאן מארים, שילערן. געהערט דאָס ליד פון איר פאָטער, אן ארבעטער, בעלאָצערקווע, 1934. די ערשטע דרײַ סטראָפעס געדרוקט אין „פאָלקלאָר־לידער" I ז. 83, נומ. 67.

1 אפּנעמ, פארגרײַזט פון „שטרעקן".

10

(גוטיאנסקי ב.)

1. שאבעס אינדערפרי, אזייגער אכט,
האָט זיך אלטער גוט באטראכט,
שאבעס אינדערפרי, אזייגער נײַענ,
איז אלטער ארויס גולײַענ.

2. שאבעס אינדערפרי, אזייגער צעענ,
האָט אלטער דעם פריסטאוו דערזעענ.
ווי ער האָט אימ דערזעענ,
אזוי ט'זיך אינ אימ די איסקרע פארברענט.

3. ווי די איסקרע ט'זיך אינ אימ פארברענט,
אזוי האָט ער אינ אימ געשאָסנ.
ווי ער האָט אינ אימ געשאָסנ,
אזוי האָט ער אינ האנט געטראָפנ.

4. ווי ער האָט אינ האנט געטראָפנ,
אזוי'ז די האנט מיט בלוט פארלאָפנ.
— „אלטער, אלטער, ס'ניט שיינ!"
— „איך האָב געטאָנ, אונ ווייס אליינ!"

5. א קויל האָט דיך געטראָפנ, מײַנ געטרײַער,
א קויל פונ דיר, סוינע, אליינ,
מע טראָגט דאָך דיך ארויס באלד פונ פײַער,
מיר שטייענ אינ בלוטיקנ שטראָם.

ס. פערשאלאָווע, 1926. ווערליק די זינגערנ גיט איבער: איז די געשעעניש, וועגנ וועלכער עס ווערט דער־ציילט אינ ליד, פאָרגעקומענ אינ 1903 יאָר, אינ שטעטל דאָבראָנקע, מאָהילאָווער גובערניע. אלטער איז געווענ א סטאָליער. די פינפטע סטראָפע ווארדירט א סטראָפע פונ מ. סאָרעריוועסעס ליד „אָ, ליבער, מיר האָבנ געשלאָסנ".

## 11

(טשערניאק י.)

1. ליבע ברידער, סאָלדאטן,
לאָזט אונדז נאָך א ווײַלע שטיין,
אָפשייד נעמען וועט ניט שאטן
פון דאָס לאנד, פון דער היים.

2. אָך, איר קייטן, הערט אויף צו קלינגען,
פארבלײַבט מיר אײַך א ווײַלע שטיל,
לאָזט מיר מײַן הארץ אויסצוזינגען,
ווער קאָן פילן מײַן געפיל.

3. מע האָט אונדז אלע צוזאמען גענומען,
און אין טורמע הייסט מען גיין,
א נײַעם נאָמען האָבן מיר באקומען,
טוט א קוק, 'עס איר אליין פארשטיין.

4. מע האָט אונדז אלע צוזאמען גענומען
און אין טורמע האָט מען אונדז אוועקגעפירט,
אין בעסטן בליִונג און אין בעסטן גלאנץ
האָט מען אונדז געארעסטירט.

5. איך האָב קיין שלעסער ניט געבראָכן
און קיין טיראנסטווע ניט אויפגעבראכט,
איך האָב קיין מענטשן ניט געשטאָכן
און ניט געגאנוועט אין דער נאכט.

6. איך האָב געזוכט די מענטשן־פרײַהײַט,
און נאָך ניט פאר זיך אליין,
און דערפאר ט'מען אונדז גענומען
און אין סיביר הייסט מען אונדז גיין.

עסקינע בראָכע, א זאָקנמאכערן, 1928, די זינגערן האָט געהערט דאָס ליד אין 1899 יאָר אין טשעריקאָוו (ווײַס־רוסלאנד) פון א סטודענט, וואָס איז אהין געווען ארויסגעשיקט. ווער. לעמאן א.א.פ. ז. 80־83 נ.נ. 41, 41 א, 41 ב.

## 12

(קופּערשמיד ש.)

1. אין טורמעס, אין קייטן, אין לאַנד פון קאַפּיטאַל
ווערט דאָרט געפּייניקט דער אַרבעטערמאַן,
|: פון פרויען, פון קינדער, פון אַרבעטער גאָר :|
פאַרשלאָסן אין טורמעס אויף לאַנגע יאָר.

2. פינצטער און קאַלט איז מיר אָט אָ־דאָ,
קיין טיר, קיין פענצטער, קיין לופט איז ניטאָ,
|: פון צאָרעס, פון הונגער, פון נויט און פון שרעק, :|
אַזוי איז פון מיר מיין קויעך אַוועק.

3. איך לעב אָבער, ברודער, איך לעב און איך וואַרט,
איך ווייס, אַז דער אַרבעטסמאַן וועט נעמען די מאַכט.
פרייהייט וועט זיין איבעראַל, אומעטום,
מיט פרייד וועלן מיר טראָגן די רויטע פאָן".

שינדער כאַים, אַן אַרבעטער פון אַ מעבל־פאַבריק,
בעלאַצערקווע, 1933.

## 13

(קופּערשמיד ש.)

1. זיצן זיץ איך אין טורמע אויף די נאַרעס
|: און קוק אַרויס אויף פּאַוויע־גאַס,[1] :|
מיינע אויגן זיינען פינצטער,
|: און מיין פּאָנעם איז פון טרערן נאַס. :|

2. מיינע כאַווײרים אויף דער פאַבריק
|: ליידן הונגער, נויט און פּיין, :|
פיל פון זיי האָט מען פאַרשיקט
|: האָרעווען אויף דער אייזנבאַן. :|

---

1 די גאַס אין וואַרשע, וווּ ס'געפינט זיך די טורמע פאַר פּאָליטישע „פאַרברע־כערס".

3. ליגנ ליג איך אינ טורמע אפ די נארעס
|: אונ דריק מיך צו מײַנע בײנער, — :|
פונ אלע מײַנע גוטע ברידער
|: קומענ קומט צו מיר ניט קײנער. :|

4. אינ טורמע זיצנ איז זײער שלעכט,
|: שלעכט אונ ביטער, װי דער טויט, :|
אָפזיצנ א טאָג, א יאָר,
|: מיט א בריל [2] װאסער אונ א שטיקל ברויט. :|

גרינבערג טויבע, 42 יאָר, בעלאָצערקווע, 1934 י.
געהערט דאָס ליד אינ כעלם (פוילנ).

---

1 זאָל דאָס וואָרט עפשער שטאמענ פונ בארילעכנ, בארילקע, וואָס באטײַט א קלײנ פעסעלע ?

# לידער וועגן אָרעמקייט און נויט


I. לידער וועגן אָרעמקייט און נויט — נ.נ. 1—13

II. לידער וועגן עמיגראציע און עלנטקייט — נ.נ. 14—24

III. בעטלער-לידער — נ.נ. 25—28

# I. לידער וועגן אָרעמקײט און נויט

## 1

(קופּערשמיד ש.)

1. אַך, פאַרמוטשעט, כ׳בין פאַרמוטשעט,
ניט קיין ביסן שוואַרצער ברויט,
שטענדיק וואַלגערט זיך מײַן פאָטער
צווישן טורמעס און קויט.

2. און די מאַמע מײַנע קראַנק איז,
קיינער האַלט זי ניט אויס,
כאָטש נעם און באַגראָב זיך,
אַנדערש קומט גאָרניט אויס.

3. אונדזער פעלד שטייט
נאָך ניט געאַקערט, ניט געזייט,
אַז ס׳וועט קומען דער ווינטער,
ווער וועט געבן אונדז ברויט?

דודינע סלוווע, שילערן, בעלאָצערקווע, 1934.

## 2

(סקודיצקי ז.)

1. „אַ גוט־מאָרגן, וואָס מאַכסטו, מײַן טײַערע עסטער,
אַ קוק טאָן אויף דיר איז אַ שרעק.
האָדי שוין וויינען, מײַן טײַערע שוועסטער,
האָדי שוין וויינען, אַן עק״.

2. „וויאזוי זאָל איך ניט וויינענ, וויאזוי זאָל איך ניט קלאָגנ,
געשטאָרבנ מײַנ לייזער, מײַנ קרוינ,
געבליבנ בינ איך א וויסטע אלמאָנע
מיט נײַנ יעסוימימ אליינ.

3. אמאָל אפ שאבעס איז מײַנ לייזער געפאָרנ,
אינ בויד איז געזעסנ דער דאיענ.
רעב פיישע דער דאיענ איז געזעסנ א בייזער
אונ האָט אָנגעהויבנ צו שרײַענ.

4. „הולטײַ, דו כציפע, (!) פאָר א ביסל גיכער,
דער שאבעס הענגט שוינ אפנ נאָז".
מײַנ לייזער האָט זיכ צעלאָזט ווי א וויכער
אונ האָט צעטריבנ די פערד אָנ א מאָס.

5. פלוצעמ האָט זיכ אנ אקס אײַנגעבראָכנ,
צוויי רעדער האָבנ געמאכט לאָפּ, לאָפּ.
מײַנ לייזער איז קאָמ אהיימ פארקראָכנ
אונ האָט זיכ צעקלאפּט דעמ קאָפּ.

טעסליער מאניע, קורסאנטנ פונ קיעווער יידישנ פעד־טעכניקומ, 1923. דאָס ליד שטעלט מיט זיכ פאָר א פאָל־קלאָרישע וואריאציע פונ שאָלעמ־אליינעמס ליד „ערעוו שאבעס", געדרוקט אינ „יידישעס פאָלקסבלאט" № 36, 1884.

## 3

(קופערשמיד ש.)

1. אוי, [איכ] דער וויסטער באלעגאָלע,
מײַנ האָרעווענ איז אָנ אנ עק...
איכ שפיל מיר אויס די בעסטע ראָליע,
דער ווינט בלאָזט אוועק.

2. איכ לייג מיר ארײַנ אינ וואָגנ ארײַנ
פיר קאָווענע רעדער,
זי ביקשעוועט, זי ריכעוועט,
גרינג ווי א פעדער.
אוי, איכ, דער וויסטער באלעגאָלע... אאוו.

3. איך שפּאַנ מיר אײַנ אינ וואָגנ אַרײַנ
פיר פערד אינ דער ברייט,
איך זעצ זיך אַרײַנ אינ קעלניע אַרײַנ,
איך גיב א פײַפ, סע גייט.
אוי, איך, דער וויסטער באלעגאָלע... אאוו.

4. איך נעמ אַרופ דעמ קלענסטנ פאַרשוינ
אונ זעצ אימ אויבנאָנ,
שעלט ער מיך אינ טאַטנ אַרײַנ:
„טרײַב מיר גיכער אָנ".
אוי, איך, דער וויסטער באלעגאָלע... אאוו.

5. סע נעמט זיך צונויפ א קאָמפּאַניע כסידעמלעך
פאָרנ צומ גוטנ ייִדנ;
איינער שרײַט: „פאָר גיכער —
איך דאַרפ צומ גוטנ ייִדנ".
דער צווייטער שרײַט: „פאָר פּאַוואָליע,
אוי, מײַנע מערידנ".
**אוי, איך, דער וויסטער באלעגאָלע... אאוו.**

ארבעטמאַנ פייגע, א שילערנ. געהערט דאָס ליד פונעמ פאָטער, א שטריקלדרייער. בעלאָצערקווע, 1934.

## 4

(טשערניאַק י.)

1. **איך, נעבעך, אָרעמער שוימער,**
**פאַרוואָגלט איז פונ מיר די נאַכט,**
**דער שלאָפ ברעכט מיר אינ מײַנע ביינער,**
**צי דענ פונ אײַזנ בינ איך געמאַכט?**

2. **כאָטש וועשאָלעמ איך זינדיק ניט,**
**אַז מענ איז געזונט איז אויכעט גוט.**
**אויב ניט, איז שלעכטער,**
**שוינ בעסער זײַנ א וועכטער.**
איך, נעבעך, אָרעמער שוימער... אאוו.

3. זאָל איך פרעגן בא גאָט א קאשע,
פאַרוואָס קומט מיר אזא פארנאָסע? —
מיסטאמע בין איך אזוי ווערט,
אזא פארנאָסע איז מיר באשערט.
איך, נעבעך, אָרעמער שוימער... אאוו.

4. לאָזן די פארנאָסע איז אויך א נויט,
מע קען פארלירן דעם שטיקל ברויט,
דאן איז דאָך שלעכטער,
שוין בעסער זײַן א וועכטער.
איך, נעבעך, אָרעמער שוימער... אאוו.

כאָטימסק. 1928. וואר. ג.מ. ז. 282, נומ. 329. דער אָנהייב פון ליד — „איך, נעבעך, אָרעמער שוימער" — דערמאָנט אינעם טראדיציאָנעלן אָנהייב פון בערל בראָדערס לידער: „איך, נעבעך, אָרעמער פאסטעך", „איך, נעבעך, אָרעמער שינדלער" אאוו.

## 5

(טשערניאק י.)

1. ס'איז וואָר און וואָר,
:| וואָס אָפטע לײַט זאָגן, :|
:| בעסער איין קווינט מאזל,
איידער טונען גאָלד. :|

עטאָ ווערנאָ דא פראוודא,
שטאָ סטאריקי גאָוואָריאט,
שטאָ לוטשע ניעמנאָשקאָ סטשאסטיע,
טשעם זאָלאָטא מאט.

איך, ווי'ן איך קום ניט אָן,
טרעף איך מײַן מאזל ניט אָן.
אי קודא ניע פרידו,
טאם יא סטשאסטיע ניע נײַדו,
:| ראק צאָרעס סיווווויוו,[1]
בעדא מיניע קרוגאָם. :|

1 רק צרות סבבני (העברייִש) — בלויז צאָרעס האָבן מיך ארומגערינגלט. דער „י" אינעם ווארט „סיווווויני" איז אין פערז ארויסגעפאלן צוליבן גראם („איך ווי'ן איך קום ניט אָן" — „ראק צאָרעס סיווווויוון").

2. אמאָל איז געווען
|: גרינגער צו פארדינען, :|
|: אונ הײַנט, ווי'נ איכ קומ ניט אָנ,
פארנאָסע ניט צו געפינען. :|

אָדנאזשדי בולאָ
ליעכטשע זאראָבליאט,
טיפער קודא ני פרידיאָש,
זאראבאָטקו ניע נײַדיאָש.
איכ, ווי'נ איכ קומ ניט אָנ... אאוו.

פריידינע מ., א גייטערג, 50 יאָר, כאָטיטסק. 1927. אינ אנ אוקראַינישנ פאָלקאָר־ליד אפ אנ ענלעכער טעמע — וועגנ איינעמ, וואָס האָט ניט קיינ מאזל אונ קיינ גליק (קאָסטאמאראָוו ז. 161, נומ. 65) — געפינענ מיר פאָלגנ־דיקע ענלעכע צו אונדזער ליד פערזנ:

„Ох а где ж бо я піду
Нігде щастя не знайду"

עס איז גאנצ מעגלעכ, אז דאָס גאנצע ליד איז אנ איבערזעצונג פונ אנ אוקראַינישנ אָדער ווײַסרוסישנ ליד.

## 6

(קו פערשמיד ש.)

1. אוי, מאזל, אוי, מאזל,
וווּ ביסטו פונ מיר אנטרינענ,
איכ טו דיכ זוכנ אינ אלעווינקעלעכ
אונ קאָנ דיכ ניט געפינענ.

2. אז איכ האָב דיכ געפינענ,
האָב איכ דיכ געטראָפנ שלאָפנ;
שטיי שוינ אופ, מאזל מײַנס,
אונ גאָט זאָל דיכ ניט שטראָפנ.

3. דאָרטנ, דאָרטנ שווימט א שיפעלע,
איז עס פול, ניט ליידיק,
אונ אויב דער מענטש האָט קיינ מאזל ניט,
פארפאלנ איז ער אפ אייביק.

רײַכשטיינ ציליע, 15 יאָר, בעלאָצערקווע, 1928.

## 7

(קופערשמיד ש.)

1. אוי, דאלעסל —
נו-נו-נו.
אינ אלע ווינקעלעכ
ביסטו דאָ.

2. וואָלט איכ דיר געהאָלפנ,
האָב איכ ניט פונוואנענ,
בעט איכ דיכ, דאלעסל,
פארנעמ זיכ פונדאנענ.

זאריצקי מאניע, בעלאָצערקווע, 1938.

## 8

(קופערשמיד ש.)

1. איכ גיי א גאנצנ טאָג
פונ אינדערפרי ביז נאכט,
איכ צערייַס די שיכ
אונ קומ אהיימ פארשמאכט.

2. איכ קומ אהיימ פארשמאכט,
כאפ איכ דעמ פסאק,
די קינדער מיט א געוויינ
אונ דאָס ווייַב צומ טאק.

3. אינ וויג וויינט דאָס קינד,
אינ בעט שרייַט דאָס ווייַב,
אז אָכ אונ ווי איז מיר,
סע גרוילט אפ מיר דאָס לייַב.

4. די קינדער בעטנ: טאטע, טאטע,
גיב אונדז צו שטיקלעכ ברויט,
לאָמיר דיר ניט דערקוטשענ,
אניט שיק אפ אונדז אָנ דעמ טויט,
אונ לאָמיר זיכ ניט מוטשענ.

5. אין דרויסן גיסט א רעגן,
אין שטוב איז נאַס.
אז אַך און וויי איז מיר,
אז בא מיר אין שטוב איז ערגער ווי אפן גאַס.

9. פון זייגער איינס ביזן זייגער נײַן,
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .
אז סע סטײַעט ניט קיין מאָל וואַסער,
שעלט מען מיר אין טאַטן אַרײַן.

גוסאַטש פּ. שילערן, געהערט דאָס ליד פון דער באָבען, בעלאָצערקווע, 1934.

## 9

וואַריאַנט

(ר ײַ כ ש ט ײ ן כ.)

1. אין שטוב איז קאַלט און נאַס,
ערגער ווי אפן דער גאַס,
אין בעט שרײַט דאָס ווײַב,
אז עס גרוילט אפּ מיר דאָס לײַב.

2. „ווו ביסטו געווען,
וואָס דו האָסט אין אונדז פאַרגעסן,
ס'איז שוין דער דריטער טאָג,
אז מיר האָבן ניט געגעסן"...

3. אין בעטל שרײַט דאָס קינד,
וויי איז מיר און ווינד, —
„גיב אונדז א שטיקל ברויט
און לאָמיר זיך ניט מוטשען,
אָדער שיק אפּ אונדז דעם טויט
און לאָמיר דיר ניט דערקוטשען".

בערדיטשעוו, 1926. נומערן 8 און 9 שטעלן מיט זיך פאָר פאָלקלאָרישע וואַריאַציעס פונעם ליד „דער אָרעמאַן" פון י. וו. ש. געדרוקט אין „קויל-מעוואַסער" נום. 11 פאַרן 1862 יאָר.

## 10

(קופערשמיד ש.)

שטיי אופ, מײַן מאַנ, טו אָנ דײַנע טאַכטוינים
און גיי דיר שוינ זוכנ אפ שאבעס.
אונדזערע שכײנים זײַנענ אויכ געמײנע, —
זיי האָבנ דעמ שאבעס פארפרי,
מיר קומט ער אָנ מיט נויט,
איכ עס מיר ניט אָנ זאט מיט קײנ ברויט.
איכ האָב ניט קײנ לעפל, קײנ פלאָמענ, קײנ טעפל,
דאָס קלײטל דערגײט מיר די יאָר,
און איכ האָב נאָכ אפ פורימ קײנ האָר...
שטיי אופ מײַנ מאנ, שטיי אופ פונ דײַנ שלאָפ.

בודמאנ פײגע, 16 יאָר, בעלאָצערקווע, 1934.

## 11

(גוטיאנסקי ב.)

1. אלעפ — אינדיקעס עסנ די אשירימ,[1]
בייז — באָרשטש מיט ברויט עסנ די אניִימ.[2]

2. גימל — גענדזעלעכ עסנ די אשירימ,
דאלעד — דארע סוכארעס עסנ די אניִימ.

3. היי — הינדעלעכ עסנ די אשירימ,
וואָוו — וואסער מיט ברויט עסנ די אניִימ.

4. זײַענ — זײַדענע קלײדער טראָגנ די אשירימ,
כעס — כאלעשדיקע קלײדער טראָגנ די אניִימ.

5. טעס — טײַבעלעכ עסנ די אשירימ,
יוד — יושקע מיט ברויט עסנ די אניִימ.

6. כאָפ — כאלעלעכ עסנ די אשירימ,
לאמעד — לעמעשקע עסנ די אניִימ.

---

1. רײַכע.
2 אָרעמעלײַט

7. מעם — מאנדלען עסן די אשירים,
נונ — גיסלעך פוסטע עסן די אניִים.

8. סאמעך — סויבלענע היטלען טראָגן די אשירים,
איַיִען — אָניטשעס אפּן קאָפּ טראָגן די אניִים

9. פּיי — פּירעזשקעס עסן די אשירים,
צאדיק — ציבעלע מיט ברויט עסן די אניִים.

10. קוף — קאטשקעלעך עסן די אשירים,
רייש — רעטעך מיט ברויט עסן די אניִים.

11. שין — שאבלטאשן [1] טראָגן די אשירים,
טאָף — טאָרבעטשקעס טראָגן די אניִים.

בערשאד, 1926.

## 12

(רײַכשטײַן כ.)

װאַריאַנט

1. אלעף — איַינגעמאכטס עסט דער נאָגיד,
בייז — בולבע עסט דער אָרעמאַן.

2. גימל — געגדזעלעך עסט דער נאָגיד,
דאלעד — דעם דאלעס האָט דער אָרעמאַן.

3. היי — הינדעלעך עסט דער נאָגיד,
װאָװ — װייטעקן האָט דער אָרעמאַן.

4. זײַען — זעמעלעך עסט דער נאָגיד,
כעס — כוואָראָבעס האָט דער אָרעמאַן.

5. טעס — טאָרטן עסט דער נאָגיד,
יוד — יעסורים האָט דער אָרעמאַן.

6. קאָף — קאלאָשן טראָגט דער נאָגיד,
לאַמעד — לאַפּטיעס טראָגט דער אָרעמאַן.

3 בײַטלען.

7. מעמ — מאנדלענ עסט דער נאָגיד,
נונ — א נאר בלײַבט דער אָרעמאנ...

8. סאמעכ — סמעטענע עסט דער נאָגיד,
אײַענ — אָניטשעס טראָגט דער אָרעמאנ.

9. קופ — קארבנ צײלט דער נאָגיד,
רײש — ראקעס האָט דער אָרעמאנ.

10. שינ — שעפּסעלעכ האָט דער נאָגיד,
טאָפ — דעמ ט... האָט דער אָרעמאנ.

בערדניקאָוו, וויטעבסק. 1927.

## 13

װאריאנט

(גוטיאנסקי ב.)

די אלעף מאכט : העלדזלעכ געפּילטע לעאשירימ,[1]
די בײז מאכט : באָרשטש מיט ברויט לעאנײִמ,[2]
די גימל מאכט : גענדז געבראָטענע לעאשירימ,
די דאלעד מאכט : דארע סעכערעס לעאנײִמ.
די הײ מאכט : האָלובצעס פּעטע לעאשירימ,
די װאָװ מאכט : װאסער מיט כרײנ לעאנײִמ.
די זײַענ מאכט : זיסע זאכנ לעאשירימ,
די כעס מאכט : כרײנ מיט ברויט לעאנײִמ.
די טעס מאכט : טאָרטנ גוטע לעאשירימ,
די יוד מאכט : יושקע פּיסנע לעאנײִמ.
די קאָפ מאכט : קאָשערע גוטע קאָלבעס לעאשירימ,
די לאמעד מאכט : לעמעשקע טונקעלע לעאנײִמ.
די מעמ מאכט : מאנע, גוטע גרײַפּלעכ לעאשירימ,
די נונ מאכט : ניסלעכ רויע לעאנײִמ.
די סאמעכ מאכט : סאמע גוטע זאכנ לעאשירימ,
די אײַענ מאכט : עפּל פארפוילטע לעאנײִמ.
די פּײ מאכט : פּוטער־בולקעס גוטע לעאשירימ,
די צאדיק מאכט : ציבעלע מיט קנאָבל לעאנײִמ.

---

1 לעאשירימ — פאר די רײַכע.
2 לעאנײִמ — פאר די אָרעמע.

די קוף מאכט: קרעפלעך גוטע לעאשירים,
די רייש מאכט: ראבע פאסאָליעס לעאניִים.
די שין מאכט: שיינע, ווייַסע בולקעס לעאשירים,
די טאָף מאכט: טולקעס[3] רויע לעאניִים.

בערשאד, 1926. וואריאנט צו נ. ב. 11־12־13 — קיפניס II, ז. 119.

---

1 א געמיינער סאָרט פישלעך.

# II. לידער וועגן עמיגראַציע און עלנטקייט

## 14

(כ אָ ר אָ וו ע צ ע ר פּ.)

1. וואָס בין איך קיין אמעריקע געלאָפן,
אונ וואָסערע גליקן האָבן מיך דאָרט געטראָפן?
אז עלנט בין איך פארבליבן,
פון פאָטער אונ מוטער פארטריבן,
פון שוועסטער אונ ברידער אזוי ווײַט.

2. יעצט בעטן מיך מײַנע עלטערן אהיים,
אונ אהיים צו קומען איז פאר מיר ניט שיין.
עס ברענט אין מיר א פײַער
צו מײַן ליבער מוטער געטרײַער,
אונ מײַן הארץ ציט זיך נאָך צו איר.
כ׳ווייס, זי וועט מיר געבן
צוריק מײַן ברויט צום לעבן,
אונ איך זינג מײַן טרײַער ליבער מוטערס ליד.

סלאוווטע. 1928.

## 15

(ר ײַ כ ש ט יי ן כ.)

1. דו טוסט, מײַן טײַער לעבן, קיין אמעריקע אָפּפאָרן,
אין רוסלאנד וועל איך פארבלײַבן, —
אוי, זאָגן זאָג איך דיר, מײַן טײַער זיס לעבן,
אָפטע בריוו זאָלסטו מיר שרײַבן.

2. אָפטע בריוו וועל איכ דיר טאָנ שרײַבנ,
ניט קענענ וועסטו זיי טונ לייענענ.
זאָגנ זאָג איכ דיר, מײַנ טײַער זיס לעבנ,
אז אפ דײַנע יאָר וועסטו טונ וויינענ.

3. צי געדענקסטו, געדענקסטו, ווענ מיר זײַנענ צו דער כופּע גע־
גאנגענ,
די לעוואָנע מיט די שטערנ האָבנ אונדז ליכטיק באשײַנט.
נאָכ דענצנמאָל, דענצנמאָל האָט מיר מײַנ הארצ געזאָגט,
אז מיר וועלנ ביידע ניט וווינענ לאנג.

4. „איכ האָב דיר געזאָגט, דו זאָלסט אפ מיר ווארטנ,
דו זאָלסט זיכ ניט רירנ דײַנ ביטער הארצ".
„איכ קאָנ שוינ ניט ווארטנ אפילע ביז מאָרגנ,
ווײַל מײַנ הארצ איז פול מיט שמארצ".

פ. רײַכשטיינ, 1926, אנ ארבעטערנ פונ א פאפיראָסנ־
פאבריק.

## 16

(כאָראָוועצער פ.)

1. דײַנ טאטע איז געפאָרנ קיינ אמעריקע,
טרינקט ער דאָרט די בעסטע גלאָז ביר,
מיכ האָט ער איבערגעלאָזט מיט צוויי קליינע קינדער,
אזוי ווי אנ אָני בא דער טיר.

2. דײַנ טאטע איז געפאָרנ קיינ אמעריקע,
טרינקט ער דאָרט די בעסטע גלאָז ווײַנ,
כ'האָב אימ געוואָלט פארהיטנ פונ אלע אומגליקנ,
ער זאָל אינ טורמע ניט ארײַנ.

3. דײַנ טאטע איז געפאָרנ קיינ אמעריקע
אונ גייט דאָרט שפאצירנ אפ די בעלער,
מיכ האָט ער איבערגעלאָזט בא ראָכעלע שאפירע,
כ'זאָל בא איר וואשנ די טעלער.

כלאוויטע, 1928.

## 17

(ר ײַ כ ש ט ײ נ כ.)

1. „װוּהין זשע פאָרסטו, עליקל מײַן מאַן?
װוּהין זשע פאָרסטו, עליק שארלאַטאַן?"
„קיין אמעריקע, מײַן װײַבעלע,
קיין אמעריקע, מײַן טײַבעלע,
קיין אמעריקע, מײַן קרױן,
דו גאָלדענער פאַרשױן".

2. „װוּ זשע װעל איך נעמען פלייש אף שאַבעס?
װוּ זשע װעל איך נעמען פלייש אף שאַבעס?"
„באַם קאַצעװ, מײַן װײַבעלע,
באַם קאַצעװ, מײַן טײַבעלע,
באַם קאַצעװ, מײַן קרױן,
דו גאָלדענער פאַרשױן".

3. „װוּ זשע װעל איך נעמען ליכט אף שאַבעס?
װוּ זשע װעל איך נעמען ליכט אף שאַבעס?"
„איך װעל דיך בינדן,
ס'טו פאַרשפּאָרן ליכט צו צינדן,
און קיין געלט האָב איך ניט".

4. װוּ זשע װעל איך נעמען צימעס אף שאַבעס?
װוּ זשע װעל איך נעמען צימעס אף שאַבעס?"
„אַז דו רעדסט מיר אױס צימעס,
װעסטו בא מיר נימעס,
און קיין געלט האָב איך ניט".

5. „װוּ זשע װעל איך נעמען ברױט אף שאַבעס?
װוּ זשע װעל איך נעמען ברױט אף שאַבעס?"
„אַז דו רעדסט מיר אױס ברױט,
באַקומ זשע גלײַך דעם טױט,
און קיין געלט האָב איך ניט".

בערדיטשעװ, 1926. װאַר. ג. מ. נומ. 305, 306, פּינקעס, ז. 390, נומ. 7. צײַטשר. II–III ז. 814, נומ. 43. זע „באַמערקונגען און צוגאָבן" ז. 373–374, נומ. 10.

## 18

(בערעגאָווסקי מ.)

1. שטייט א טויב אפן דאך,
טוט זי דאָרטן צו ברומען,
און מײַן מאן איז פון מיר אוועק,
און טוט צוריק נישט קומען.

ווער קאָן שפּילן, ווער קאָן שפּילן,
צו מײַנעם הארצן, צו מײַנעם ווילן...
ווער קאָן שפּילן, ווער קאָן שפּילן,
מײַנע צאָרעס צו שטילן.

2. קינדער מײַנע טײַערע,
קלײַבט זיך צונויף אינײנעם,
טאָמער וועט גאָט ראכמאָנעס האָבן,
וועט אײַער טאטעניו צוריק קומען.
ווער קאָן שפּילן, ווער קאָן שפּילן... אאוו.

3. אוי, לײַט זאָגן, לײַט זאָגן,
אז איך האָב דעם מאן פארטריבן, —
גאָט, ער ווייסט דעם גאנצן עמעס,
אז איך בין אן אגונע געבליבן.
ווער קאָן שפּילן, ווער קאָן שפּילן... אאוו.

כענקינע פרומע, 58 יאָר, סטאראָדוב, 1930.

## 19

(לעוויצקי א.)

1. צי האָט איר געהערט,
וואָס ס'האָט זיך פארלאָפן,
א מאן א פרוי
האָט אוועקגעוואָרפן.

2. ער איז אוועק
פון יענער זײַט וועלט,
ער שיקט ניט קיין בריוו
און שיקט ניט קיין געלט.

3. ער איז אוועק
פון יענער זײַט מעדינע,
ער האָט איבערגעלאָזט א פרוי,
אן אייביקע אגונע.

4. ער האָט איבערגעלאָזט א פייגעלע,
א פייגעלע א יונגס,
ס'זאָל אים דערציילן
פון אלעסדינג.

5. ס'פייגעלע איז געפלויגן,
וואלד אײַן און וואלד אויס,
ביזוואנען ס'איז געקומען
צום מערדער אין הויז.

6. „שטיי אוף, דו מערדער,
שטיי אוף, דו רעציייעך,
האָסט איבערגעלאָזט א פרוי,
זי וועט פון דער וועלט אוועקגיין".

7. „טאלעס און טפילן
האָב איך שוין לאנג אָפּגעלייגט
און א געט פאר מײַן ווײַב
שוין לאנג צוגעגרייט".

8. ס'פייגעלע איז געפלויגן,
א טאָג מיט א נאכט,
ביזוואנען ס'איז געקומען,
די ליפּעלעך פארשמאכט.

9. „שטיי אוף, דו פּאָנעם,
דו גילדענע צורע,
כ'האָב דיר געבראכט פון דײַן מאן
א ווייסטע פּסורע".

10. אזויווי זי האָט גענומען
דאָס בריוועלע צו לייענען,
אזוי האָט זי אָנגעהויבן
קלאָגן און וויינען.

11. אזויווי זי האָט גענומען
דעם געט אין דער האַנט,
אזוי האָט זי אויסגעקערעוועט
דעם פּאָנעם צו דער וואַנט.

12. „הער שוין אויף צו וויינען,
הער שוין אויף צו קלאָגן,
איינע צוויי ווערטער
קאָן איך דיר זאָגן.

13. אז וויפל איך וועל לעבן,
וועל איך דיר שרײַבן,
און מיט מײַנע צוויי פליגעלעך
דיר דעם בעסערן וועג אָנווײַזן".

באָסלעוו, 1926.

## 20

וואַריאַנט

(גוטיאַנסקי ב.)

1. צי האָט איר געהערט, וואָס האָט זיך געטראָפן,
דער קיניג פון דער שטאָט איז פון דער מאַלקע אַנטלאָפן.
ער איז אַנטלאָפן אין עק וועלט,
נישטאָ קיין בריוועלע און ניט קיין געלט.

2. ער האָט איר איבערגעלאָזט א פייגעלע א יונגס,
עס זאָל אים דערציילן פון אַלעסדינגס.
„קיין פייגעלע קיין יונגס בין איך ניט,
אין קיין ווײַטע מעדינעס פלי איך ניט".

3. דאָס פייגעלע איז געפלויגן פון דויר צו דויר,
ביז ס'איז געקומען צום קיניג אין טויער.
„הער אויס קיניג, וואָס איך וועל דיר זאָגן,
שרײַב אָן א געט, וועל איך דײַן אייגן ווײַב אָפּטראָגן".

4. „אוי, טאַלעס און טפילין האָב איך שוין לאַנג אָפּגעלייגט,
און א געט צו מײַן ווײַב האָב איך שוין לאַנג אָנגעגרייט".

„נעם זשע דעם געט און לייג צו צו מײַן לײַב
וועל איך אים אָפּטראָגן דײַן אייגן ווײַב".

5. דאָס פייגעלע איז געפלויגן א טאָג מיט א נאכט,
ביז ס'איז געקומען די ליפּעלעך פארשמאכט.
„שטיי אוף, דו מאלקע, שטיי אוף, פונעם בעט,
איך האָב דיר געבראכט פון דײַן מאַן א געט.
שטיי אוף, די מאלקע, דו גאָלדענע צורע,
איך האָב דיר געבראכט א וויסטע בשורע".

6. אזויווי די מאלקע האָט גענומען דעם געט אין דער האַנט,
אזוי האָט זי זיך אָנגעהויבן צו קלאַפּן מיטן קאָפּ אין דער וואַנט,
אזויווי זי האָט אָנגעהויבן דעם געט לייענען,
האָט זי אָנגעהויבן ביטער צו וויינען.

זיצערמאַן מ. ארבעטער, בערשאד, 1925. וואר. צו
נומערן 19-20 — קאהאן II, ז. 66, נומ. 4, פּרילוצקי III,
ז. 66-67, נומ. 133-134.

## 21

(קופּערשמיד ש.)

1. ווי איז מײַן לעבן
און ווי איז מײַן וועלט,
וואָס איך בין געבליבן,
אזוי ווי א שעפּעלע אין פעלד.

2. א שעפּעלע אין פעלד
האָט זיך געפּאַסעט
און איך בין געבליבן,
אזוי ווי א שטיין אפּן וואַסער.

3. א שטיין אפּן וואַסער
קען דאָך ניט שווימען,
די צאָרעס פון מײַן הארצן
זאָלן שוין אָפּקומען.

4. די צאָרעס פונעם הארצנ
מיט מאקעס באדעקט,
איכ וואָלט זיי באשריבנ,
וואָלט קיינ פאפיר ניט געקלעקט.

5. פאפיר וואָלט עפשער געקלעקט,
ווענ די הענט ניט אויסטראָגנ,
די צאָרעס פונעם הארצנ
פאר קיינעמ ניט צו זאָגנ.

6. די שיינע רויז ליגט איב גאָרטנ,
דער רעגנ גייט אפ איר.
דער רעגנ הערט אופ גיינ,
ווערט זי אָנ דעמ קאָליר.

7. ניט אזוי דעמ קאָליר,
ווי אלערליי פארבנ,
איידער אזא לעבנ,
בעסער צו שטארבנ.

8. יונגערהייט שטארבנ
איז אָנ א סאקאָנע,
איידער צו בלייבנ
א יונגע אלמאָנע.

9. וואָס הייסט אנ אלמאָנע,
אז דער מאנ שטארבט אוועק.
וואָס הייסט אנ אגונע, —
דער מאנ ווארפט אוועק.

אילוואווסקע זשעניע, 29 יאָר, מאָדיסטקע, בעלאָ־
צערקווע. 1933. ווארר. ג.מ. ז. 238־240,
גומערנ 286־287. קאהאנ I, ז. 148, נומ. 18.

## 22

(ווארנאָוויצקי מ.)

א בריוו קיין אמעריקע פון א פרוי צו איר מאן

1. הער נאָר אויס, מײַן מאן,
געזונט זאָלסטו מיר זײַן,
אָן יאָרן זאָלסטו בא מיר בלײַבן
וויפל איז דער שיר,
צו בעטן זיך בא דיר,
א בריוועלע זאָלסטו מיר אָנשרײַבן?

2. ס'איז שוין זעקס יאָר צײַט,
דו ביסט פון מיר גאנץ ווײַט.
קיין אמעריקע ביסטו געפאָרן זוכן גליקן.
דו האָסט מיך איבערגעלאָזט דו,
אן אומגליקלעכע פרוי,
קיין ענטפער ווילסטו מיר ניט שיקן.

3. איך קען דיך ניט פארשטיין,
וואָס מיט דיר געשעען?
דו האָסט אין דײַן סימייסטווע גאָר פארגעסן.
דײַנע קינדערלעך דרײַ,
וואָס דו ביסט זיי געווען געטרײַ,
אָן זיי האָסטו גאָר קיינמאָל ניט געגעסן.

4 הײַנט פארשטיי איך ניט,
ווי עס ארט דיר ניט,
דו האָסט זיך אויסגעלערנט טיראנישע זיטן.
דו ביסט פון מיר גאנץ ווײַט
אזא לאנגע צײַט,
דײַן כאראקטער האָט זיך שוין אין דיר געביטן.

5. אך, דו מאכשעמויניק,
אך, דו קאָלבויניק,
אפ פײַער מעגסטו דאָרטן ברענען!
דו ביסט אוועקגעפאָרן,
א בראָך צו דײַנע יאָרן,
מיך ווילסטו אהינצו ניט נעמען.

6. די קינדער בעטן עסן,
דו האָסט אין זיי פארגעסן,
איך האָב דאָך ניט פונוואנען צו לעבן.
איך האָב פארזעצט אלעס,
אפילו דײַנע אלטע טאלעס, —
קיין ענטפער ווילסטו מיר ניט געבן.

7. אונדזער שכיינע דאָבע,
די שווארצע, די גראָבע,
זי איז דאָך שוין באגליקט געוואָרן!
דער מאַן האָט באגליקט,
א סאך געלט צוגעשיקט,
קיין ניו־יאָרק איז זי צו אים געפאָרן.

8. און איך זיץ און ווארט און ווארט.
פון דער דירע האָט מען מיך שוין אויך ארויסגעטריבן.
אונדזער יאָסעלע איז שלאַפ.
שרייַ צום הימל ארויף.
און קיין ענטפער ווילסטו מיר ניט געבן.

9. עפשער האָסטו דאָרט
א צווייטע אפּ מײַן אָרט,
פארגין איך דיר די גאָלדענע גליקן.
דו וועסט זיך וועלן מיינען,
איך וועל נאָך דיר וויינען,
אָבער א געט דארפסטו מיר שיקן.

10. נעם אײַן א מיסע-מעשינע
אין דער גאָלדענער מעדינע,
גאָט וועט מיך מיט א צווייטן מאַן באגליקן.
דו ווערסט פאָטער פון א צאָרע,
פון מיר דײַן ווײַב כײַע-סאָרע,
אָבער א געט דארפסטו מיר צושיקן.

11. די ביטערע אמעריקע נעמט די קויכעס ארויס,
פיל אומגליקלעכע ברענגט זי צו טרערן.
מענער און פרויען איידער מע כאָוועט זיי אויס,
דערנאָך לאָזן זיי זיך ניט הערן.

12. אָט די, וואָס פאָרנ אוועק זאָגנ זיי צו,
אז זיי וועלנ זיכ אפ דער סעמייסטווע אומקוקנ.
עס גייט אוועק א יאָר,
דערמאָנענ זיי זיכ גאָר
די ערשטע בריוו צו שיקנ.

13. אז דו וועסט ערהאלטנ מײַנ בריוו,
אונ ס'וועט דיר געפעלנ מײַנ פלאנ,
אנ ענטפער זאָלסטו מיר שרײַבנ,
איכ וויל, אז דו זאָלסט זאנ
אפ אייביק מײַנ מאנ,
א פאָטער די קינדער זאָלסטו פארבלײַבנ.

14. דיכ גריסט יעדער קינד
אונ ווינטשט דיר גליק אונ געזונט
ווערע, בעטיע, יאשע ווילנ דיכ זיינ,
אונ איכ דײַנ ליבע פרוי,
וואָס ווינטשט דיר גליק אלע שו,
פונ מיר דײַנ פרוי כײַע-סאָרע ווײַנשטיינ.

בערשאד, 1928. וואר. באסטאָמסקי ז. 77, נומ. 5.
דאָס דאָזיקע ליד איז מיסטאמע פארפאסט געוואָרנ
דורכ א גאסנ־זינגער א קופלעטיסט; אפ דעמ זאָגט
איידעס די קופלעטנ־פאָרמ, די מאָראליזירנדיקע טענער,
דער גראָב־זידלערישער עלעמענט אינ די רייד פונ
דער פרוי, וואָס מיר טרעפנ אימ ניט אינ די איבע־
ריקע לידער פונ דעמ מינ.

## 23

(סקודיצקי ז.)

1. אָנגעשפארט מיט אירע עלנבויגנ
זיצט אײַנ פרוי שפעט באנאכט,
טרערנ טוענ גיסנ אויס אירע אויגנ,
נאָר זי זיצט אונ טראכט.

2. מײַנ מאנ איז געפאָרנ גליקנ מאכנ,
מיכ האָט ער געלאָזט אליינ,

נעכײַ וואָלט ער געווענ א געט צושיקנ,
מײַנ הארצ זאָל זיכ אינ מיר ניט צעגײנ.

3. מײַנע קינדערלעכ שטײענ פונדערווײַטנ,
זײ באווײַזנ ניט קײנ פרײַע מינע,
זײ פרעגנ מיכ: „מאמעניו, ווו איז אונדזער פאָטער?"
אז פינצטער אונ ביטער איז מיר...

4. צי זאָל איכ פריִער קוקנ אפ זײ,
צי זאָל איכ קלאָגנ אפ זיכ,
אז אינ הארצנ טוט מיר וויי,
אז פינצטער אונ ביטער איז מיר.

5. מײַנ מאנ איז געפאָרנ גליקנ מאכנ,
מיכ האָט ער געלאָזט אלײנ.
נעכײַ וואָלט ער געווענ א געט צושיקנ,
מײַנ הארצ זאָל זיכ אינ מיר ניט צעגײנ.

6. איכ בינ אויסגעווענ אלע גרויסע מענער
אונ אלע לײַט די קלוגע,
ווענ איכ דערצײל מײַנ פרישעצטווע,[1]
מאכט מענ מיר מעשוגע.

כאזאנאָוויטש איטע, שטוב־ווירטנ, 44 יאָר, קיִעוו, 1926.

## 24

(קופערשמיד ש.)

ידאַרקאַנט

1. אָנגעשפארט אינ עלנבויגנ,
זיצט א פרײַלנ שפעט באנאכט,
אונ טרערעלעכ גיסנ זיכ פונ אירע אויגנ.
זי זיצט, נעבעכ, אלײנ אונ טראכט.

1 אפאָנעמ פונ רוסישנ: «Происшествие».

2. קינדערלעך, קינדערלעך, אייַער טאַטן וועט איר ניט זען,
(סייַדן) צייַטנווייַז אפ פּאַפּיר.
אייַער טאַטע איז אוועקגעפּאָרן גליקן זוכן,
וויי און ווינד איז צו מיר.

3. אייַער טאַטע איז אוועקגעפּאָרן גליקן האַנדלען,
גאָר אין א ווייַט לאַנד.
ער זאָל מיר כאָטש א געט צושיקן,
איך זאָל ניט קומען צו קיין שאַנד.

4. אייַער טאַטע האָט מיך איבערגעלאָזט
איבער פרעמדע הייַזער, אפ א פרעמדער טיר,
אפ דער גאַנצער וועלט אן אגונע פאַרבליבן,
וויי און ווינד איז צו מיר.

5. אוי, אָנגעשפּאַרט אין עלנבויגן,
זיצט א פרייַלן שפּעט באַנאַכט,
טרערן גיסן זיך פון אירע אויגן,
זי זיצט, נעבעך, אַליין און טראַכט.

בעלאָצערקווע, 1927. וואַריאַנט צו נום. 23־24—
רשומות ב, ז. 174, נום. 15. וואַריאַנט צו ערשטער
סטראָפע בא קאַהאַנען II 71, נום. 7. אין א
דריטן וואַריאַנט פונעם זעלבן ליד, וואָס געפינט
זיך אין אונדזער אַרכיוו, און וואָס אונטערשיידט
זיך אין אַלגעמיינעם ניט פון די אויבנגעבראַכ־
טע טעקסטן, קומט צום סאָף פאָלגנדיקע נייַע
סטראָפע:

„אפן באַרג שטייען צוויי טויבן,
איינע צו די אַנדערע טוען זיי ברומען,
מייַן מאַן איז אוועקגעפּאָרן אפ פּאַרנאָסע
און איז צוריק ניט געקומען״.

# III. בעטלער-לידער

## 25

(אוסטערליץ יע.)

1. שלעכט אונ ביטער, ווי דער טויט,
איז דעם אָרעמאַנ זײַנ לעבנ,
צוליב דעם וויסטנ שטיקל ברויט
מוז ער זײַנ ערע אָפּגעבנ.

בעסער איז דאָך אינ קייווער צו זײַנ
אונ גיט צו זענ די ליכטיקע וועלט,
איידער צו זײַנ אַנ אָרעמאַנ
אונ בעטנ בא לײַטנ געלט.

2. ביטער ווי גאַל איז דאָך אָנ געלט,
זײַנ לעבנ איז אים גאָר ניט ליב.
ער גייט דאָך ארום, ווי אפּ א פרעמדער וועלט,
אונ לײַדנ קאָנ אים קיינער ניט.
בעסער איז דאָך אינ קייווער צו זײַנ... אאוו.

3. ער מעג דאָך האָבנ דעם בעסטנ טאַלאַנט
אונ מעג זײַנ אינ דער וועלט געערט,
האָט ער ניט קיינ געלט אינ דער האַנט,
איז ער קיינ פּעניג [1] ניט ווערט.
בעסער איז דאָך אינ קייווער צו זײַנ... אאוו.

פּאָפּריטקינ כײַע-סאָרע, קאָלווירטניצע, 63 יאָר, דאָרפּ אינגוליעצ, קריוואָראָגער ראיאָנ, 1934. די ערשטע סטראָפע פונ דעם דאָזיקנ ליד טרעפנ מיר עטוואָס געענדערט אויך אינ א פאָלקלאָרישנ ארבעטער-ליד — „פאָלקלאָר-לידער" I, ז. 17, נומ. 1. מיסטאמע אהינ פונ בעטלער-ליד געקומענ.

---

1 פּעניג, א קליינע מינצ.

## 26

(גוטיאנסקי ב.)

1. אונ סע קראַצט מיך, אונ סע בײַסט מיך,
אונ סע טראָגט מיך אונטער,
גאַקעט בינ איך, באָרוועס גײ איך,
אונ סע גײט שוינ ווינטער.

בערשאָר, 1926.

## 27

(אוסטערליץ ל.)

1. צײַט איך בינ פונ דער היים אוועק,
א גרויסער אומגליק האָט מיר געשענ,
צו מײַנע אויגנ איז געקומענ אנ עק,
וואָס איך קאָנ גאָר די שײַנ ניט זענ.

צי זאָל איך וויינענ, צי זאָל איך שרײַענ,
ווער קאָנ מיר העלפנ צו מײַנ געשריי,
דאָס איז א גזאָר מינ־האַשאָמאַיִם,
אונ אינ הארצנ איז מיר ווינד אונ ווי.

2. יעדער מענטש האָט זײַנ מעלאָכע,
יעדער מענטש האָט זײַנ פארשטאַנד,
ווי קאָנ איך בעטנ בא גאָט די האצלאָכע,
אז איך דארפ אָנקומענ פונעם מענטשנס האַנט.
צי זאָל איך וויינענ, צי זאָל איך שרײַענ... אא״וו

3. די וועלט זאָגט, אז ס׳איז דאָ א לעוואָנע מיט א זונ,
זי־ טוט באַלײַכטנ די גאַנצע וועלט,
נאָר פאר מיר איז זי זייער פינצטער
אונ ניט פאר מיר איז זי געשטעלט.
צי זאָל איך וויינענ, צי זאָל איך שרײַענ... אא״וו.

מילער ז., אנ אָנגעשטעלטער, 45 יאָר, איבגעלינע,
קריוואָראָגער ראיאָנ, 1934.

(מוטשניק)

1. גיט א געדאַווע אַן אָרעמאַן א בלינדן,
וואָס ער איז בלינד פון זײַן געבוירן.
פארשטויסן בין איך צו זען גאָטס וואונדער,
די וועלט האָב איך שוין לאַנג פארלוירן.

2. בלינד בין איך פון מײַן מוטערס בויך,
פון זינט איך האָב נאָר די וועלט דערשנאַפּט,
און ביטער איז מיר אף דער עלטער אויך,
מיט צאָרעס בין איך אָנגעזאַפּט.

3. אַז איך בין נאָך געווען א קליינ קינד,
עסן האָט מען מיר דערלאַנגט.
האַלעווײַ מײַן דערנערונג זאָל אַזוי זײַן אַצינד,
וואָלט איך גאָט געדאַנקט.

4. בלינד בין איך פון זינט איך בין געבוירן,
פון זינט איך האָב נאָר דערשנאַפּט די וועלט.
וואָס נוצט עס מיר הערן אַף די אויערן,
אַז די אויגן זײַנען מיר פארשטעלט.

5. די וועלט זאָגט, אַז ס'איז דאָ שטערן,
א זון מיט א לעוואָנע,—
וויאַזוי זאָל איך ניט וויינען מיט קיין טרערן,
אַז בא מיר איז דאָס ניט קיין מאַטאָנע.

פארשריבן בא א קינד פון קינדער־הויז, קיעוו, 1930.

# אנטיקלעריקאלע לידער

## 1

(טשערניאק י.)

1. דאָס ווייסט דאָך יעדערער אין דער וועלט,
אז סאָכרימ צומ רעבנ פּאָרט(!),
סאָכרימ צומ רעבנ א פּידיענ גיט(!),
גיט דאָס דעמ רעבנ א ברי,
ער גיט זיך קעגנ זיי א קנייטש
אונ זאָגט זיי צי:
„גיי, גיי, אָנ מוירע
מיטנ רעבנס גליק,
אָנ מאָרעשכוירע
מיט דעמ רעבנס גליק".

2. דאָס ווייסט דאָך יעדערער אין דער וועלט,
אז דער גאנעוו צומ רעבנ פּאָרט,
דער גאנעוו צומ רעבנ א פּידיענ גיט,
גיט דאָס דעמ רעבנ א ברי,
ער גיט זיך קעגנ אימ א קנייטש
אונ זאָגט אימ צי:
„גיי, גיי אָנ מוירע
מיט דעמ רעבנס נעס,
אָנ מאָרעשכוירע
מיט דעמ רעבנס נעס".

פריידינע מ., בייטערנ, 50 יאָר, כאָטימסק, 1927.

## 2

1\. אוי, דער רעבע זיצט
און איז זייער פארשוויצט,
און די צורע איז אים מעשינע,
די כסידים זינגען
און טאנצן און שפרינגען
מיט איינ פרייליעכע מינע.
|: אוי, עס כאפט אָן א מוירע,
אז דער רעבע זאָגט די טוירע
און די צורע איז אים מעשינע. :|

2\. אוי, איר וועט האָרכן נײַעס,
וואָס די אפיקאָרסים ברענגען ראיעס
און זאָגן, אז דער רעבע איז א באטריגער,
און דער, וואָס רעדט
און וואָס שפעט,
דער איז הײַנט א קליגער.
|: אָבער אז מאָשיעכ וועט קימען,
וועלן מיר האָבן איינ סימען,
צי האָבן רעכט די קריגער. :|

3\. אוי, אז דער רעבע זעט די מיידעליעכ,
מיט די שיינע קליידעליעכ,
טוט זיכ אים דער יעיצער-האָרע גליִען.
צו די שיינע בריסטן
טוט דער רעבע גליסטן, —
כאָטש א גלעט צו טיִען.
|: טוט ער זיכ א באָרע
מיט דעם יעיצער־האָרע
און וויל עס פאָרט ניט טיִען. :|

4\. אוי, אז דער רעבע זעט די ווײַבעליעכ
מיט די שיינע הײַבעליעכ,
גייט זיכ אים די נעשאָמע אויס.
די בעקעליעכ שפילן,
דאָס טוט דער רעבע גאנץ גוט פילן,
ער שפרינגט אזש פון דער הויט ארויס.

|: טוט ער זיך א באָרע
מיט דעם יעיצער־האָרע
און זאָגט — „וואָס מאכט דאָס אויס”.:|

דאָס דאָזיקע ליד און אויך דאָס ליד נומ. 15 ז. 159, נומ. 59, ז. 198. נעמען מיר פון א האנטשריפטלעכער לידער־זאמלונג (אנטהאלט יידישע און רוסישע פאָלקלאָרישע און ליטעראַרישע לידער, טעאטער־קופּלעטן אאוו.), וואָס געפינט זיך אין ארכיוו פון אונדזער סעקציע אונטערן נומ. 214. גענויער וועגן דער דאָזיקער זאמלונג זע ווייטער, אין „אָנמערקונגען און צוגאָבן”, ז. 340־344.

## 3

(סקודיצקי ז.)

1. דער רעבע פאָרט, דער רעבע פאָרט,
דער רעבע איז שוין געקומען —
טרינקט זשע בראָנפן מיט איין קוואָרט,
עס איז א גוטער סימען!

2. לויפט זשע ווייבעלעך, לויפט,
גוטע קינדערלעך קויפט!
געלט און קאָוועד, ווי מיסט,
גיט ער האלב אומזיסט.

3. אז דער רעבע שפארט זיך איין,
אבי מיט גרויס קאוואָנע,
מעג אפילע כמורנע זיין
מוז שוין זיין די לעוואָנע.

4. אז ניט היינט איז מאָרגן,
איר זאָלט זיך גאָרניט זאָרגן;
איר מעגט דעם רעבן גלייבן,
אז ער וועט א לעוואָנע געבן.

5. ניט צו גלייבן איז זייער מיס,
דאָס האָב איך אליין געזען —
ס'איז געקומען א קרומער אף ביידע פיס,
האָט אים דער רעבע געהייסן גיין.

6. וואַרף אוועק די קילעס
און לויף געשווינד, איך וויל עס!
דער קרומער האָט דעם רעבן געהערט
און האָט זיך איבערגעקערט.

האָפּער ד. וואַלד־אָנגעשטעלטער, קיִעוו, 1928. דער זינגער האָט געהערט דאָס ליד אין 1894 פון זײַן פרײַנט ב. ראַצולסקי. ווי יענער האָט אים איבערגעגעבן האָט דאָס דאָזיקע ליד אָנגעשריבן א. ב. גאָטלאָבער אין ראָוונע עטלעכע טעג פאַר דעם ווי אין שטאָט איז געקומען אַ כסידעשער רעבע.
זע ווײַטער, אין די „באַמערקונגען און צוגאָבן", ז. 347.

# 4

1. איין גרויסע מיצווע איז פונעם רעבן צו שמועסן,
אַ גרויסע זאַך,
זײַנע מאָפּסים, אַז איר ווילט וויסן,
הערט מיך אויס איך קאָן אַ סאַך.
אַן אוישער אָן קינדער האָט ניט געוואָלט אָפּטרעטן,
דער רעבע זאָל אים אַ קאַדעש מאַפּטיִעך זײַן,
און אויך אַ רעפּוע האָט געבעטן
איין געפערלעכער כוילע אַן אָרעמאַן.
הערט נאָר אויס, וואָס איז געשען,
דאָס האָב איך אַליין געזען:
ווי דער אוישער האָט געהאַט אַ רעפּוע אַ ווײַלע,
אַ קאַדעש האָט געלאָזט דער אָרעמער כוילע.

אוי, ווײַ, עס איז אַ מויפּעס
טאַקע פון דעם רעבן אַליין.
דעם רעבנ'ס ווויל, דעם רעבנ'ס גוט,
דעם רעבנ'ס נעס איז דאָס געווען,
דעם רעבנ'ס ווויל, דעם רעבנ'ס גוט,
דעם רעבנ'ס נעס איז דאָס געווען.

2. דעם צווייטן מויפּעס, הערט מיך אויס,
דאָס האָב איך אַליין געזען,
דאָס ווייסט, אוי, יעדער פון גרויס ביז קליין,
דאָס קאָן נאָר אַ רעבע אַליין.

א גאַנץ פֿרום שטעטל האָט דעם רעבן געהערט,
זײַנע באַקאָשעס (?) געקומען צו זען.
זיי האָבן פֿון אים אײַנפּרוטע באַגערט,
און ער האָט זיי מאַפּטיעך געווען.
הערט נאָר אויס, וואָס עס איז געשען,
דאָס האָב איך אַלײן געזען:
ווי דאָס שטעטל איז געבליבן אין רעבנס האַפּטאָכע,
אין דעם רעבנס בײַטל איז אַרײַן די בראָכע.
אוי, ווײ, עס איז א מויפעס... אַאוו.

3. דעם דריטן מויפעס, הערט נאָר, קינדער,
דאָס האָב איך אַלײן געזען,
אַזעלכע גרויסע הייליקע ווונדער,
דאָס קאָן נאָר א רעבע אַלײן.
עס איז געקומען צום רעבן אַן אַקאָרע מיט א באַקאָשע, זי וויל א קינד,
און אויך א בסולע איז געווען אָפּביידע אויגן בלינד.
עס איז ניט אַוועקגעגאַנגען קײן יאָר אַפֿילע,
הערט נאָר אויס דעם רעבנס פּילע:
די אַקאָרע איז אַהיים א זעענדיקע געפֿאָרן,
די מויד איז געוואָרן א קינפּעטאָרן.
אוי, ווײ, עס איז א מויפעס... אַאוו.

דאָס דאָזיקע ליד גענומען מיר פֿון א האַנטשריפֿטלעכער לידער־זאַמלונג (אַנטהאַלט ייִדישע פֿאָלקלאָרישע ליטע־רישע לידער, טעאַטער־קופּלעטן), וואָס געפֿינט זיך אין אַרכיוו פֿון אונדזער סעקציע אונטערן נומער 213. גע־נויער וועגן דער דאָזיקער זאַמלונג זע ווײַטער, אין „באַמערקונגען און צוגאָבן“, ז. 346־347.

## 5

וואַריאַנט

(גוטיאַנסקי ב.)

1. צום רעבן איז דאָך אויך אַן אַקאָרע געקומען
מיט א באַקאָשע, זי וויל א קינד.
אויך א בסולע, אוי, אײַן צאָרע,
אָפּ ביידע אויגן בלינד.

דעם רעבנס מויפעס איז דאָס געווען,
די אקאָרע איז זעענדיק אהיים געפאָרן,
די בסולע איז געבליבן א קימפעטאָרן.
אוי, וויי, איז דאָס א מויפעס,
טאקע, טאקע פונעם רעבן אליין,
דעם רעבן איז גוט, און דעם רעבן איז וויל,
דעם רעבנס מויפעס איז דאָס געווען.

2. צום רעבן איז דאָך אויך א מעשוגענער געקומען
מיט א באקאָשע, ער וויל קלאָר ווערן;
דער רעבע האָט אים געהייסן בא זיך אָפּזיצן א יאָר,
קעדיי ער זאָל ווערן קלאָר.
וויאזוי ער איז אָפּגעזעסן באַם רעבן א יאָר,
אזוי איז ער ניט געוואָרן קיינמאָל קלאָר.
אוי, וויי, איז דאָס א מויפעס... אאוו.

3. צום רעבן איז דאָך אויך א קרומער געקומען
מיט א באקאָשע, ער וויל גלײַך ווערן.
דער רעבע האָט אים געהייסן א פּאָר קוליעס אָנטאָן,
קעדיי ער זאָל זיך ניט איבערקערן.
וויאזוי ער האָט דעם רעבן צוגעהערט,
אזוי האָט ער זיך אַף די קריזשעס איבערגעקערט.

אוי, וויי, איז דאָס א מויפעס,
טאקע, פונעם רעבן אליין.
דעם רעבן טאקע,
דעם רעבן א מאקע,
דעם רעבנס מויפעס איז דאָס געווען.

גוטיאנסקאיא העניע, 54 יאָר, דאָרף קראסנאסיאָלקע, טולטשינער קרײַז, 1926. דער קלוימערשט „פרומלעכער" אָנשטעל אינעם רעפרען, ווערט ארונטערגעריסן אינעם לעצטן קופּלעט דורך די פערזן „דעם רעבן טאקע, דעם רעבן א מאקע". זע ווײַטער, אין די „באמער־קונגען און צוגאָבן" ז. 347.

## 6

(קופערשמיד ש.)

1. אוי, דו ווײַבל, דו שיינע, דו פײַנע,
וואָס זײַנען דיר פאַרווײנט די אויגן דײַנע?
וויאַזוי זאָל איך ניט וויינען אין דר'ערד ניט אַרײַן,
אַז איך האָב אַ כאָסיד אַ פּליאַסק פאַר אַ מאַן.

2. אַפ אַלע יאָנטויווים מוז ער צום רעבן פאָרן,
ער האָט מיר פאַרוויסט די טעג מיט די יאָרן,
וואָס כאַפּט ער באַם רעבן אַ לאָקש און ניט מײַן,
כאַפּט אים אַ שוואַרציאָר, אַ לאָקש איז ער אַליין.

3. איך האָב אים דערקאָנט אין אַלע סימאָנים,
אַ האָרב אַפ די פּלייצעס, אַ פּלעק אַפן פּאָנעם,
אַ קאָפּ ווי אַ טריניזשקע, אַ באָרד ווי אַ באַרשט,
פּייעס ווי ווישקעס, ווי די ערד איז ער שוואַרץ.
און אַפן קאָפּ האָט ער נאָך דאָס,
און אַ סטראָמפּ רינט אים פון דער נאָז.

4. ער האָט מיך איבערגעלאָזט מיט זעקס קינדער,
איך מיט די קינדער שטאַרבן פון הונגער,
איך מיט די קינדער, אוי, וויי, איז דער שמאַרץ,
און דאָס זעקסטע פיל איך אונטערן האַרץ.

גאָראָדינסקי, טאַראַשטשע, 1926. דאָס ליד איז אַ פאָלקלאָר־וואַריאַציע פון א. גאָלדפאַדנס ליד „די כסידע“. זע „די יודענע, פאַרשיידענע געדיכטע און טהעאַטער אין פּראָסט יודעשען פון אברהם גאָלדפאַדען“ אָדעס, 1872, ז. 30. אין אונדזער אַרכיוו געפינען זיך נאָך עטלעכע פאָלקלאָר־וואַריאַציעס פונעם זעלבן ליד.

## 7

(קופערשמיד ש.)

1. אַ קאַלטע מיקווע וועל איך זיך מאַכן
|: ווינטער אין די גרעסטע קעלטן, :|
פאַר דעם רעבעניו, פאַר זײַנע כסידעמלעך,
|: וועל איך קערעווען וועלטן. :|

אוי, ווײ, רעבעניו, איך שטיי און ציטער,
|: אין הארץ איז א העליש פײַער, :|
איך וועל זײַן א כאָסידל א גיטער,
|: א כאָסידל א געטרײַער. :|

2. א ווארעמע שאל וועל איך זיך קויפן
|: זומער איז די גרעסטע היצן, :|
|: א זײַדענעם גארטל וועל איך מיר קויפן, :|
א היטל מיט זיבעצן שפיצן.

אוי, ווײ, רעבעניו, איך שטיי און ציטער,
|: אין הארץ איז א העליש פײַער: :|
איך וועל זײַן א כאָסידל א גיטער,
|: א כאָסידל א געטרײַער. :|

3. דעם רעבן וועל איך לייגן אין פאָדערשטן אלקער
|: צוזאמען מיט דער קעכנע טרײַנע, :|
און אלע כסידעמלעך וועלן האָבן צום רעבעניו
|: גאָר א גרויסע טײַנע. :|

אוי, ווײ, רעבעניו, איך שטיי און ציטער,
|: אין הארץ איז א העליש פײַער, :|
איך וועל זײַן א כאָסידל א גיטער,
|: א כאָסידל א געטרײַער. :|

קרוגליאק אָ., בעלאָצערקווע, 1928. זע ווײַטער, אין די „באמערקונגען און צוגאָבן“, ז. 348.

## 8

(גוטיאנסקי ב.)

I. На дворі стоячи,
Стоїть хусид і плаче.
Дівка хусіда і спросила:
„Чого-ж ти, хусід, плачеш?“
„Ой, я плачу, плачу,
Бо я до хати хочу“.
Дівка хусіда полюбила
Тай до хати упустила, —
„Цить, хусід, цить“.

2. На дверях стоячи,
Стоіть хусід і плаче.
Дівка хусида і спросила:
„Чого-ж ти, хусід, плачеш?"
„Ой, я плачу, плачу,
Бо я істи хочу"
Дівка хусіда полюбила
Тай за стіл посадила:[1]
„Цить, хусід, цить."

3. За столом сидячи,
Сидить хусид і плаче.
Дівка хусіда і спросила:
„Чого-ж ти, хусід, плачеш?"
„Ой, я плачу, плачу,
Бо я спати хочу."
Дівка хусіда полюбила
Тай у ліжко положила:[2]
„Цить, хусид, цить".

У ліжку лижачи,
Лежить хусід і плаче.
Дівка хусіда і спросила:
„Чого-ж ти, хусід, плачеш?"
„Ой, я плачу, плачу,
Бо я тебе хочу".

4. Дівка на хусіда розсердилась
Та из хати вигонила:
„Вон, хусід, вон".[3]

גוטיאנסקע 54 יאָר, דאָרף קראסנאָסיאָלקע, טולטשינער קרײַז, 1926. דאָס זעלבע ליד האָט דער שרײַבער אי. קיפּניס געהערט אין די קינדער־יאָרן אין סלאָ־וועשנע און ר. לערנער — אין יאַנאָוו. זע ווײַטער, אין די „באמערקונגען און צוגאָבן", ז. 348.

---

1 און אן אנדער װאַריאַנט „Тай вареники йому зварила".

2 אין אן אנדער װאַריאַנט „Тай на піч положила".

3 ייִדישע איבערזעצונג: 1) אין הויף שטייענדיק, שטייט דער כאָסיד און וויינט. דאָס מיידל האָט דעם כאָסיד א פרעג געטאָן: „וואָס וויינסטו, כאָסיד"? „אוי, איך וויין, איך וויין, ווײַל איך וויל אין שטוב ארײַן". דאָס מיידל האָט דעם כאָסיד ליב געקריגן און האָט אים אין שטוב ארײַנגעלאָזן, — „שווײַג, כאָסיד, שווײַג".

2) אפ דער טיר שטייענדיק, שטייט דער כאָסיד און וויינט. דאָס מיידל האָט דעם כאָסיד א פרעג געטאָן: „וואָס זשע וויינסטו, כאָסיד?" „אוי, איך וויין, איך וויין,

## 9

(סקודיצקי ז.)

Ой, хусід, хусід був,
Пішов... тай заснув.
Прийшов кабан тай торкае,
Встань, хусід, бо смеркае.
Пішов, хусід, до пана,
Позивати кабана.
— Ой, пан,
Твій кабан
Такий ласий,
Як ти сам". [1]

שיינקאר ב. 62 יאָר, 1934. די זינגערנ האָט געהערט דאָס דאָזיקע ליד זינגענ אינ דאָרפ שטשערבאקי, קיִעווער געגנט. זינגענ פלעגנ עס סײַ ייִדנ, סײַ די אוקראַיִנישע פויערימ פונעמ דאָרפ. אינעמ דאָזיקנ ליד ווערט כויזעק געמאכט אי פונעמ כאָסיד, אי פונעמ פּאָרעצ, דאָס ליד איז אנ אנטלײַונג פונעמ אוקראַיִנישנ פאָלקלאָר. זע ווײַטער, אינ די „באמערקונגענ אונ צוגאָבנ, ז. 383, נומ. 18.

## 10

(געלבמאנ א.)

**גדזיע טענ כאָסיד, צאָ מניע כציאל,**
**צאָ מניע כוסטקע אָביעצאָוואל?**
**כאָסיד סטאָי זא ליאסעמ**

---

ווײַל איכ וויל עסנ". דאָס מיידל האָט דעמ כאָסיד ליב געקריגנ: אונ האָט אימ צומ טיש אוועקגעזעצט — „שווײַג, כאָסיד, שווײַג".

3. באמ טיש זיצנדיק, זיצט דער כאָסיד אונ וויינט. דאָס מיידל האָט באמ כאָסיד א פרעג געטאָנ: „וואָס זשע וויינסטו, כאָסיד?" „אוי, איכ וויינ, איכ וויינ, ווײַל איכ וויל שלאָפנ". דאָס מיידל האָט דעמ כאָסיד ליב געקריגנ אונ האָט אימ אינ בעט אַרײַנגעלייגט — „שווײַג, כאָסיד, שווײַג".

4. אינ בעט ליגנדיק, ליגט דער כאָסיד אונ וויינט. דאָס מיידל האָט דעמ כאָסיד א פרעג געטאָנ: „וואָס זשע וויינסטו, כאָסיד?" „אוי, איכ וויינ, איכ וויינ, ווײַל איכ דיכ פארלאנג". דאָס מיידל איז אפנ כאָסיד אינ קאַס געוואָרנ אונ האָט אימ פונ שטוב ארויסגעטריבנ: „וואָנ, כאָסיד, וואָנ".

1 ייִדישע איבערזעצונג: „געווענ אמאָל א כאָסיד, האָט ער זיכ אוועקגעזעצט... אונ איז אנשלאָפנ געוואָרנ. איז געקומענ א כאזער אונ אימ גענומענ טאָרענ: „שטיי אופ, כאָסיד, ווײַל ס'ווערט שוינ פינצטער". איז דער כאָסיד אוועקגעגאנגענ צומ פּאָרעצ זיכ קלאָגנ אפנ כאזער: „אוי, פּאָרעצ, דײַנ כאזער איז אזא נאשער, ווי דו אליינ".

אי טשימא כוסטקענ זא פאסעמ.
אוי, אוי, צאָ טאָ יעסט?
טשי טאָ כאָסיד, טשי טאָ פיעס?״ [1]

ווארי̤אנט דערפונ (אָבער ניט קיינ אנטיכסידישער) בא קאהאנ ‖ ז. 16 נומ. 9. שטאַמט מיסטאמע פונ א פויליש פאָלקלאָר־ליד.

## 11

(סקודיצקי ז.)

1. דער רעבע מיט די כאסידימ
‖: זײַנענ אפ דער יאבאָשע געווענ, :‖
אוי, וויי, דער רעבע!
אונ האָבנ אפ דער יאבאָשע א פיש דערזענ, —
אוי, וויי, דער רעבע!

2. דער רעבע האָט דעמ פיש
‖: גאנצ גוט באטראכט, :‖
אוי, וויי, דער רעבע!
אונ האָט דעמ פיש אהיימ דער רעבעצנ געבראכט, —
אוי, וויי, דער רעבע.

3. די רעבעצנ האָט דעמ פיש
‖: גאנצ גוט באקוקט, :‖
אוי, וויי, דער רעבע!
אונ האָט דעמ פיש אינ טשאָלנט ארײַנגערוקט, —
אוי, וויי, דער רעבע!

4. אונ אז מע האָט דעמ פיש
‖: צומ טיש גענומענ, :‖
אוי, וויי, דער רעבע!
איז יעדנ כאָסיד א קאָפּ אָנגעקומענ, —
אוי, וויי, דער רעבע!

1 יי̤דישע אי̤בערזעצונג: „ווו איז דער כאָסיד, וואָס האָט מיכ געוואָלט, וואָס האָכ מיר א טיכל צוגעזאָגט? דער כאָסיד שטייט הינטערנ וואלד אונ האלט דאָס טיכל הינטערנ פאס. אוי, אוי, וואָס איז דאָס? צי איז עס א כאָסיד, צי א הונט?״

5. עפשער ווילט איר וויסן,
‖: ווו די מײַסע איז געשען? :‖
אוי, וויי, דער רעבע
איז די מײַסע גאָר קיין מײַסע ניט געווען.
אוי, וויי, דער רעבע!

קאָסטינסקי ע., אָנגעשטעלטער, זשיטאָמיר, 1923.

## 12

(געלבמאן א.)

1. באם רעבן, זאָל לעבן און געזונט זײַן,
איז געווען פארעכנט פאר א מיצווע:
פרײַטיק באטאָג, אז ער איז געקומען פון מיקווע אין שטוב ארײַן,
האָט ער געטרונקען בראָנפן אָן א קיצווע,
און פארביסן אויבעט א שטיק פיש מיט א בולקע,
רעב טרײַטל דער מעשאמעס האָט פארייכערט די ליולקע.
‖: טראם-דאם, טראם־דאם, טאדי-די-דאם־דאם
טראם-דאם, טאם-דאם, טאם־דאם, טאם־דאם. :‖

2. איינמאָל האָט זיך א סיבע געמאכט:
קיין פיש איז אין שטאָט ניט געווען,
און די מאלאָכים האָבן אויך ניט געבראכט,
איז געוואָרן א יאָמער און א געוויין.
ווו זשע וועט מען נעמען אפ שאבעס פיש,
און וואָס וועט מען דערלאנגען דעם רעבן צום טיש?
‖: טראם-דאם, טאם־דאם, טאדי-די־דאם־דאם.
טראם־דאם, טאם-דאם, טאם־דאם, דאם-דאם. :‖

3. די כסידימלעך זײַנען ארומגעלאָפן אזוי ווי מעשוגע,
טרערן איז גערונען פון יעדער אויג.
די רעבעצן, די צאדייקעס, די כאכאָמע און די קלוגע,
האָט ניט אופגעהערט צו קוויטשן ווי א צויג.
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .
‖: טראם־דאם, טראם־דאם, טאדי־די-דאם-דאם,
טראם-דאם, טאם־דאם, טאם-דאם, דאם־דאם. :‖

4. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

**און מע ווייסט ניט פונוואנענ**
**און מע ווייסט ניט פונ וואָס**
**איז געוואָרנ פיש פולע פאנענ.**
**|: טראמ־דאמ, טראמ־דאמ, טאדי-די־דאמ־דאמ,**
**טראמ-דאמ, טאמ־דאמ, טאמ־דאמ, טאמ-דאמ. :|**

5. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

**דער רעבע האָט געהייסנ די כסידימלעכ זינגענ און טאנצנ,**
**און ער זאָל לעבנ האָט אופגעפרעסנ די פיש אינגאנצנ.**
**|: טראמ־דאמ, טראמ־דאמ, טאדי-די־דאמ־דאמ,**
**טראמ-דאמ, טאמ-דאמ, טאמ-דאמ, טאמ־דאמ. :|**

כאווער א. געלבמאנ האָט געהערט דאָס דאָזיקע ליד אינ זײַנע קינדער־יאָרנ, אנ ערעכ 1905—6 אינ פוילנ. צום באדויערנ האָט כ׳ געלבמאנ ניט אלע פערזנ פונעמ דאָזיקנ אינטערעסאנטנ אנטיכסידישנ ליד פאר־געדענקט. דעמ אינהאלט פונ די דורכגעלאָזטע פערזנ גיט כ׳ געלבמאנ איבער אזוי: „אז דער רעבע איז געקומענ פונ דער מיקווע, האָט מענ אימ דערציילט וועגנ אומגליק. האָט ער געזאָגט א שפרוכ און ס׳איז געוואָרנ קאָלערליי פיש. די כסידימ האָט ער דערציילט א סאָד, אז די פיש שטאמענ פונ לעוויאָסנ, און אז פאָשעטע לײַט טאָרנ זיי ניט עסנ און „ער זאָל לעבנ, האָט אופגעפרעסנ די פיש אינגאנצנ".

## 13

**דער רעבע איז געגאנגענ טאנצנ,**
**האָט ער פארלאָרנ אינגאנצנ,**
**האָבנ די כסידימ געפונענ,**
**האָט ער געגעבנ א סימענ**
**און האָט עס אָפגענומענ.**

(פונ אנסקיס ארכיוו). קרעמענעצ, 1912, אופגענומענ פונ קינדער.

## 14

(סקודיצקי ז.)

1. שאָנעראַבע באַ א יוסטיקן באַלעבאָס
איז געבאָרן געוואָרן א ציג אָן א האָרן און אָן א נאָז.

2. אז די ציג איז עלטער געוואָרן,
האָט זי אָנגעהויבן אין דער ווייַבערשער שול געווירע צו ווערן.

3. און אז ס'איז געקומען צו קינעס זאָגן,
האָט עס די ציג אין דער ווייַבערשער שול געבראַכט צו טראָגן,
האָבן אָנגעהויבן די ווייַבער צו וויינען און צו קלאָגן.

4. האָט די ציג אָנגעהויבן צו מעקען: מע-מע-מע־כאיל!
זייַנען ארויס אלע באַלעבאַטים פון דער שיל.

5. און די ווייַבער האָבן זיך דערשראָקן,
האָבן זיי אָנגעו... פולע זאָקן.

6. האָבן די באַלעבאַטים פון דער שול געזאָגט, מע זאָל די ציג
אָפּלאָזן,

און דער יונגער ראָוו האָט געזאָגט,
אז מע זאָל צונויפנעמען אלע מיידלעך
און אלע ווייַבלעך פון דער גאַנצער שטאָט
און מע זאָל דער ציג הייסע מילך בלאָזן.

קריוואָרוצקי ג. לערער, קיִעוו, 1935. וואר. צייַט־
שריפט II–III, ז. 810.

## 15

(גוטיאנסקי ב.)

1. אז עס קומט דער ערעוו מיישעך [1]
בא יידן הייסט עס פּייסעך, —
ווער עס האָט הונדערט גילדן,
דער איז פול אין אלע מילן.

1 מעשעך — אזוי האָט מען גערופן אמאָל אין די שטעטלעך דעם פּעריאָד' צייַט, ווען מע פלעגט זיך קלייַבן פון איין דירע אין דער אנדערער. געוויינלעך פלעג עס פאָרקומען פאר די רעליגיעזע יאָנטויווים פייסעך און ראָשעשאָנע.

2. ווער עס האָט ניט קיין פאַרשטאַנד,
דער פאַרזעצט דאָס בעטגעוואַנט,
ווער עס קאָן קלעצער האַקן,
דער קאָן מאַצע באַקן.

3. מע שטעלט אַ טיש מיט לאַנגע ברעטער,
מע דינגט אַ רעדלער מיט אַ קנעטער,
און מע קאַטשעט און מע קלאַפּט,
מע האָט דאָס זעקל מעל דערטאַפּט.

4. מ'אַפּיקוימען צעבראָכן אַף צווייען,
מע האָט אים געבאַהאַלטן, אַז מאַלקע זאָל ניט זעען,
מע זאָל איר ניט זאָגן בעשומויפן,
ביז מע וועט איר אַ מאַטאָנע קויפן.

5. מע האָט איר צוגעזאָגט פון אַלע זאַכן,
אַף פּופּצנטן יאָר טאַכריכים מאַכן,
און ער זיצט אינדערמיטן
אויסגעפּוצט ווי אַ מעכוטן.

6. און דאָס איז אויך ניט ווייט,
און די געמאָרע באַ דער זייט.
. . . . . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . . . . .

טריינקע פריידע, 8 יאָר אַלט, בערשאַד, 1926.

## 16

(סקודיצקי ז.)

פראַגמענט

אַז דו וועסט גיין אין גאַס,
און וועסט באַגעגענען אַ יידעלע, אַ יידעלע,
אַ יידעלע אַ שטילן און אַ פרומען, אוי, אוי, אוי,
מיט אַ רויטלעכער נאַ־אָ־אָ־ז,
מיט אַ בוי—אַ בויך אַ פולן,
מיט די צוויי פייעס, וואָס שלעפּן זיך אים אַף דער ערד, אוי, אוי,
אוי,

מיט די באנקעס, וואָס ער שטעלט זיכ פרײַטיק אינ באַ־אָ־אֶ־אָ־ד,
היט זיכ פונ אימ,
היט זיכ פונ אימ,
ער איז א ייִד א מאָסער.

יעאָלאָוויטש, אָנגעשטעלטער, נײַ־קאָוונע, סטאלינדאָרפער ראיאָנ, 1936. די איבעריקע טײלנ פונ דער ליד האָט דער זינגער פארגעסנ.

## 17

פראגמענט

. . . . . . . . . . . . . . . .

לויפט ארײַנ דער אזעספּאָנעמ
אונ גיט דעמ ראָוו א פאטש אינ פּאָנעמ.
אוי וויי, וואָס איז דאָס,
באמ ראָוו גייט בלוט פונ דער נאָז.

די דאָזיקע לעצטע פיר שורעס פונ א גרעסער ליד האָבנ מיר געפונענ אפ א קלײנ שטיקל פאפיר צווישנ די מאטעריאלנ פונ דער היסט. עטנ. געזעלשאפט. דער אָנהייב פונעמ ליד איז אָפגעריסנ. אפנ אויבערשטנ ראנד פאפיר זעענ זיכ דײַטלעכ אָנ שטיקלעכ אויסיעס פונ פּאָריקנ פּערז.

# ליבע-לידער


I. לידער וועגן צעשיידונג—נ.ג. 1—15

II. געשפרעכן מיט א מוטער—נ.ג. 16—22

III. געמישט-שפראכיקע שפאס-לידער—נ.ג. 23—30

IV. טײַנעס און קלאָגן—נ.ג. 31—60

V. פאסירונגען און געשעענישן—נ.ג. 61—81

VI. סענטימענטאלע ראָמאנסן—נ.ג. 82—88

# I. לידער וועגן צעשיידונג

## 1

(גוטיאנסקי ב.)

1. איך טראווער נאָר און קלאָג,
אונ ברעך די הענט און וויין
א גאנצע נאכט ביז טאָג,
ווי' צו מיר אליין.

2. ווו איז ערגעץ מײַן פרײַנט, מײַן געטרײַער,
וואָס איך זע אים שוין ניט מער?
אין מײַן הארצן ברענט א פײַער,
און דאָס לעבן איז מיר שווער.

3. זיסע פייגעלעך, טוט זיך צעפליִען,
טוט זיך פון די נעסטן צעפליִען
און טוט מיר מײַן מאזל זוכן,
פילײַכט וועט איר אים קענען געפינען.

פארשריבן אין בערדיטשעוו בא א לערערן פאניע קלוג־
מאן, 24 יאָר אלט, געבוירן אין דוגאיעווצע, פאָד. גוב.
דאָרטן געהערט דאָס ליד פון איר מאמען, 1926.

## 2

(קופערשמיד ש.)

1. דו פאָרסט אוועק אין א פרעמד לאנד,
מיט קיין פרעמדע מענטשן ביסטו ניט באקאנט,
נאָר פאָרן פאָרסטו ניט ווילנדיק,
פארברענגען זאָלסטו דאָרט ניט אומעטיק.

2. דו פֿאָרסט אוועק, דו געזעגנסט זיך מיט מיר,
טײַכן טרערן גיס איך אָן א שיר,
טײַכן טרערן גיס איך אָן אן עק,
מײַן בעסטער פרײַנט פֿאָרט פֿון מיר אוועק.

3. איך וועל דיך קיינמאָל ניט פֿארגעסן,
סײַ באַם טרינקען, סײַ באַם עסן,
דײַן שיינעם פּנים מיט דײַן איידלקײַט
וועל איך געדענקען א לאַנגע צײַט.

סטאָראָמינסקי ר., בעלאָצערקווע, 1928. וואר. ג.מ. ז. 117,
נומ. 148.

## 3

1. גראָ און אַלט בין איך געוואָרן
גאָר אָן א צײַט —
איך האָב געמיינט, אז איך וועל כאסענע האָבן,
וועל איך זײַן ווי אַלע לײַט.

2. ווען א מענטש קומט מיר זאָגן,
אז מײַן געליבטער איז דאָ,
דאן וואָלט איך יענעם צוגעוווּנטשן,
אין א מאזלדיקער שאָ.

3. ווען א מענטש קומט מיר זאָגן,
אז מײַן געליבטער גייט,
דאן וואָלט איך אין אַלע גאסן
מיט ראָזע בלומען אויסגעשפּרייט.

(מאטעריאַלן פֿון דער היסט. עטנ. געז.) וואר. ג.מ.
ז. 165, נומ. 204.

(רײַ כ ש ט יי ב כ.)

1. זײַ וויסן, אז איך וואַרט אױף דיר,
וואָס זשע האָסטו געוואָלט פֿון מיר,
וואָס זשע האָסטו געוואָלט פֿון מיר האָבן,
א יונגע צו באַגראָבן?

2. וואָס האָסטו מיר פריִער ניט געזאָגט,
אַז דו דאַרפסט צום זשערעב שטיין?
אוי, גוואַלד די זינד,
וואָס וועל איך טאָן מיט מײַן פּיצעלע קינד?

רײַכשטיין פייגע, בערדיטשעוו, אַן אַרבעטערן פֿון פּאַ־
פּיראָסן־פֿאַבריק, 1926.

## 5

(גוטיאַנסקי ב.)

1. די לעוואָנע שײַנט אַרום האַלב נאַכט,
ראָכעלע זיצט און טראַכט,
פֿאַרלייגט די הענטעלעך אויף דער טיר,
„אַז אָך און ווי איז צו מיר“.

2. גייט אַרײַן דער פֿאָטער אירער:
— „האָדי שוין וויינען און קלאָגן.
דער טויט קלײַבט ניט איבער קיין שענסט און בעסט,
צו „טאַנצן“ וועט יעדערער גיין“.

3. — „אַז איך לייג זיך שלאָפֿן(!),
זע איך זײַן גאָלדענעם קאָפּ האָר,
ריבוינעשעלוילעם, איידער אַזאַ לעבן,
בעסער ניט לעבן גאָר“.

יעפּעסט ראָכל, שילערין, קיִעוו, 1928. וואַריאַנט—באַס־
טאָמסקי, ז. 127, נומ. 7.

## 6

1. די דאָזיקע נאַכט, וואָס מיר האָבן ביידע פֿאַרבראַכט,
ביז צוועלעף אַזייגער נאָך דער האַלבער נאַכט.
מיר זײַנען ביידע אַזוי לאַנג געזעסן,
ביז מיר האָבן אין גאָט פֿאַרגעסן.

2. העלפֿ מיר, גאָטעניו, אפֿ דעם וואסערל,
העלפֿ מיר, גאָטעניו, דו אַליין,
אינ ווײַטע לענדער בינ איכ פארפֿלויגנ,
עלנט בינ איכ, ווי א שטיינ.

3. דײַנע אייגעלעכ זײַנענ טינטערלעכ,
אונ דײַנע בעקעלעכ איז בעסט פאפּיר,
דײַנע הענטעלעכ זײַנענ פעדערלעכ,
שרײַבנ זאָלסטו אָפטע בריוו צו מיר.

(פֿונעם אנסקי־ארכיוו). באראש איסאק, זשיטאָמיר. וואַ־
ריִאציע פֿונ אייניקע מאָטיוונ בא קיפּניס I, ז. 31.
וואריִאציע פֿונ סטראָפעס 2—3 בא קאהאנ III, נומ. 1.

## 7

(ר ײַ כ ש ט י י נ כ.)

1. וואָס האָסטו מיר אָפּגעטאָנ, מײַנ טײַער זיס לעבנ,
וואָס מײַנ הארצנ ציט אזוי נאָכ דיר?
איכ האָב דיר גאָרנישט אָפּגעטאָנ אונ וועל דיר ניט אָפּטאָנ,
דו האָסט זיכ פּאָשעט אײַנגעליבט אינ מיר.

2. צוויי זאדאטשעס וועל איכ דיר פארגעבנ,
אונ די זאדאטשעס מאכנ זאָלסטו מיר,
אז דו וועסט מיר איבערציילנ די טראָפּנ פונעם יאם,
דענצמאָל קאָנסטו זײַנ א פּאָר צו מיר.

3. די צווייטע זאדאטשע וועל איכ דיר פארגעבנ,
אונ די זאדאטשע מאכנ זאָלסטו מיר,
אז דו זאָלסט איבערציילנ די שטערנ פונעם הימל,
דענצמאָל קאָנסטו זײַנ א פּאָר צו מיר.

בערדיטשעוו, 1926. וואריִאנט צו דער ערשטער סטראָפע —
„רשמות", ז. 364, נומ. 9.

## 8

(סקודיצקי ז.)

1. די זון פארגייט פארנאכט,
מע קוקט זיך צו איר גאס,
זעט מען, ווי א פרײַלין שטייט פארטראכט
און די אויגן זײַנען איר נאס.
„וואָס שטייסטו, וואָס טראכסטו,
און אפ ווענען קוקסטו ארויס?
דײַן געזיכט איז דיר בלאס,
און די מינוט איז דיר צו גרויס".

2. „אך, דו גאָט,
וואָס שיקסטו אפ מיר דײַן צאָרן?
דו האָסט צוגענומען מײַן געלד,
און דו קורצט מיר די יאָרן.
דו האָסט צוגענומען מײַן לעבן,
מײַן כײַעס, מײַן וועלט.
און אים האָסטו פארשיקט,
אוי, ווי, אין עק וועלט.

3. אָט אָ דאָ, ווו איך שטיי,
טוען וואסערן פליסן,—
ווי איז מיר ווינד,
מיט טרערן וועל איך גיסן.
מיט טרערן וועל איך גיסן
באטאָג און באנאכט,
צי וועל איך דען פארגעסן,
אוי, ווי, מײַן ליב הארץ.

4. אָט אָ דאָ, ווו איך שטיי,
אָט דאָ פלעגן מיר גיין.
אָט דאָ פלעגן מיר געניסן
דעם שמועס דעם זיסן".

. . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . .

סקודיצקי זלאטע, שטוב-ווירטן, 47 יאָר, זשיטאָמיר 1923.
צו די סטראָפעס 2—4 זע ג. מ. ז. 168, נומ. 209.

## 9

(רײַכשטײנ כ.)

1. אוי, ווי א פייגעלע אינ דעמ נעסטעלע,
אזוי ביסטו פונ מיר פארפלויגנ,
מײַנ האָפענונג איז צו דיר געוועזנ,
מײַנ הארצ האָט שטענדיק צו דיר געצויגנ.

2. זיבנ הימלענ וואָלט איכ געשפּאָלטנ,
ווענ איכ זאָל קאָנענ צו דיר קומענ
אונ דיכ צו פרעגנ א פּאָר ווערטער,
צי ליג איכ דיר נאָכ אמאָל אינ זינענ.

3. צי האָסטו מיכ דענ פונ פריִער נישט געקאָנט,
צי האָב איכ דיר מיט שטריק געבונדנ,
ווו האָסטו גענומענ אזעלכע זאלצנ
אונ דו שיטסט מיר נאָכ אפ מײַנע וווּנדנ.

4. אפ דער וועלט איז פאראנ פיל גרויסע דאָקטוירימ,
וואָס זיי קאָנענ יעדער וווּנד אויסהיילנ,
אָבער די ווייטעקנ פונ מײַנעמ הארצנ,
פאר וועמענ קאָנ איכ זיי דערציילנ.

5. נאָר איכ אליינ, אומגליקלעכ מיידעלע,
וואָס איכ טו מיט דיר די ליבע שפּילנ,
אוי, איכ שפּיל א ליבע — אינ הארצנ ברענט א פײַער
אונ ס'איז גאָרניט מעגלעכ אָפּצולעשנ.

6. אוי, דו פאָרסט אוועק פונ מיר,
זאָלסט מיר כאָטש א בריוול אָנשרײַבנ.
אונ אז דו וועסט מיר דאָס בריוול שרײַבנ,
שיקנ זאָלסטו דאָס מיר טשערעז פּאָטשט,
אז גאָט אונ לײַט זאָלנ זעענ,
וויפל געלט דו האָסט מיר געקאָסט.

7. אוי, נישט קיינ געלט, נאָר פיל געזונט, —
געזונט איז טײַערער פונ גאָלד,
נאָר קיינער איז דאָכ מיר אינ דעמ ניט שולדיק,
נאָר איכ אליינ האָב אזוי געוואָלט.

גאָלדפעלד ציוויע, שנײַדערנ, בערדיטשעוו, 1925.

(קופערשמיד ש.)

1. פישעלעך אין וואסער, זיי לעבן זיך גאָר פֿײַן,
אונ איך בין מיר א מיידעלע מיט איי̆גענע געדאנקען,
איך האָב אָנגעהויבן א ליבע שפּילן
אונ קאָן זי ניט דערלאנגען.

2. שפּילט, שפּילט, קלעזמער
אפֿן פֿרײַען פֿעלד.
איך האָב אָנגעהויבן א ליבע שפּילן
אונ האָב פֿארשפּילט מײַן וועלט.

3. איך האָב אָנגעהויבן א ליבע שפּילן
אונ האָב זיך ניט באטראכט.
איך האָב געמיינט, ס'איז טאָג,
צום סאָף איז גאָר נאכט.

4. איך האָב אויסגעבויט א מויער
פֿון צען גאָרן די הייך.
איך האָב אָנגעהויבן א ליבע שפּילן
אונ האָב שוין ניט קיין קויעך.

5. ס'איז דאָ א סאך ברילִיאנטן,
וואָס זײַנען זייער שיין,
איר נעמט זיי אין די הענט ארײַן,
זײַנען זיי געמיין.

6. נאָר איין ברילִיאנט איז מישע
איך קען צו אים ניט קומען.
ווו איך גיי אונ ווו איך שטיי,
ליגט ער מיר אין זינען.

7. שפּילט, שפּילט, קלעזמער,
אפֿן פֿרײַען פֿעלד.
אָרעם איז ניט קיין שאנדע,
איך האָב פֿארשפּילט מײַן וועלט.

בעלאָצערקווע, 1926. ווארִיאנט צו דער דריטער סטראָפֿע
בא ג.מ. ז. 156, נ. 196, בא קאהאן I, ז. 120, נומ. 4.

## 11

(גוטיאנסקי ב.)

1. בא דעם טײַך שטייט א טויב,
אונ די טויב טוט צו מיר ברומען.
אזוי שטיי איך אונ קוק ארויס,
אז מײַן זיס לעבנ זאָל צו מיר קומען.

2. אוי, ווי, גאָלד אונ זילבער, אז אָך אונ ווי איז צו מיר,
איז בא מיר ניט געווען צו טײַער.
אוי, אז איך דערמאָנ מיר אינ דיר, מײַן זיס לעבנ,
ברענט אינ מיר א פײַער.

3. אינ מײַן הארצנ ברענט א פײַער,
וואָס קיינער קענ מיר דאָס ניט פארלעשנ.
אוי, אז איך דערמאָנ זיך אינ דיר, מײַן זיס לעבנ,
קענ איך גאָר קיינמאָל אונ קיינמאָל נישט פארגעסנ.

4. אוי, ווי, ס'איז דאָך שוינ אלצדינג פארפאלנ.
כאפנ קענ איך שוינ עס ניט צוריק.
ס'איז דאָך שוינ אלצדינג פארפאלנ,
צוגעבונדנ בינ איך, אוי, מיט א שטריק.

טערנאָווסקי לייב, סאָבאָליווקע 1924. וואר. צו דער פערטער סטאָפע בא ג. מ. ז. 267, נומ. 207, דריטע סטראָפע.

## 12

(קופערשמיד ש.)

1. איך האָב א פערעלע געצילעט
איך האָב א פערעלע פארלוירנ.
איך האָב געהאט א גילדענעם דימענט
אונ האָב אים אָנגעווירנ.

2. געפאלנ פונ מײַנ ליבע,
מײַנ הארצ איז מיר צעבראָכנ,
ביטער, אז מע פאלט אפ א שטיינ.
וואָס זשע קומט שוינ ארויס, אז איך רעד שוינ מיט דיר,
אז איך קאָנ שוינ דאָ גאָרנישט אוספייענ.

3. איך האָב א מאָווערל געמאָווערט
מיט א הויכן פונדאמענט,
ער האָט שוין ניט לאַנג געדאָווערט
און האָט שוין אָפּגעברענט.

4. געפאלן פון מײַן ליבע,
מײַן הארץ איז מיר צעבראָכן,
ביטער, אז מע פאלט אפּ א שטיין,
וואָס זשע קומט שוין ארויס, אז איך ראטעווע דיך,
אז איך קאָן שוין דאָ גאָרנישט אויספּייען.

5. שפּאצירן זײַנען מיר געגאנגען.
אין דרויסן איז געוואָרן א רעגן,
דער רעגן גייט וואָס בעסער,
און די שטיינדעלעך זײַנען געוואָרן וואָס נאסער,
געפאלן פון מײַן ליבע, מײַן הארץ איז מיר צעבראָכן,
ביטער, אז מע פאלט אפּ א שטיין.

גלוכאָווסקי, טאראשטשע, 1925. וואר. צו דער ערשטער סטראָפע קאהאן III, ז. 52, נומ. 5.

## 13

(קופּערשמיד ש.)

1. דו האָסט מיר געבראכט א פּאָדארעק.
דער פּאָדארעק הענגט אפּ דער וואנט,
און אז סע קומט מיר אָן די דאָסאדע אפּן הארצן,
נעם איך מיר די קארטע אין מײַן האנט.

2. דו האָסט מיר געזאָגט, וועסט מיך נעמען,
און נעמען נעמסטו מיך ניט.
איך אָן דיר און דו אָן מיר,
איז אזויווי א קליאמקע אָן א טיר.

3. איך נעם דאָך די קארטע אין דער האנט,
און איך וועל מיט דיר, דושעניו, ריידן,

אזוי ווי מיר האָבן זיך ביידע געליבט,
און יעצט דאַרפֿן מיר ביידע זיך צעשיידן.

4. צעשיידן זיך, דושעניו, ליובעניו,
פייגעלע, קעצעלע מײַנס,
איך אָן דיר און דו אָן מיר,
אזויווי א קליאמקע אָן א טיר.

שפּאָליאנסקי א., בעלאָצערקווע. 1926. ענלעכע פערזן בא קאהאן I, ז. 32, נומ. 20.

## 14

(טשערניאק י.)

1. אף די בערג די הויכע
טוט א גראָז וואקסן,
דאָרט אקערט א שיינן מיידל
מיט אן אָקס א שווארצן.

2. זי האָט געאקערט,
ניט געקאָנט צוזינגען.
זי האָט געדונגען א שיינעם באָכער
ער זאָל איר צוזינגען.

3. ער האָט געזונגען,
מיט די אויגן געווונקען,
א גוטער יאָר ווייס זײַן טאטן,
וואָס ער האָט געווונקען.

4. צי אַז מײַנע בעהיימעס,
צי אף מײַנע אָקסן,
צי אף מײַנעם שיינעם פּאָנעם,
מיט די שווארצע ברעמען.

5. „שווארצע ברעמען האָסטו,
איך וועל דיך ניט נעמען".
„דאָ איז ניט ווײַט א טײַכעלע,
וועל איך זיך גיין דערטרינקען".

6. „טרינק זיך ניט מײַן לעבן,
איך בין דאָך שוין מאַט,
איך קאָן פאַר דיר קיין כאַסענע ניט האָבן,
איך דאַרף זײַן א סאָלדאַט".

פאַרשריבן בא א שילערן כענקינא, כאַטימסק, 1927. דאָס ליד איז אַן איבערזעצונג פון אַן אוקראַיִנישן פאָלקלאָר-ליד. זע אונטן, אין די „באַמערקונגען און צוגאָבן", ז. 361, נומ. 2.

## 15

ליד פון איין ליבע

1. ווער קאָן פילן מײַן האַרץ אַצינד,
נאָר איין גאָט אין הימל,
געדאַנקען מײַנע לויפן אַצינד
אין צאָרעס און אין גרויס טימל.

2. ווי'ן זשע לויפט איר, געדאַנקען מײַנע,
ווי'ן זשע לויפט איר אַרום?
איר מאַכט מיר גלײַך אַזוינס, וואָס עס איז קרום,
איר מאַכט מיר גרין און געל.

3. ווען עס כאַפּט זיך אויף א גרויסער ווינט,
אוי, און פאַרטראָגט מיך, דושקע, צו דיר,
אוי, ווי גליקלעך וואָלט איך געווען,
איך זאָל כאָטש ריידן מיט דיר.

4. „הער זשע צו, דושקע לעבן,
ווײַל איך וויל ריידן צו דיר,
יעצט איז געקומען די רעכטע צײַט,
איך פאָר זיך שוין אַוועק פון דיר".

5. „ווי'ן זשע פאָרסטו, מײַן טײַער זיס לעבן,
ווהין פאָרסטו אַוועק פון מיר, —
בעטן בעט איך דיך, דושקע לעבן,
פאַרגעסן זאָלסטו ניט אָן מיר".

6. „אוי, איך פאַרגעס נאָך ניט אין דיר,
די צײַט פון אונדזער זען זיך,

דײַנע שײנע אויגן האָבן זיך געלויכטן,
אונטערגעצונדן האָט עס מיך".

7. איך האָב נאָך, דושקע, מיט דיר קײן סאך ניט גערעדט,
דײַנע רייד קלינגען מיר אין די אויערן,
צו דײַן שײנעם קאָפּ האָר האָט עס מיך צוגעשלעפּט,
איבער דיר וועל איך מײַן לעבן אָנווערן.

8. אוי, וויי, איז צו מיר און צו מײַנע יונגע יאָר,
בעסער וואָלט איך געווען געוואָרן קראַנק,
איידער איך האָב דיר גאָר דערקענט,
וואָס טויג מיר דאָס לעבן אף דער וועלט גאָר.

9. דײַנע שײנע צוויי באַקן האָבן זיך געבליט,
אונטערגעצונדן האָט עס מיר.
איך האָב נאָך מײַן האָפענונג ניט אָנגעוואָרן,
אַז איך וועל נאָך, דושקע, זײַן מיט דיר.

10 אף דעם טאָוול וועל איך דיר, דושקע, לאָזן מאָלן,
איך וועל מיך טרייסטן מיט דיר,
טאָמער וועל איך שטילן מײַנע געפילן,
אָך און וויי איז צו מיר.

11. אוי און וויי איז צו מיר,
ביסט בא מיר אין הארצן אײַנגעקלעפּט,
ווי׳ן זשע איז היינגעקומען מײַן טײַערער בריליאַנט,
וואָס איך האָב אים הערצלעך געליבט.

(מאטעריאַלן פון דער היסט. עטנ. געז.). דאָס דאָזיקע ליד נעמען מיר פון א האנטשריפטלעכער לידער־זאמלונג, וואָס געפינט זיך אין ארכיוו פון אונדזער סעקציע אונטערן נומ. 214 (זע ווײַטער, אין „אָנמער־קונגען און צוגאָבן", ז. 340־344).

# II. געשפּרעכנ מ'ט א מוטער

## .16

(רײַכשטײנ כ.)

1. „פּייגעלע, מײַנ טאָכטער,
ווו ביסטו געווענ,
ווו האָסטו דײַנ גליק פּאָטירײַעט"?
„נעכטנ אפּדערנאכט
א כאסענע געמאכט,
מיט אלע שיינע יינגעלעכ גולײַעט".

בערדיטשעוו, 1925.

## 17

(דיִאמאנט ב.)

1. הער, כאסי!
מע טאָר ניט גיינ,
מע דארפ ניט גיינ,
מע טאָר ניט גיינ מיט קיינעמ,
אז דו וועסט גיינ,
שפּעט באנאכט
וועסטו שפּעטער וויינענ.

פּאָליאק, אנ ארבעטערנ, קיִעוו, 1924.

## .18

(כאבענסקי א.)

1. איכ מיט מײַנ ליבנ,
|: די מאמע אינדערמיט — :|
|: איכ וויל נעמענ לייבעלענ,
די מאמע לאָזט מיכ ניט. :|

2. אוי, וויי, מאמע,
:כ'וועל ניט הערן דײַנע רייד, :|
:איך וועל נעמען לייבעלען,
וויאַזוי ער שטייט און גייט. :|

3. געלט איז קײַלעכיק,
:סע קײַלעכט זיך אוועק, — :
:איך וועל נעמען לייבעלען
און וועל מיט אים אוועק. :|

4. איך וועל מיט אים אוועק
:און וועל א כופּע שטעלן. :|
:אוי, וויי, מאמעניו,
ער איז מיר דאָך געפעלן. :|

5. מיט זײַנע שווארצע אויגן
:און מיט זײַן ווײַס פּידזשאק, :|
: איך האָב דאָך זייער ליב,
ווען ער קושט מיך אפן באק. :|

6. ניט אזוי א פלעק,
:ווי א רויטן פליאם, :|
:ס'וועט ניט העלפן, מאמע,
ער מוז דאָך זײַן מײַן מאן. :|

1930. וואר. קאהאן III, נומ. 15. קאהאן I, ז. 20, נומ. 12־11.

## 19.

(האָרנשטיין א.)

1. „אוי, וויי, מאמע,
איך וויל דיר עפּעס זאָגן,
כ'האָב ליב א יינגל
און שעמ זיך אויסצוזאָגן".

2. „א ליבע צו שפּילן
פאר א פײַנעם יונג,

ניט פאר קיין זשוליק
פאר א שניידער־יונג".

3. „אוי, ווײ, מאמע,
כ'וועל ניט הערן דײַנע רייד,
איך וועל אים נעמען,
ווי ער שטייט און גייט.

4. ניט אזוי פאר זײַן שיין פּנים,
ווי פאר זײַן גוט הארץ.
איך זאָל אפילע וויסן,
כ'וועל ווערן בא אים פארשווארצט".

זשיטאָמיר. 1922. ווארי. צו דער ערשטער סטראָפע—קא־
האנ I, ז. 4, נומ. 1.

## 20

(סקודיצקי ז.)

1. אוי, ווײ, מאמע,
כ'וויל דיר עפּעס זאָגן,
כ'האָב ליב א שיין יינגל,
כ'שעם זיך אויסצוזאָגן.

2. אוי, ווײ, מאמע,
כ'האָב געטאָן א ניידער,
מיט אלע שיינע יינגלעך
ארומגעגאנגען קעסיידער.

קאניעווסקי אוריעל, קאָלווירטניק, 62 יאָר. שאָלעמ־
אלייכעם, קאלינינדאָרפער ראיאָן, 1936.

## 21

(גוטיאנסקי ב.)

1. די לעוואָנע שײַנט,
ווי די גאנצע וועלט,—
אָרעם איז ניט קיין שאנד,
כ'האָב פארשפּילט מײַן וועלט.

כ'האָב געטאָן אזא זאך,
כ'האָב זיך גאָרניט באטראכט.
כ'האָב געמיינט, אז ס'איז טאָג,
צום סאָף איז גאָר נאכט.

2. „זע ווי די שטערן גייען אָפּ,
אז מע פאָלגט ניט קיין מוטער,
גייט אויס אזא סאָף".
„יאָ, מאמע, יאָ.
דו ביסט גערעכט.
וועלכע מוטער
פארלאנגט איר קינד שלעכטס".

3. „טעכטערל, דושעניו,
טעכטערל, קרוינ,
זאָג זשע מיר, דושעניו,
וואָס טוט דיר ווײ?
גיי צו א דאָקטער,
אָדער צו צוויי,
זאָל ער דיר זאָגן,
וואָס טוט דיר ווײ?"

4. „א דאָקטער קען העלפן
צו אלערליי קרענק,
אָבער ניט מיר,
נאָך וועמען איך בענק.
וואָס טויג מיר דער דאָקטער
מיט זײַנע רעפּיעס?
ס'זאָל אים זײַן אזוי ביטער,
ווי מיר איז ניט זיס.
ס'זאָל אים זײַן אזוי ביטער,
ווי מיר איז ניט זיס.
פון מיר האָסטו, דושע,
דעם לעצטן גריס.

5. ער האָט מיר געשענקט
א שפּילקע פון גאָלד,
קעדיי מיר זאָלן זײַן

ביידע א פּאַרפאָלק.
איך דארף ניט זײַן שפּילקע,
איך דארף ניט זײַן גאָלד,
מיר קענען ניט זײַן
ביידע קיין פּאָרפאָלק.

6. ער האָט מיר געשיקט
געלט און פּערל,
קעדיי זײַן שיינער פּאָנעם
זאָל מיר זײַן געפעלן.
איך דארף ניט זײַן פּערל,
איך דארף ניט זײַן געלט,
ער זוכט זיך א מיידעלע
פון הײַנטיקער וועלט".

7. „כ'בין אויסגעפאָרן
די גאנצע וועלט,
כ'האָב געזען שיינע מיידעלעך
מיט א סאך געלט.
כ'האָב געזען שיינע מיידעלעך
גאָר אָן א שיר,
איצט בין איך געקומען,
דושעניו, צו דיר".

8. „צו מיר אין שטוב
ביסטו ארײַנגעקומען,
מיט דײַנע זיסע רייד
האָסטו מיך גענומען.
גענומען האָסטו מיך, דושעניו,
מיט דײַנע זיסע רייד.
איצט ווער איך, דושעניו,
פון דיר אָפּגעשיידט".

בראגינסקע ריווע, שילערן, קיִעוו, געהערט דאָס ליד פון אן עלטערער פרוי, 1928. וואריאנטן. ג.מ. ז. 153-156, נומ. 196-197-198, קאהאן I, ז. 120, נומ 4. קאהאן III, ז. 27, נומ. 22.

(סקודיצקי ז.)

1. אוי, מאמעניו, ס'איז מיר שלעכט,
וואָס ערגער קאָן שוין ניט זײַן.
מ'האָט זיך אפילע מיר ניט אָנגעפרעגט,
און גלײַך אין ווײַנגאָרטן ארײַן.

2. אוי, מאמעניו, מ'איז ארײַנגעקומען,
אוי, מאמעניו, ס'איז ארײַנגעקומען,
דאָס שענסטע עפּעלע פון שענסטן ביימעלע
האָט מען בא מיר צוגענומען.

3. דרײַ יאָר א ליבע געשפּילט
און זיך ניט אָנגענומען פאר דער האנט,
איז געקומען מײַן געשעצטע כאווערטע
און האָט מיר פון אים אויסגעשפּאנט.

4. איך פאָר אוועק, מאמעניו,
וואָס זשע וועל איך דאָרט געניסן?
א נײַעם ווײַנגאָרטן וועל איך פארפלאנצן,
מיט א גוטן שלאָס וועל איך פארשליסן.

5. אויסגעפאָרן די וועלט בין איך, מאמעניו,
אין אלע דערפ, (!) אין אלע שטעטלעך,
וויפל מענטשן איך האָב איבערגעזען —
און מײַנער איז געווען דער שענסטער.

6. ס'מויערט זיך א מויערל,
מויערט עס זיך מיט אן אויוון —
אן אָנדענק האָט ער מיר געלאָזט,
וויפל איך וועל לעבן.

טעסלער, מאניע, באָסלעוו 1922. וואריִאַנט פון די מאָ־טיוון אין די סטראָפעס 1, 2, 4 בא ג. מ. ז. 142, נומ. 182—183, וואריִאַנט פון סטראָפעס 2-4 בא קאהאַן, ז. 164, נומ. 26, ז. 166, נומ. 27.

## III. געמישט־שפּראַכיקע שפּאַס־לידער

### 23

(קופּערשמיד ש.)

1. גאָראָד ניקאָלײַעוו, פראַנצוזסקי זאַוואָד,
סע האָט געאַרבעט א ייִנגל פון דוואַדצאַט אָדין גאָד.
ער האָט געאַרבעט שווער, געלט פאַרדינט ניט פיל,
ביז א זלױיר דעוואָטשקו ווזרוג אָן פּאָליוביל.

2. דאָס איז דעם שאָכנס מיידל, איך ווייס דאָס אַקוראַט,
מיט מאַטעלען צוזאַמען געאַרבעט אין וואַרשטאַט.
ער האָט ניט לאַנג געטראַכט און אין ליבע זיך דערקלערט,
און דאָס מיידל טראַכט זיך: „איך האָב דיך טיף אין דער ערד".

3. א צעקאָכטער קומט ער אַמאָל אַרײַן אין שטוב,
„דאַיאָש אָביעד, מאַמאַשאַ, עסן גיב אַפּגיך".
„א קרענק וועל איך דיר געבן, הער נאָר ס'אַרא טאָן", —
ענטפערט אים די מאַמע. און ער זאָגט: „יאַ וואָליובליאָן".

4. „דאָס איז דעם שאָכנס מיידל, אָטיעץ סאַפּאָזשניק שוואַרץ,
אי וו'ניעיאָ פּראָקליאַטױיו פאַרקאָכט האָט זיך מײַן האַרץ".
ער פרעגט זי, צי זי ליבט אים, — זי שאָקלט מיטן קאָפּ.
„ניינ, זאָגט זי", — און מאָטעלע לאָזט א טרער אַראָפּ.

5. „יעסליזש טאַק, מײַן זלאָטקע, טאַק טי פּאָסלושײַ זשע,
קליאַנוס, אַז איך וועל מאַכן א סאָפּ טיעבע אי מניע".
ער האָט ניט לאַנג געטראַכט און א שאָס פון פּיסטאָליעט,
ער האָט געליבט א מיידעלע, יעיאָ אוזש באָלשע ניעט.

מאַלינסקי יאַשע, 25 יאָר, לערער, בעלאָצערקווע, 1928.
דאָס ליד שטעלט מיט זיך פאָר א פּאַראָדישע איבער־
אַרבעטונג פון א פּאָפּולערן רוסישן ליד.

## 24

(סקודיצקי ז.)

1. קאָנדא יא ביל פּאָלטאווסקי פייגעלע,
האָב איך באגעגנט א יידישע מיידעלע.
יא ק'ניעי: — „ווי קען מען זיך זען"?
אָנא מניע וו אָטוויעט: — „בא מיר אין דער היים".

2. יא פריכאזשו צו איר אהיים,
יא יעיאָ ווסטרעטיל מיט אן אנדערן גיין.
יא סיעביע דומאיו, טראכט איך בא זיך,
זי גייט מיט אן אנדערן, כאַפּט זי דער ריך.[1]

מ. גוטמאן, טשערנאָבל, 1923. וואר. באסטאָמסקי.
ז. 50. ג. 7־8.

## 25

(שײנקאר ל.)

1. איך שטיי מיר אפן גאנעק,
און טו דאָס שטיבל שמירן —
וודרוג פריכאָדיט מילינקי,
פריגלאשײַעט מיך שפּאצירן.

2. „יא שפאצירן ניע פּאָידו —
כ'האָב מוירע פאר מײַן מאמען.
די מאמע וועט מיך שלאָגן,
וואָס וועלן לײַטן זאָגן?"

3. „מילינקאיא ראָזא,
זאטשעם טיביע באָיאטסיא לײַטן?
יעסלי מי נא שפּאציר פּאָידיאָם,
פּאָידיאָם פונדערווײַטן".

בעלאָצערקווע, פארשריבן בא א שול־קינד. 1927.

---

[1] אין אן אנדער וואריאנט: „טשאָרט יעיאָ בערי, כאַפּט איר דער רוען".

## 26

(קופערשמיד ש.)

ווארשאַנט

1. אניוטא סידיט נא באַלקאָנטשיקל
און טוט א שיכעלע שמירן,
אי וודרוג פּאָדכאָדיט יעיאָ מילינקי,
פּריגלאַשײַעט זי שפּאצירן.

2. „נא שפּאציר ניע פּאָידו יא,
מײַנע מאמע בודיעט שרײַען,
מײַנע טאטע בודיעט שלאָגן.
קאגדא סטאָבאָי נא שפּאציר פּאָידו,
וואָס זשע וועלן לײַטן זאָגן?

3. אינ דרויסן גייט א רעגן,
דער רעגן וועט מיך באגיסן
אויעזשאיו, מילינקי,
א פּאָר ווערטער וועלן מיר שמועסן.

4. א פּאָר ווערטער וועלן מיר שמועסן,
נאָר אפ לאָשנקוידעש,
אויעזשאיו, מילינקי
טאָלקאָ נא אָדינ כוידעש".

5. און ער איז ניט קיין פוילער
און פּאָשאָל צו איר אהיים.
פּרעדסטאווטיע ווי סעבע,
וויאזוי ס׳איז אים געוואָרן,
אז זי זאנימײַעט זיך
מיט פרעמדע אוכאזשאָרן.

גאבאָוויטש מאניע, בעלאָצערקווע, 1927.

## 27

(סקודיצקי ז.)

ווארשאַנט

1. אוי, מוי, מילי ראָזא,
וואָס שטייסטו בא דער טיר?

|: אַך, פּאָזוואָלטיע כאַים-לייב,
פּאָידיאָמטיע נאַ שפּאַציר. :|

2. נאַ שפּאַציר קאָנען מיר גייען,
נאָר וואָס וועלן לײַטן זאָגן?
|: יאַ באָיוסיאַ זאַ פּאַפּאַשו,
דער טאַטע וועט מיך שלאָגן. :|

3. דער פּאַפּע איז אַ בייזער
ער וועט אַפּ מיר שרײַען.
. . . . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . . . .

טעפּליצקע מ. א שילערן פון דער שוסטערשער פּראָפ־
שול, קיעוו, 1927. וואַר. צו די נומ. 24־25־26 —
באַ קאַהאַנ I, ז. 192, נומ. 1.

## 28

(אוסטערליץ יע.)

1. ווען איך זאָל האָבן אַ גראָוו פערד,
און אַ זאָטל האָב איך,
וואָלט איך געפאָרן צו אַ שיינער מיידל,
אַ שיינע מיידל קען איך.

2. יאַק בי ווּמענע סיווי קאָנ,
אַ סידעלע מאַיו,
פּאָיכאַוו בי דאָ דיווטשיני,
יאַ דיווטשינו זנאַיו.

3. איך בין געקומען צו דער מיידל,
הייסט מען מיר זיך זעצן,
און מע גיט מיר קאַרטאָפּעלקעס
און מע הייסט מיר עסן.

4. יאַק פּריִיכאַוו דאָ דיווטשיני,
ווילאַט מעני סיסטי.
דאַלי מעני קאַרטאָפּלינו
בעטשישטשענו יִסטי.

5. זיצט א כאָסיד בא דער זײַט
אונ טוט צו מיר װינקען:
„עס ניט, עס ניט די קארטאָפּליעס,
װײַל זיי טוען שטינקען".

6. סידיט כאָסיד פּיד באָקאָם,
דאָ מענע מאָרהײַע:
„נע ייִזש נע ייִזש, קארטאָפּלינו,
באָ װאָנא װאָניאיע"

הענקין קריינע, פּויערטע (געװעזענע ארבעטערן), 64 יאָר, אינגוליעצ, 1934. דאָס דאָזיקע ליד שטאמט אורשפּרינגלעך פונ אנ אוקראַינישנ פאָלקלאָר־ליד. זע װײַטער, איב. „באמערקונגענ אונ צוגאָבנ", ז. 385, נומ. 22.

## 29

(סקודיצקי ז.)

1. זא גאָראמי, זא דאָלאמי,
|: טאנצאָװאלא מאלגאָזשאטקא ס'מאזוראמי. :|

2. איבער די פעלדער, איבער די װעלדער,
|: האָט געהאָפּטשעט יענטע-בראָכע מיט די זעלנער. :|

3. פּשישעל אויטשעצ, פּשישלא מאטקא:
|: „מאלגאָזשאטקא, מאלגאָזשאטקא, כאָדז דאָ כאטקא". :|

4. געקומענ דער טאטע, די מאמע צעקראָכנ,—
|: „קומ אהיימ, קומ אהיימ, יענטע בראָכע". :|

5. „יא ניע פּוידענ, אידשטשיע סאמי,
|: יא אָסטאנוס טאנצאָװאט ס'מאזוראמי. :|

6. ניינ, ניינ, ניינ, איכ װעל ניט גיינ,
|: כ'װעל דאָ האָפּטשענ מיט די זעלנער ביז אזייגער צענ". :|

7. װאָנא ניע פּשישלא, זאָסטאלאסיענ,
|: טאנצאָװאלא ס'מאזוראמי דאָ סעדמעגאָ טשאסו. :|

8. זי איז ניט געגאנגען, זי איז געבליבן,
‖: זי האָט געהאָפטשעט מיט די זעלנער ביז אזייגער זיבן. :‖

דיאמאנט מ., סטודענט פון פעדטעכניקום, 21 יאָר, קיעוו, 1925. איבערגעזעצט פון א פאָפולערן פוילישן פאָל־קלאָר־ליד.

## 30

(גוטיאנסקי ב.)

1. אוי, וויי, מאמע, כאָטיא איך בין יונג,
כ'האָב זיך פארליבט אין א שניידער־יונג,
כ'האָב זיך פארליבט אין זיין שיינער פאָכאָדקע,
אז ער'עט מיך ניט נעמען, ל'איך באקומען די טשאכאָטקע.

2. אז ער איז צו מיר אין שטוב אריינגעקומען, —
מיט זיינע וועזשליווע רייד האָט ער מיך גענומען.
מיט זיינע וועזשליווע רייד, האָט ער מיך גענומען,
ער האָט בא מיר דושענקע מיין לעבן צוגענומען.

3. Ой, вей, маме, хотя я молодой,
Я влюбилась в мальчик портной,
Я влюбилась в его походкы,
Если он мине не визьме, дістану я чахоткы.

גוטיאנסקי העניע, 54 יאָר, פון דאָרף קראסנאָסיאָלקע, טולטשינער קרייז. 1926.

## VI. טײַנעס און קלאָגן

31

(ר ײַ כ ש ט ײ ן כ.)

1. צו דײַן טאטן האָב איך גאָרניט, אוי, ווײ, גאָרניט, אוי, ווײ, גאָרניט,
וויַיל ער זאָגט, אז ער איז ניט שולדיק אין דעם.
אין קיִעווער שפּיטאָל זאָל ער ליגן,
און ס'אָל ניט האָבן ווער אריַינצוטראָגן צום אים.
אין קיִעווער שפּיטאָל זאָל ער ליגן,
און ס'אָל ניט האָבן ווער אריַינצוטראָגן צום אים,
אז צו קיין ליבע זאָל ער זיך ניט מישן,
אוי, ווײ, צאָל אים שוין, גאָטעניו, פאר מיר.

2. צו דײַן מאמען האָב איך גאָרניט, אוי, ווײ, גאָרניט, אוי, ווײ, גאָרניט,
וויַיל זי זאָגט, אז זי איז ניט שולדיק אין דעם.
אף פרעמדע טירן זאָל זי ארומגיין
און זאָל נאָך קומען בעטן א שטיקל ברויט צו מיר,
אף פרעמדע טירן זאָל זי ארומגיין
און זאָל נאָך קומען בעטן א שטיקל ברויט צו מיר.
אז צו קיין ליבע זאָל זי זיך ניט מישן
אוי, ווײ, צאָל איר שוין, גאָטעניו, פאר מיר.

3. צו דײַן ברודער האָב איך גאָרניט, אוי, ווײ, גאָרניט, אוי, ווײ, גאָרניט,
וויַיל ער זאָגט, אז ער איז ניט שולדיק אין דעם.
אין די הײַזער זאָל ער ארומגיין
און ס'אָל אים זײַן נאָך ערגער פון מיר.

אין די הײַזער זאָל ער ארומגייען
און ס'אָל אים זײַן נאָך ערגער פון מיר.
אז צו קיין ליבע זאָל ער זיך ניט מישן,
אוי, ווײ, צאָל אים שוין, גאָטעניו, פאר מיר.

4. צו דײַן שוועסטער האָב איך גאָרניט, אוי, ווײ, גאָרניט, אוי, ווײ, גאָרניט,
ווײַל זי זאָגט, אז זי איז ניט שולדיק אין דעם.
דרײַ יאָר זאָל זי זיך מיט א כאָסן ארומדרייען
און ס'אָל איר אויסגיין אזא מין סאָף ווי מיר.
דרײַ יאָר זאָל זי זיך מיט א כאָסן ארומדרייען
און ס'אָל איר אויסגייען אזא מין סאָף ווי מיר.
אז צו קיין ליבע זאָל זי זיך ניט מישן,
אוי, ווײ, צאָל איר שוין, גאָטעניו, פאר מיר.

רײַכשטיין פייגע, אן ארבעטערן פון א פאפיראָסן־פאבריק,
בערדיטשעוו, 1926.

## 32

(רײַכשטיין ב.)

1. אוי, קום נאָר אהער, מײַן טײַער זיס לעבן,
זעץ זיך אנידער נעבן מיר.
וואָס פארא שלעכטס האָב איך געטאָן דײַן מאמען,
וואָס איך שטיי איר שוין ניט אָן פאר קיין שניר.

2. און דײַן מאמע, דײַן מוטער, געליימט זאָל זי ליגן,
אף אירע פיס זאָל זי ניט קאָנען גיין,
בלינד זאָל זי ווערן, אז מע זאָל זי דארפן פירן,
און קיין צווייטע שנור זאָל זי פאר זיך ניט זײַן.

3. און דײַן טאטע, דײַן טאטע, געליימט זאָל ער ליגן,
אף זײַנע פיס זאָל ער ניט קאָנען גיין,
בלינד זאָל ער ווערן, אז מע זאָל אים דארפן פירן,
און אַ נעדאָווע זאָל ער קומען צו מיר בעטן.

4. און אז ער וועט קומען א נעדאָווע צו מיר בעטן,
אופנעמען וועל איך אים פארן שיינעם גאָסט.

א שיינע נעדאָווע וועל איך אים נאָך געבן
דערפאַר, וואָס ער האָט מיר זײַן זון ניט צוגעלאָזט.

5. דײַן שוועסטער, דײַן שוועסטער, ווינטשע איך א בראָכע,
אז ס'זאָל איר זײַן פיל ערגער פון מיר.
פיר יאָר מיט א יינגעלע זאָל זי זיך ארומפירן,
און ס'אָל איר אויסגיין אזא מין סאָף ווי מיר.

6. „אוי, מײַן שוועסטער, מײַן שוועסטער, האָסטו ניט וואָס צו שעלטן,
און מײַנע עלטערן זײַנען אויך ניט שולדיק אין דעם.
נאָר איך בין א יינגעלע, וואָס איך האָב מיר בארעכנט,
אז דו ביסט אן אָרעם מיידעלע, איך קאָן מיט דיר ניט גיין".

7. וואָס האָסטו זיך אזוי שפעט בארעכנט,
ס'איז שוין פיר יאָר, אז דו גייסט צו מיר אין שטוב,
און פון אזא זיסע ליבע דארפן מיר זיךביידע שיידן,
און מען לייגט מיך ארײַן אין א פינצטערן גרוב.

גאָלדפעלד ציוויע, שנײַדערין, בערדיטשעוו, 1926, ענלעכע
מאָטיוון קאהאן I, ז. 140, נומ. 14.

## 33

(גוטיאנסקי ב.)

1. די זון מיט דער לעוואָנע טוען אלעס צוזען,
פון דער צײַט, וואָס מיר האָבן זיך ביידע באקאנט.
פארברענט זאָלן געווען ווערן די דאָזיקע מינוטן,
אוי, איידער איך האָב דיר געגעבן מײַן רעכטע האנט.

2. און, אז דו האָסט מיר די רעכטע האנט געגעבן,
געשעצט האָב איך זיך גליקלעך ווי די וועלט,
דו האָסט דאָך ארײַנגעשיקט דײַן כאווער פאר א שאדכן,
אז דו נעמסט מיך אָן קליידער און אָן געלט.

3. און, אז דײַן כאווער איז צו מיר ארײַנגעגאנגען,
געשעצט האָב איך זיך גליקלעך ווי די וועלט.
כ'יי וואָלט איך בעסער דעם קאָפּ געווען צעבראָכן,
איידער ער האָט מיר מײַן קאָפּ פארדרייט.

4. און, אז דו װעסט אַ כּאַסנ װערנ,
קײנ גוטס װעל איך ניט זאָגנ אפֿ דיר,
װײַל מיט מיר ביסטו געגאַנגענ און מיך האָסטו באַלײדיקט,
און גאָט זאָל דיר צאָלנ פֿאַר מיר.

5. און, אז דו װעסט דאַרפֿנ אַ כּאַסנ װערנ,
בא דײַנ קאַלע װעט זײַנ אַ סימכע מיט אַ פֿרײד,
און איך װעל ליגנ אפֿ דעמ בעטל אױסגעצױגנ,
און טאַכריכימ װעלנ ליגנ פֿאַר מיר גרײט.

6. און, אז דו װעסט דאַרפֿנ דאָס פֿינגערל אָנטאָנ,
אַ גרױזש[1] זאָל דיר איבערגײנ איבער דײַנ לײַב,
דו זאָלסט ניט מײנענ, אז דאָס איז דײַנ זיװעק,
דו װעסט נאָכ האָבנ אַ צװײטע פֿאַר אַ װײַב.

7. און, אז דו װעסט דאַרפֿנ צו דער כופּע גײנ,
בא דײַנ קאַלע װעט זײַנ אַ סימכע מיט אַ פֿרײד,
איך װעל ליגנ אפֿנ בעטל אױסגעצױגנ.
דער מאַלכאַמאָװעס װעט שטײנ פֿאַר מיר גרײט.

8. נאָכ אײנ קלאָלע װעל איך דיר געבנ,
אז קינדער זאָלסטו האָבנ אַ סאַכ,
װיפֿל דו װעסט זײ האָבנ, זאָלסטו זײ באַגראָבנ,
און גאָט זאָל דיר צאָלנ פֿאַר מיר.

9. און, אז ס'װעט דאַרפֿנ דאָס לעצטע קינד געבױרנ,
אַ נאָמענ זאָלסטו געבנ נאָכ מיר.
מײַנ נאָמענ אַ שײנער, מײַנ נאָמענ אַ געטרײַער,
מײַנ נאָמענ זאָל בלײַבנ בא דיר אינ שטוב.

פּינקאָװסקי מאָטי, שילער, קיִעװ, 1928. ענלעכע סטראָ-
פֿעס—ג.מ. ז. 118, נומ. 149. קאַהאַנ I, ז. 82, נומ. 139.

1 אַ קאָנטאָמינאַציע פֿונ „גרױל“ און „דראָזש“ (Дрожь).

## 34

(טשערניאק י.)

1. אוי, גרויסער גאָט, פארלעש די ליכטעלעכ,
איכ קאָנ שוינ מער ניט לייבנ,
אז מײַנ ליבער האָט מיכ אויסגענארט,
איז וועמענ זאָל איכ גלייבנ.

2. ניט קיינ רעגנ אונ ניט קיינ דונער
אינ דעמ העלנ גוטנ טאָג,
גייט א מיידעלע א יונגע,
ברעכט די ווײַסע הענט אונ קלאָגט.

3. „וואָס זשע קלאָגסטו, וואָס זשע וויינסטו ?
ביסט דאָכ כאָליערע ניט אליינ,
האָסט א פאָטער, האָסט א מוטער
אונ א ברודער אינ דער היימ“.

4. „אוי, וויי, פאָטער, ליבער פאָטער,
אונ דו, מוטער ליבע, אויכ,
א גרויסער אומגליק האָט געטראָפנ,
א גרויסער אומגליק אונ א בראָכ.

5. אוי, וויי, ברודער, ליבער ברודער,
שפאנ זשע איינ די שווארצע פערד.
הײַנט באנאכט דײַנ ליבע שוועסטער
וועט שוינ ליגנ אינ דער ערד“.

אופגענומענ בא דער דיכטערנ כאנע לעווינעס מוטער.

## 35

(סקודיצקי ז.)

1. „צי האָב איכ דיר בא די פאָלעס געריסנ ?
צי בינ איכ דענ נאָכגעלאָפנ נאָכ דיר ?
דו האָסט אריינגעשיקט א גוטנ ברודער פאר א שאדכנ,
אז מע זאָל מיר צונויפירנ מיט דיר.



1259 — 12

2. אפֿן קנאסמאָל האָסטו מיך ניט געו־ופֿן,
געגאנגען בין איך איינע אליין.
אין א ווינקעלע בין איך מיר געזעסן
און האָב מיר מײַנע צאָרעס צוגעזיין.

3. אפֿ מאָרגן אינדערפֿרי גיט מען מיר אָפּ מאזלטאָוו,
מע מיינט, אז דו ביסט א כאָסן פֿאר מיר.
צי קען איך דען דאָס פֿאר יעדערן דערציילן,
אז דו נעמסט גאָר די קלענערע פֿאר מיר״.

4. „האָדי דיר שוין, דושעניו, צו וויינען.
וואָס קאָן שוין דיר העלפֿן דײַן געוויין?
איך בין שוין צו מאזל א כאָסן
און גאָט זאָל דיר צושיקן דײַן פּאָר״.

5. „אז דו וועסט פֿון מיר אוועקגיין,
אך, אינמיטן וועג זאָלסטו בלײַבן שטיין.
סקאָרע פּאָמעשטש זאָל דיך צונעמען,
נאָך דײַן לעווײַע זאָל איך דערלעבן גיין״.

גוטמאן סארע, טשערנאָבל. 1923. ווארִיאנט צו דער ער־
שטער סטראָפֿע צמשר. II—III, ז. 813, נומ. 40.

## 36

1. איך שטיי און שטיי אינמיטן יאַם און טרינק זיך,
און קען ניט קומען צו קיין ברעג, —
|: צײַט איך האָב אין דער ליבע דערפֿילט אײַן טאַם,
שטערסטו מיר מײַן לעבן אָן אן עק. :|

2. אזוי ווי די זון האָב איך אמאָל געשײַנט,
מיט א וואָלקן האָסטו מיך פֿארדעקט,
דורך דיר, מײַן פֿאלשער גוטער פֿרײַנט,
האָסטו מיר (איז מיר) פֿארפֿינצטערט מײַן וועלט. :|

3. איך האָב דיך ליב, דו מעגסט מיר עמעס גלויבן,
איך קאָן אָן דיך ניט זײַן קיין צוויי מינוט.

|: מײַן כײַעס האָסטו בא מיר אויסגעצויגן,
אוי, נאָר נעמען קאָן איך זיך דיך, דושע ניט. :|

4. שײנ ביסטו גאָר אזוי ווי די גאנצע וועלט,
נאָר דײַן אומגליק, וואָס דו ביסט געמיינ,
|: צײַט איך האָב זיך מיט דיר באקאנט,
ווייקנ מײַנע אויגנ אינ געוויינ. :|

5. אוי, באנאכט ליג איך אפ מײַן געלעגער,
שלאָפנ שלאָפ איך ניט, נאָר איך ליג און טראכט.
|: מײַן הארצ קלאפט אינ מיר ווי א זייגער,
אוי, גוואלד, דו האָסט מיך אומגליקלעך געמאכט. :|

6. האָב ראכמאָנעס אפ דײַן געליבטנ
און טו באדויערנ זײַן ביטער הארצ.
|: מײַן הארצ פלאקערט און עס ברענט,
מײַן פּאָנעם איז ווי קויל שווארצ. :|

7. טו אָפּוואשנ דײַנע צוויי קלאָרע הענט,
און טו זיי דריקנ צו מײַן הארצ.
|: מײַן הארצ פלאקערט און עס ברענט,
און דער פּאָנעם איז שוינ ווי קויל שווארצ. :|

8. קראנק בינ איך, גאָר ניט אפ קאטאָוועס,
אפ מײַן פּאָנעם ליגט שוינ די ערד,
|: קוקט אײַך צו,— אָט שטייט דער מאלכאמאָוועס,
ער שטייט מיט זײַן בלויזנ שווערד. :|

דאָס דאָזיקע ליד נעמענ מיר פונ א האנטשריפטלעכער לידער־זאמלונג, וואָס געפינט זיך אינ ארכיוו פונ אונדזער סעקציע אונטערנ נומ. 213. גענויער וועגנ דער דאָזיקער זאמלונג זע אונטנ, אינ די „באמערקונגענ און צוגאָבנ“, ז. 346־347.

## 37

(קופּערשמיד ש.)

1. איך האָב געאקערט און האָב געזייט,
קעדיי מײַן טווּע זאָל ניט ברענענ,

נאָר ליב צו האָבן איז דאָך ניט קיין קונץ,
נאָר ליב צו האָבן און זיך נעמען.

2. איך האָב געשטעלט א ייִכעלע קאָכן,
ס'איז שוין דרײַ מאָל אויסגעלאָפן,
שוין דרײַ שידוכים האָב איך אָפּגעלאָזט,
און מיטן דריטן ניט געטראָפן.

3. איך האָב אָנגעהויבן א ליבע שפּילן
אָן כײַשעק און אָכאָטע,
פונעם גוטן וועג האָסטו מיך אראָפּגעפירט
און ארײַנגעשטעלט האָסטו מיך אין א בלאָטע.

4. אין א בלאָטע האָסטו מיך ארײַנגעשטעלט,
איך קאָן פון איר ניט ארויסקריכן,
איך וויל זיך שוין דאָס לעבן נעמען
און פאָרן וועסטו מיך שוין זוכן.

5. און, אז דו וועסט מיך פאָרן זוכן,
וועסטו מיך שוין געפינען.
קיין סאך אף דער וועלט זאָלסטו ניט געדויערן,
צו מיר אף יענער וועלט זאָלסטו קומען.

6. און, אז דו וועסט צו מיר אף יענער וועלט קומען,
וועלן מיר זיך ביידע לאָדן,
און דורך דיר האָב איך פארשפּילט מײַן וועלט,
און דורך דיר האָט מען מיך באגראָבן.

קליינמאן י., בעלאָצערקווע, 1930.

38

וואריאנט

(רײַכשטיין כ.)

1. איך האָב געאקערט און געבראָנעוועט,
קעדיי מײַן ליבע זאָל ניט ברענען,
א ליבע שפּילן איז דאָך ניט קיין קונץ,
צוזאָגן און ניט נעמען.

2. אין א בלאָטע האָסטו מיך אַרײַנגעפירט,
ס'איז פון איר ניט אַרויסקריכן;
עס מעג מיך אָפּקאָסטן מיליאָנען געלט,
אַרומפאָרן וועל איך דיך זוכן.

3. זוכן וועל איך דיך אַרומפאָר'ן,
געוויס וועל איך דיך ניט געפינען,
א שטיין אפן האַלדז וועל איך זיך אָנבינדן,
אַרײַנוואַרפן וועל איך זיך אין ברונעם.

4. אין ברונעם וועל איך זיך אַרײַנוואַרפן,
געוויס וועל איך זיך דאָרט דערטרינקען, —
אין מײַן זיס לעבן וועל איך פאַרגעסן,
נאָך דיר, מײַן ליבע, וועל איך בענקען.

5. איך האָב געקויפט א גאָלדענעם זייגער
מיט איין גאָלדענעם ווײַזער, —
ווער ס'האָט מיך מיט מײַן זיס לעבן צעשיידט,
אַרומגיין זאָל ער אין די הײַזער.

פאַרשריבן פון א לערער, בערדיטשעוו, 1925. וואַר. צו' נומ. 37־38. קאַהאַן I, ז. 202, נומ. 6.

## 39

(גוטיאַנסקי ב.)

1. איך זיץ און שפּיל מיר אף דער קאַטאַרע [1]
און זינג זיך מיר א ליד פון זיך אַליין.
|: אוי, מײַן סטראַדאַניע ווייסט נאָר גאָט דעם עמעס,
אוי, מײַן סטראַדאַניע ווייסט נאָר ער אַליין. :|

2. שפּאַצירן זײַנען מיר ביידע געגאַנגען,
אַרום און אַרום דעם קײַלעכדיקן וואָקזאַל —
|: אוי, צוגעשוווירן האָט ער מיר, אוי, מאַמע,
אַז איך וועל זײַן זײַן פרוי און ער מײַן מאַן. :|

[1] גיטאַרע.

3. שפּאַצירן זײַנען מיר ביידע געגאַנגען
ארום און ארום דעם גאָראָדסקוי שפּיטאָל —
‖: אַן אומכיין, מאַמעניו, האָט ער אָפּ מיר געוואָרפן,
אַן אומכיין, מאַמע, מאַמע, מיטאַמאָל. :‖

פּוסטילניק מ., בערשאַד, 1923. ערשטע שורע בא קאַ־
האַן III, ז. 51, נומ. 53.

## 40

וואַריאַנט

(קופּערשמיד ש.)

1. „אוי, שטיי שוין אויף, טאָכטער, פון דײַן געלעגער,
די גלאָז קאַווע שטייט שוין פאַרטיק געמאַכט".
„אוי, וואָס טויג מיר די קאַווע,
אַז טרינקען קאָן איך זי ניט,
פאַרליבט האָב איך זיך אין אַ שיין יינגעלע,
און סע גייט מיר קיין עסן שוין ניט".

2. שפּאַצירן זײַנען מיר געגאַנגען
ארום דעם גרויסן וואָקזאַל.
דאָרטן האָט ער מיר זײַן האַנט געגעבן,
אַז איך וועל זײַן זײַן פרוי און ער מײַן מאַן.

3. שפּאַצירן זײַנען מיר געגאַנגען
ארום און ארום דעם ייִדישן שפּיטאָל,
אַן אומכיין האָט ער אָפּ מיר געוואָרפן,
אַן אומכיין, מאַמע, מיטאַמאָל.

4. יענע סיטקע[1] איז שוין פאַרוואַקסן געוואָרן,
וואָס מיר פלעגן ביידע שפּאַצירן גיין,
מײַן פּנים איז מיר שוואַרץ געוואָרן, ווי אַ האָלעוועשקע קויל,
דאָס האַרץ צעגייט מיר פּאַשעט פאַר געוויין.

---

1 סיטקע — אַ געסל.

5. איך זיץ מיר און שפּיל אַף דער גיטאַרע
און זינג די לידער פֿון זיך אַליין,
און קיינער ווייסט ניט וואָס אין האַרצן טוט זיך,
נאָר איך און דו אַליין.

בעלאַצערקווע, 1929.

## 41

1. כ'האָב געסטרויעט אַ מויער
פֿון פֿינף עטאַזש די הויך —
אין מײַנעם האַרצן ברענט אַ פֿײַער
און עס זעט זיך ניט קיין רויך.

כ'האָב פֿאַרלאָרן מײַנע יונגע יאָרן,
אומזיסט איז געווען מײַן מיי.
צײַט וואָס איך האָב אָנגעוואָרן,
זיץ איך מיר און וויין.

2. איך גיי אַף גובערנאַטאָרסקע שפּאַצירן,
עס גייט מיר גאָר ניט אײַן,
אוי, ווו ביסטו, מײַן טײַערער לעבן,
איך קען אָן דיר ניט זײַן.
כ'האָב פֿאַרלאָרן מײַנע יונגע יאָרן... אאוו.

3. איך זיץ מיר אין טעאַטער
עס גייט מיר גאָר ניט אײַן, —
אוי, ווו ביסטו, מײַן טײַערער לעבן,
איך קען אָן דיר ניט זײַן.
כ'האָב פֿאַרלאָרן מײַנע יונגע יאָרן... אאוו.

4. איך הער די פֿייגעלעך זינגען,
דער זינגען גייט מיר גאָר ניט אײַן, —
אוי, ווו ביסטו, מײַן טײַערער לעבן,
איך קען אָן דיר ניט זײַן.
כ'האָב פֿאַרלאָרן מײַנע יונגע יאָרן... אאוו.

5. איך פאָר מיר אין א לאָדקע,
די לאָדקע גייט מיר גאָר ניט איַין —
אוי, ווו ביסטו, מיַין טיַיערער לעבן,
איך קען אָן דיר ניט זיַין.
כ'האָב פארלאָרן מיַינע יונגע יאָרן... אאוו.

6. איך זעץ זיך מיר עסן
דער עסן גייט מיר גאָרניט איַין, —
אוי, ווו ביסטו, מיַין טיַיערער לעבן,
איך קען אָן דיר ניט זיַין.
כ'האָב פארלאָרן מיַינע יונגע יאָרן... אאוו.

(מאטעריאלן פון דער היסט. עטנ. געזעלשאפט) וואר. קאהאן III, ז. 20, נומ. 10א, 10ב.

## 42

(ר יַי כ ש ט יי ן כ.)

1. די ליבע ברענט, די ליבע ברענט,
די ליבע טוט מיַין הארץ קאָכן,
מיַינע אויגן זיַינען טראָווערדיק,
מיַין הארץ איז מיר צעבראָכן.

2. דו האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט,
אז דו וועסט קומען אלעמאָל,
קראנק בין איך געוואָרן דורך דיר,
כ'בין אריַינגעפאלן אין א שפיטאָל.

3. סוינע מיַינער, סוינע מיַינער,
א סוינע ביסטו מיר דער גרעסטער, —
געהאלטן האָב איך דיך, געהאלטן האָב איך דיך,
פאר דעם פריַינט דעם בעסטן.

בערדיטשעוו, 1926.

## 43

(סקודיצקי ז.)

1. מײַן מאַמע האָט געזאָגט גיין און עס וואָלט באַדאַרפט זײַן גיין,
|: אַז איך זאָל מיט דעם זשוליק ניט גיין, — :|
איך בין מיט אים געגאַנגען און האָב זיך ניט באַטראַכט,
אַ טײל און טעל האָט ער פֿון מיר געמאַכט. :|

2. אוי, צי געדענקסטו, צי געדענקסטו, אָט דעם דאָנערשטיק
אָפּגעדרנאַכט,
|: ווען מיר האָבן געטאָן ביידע זיך באַקאַנען, :|
|: און הײַנט, דו באָסיאַק, דו גייסט זיך אַרום באַרימען,
אַז גייסט מיט מיר, און מיך וועסטו ניט נעמען. :|

3. דרײַ וואָכן דורכאַנאַנד בין איך געלעגן קראַנק,
|: און דו ביסט צו מיר איין מאָל ניט געקומען, :|
|: די בעסטע רעפֿוע וואָלט איך געווען געהאַט,
ווען דו וואָלסט געווען איין מאָל צו מיר קומען. :|

4. אוי, ווײ, צאָרעס, מאַמע, צאָרעס האָבן מיך אַרומגערינגלט,
אַזוי ווי דער באַנדער די פּאַס. —
|: אוי, הײַנטיקע ייִנגעלעך טאָר מען ניט גלייבן,
אַזוי ווי דעם הונט אַף דער גאַס. :|

שקאָלניק, קורסאַנט פֿון קיִעווער פּעדטעכניקום, אומאַן, 1925. וואַריאַנט צו דער לעצטער סטראָפֿע בא קאַהאַן I, ז. 116, נומ. 1.

## 44

1. שיין ביסטו, טײַער לעבן,
שיין ווי רענדל־גאָלד,
וויפֿל כאַסאַנים מע האָט דיר איבערגערעדט,
און מיר האָסטו געוואָלט.

איך וועל דיך האָבן צו געדענקען
ביז מײַן קייווער,
איך טו אַ קוק אַף דײַן שיינעם פּאָנעם,
שטאַרבט אין מיר אָפּ אַן אייווער.

2. שפאצירן זײַנען מיר געגאנגען,
איך א ווינט, אין א רעגן,
כ'האָב זיך פון דיר אָנגעזעגנט,
אוי, נאָר פון יענעמס וועגן.
איך וועל דיר האָבן צו געדענקען... אאוו.

3. שפאצירן זײַנען מיר געגאנגען,
אין א רעגן, אין א ווינט, —
כ'האָב זיך פון דיר אָנגעזעגנט,
ווי א מוטער פון א קינד.

איך וועל דיך האָבן צו געדענקען
ביז מײַן קײווער,
איך טו א קוק אף דײַן שיין פּאָנעם,
שטארבט אין מיר אָפּ אן אייווער.

(מאטעריאַלן פון דער היסט. עטנ. געז.)

## 45

א ליד פון א ליבע ליבשאפט.

1. דו ביסט מײַן ליכט און איך בין דײַן שײַן,
איך זע איבער דיר ניט קיין וועלט.
ביטער און פינצטער אזוי ווי די נעכט,
אזוי זײַנען מיר מײַנע טעג.

2. דרײַ פערטל יאָר איין ליבע געשפּילט,
מיר זײַנען געוועזן קעסיידער אין איין שטוב, —
בעטן בעט איך דיך, דושע לעבן,
באליידיקן זאָלסטו מיך ניט.

3. איך האָב דיר געשיקט גאנצ טײַערע פיש,
וואָס זיי זײַנען געוועזן געקאָכט אין איין פאן, —
קאָלע מעגלעכקײַטן וואָלט איך דיר געטאָן,
אבי דו זאָלסט זײַן מײַן מאן.

4. איך האָב דיר געשיקט א גאנצ טײַערנ רינג,
ער איז געוועזנ פונ גאָלע גאָלד,
גאָט אונ לײַט וואָלטנ אונדז מעקאנע געוועזנ,
מיר זאָלנ ביידע זײַנ א פּאָרפאָלק.

5. איך האָב פארלאָזט מײַנ פאָטער אונ מוטער,
איך האָב זיך פארזיכערט אפ דיר, —
יעצט איז מיר פינצטער אונ ביטער,
אז איך דערמאָנ זיך זײַנ אָנ דיר.

6. נא זשע דיר מײַנ טײַערע בילד אונ טראָג זי קעסיידער בא דיר,
ווענ דו וועסט זיך דערמאָנענ אינ מיר,
וועסטו א קוק טונ אפ איר,
זאָלסטו א קוק טונ אפ איר,
וועסטו זיך דערמאָנענ אינ מיר.

גענומענ פונ א האנטשריפטלעכער לידער־זאמלונג, וואָס געפינט זיך אינ ארכיוו פונ אונדזער סעקציע אונטערנ נומ. 213. זע ווײַטער, אינ די „באמערקונגענ און צוגאָבנ”, ז. 346־347.

## 46

(לעוויצקי א.)

1. דעמ ערשטנ אפדערנאכט
בינ איך אינ גאס ארויסגעגאנגענ, —
זיסיע איז געוועזנ מײַנער.
דעמ צווייטנ אפדערנאכט
איך בינ אינ גאס ארויסגעגאנגענ, —
זיסיע גייט שוינ מיט א נײַער.

2. „אוי, דו זיסיע, דו טײַערער זיסיע,
דו קערסט דאָך מיינענ עפּעס געלט.
ווארפ אוועק די צווייטע שיינע,
אונ איך זאָל האָבנ פאר דיר די זיסע וועלט”.

3. „די צווייטע שיינע וועל איך ניט בראָסיענ,
די כאסענע וועט זײַנ בא אונדז אינגיכנ,
זאָגנ זאָג איך דיר מיט ריינע ווערטער,
אז א צווייטנ זאָלסטו זיך שוינ זוכנ”.

שילער פונ אָוונטשול, באָסלעוו, 1930.

(קופערשמיד ש.)

1. אוי, בייס יויזעפל איז צו מיר אַרײַנגעגאַנגען,
דעמלט בייס קיינער איז ניט געווען,
צוגעזאָגט, ער וועט מיך נעמען,
איידעס זײַנען די ווענט געווען.

2. אוי, און בייס יויזעפל איז צו מיר אַרײַנגעגאַנגען,
דעמלט בייס קיינער איז ניט געווען,
אָנגעפאַנגען האָב איך אַף אים וויינען,
איז אים געוואָרן א פראגע.

3. „אוי, און וואָס וויינסטו, מײַן בלאָנדינעטשקע“, —
האָט זי אָנגעהויבן לאַכן, —
„וויין ניט, וויין ניט, מײַן בלאָנדינעטשקע,
איך וועל דיך נאָך גליקלעך מאַכן“.

4. „עפּשער יאָ, און עפּשער ניין,
און עפּשער זאָג איך אויך א ליגן,
נאָר מיר דאַכט זיך, מײַן טײַער יויזעפל,
דו האָסט א צווייטע געקריגן“.

5. „אוי, א צווייטע, אוי, א דושעטשקע,
שיין איז זי ווי די גאַנצע וועלט,
מיטן נאָמען הייסט זי רויז,
ווערט איז זי מיליאַרדן געלט“.

6. „אוי, און מײַן מאַמע פלעג מיר שטענדיק זאָגן,
— מײַן קינד, לאָז זיך אין אים ניט אַרײַן. —
זי פון זיך פלעג איך ווײַט פאַריאָגן,
אַף איר פלעג איך נאָך באַרויגעז זײַן“.

7. „אוי, ווער האָט דיר געהייסן זײַן א נאַר,
און דו זאָלסט גלייבן אינגאַנצן אין מיר.
ווי דו זעסט אָט דעם ציגאַר,
סייכל האָט ער מיין פון דיר“.

קופערשמיד ס., בעלאָצערקווע, 1927.

## 48

(גוטיאנסקי ב.)

1. „אוי, איכ זיצ מיר אפ מיַנ פענצטער,
אונ איכ קוק אפנ גרעזעלע דעמ גרינעמ, —
|: ט'זיכ אינ מיר איַינגעליבט אזא מיִעסער באָסיאק,
אונ וויל שוינ מער צו מיר ניט קימענ". :|

2. „אוי, אונ אז דו זאָגסט, אז איכ בינ א באָסיאק,
וויל איכ, אז דו זאָלסט מיכ דערקענענ.
|: אונ אָט דאָס בלוזקעלע, וואָס דו גייסט אָנגעטאָנ,
וויל איכ דאָס נאָכ בא דיר אָפּנעמענ". :|

3. „אוי, אונ אָט דאָס בלוזקעלע, וואָס איכ גיי אָנגעטאָנ,
וועל איכ דאָס דיר אליינ אָפּגעבנ.
|: איכ דאנק דיר, גאָט, וואָס כ'בינ פונ אזא באָסיאק ארויס,
איכ דאנק דיר גאָט, וואָס מיטנ לעבנ". :|

גיטעלמאנ, קורסאנטנ פונ קיִעווער פעדטעכניקומ, בער־
דיטשעוו, 1925.

## 49

(רײַכשטיינ ב.)

1. איכ הייב זיכ אָנ צו באדענקענ,
אזוי ווי איכ בינ געוועג געזונט אונ שיינ,
היַינט בינ איכ מאָלע צאָרעס,
אינ מיַינעמ הארצנ ליגט א שווערער שטיינ.

2. אוי, איז ער שווער, אוי, איז ער שווער,
איכ קאָנ אימ פּאָשעט ניט דערטראָגנ.
א גרויסער ווייטעק אינ מיַינעמ הארצנ,
אונ איכ קאָנ פאר קיינעמ ניט אויסזאָגנ,

3. דערציילנ פאר א סוינע איז דאָכ ניט גוט,
אונ פארנ בעסטנ פריַינט איז דאָכ שלעכט.
נאָר איינ גאָט ווייסט דעמ עמעס,
אז איכ ליג אפנ טויטנ בעט אונ קרעכצ.

בערדיטשעוו, 1926

# 50

(רײַכשטיין כ.)

1. אוי, איך זיץ מיר בא מײַן ארבעט און ארבעט,
מײַנע גרויסע צאָרעס זעט קיינער ניט ארויס,
וויאזוי זאָל איך ניט וויינען און ניט קלאָגן,
אז מײַן שיינער שײַקע שיט מיך שוין ארויס.

2. איך און שײַקע בין אפּ א כאסענע געגאנגען,
און מײַן מאמע זי האָט אים צום ערשטן מאָל געזען,
אפּ א ווינק האָט זי מיך אוועקגערופן:
„אוי, זע, אידאסי, מיט וועמען דו טוסט גיין".

3. „מיט וועמען איך טו גיין זאָל ניט זײַן דײַן אייסעק,
און קיין דייעס, מאמע, פרעג איך ניט בא דיר,
אז איך וועל דארפן פאר שײַקען א קאַלע ווערן,
קומען פרעגן וועל איך ניט בא דיר."

4. אין די גרעסטע שנייען, אין די גרעסטע זאווערוכעס,
מיט דיר צו גיין בין איך ניט געווען פויל,
אוי, הײַנט טוסטו מיך באַליידיקן,
אז בא אַלע באַסיאַקעס ליג איך שוין אין מויל.

גאָלדפעלד ציוויע, שנײַדערן, בערדיטשעוו, 1926.

# 51

(רײַכשטיין כ.)

וואריאנט

1. איך זיץ מיר בא מײַן ארבעט און איך ארבעט,
מײַנע גרויסע צאָרעס זאָג איך קיינעם ניט ארויס.
וויאזוי זאָל איך ניט וויינען און קלאָגן,
אז מײַן שיינער שײַקע שיט מיך שוין ארויס.

2. אוי, ווינטער אין די גרויסע שנייען און זאווערוכעס
מיט מײַן שיינעם שײַקע גיין האָב איך זיך ניט געפוילט.
און הײַנט האָט ער דאָך מיך אזוי אָבידיעט,
אז ווי א גאָלע גאָרניט האַלט דאָך מיך אין מויל.

3. נאָר ווי שײַקע איז דאָס ערשטע מאָל צו מיר אַרײַנגעקומענ,
און מײַנ מאַמע האָט אים דאָס ערשטע מאָל דערזענ,
אַפּ א סאָד האָט זי זיך מיר אוועקגערופנ:
„איך זאָג דיר, מײַנ קינד, אַז דו זאָלסט מיט אים ניט גײנ".

רײַכשטײנ פײגע, ארבעטערנ, בערדיטשעוו, 1927.

## 52

(קופּערשמיד ש.)

1. זיצנ זיצ איך בא מײַנ ארבעט,
|: און ס'האָט א ווײ געטונ א קילער ווינט,— :|
ווי דערלעב איך שוינ מײַנ ארבעט אָפּצוקאָנטשענ
און זיך זעג גיכער מיט דיר.

אוי, צוגעזאָגט — שײנ און פײַנ,
אָנ קײנ נאדנ קאָנ ניט זײַנ,
|: גײ איך מיט דיר ניט גוליאיענ: |

2. זיצנ זיצ איך בא מײַנ ארבעט,
|: און דענקענ דענק איך יעצט וועגנ דיר: |
ווי דערלעב איך שוינ מײַנ ארבעט אָפּצוקאָנטשענ
און זיך זעג גיכער מיט דיר.

|: אוי, צוגעזאָגט, אפּדערנאכט,
מיט א צווײטער פארבראכט,
אוי, ביסטו א זשוליק, א באָסיאַק. :|

קרוגליאק מ., בעלאָצערקווע, 1926.

## 53

(סקודיצקי ז.)

1. „וואָס טויג מיר מײַנ שײנער ווײַנגאָרטנ,
אַז פלאנצנ קאָנ איך אים ניט,
וואָס טויג מיר מיט דיר א ליבע שפּילנ,
אַז נעמענ זיך קאָנענ מיר ניט".

2. „איך קאָן פאַר דיר קיין כאָסן ניט ווערן,
איך קאָן דיר ניט פאַרדרייען דעם קאָפּ.
דו ביסט אַ מיידעלע צו לײַטן,
און איך דאַרף נאָך זײַן אַ סאָלדאָט".

3. „דרײַ יאָר וועל איך אויף דיר וואַרטן,
און פינף איז אויך באַ מיר קעדײַ.
געלט אין פּאַקעט אַרײַן וועל איך דיר שיקן,
כ'וועל זיך מוטשען באַ מײַן ווייסן שנײַדערײַ".

4. „איך קאָן דאָך דיר, דושעניו, ניט נעמען.
איך האָב אַן עלטערע שוועסטער פון זיך.
איך קאָן פאַר דיר קיין כאָסן ניט ווערן,
דו שטייסט ניט אָן מײַן מאַמען פאַר קיין שניר".

5. „דײַן מאַמע מיינט, אַז זי וועט נעמען נאַדן
און מיטן נאַדן וועט זי ווערן רײַך, —
זי קאָן דאָך נאָך, אוי, וויי, מעשוגע ווערן
און אַרומלויפן מיט אַלע מעשוגאָיִם גלײַך.

6. אין גאָספּיטאַל וועט די מאַמע דײַנע ליגן,
דאָס צווייטע בעטעלע זאָל שטיין אַרום דיר.
אַז איך וועל קומען צו אײַך געוואָר ווערן,
זאָל זי זיך מוידע זײַן, אַז דאָס צאָלט איר גאָט פאַר מיר".

7. „אוי, הער שוין אויף מײַן מאַמע צו שעלטן,
זי האָט דיר דײַן וועג ניט פאַרשטעלט, —
וואָס זאָל איך טאָן, איך האָב אַ שלעכטן טאַטן,
ער הייסט מיר נעמען אַ שיין מיידעלע מיט געלט".

8. „געליימט זאָל דײַן טאַטע ווערן,
געליימט זאָל ער ווערן אויף אַלע פיר,
און אַז איך וועל קומען צו אים געוואָר ווערן,
זאָל ער זיך מוידע זײַן, אַז דאָס צאָלט אים גאָט פאַר מיר.

9. אוי, וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך בין ניט קיין שיינע,
צי דאַרף איך דען ניט ווייסן פון קיין וועלט?

וואָס זאָל איך טאָן, אז איך בין א געמיינע
און כ'האָב דיר ניט צו געבן קיין געלט?"[1]

10. „אוי, האָדי שוין, טרייסט מײַנע, צו וויינען,
נעם ניט די נעשאָמע פון מיר.
איך שווער דיר, מײַן טײַער זיס לעבן,
אז איך בלײַב שוין אף אייביק מיט דיר.

11. אוי, האָדי שוין, דושעניו, צו וויינען,
דו ווייסט דאָך שוין העכער א האלבע שו, —
ויש שוין אָפּ די טרערן פון דײַנע אויגן,
פארבלײַבסט שוין אף אייביק מײַן פרוי".

יאנאָווסקי כאנע, סטודענטן פון פעדטעכניקום, קיִעוו 1925. וואר. קאהאן I, ז. 140, נומ. 14.

## 54

(קופערשמיד ש.)

1. „אוי, בלינד בין איך שוין געוואָרן,
אף מײַנע אויגן זע איך שוין ניט,
אז איך דערמאָן זיך, אז דו דארפסט צום קייסער דינען גיין,
ווערט אנטפאלן אין מיר דאָס געזונט.

2. א לייטערל צום הימל וועל איך שטעלן,
און וועל ארופקריכן צו גאָט,
איינע צוויי ווערטער וועל איך בא אים פרעגן,
פארוואָס מײַן שיינער דארף זײַן א סאָלדאָט".

3. „אזא מין לייטער קאָנסטו ניט קריגן,
א סאָלדאט בין איך שוין סײַ-ווי-סײַ,
נאָר גיעוזשעלי ביסטו אזא מין מיידל,
וואָס קאָנסט אף מיר ניט ווארטן א יאָר דרײַ?"

4. „דרײַ יאָר קאָן איך אף דיר ווארטן,
אפילע צען יאָר איז אויך קעדײַ,

[1] אין א צווייטן וואריאנט „צי דארף איך גיין א יונגע פון דער וועלט".

נאָר דו אַליינ, דו ווייסט דעמ גאַנצנ עמעס,
ווי שווער סע איז צו נייענ שנײַדערײַ.

5. פונ מײַנע ליפּעלעכ וועט דאָכ ווערנ פּאַפּיר,
פונ מײַנע הייסע טרערנ וועט דאָכ ווערנ טינט,
אונ פונ מײַנע פינגער וועט דאָכ ווערנ פּענעס,
שרײַבנ וועל איכ צו דיר אָפּטע בריוו".

6. א פּאָדרוגע האָב איכ געהאַט איינע,
זי האָט פונ אַלע מײַנע סעקרעטנ געוווּסט,
א קלאַנג האָט זי ארויסגעגעבנ אפ שטאָט,
אז מײַנ סטראַדאַניע איז געווענ אומזיסט.

גלוכאָווסקע, טאַראַשטשע, 1928. וואַר. צו דער פינפטער סטראָפע זע ג.מ. ז. 169, נומ. 210, קאַהאַנ I, ז. 158, נומ. 22, קאַהאַנ II, ז. 15, נומ. 1.

## 55

(לעוויצקי א.)

1. „דער זייגער האָט צוועלף געשלאָגנ,
ס'איז שוינ שפּעט ארומ האַלבער נאַכט,
|: מײַנ קאָפּ איז מיר פונ צאָרעס דערשלאָגנ
פונ דער צײַט, וואָס דו האָסט מיכ אומגליקלעכ געמאַכט. :|

2. פונ דער צײַט, וואָס דו האָסט מיכ אומגליקלעכ געמאַכט,
אוי, האָסטו מיר צוגעזאָגט גילדענע בערג,
|: פונ דער צײַט, וואָס דו האָסט מיכ אומגליקלעכ געמאַכט,
האָב איכ בא קיינ שומ מענטשנ ניט קיינ ווערט. :|

3. אונ, אז דו האָסט זיכ געדאַרפט פּרידזיווײַענ,
בינ איכ געלאָפנ אונ האָב געבעטנ גאָט,
|: אונ הײַנט, אז דו האָסט זיכ פונ דינענ אָסלאַבאָדיעט,
האָסטו אפ אַלעס כאַראָטע געהאַט". :|

4. „אוי, וואָס נעמסט זיכ אזוי איבער מיט דײַנ שיינקײַט,
דו מיינסט, אז מיט שיינקײַט לעבט מענ אויס די וועלט...
|: אוי, איכ בינ א ייִנגעלע פונ פּאַניענ,
אונ איכ קאָנ זיכ נעמענ א מיידעלע מיט געלט". :|

5. „איך נעם זיך גאָר ניט איבער מיט מײַן שײנקײַט,
איך ווייס, אז ס'איז דאָ שענערע פון מיר.
‖: נאָר איינ זאַך קאָנ איך בא זיך ניט פּועלן,
אז איך זאָל זײַן קלענער פון דיר. :‖

6. אוי, אז דו זאָלסט אקעגנ מיר שטאָלצירנ,
איז זיך מיר מײַנ ווייטעק זייער גרויס, —
‖: יעצט זאָג איך דיר די לעצטע פּאָר ווערטער,
אונ אפ אייביק איז אונדזער ליבע אויס". :‖

7. „אוי, האָדי, דושעניו, צו וויינענ.
דו ווײנסט שוינ אריבער א שו.
אוי, וויש זיך אויס די טרערנ פונ די אויגנ,
אפ אייביק פארבלײַבסטו מײַנ פרוי".

באָסלעוו, 1930, וואר. צו דער לעצטער סטראָפע—צטשר. II—III, ז. 824, נומ. 70.

## 56

(סקודיצקי ז.)

1. ווער קאָנ א פײַער אָפּלעשנ,
עס העלפט ניט קיינ בראָנפנ, ניט קיינ ספּירט,
עס גייט מיר ניט קיינ טרינקענ אונ ניט קיינ עסנ,
מײַנ ויסטע ליבע, ווי זי האָט מיך פארפירט.

2. איך גיי מיר ארויס אינ־גאס,
טראָווערדיק אונ איינער אליינ.
ער איז אוועק מיט איינ צווייטער שפּאצירנ,
קעדיי מײַנ הארצ זאָל אינ מיר צעגיינ.

3. איך גיי מיר ארײַנ אינ מײַנ צימער,
אונ קאָמ וואָס מע הערט מײַנע טריט;
מײַנע געדאנקענ, זיי קערנ זיך מיר איבער,
אונ אנשלאָפנ ווערנ לאָזט דאָס מיר ניט.

4. ער איז געפאָרנ א כאָסנ צו ווערנ,
ס'זאָל אים זײַנ אָנ מאזל אונ אָנ גליק,

ער זאָל נאָך דעם שידעך אָפּלאָזן,
און קומען בעטן זאָל ער זיך צוריק.

5. אַפֿן קנאַסמאָל האָט ער מיך ניט גערופֿן,
איך בין געגאַנגען איינער אַליין.
פֿיל מענטשן האָבן געוויזן מיט די פֿינגער,
אַז אָ דאָס בין איך זײַן קאַלע געווען.

6. ווי מע האָט גענומען די טנאָים צו שרײַבן,
האָט קיינער מײַן פּאָנעם ניט דערקענט,
א פֿײַנעם מאַזלטאָוו האָב איך אים אָפּגעגעבן,
און אין מײַן האַרצן האָט א פֿײַער געברענט.

7. ווער קען מײַן פֿײַער אָפּלעשן,
מײַן פֿײַער, וואָס מע זעט ניט קיין פֿלאַם, —
ער וועט נאָך פֿון איינ לעבן וויסן,
און אַף מיר וועט אינגיכן שטיין א צאַם.

יאַנאָווסקי כאַנע, סטודענטן פֿון פּעדטעכניקום, קיעוו, 1925. וואר. באַסטאָמסקי, ז. 62, נומ. 14.

## 57

(סקודיצקי ז.)

1. „קראַנק בין איך קראַנק,
כ'ליג אין א טיפֿער קרענק —
|: שיקט מיר אַרײַן מײַן געליבטן
נאָך דעם, וואָס איך בענק. :|

2. שלאָף בין איך שלאָף,
כ'ליג אין די גרויסע היצן —
|: שיקט מיר אַרײַן מײַן געליבטן,
זאָל ער לעבן מיר זיצן". :|

3. „זיצן קען איך לעבן דיר,
נאָר טרייסטן קען איך דיך ניט.
|: כ'האָב זיך פֿאַרליבט אין א שענער מיידעלע,
און דיך באַדאַרף איך שוין ניט". :|

4. „שענער איז זי ניט,
קלוגער אוואדע ניט,
|: גאָט זאָל איר העלפֿן פֿיר יאָר סטראַדײַען
און דער סאָף זאָל איר אויסגיין ווי מיר. :|

5. שפּאַצירן זײַנען מיר געגאַנגען
אויפֿן אײַזערנעם בריק.
|: אַלע מיידעלעך גייען גולײַען,
און איך גיי שוין צוריק. :|

6. שפּאַצירן זײַנען מיר געגאַנגען
אויפֿן גרינעם גראָז,
|: אַן אומכיין האָסטו אויף מיר געוואָרפֿן,
כ'ווייס ניט פֿאַרוואָס און פֿאַרוואָס״ :|

פּעלדמאַן ס. ראַדאָמיסל, 1923. וואַריאַנט פֿון דער 6־טער
סטראָפֿע בא ג.מ. ז. 115, נומ. 144.

## 58

וואַריאַנט (קופּעשמיד ש.)

1. קראַנק בין איך מיר קראַנק,
איך ליג מיר אויף גרויסע היצן,
שיקט מיר אַרײַנרופֿן מײַן טײַער לעבן,
לאָז זי אַ קאַפּעלע זיצן.

2. „זיצן קאָן איך נישט לעבן דיר
און טרייסטן קאָן איך דיך ניט.
איך האָב שוין אַ שענערן,
איך האָב שוין אַ קלוגערן,
און דיך דאַרף איך שוין ניט״.

3. „אוי, שענער קאָן עפּשער זײַן,
נאָר קלוגער פֿון מיר איז ער ניט,
אַז גאָט וועט אים ברענגען צו מײַנע היצן,
פֿיל ערגער וועט אים זײַן פֿון מיר״.

4. שפאצירן זײַנען מיר געגאנגען
פארבײַ דאָס בינטעלע היי —
|: אוי, דאָרט זײַנען מיר זיך ביידע צעגאנגען,
אזוי ווי די טײַבעלעך צוויי. :|

5. ארום דעם אײַזערנעם בריק
זײַנען מיר שפאצירן געגאנגען,
און דו שלעפסט מיך שוין צוריק.
|: אלע טאָווארישטשעס זײַנען שפאצירן געגאנגען,
און דו שלעפסט מיך שוין צוריק. :|

בעלאָצערקווע, 1927

## 59

1. לאָמיר, דושע-לעבן, אלע זאכן אָטסטאווען,
און לאָמיר אָנהייבן שמועסן פון דער אלעף.
זינט מיר האָבן זיך, דושע, ליב באקריגן (!),
האָסטו מיך געקוילעט אָן איין כאלעף.

צאָרעס גרויסע, צאָרעס מײַנע,
צאָרעס אָן א שטראָף (!),
באטאָג נעמט מיך ניט קיין עסן,
אוי, באנאכט — קיין שלאָף.

2. לאָמיר, דושע-לעבן, די אלעף אויך אָטסטאווען,
און לאָמיר אָנהייבן שמועסן פון דער בייז.
זינט מיר האָבן זיך, דושע, ליב באקריגן,
איז דער צאָרן זייער גרויס.
צאָרעס גרויסע, צאָרעס מײַנע... אאוו.

3. לאָמיר, דושע-לעבן, די בייז אויך אָטסטאווען,
און לאָמיר אָנהייבן שמועסן פון דער גימל,
זינט מיר האָבן זיך, דושע, ליב באקריגן,
איז אראָפּ איין גזאר פון דעם הימל.
צאָרעס גרויסע, צאָרעס מײַנע... אאוו.

4. לאָמיר, דושע־לעבן, די גימל אויך אָפּשטעלן,
און לאָמיר אָנהייבן שמועסן פֿון דער דאַלעד.
זינט מיר האָבן זיך, דושע, ליב באַקריגן,
האָסטו מיר דעם קאָפּ פֿאַרוואַליעט.
צאָרעס גרויסע, צאָרעס מײַנע... אַאוו.

5. לאָמיר, דושע־לעבן, די דאַלעד אויך אָפּשטעלן,
און לאָמיר אָנהייבן שמועסן פֿון דער היי.
זינט מיר האָבן זיך, דושע, ליב באַקריגן,
לעבן מיר זיך אַזוי־ווי טײַבעלעך צוויי.
צאָרעס גרויסע, צאָרעס מײַנע... אַאוו.

6. לאָמיר, דושע־לעבן, די היי אויך אָפּשטעלן,
און לאָמיר אָנהייבן שמועסן פֿון דער וואָוו.
זינט מיר האָבן זיך, דושע, ליב באַקריגן,
בין איך געוואָרן אַלט און גראָוו.
צאָרעס גרויסע, צאָרעס מײַנע... אַאוו.

7. לאָמיר, דושע־לעבן, די וואָוו אויך אָפּשטעלן,
און לאָמיר אָנהייבן שמועסן פֿון דער זײַען.
זינט מיר האָבן זיך, דושע, ליב באַקריגן,
איז אַראָפּ איין גזאַר מינאַשאָמאַיִם.
צאָרעס גרויסע, צאָרעס מײַנע... אַאוו.

8. לאָמיר, דושע־לעבן, די זײַען אויך אָפּשטעלן,
און לאָמיר אָנהייבן שמועסן פֿון דער כעס.
זינט מיר האָבן זיך, דושע, ליב באַקריגן,
איז מײַן האַרץ געוואָרן אַזוי־ווי איין פֿרעס.
צאָרעס גרויסע, צאָרעס מײַנע... אַאוו.

9. לאָמיר, דושע־לעבן, די כעס אויך אָפּשטעלן,
און לאָמיר אָנהייבן שמועסן פֿון דער טעס.
זינט מיר האָבן זיך, דושע, ליב באַקריגן,
בין איך געוואָרן אַזוי־ווי איין מעס.
צאָרעס גרויסע, צאָרעס מײַנע... אַאוו.

10. לאָמיר, דושע־לעבן, די טעס אויך אָפּשטעלן,
אַן לאָמיר שמועסן פֿון דער יוד.

זינט מיר האָבן זיך, דושע, ליב באַקריגן,
בין איך געוואָרן אין גרוב פאַרשיט.
צאָרעס גרויסע, צאָרעס מײַנע... אַאוו.

דאָס דאָזיקע ליד האָבן מיר גענומען פון דער האַנט־שריפטלעכער לידער־זאַמלונג פונעם אַרכיוו פון אונדזער סעקציע נומ. 214 (זע ווײַטער, אין די „באַמערקונגען און צוגאָבן”, ז. 340־344). וואַריאַנט — באַסטאָמסקי, ז. 63, נומ. 75.

## 60

(רײַכשטײַן כ.)

1. מײַן מאַמע זאָגט מיר הײַנט,
מײַן שײנער האָט מיך פײַנט.
איך האָב זיך גראַדע אַ שענערן,
דער שײנער טוט מיר באַנק.

2. פאַר זײַן שײנעם שטאָלץ
האָב איך אים געוואָלט,
און פאַר זײַן שײן פּענעמל
ווער איך גראָוו און אַלט.

3. איך שטײ מיר אויף גאַנץ פרי
און קעם מײַן קוטשער צו,
איך דינג מיר אַ בריטשקעלע
און פאָר זיך צ׳״ן אים צו.

4. איך פאָר זיך צ׳״ן אים צו
און טרעף אים בײַ דער טײ,
ער גיט אַ מאַך מיט דעם קעפּעלע:
„סטופּײַ דאָמוי סקאָרײ”.

רײַכשטײַן פײגע, אַרבעטערין, בערדיטשעוו, 1926.

## V. פּאַסירונגען און געשעענישן

### 61

(בערעגאָווסקי ב.)

1. „אוי, א כאָלעם האָט זיך מיר געכאָלעמט,
אוי, א שלעכטער כאָלעם האָט זיך מיר אויסגעדאכט,
אז מײַן געליבטער, אוי, ליבט א צווייט מיידעלע,
און פון מיר האָט ער כויזעק געמאכט".

2. „אוי, אין קיין כאָלעם טאָר מען, מײַן קינד, ניט גלייבן,
ווײַל א שלעכטער כאָלעם פירט אראָפּ פון וועג,
און מאָרגן אינדערפרי וועלן מיר צום רעבן פאָרן,
און דער רעבע ט'אויסלייגן דעם כאָלעם צו גוט".

3. „אוי, וויאזוי זשע וועט מיר דער רעבע העלפן?
צי געבן וועט ער מיר דען דעם, וואָס איך האָב ליב?
אוי, צו דעם, וואָס איך האָב ליב, וועל איך זיך לאָזן פאָרן,
און קומען וועל איך גלײַך צו אים אין שטיב".

4. איך האָב זיך שוין געלאָזט אין וועג ארײַן פאָרן,
און געפאָרן בין איך דאָך אכט טאָג דורכאנאנד,
און אין וואָס פאר א שטעטעלע איך בין ארײַנגעפאָרן,
איז מיר אויסגעקומען אויסשטרעקן די האנט.

5. „שענקט זשע, מענטשן, שענקט זשע א נעדאָווע,
שרעקלעכע נויט,
און דערעכ[1] א ליבע בין איך א פארפאלענע,
שענקט זשע, מענטשן, אפּ א שטיקעלע ברויט".

---

1 דורך, צוליב

6. „וואָס זשע גייט איר אזוי אָפּגעריסן?
פארוואָס זשע שעמט איר זיך ניט אויסשטרעקן די האנט?
און ווער איר זענט און וואָס איר זענט דארף איך
דאָך שוין וויסן,
ווײַל אײַער פּאָנעם איז מיר שטארק באקאנט".

7. „איך אליין בין א געבוירענע אָדעסער,
בא מײַנע עלטערן האָב איך געוואקסן גליקלעך און רײַך.
און דערעך א ליבע בין איך א פארפאלענע,
און א נעדאָווע בעט איך בא אײַך".

8. „אוי, איך האָב א פרוי מיט צוויי קינדער,
און דאָס דריטע דארף אָט, אָט, אָט זײַן,
איך וועל פארלאָזן מײַן פרוי מיט די קינדער,
און דו וועסט מײַן געליבטע זײַן".

9. „אוי, פארלאָז ניט דײַן פרוי מיט די קינדער,
און לעב זיך מיט איר גליקלעך דײַנע יאָר,
און דערעך דיר בין איך א פארפאלענע,
און מוטשען וועל איך זיך שוין אלע מײַנע יאָר".

לעשנער דינע, בערשטערן, אָדעס, 1930.

## 62

(קופּערשמיד ש.)

1. „שוין דרײַ יאָר, אז איך שפּיל א ליבע,
פון אונדזער ליבע קאָן זיך גאָרניט זײַן,
ווײַל דײַן מאמינקע גייט ארום און שעלט מיך,
קיין אָרעמע מיידל פאר קיין שנור וויל זי ניט.

2. מאָרעצ, מײַן געליבטער מאָרעצ,
דו וועסט באדאָווערן אלע מײַנע רייד,
דו ווייסט, אז דו קענסט קיין ליבע ניט שפּילן,
וואָס האָסטו מיר אזוי מײַן קאָפּ פארדרייט.

3. מאָרעצ, איך בין דיר ניט מויכל,
און גאָט אין הימל זאָל דיר אויך ניט מויכל זײַן,

ווי א נעקאָמע זאָל איך אין דיר דערלעבן,
און צו מײַן טיר בעטלען זאָלסטו גיין".

4. „שענקט א נעדאָווע, ליבע מענטשן,
די, וועלכע איר (!) שטייט איצט בא אײַער טיר,
און פאַר דערפאַר זאָל אײַך גאָט העלפן,
די, וועלכע איר האָט ראכמאָנעס אפ מיר".

5. „וואָס גייט איר די קליידער אָפּגעריסן,
וואָס שעמט איר זיך ניט אויסשטרעקן די האנט,
ווי א נײַגעריקע בין איך זשעדנע צו וויסן,
וויאזוי סע הייסט דאָך אײַער פאָטערלאנד".

6. „מײַן פאָטערלאנד קען איך אײַך ניט זאָגן,
ווײַל דאָס הארץ טוט אין מיר צעגיין,
דורך א געליבטער בין איך פארטריבן געוואָרן,
דורך א געליבטער טו איך בעטלען גיין".

7. „מאָרעצ, איך טו דיך דערקענען,
נאָר דו דערקאָנסט מיך ניט,
ווי א פײַער טוט אין מײַנעם הארצן ברענען,
נאָר כאסענע האָבן פאר דיר קען איך שוין ניט".

8. „מוטער, מײַן געטרײַע מוטער,
מיט וואָס זאָל איך מאָרעצן אזוי באהילפיק זײַן?
פאר א באדינער וועל איך אים צונעמען,
פאר א באדינער וועט ער בא מיר זײַן".

דינער ריווע, שילערן פון ליקפונקט, בעלאָצערקווע, 1926.

## 63

ווארִיאנט

(גוטיאנסקי ב.)

1. וויאזוי איך הער א לירניק שפּילן,
ארויסגעגאנ בין איך אקעגן אים.
|: פינצטער איז מיר אין מײַנע אויגן געוואָרן,
אז איך האָב אים פאר א מײַל דערקענט. :|

2. „פונוואנעט זײַט איר, יונגערמאנ,
פונוואנעט איז אײַער פּאָטערלאנד?
: דערעכ וואָס גייט איר אָפּגעריסנ
און דערעכ וואָס שטרעקט איר אײַער האנט". :

3. „פונוואנעט איז מײַנ פּאָטערלאנד —
אָ דאָס איז פאר מיר א שאנד.
: דערעכ א ליבע גיי איכ אָפּגעריסנ
אונ דערעכ א ליבע שטרעק איכ אויס מײַנ האנט". :

4. „וויפל האָב איכ גאָט געבעטנ,
אז דו זאָלסט ארומגיינ אפ א פרעמדער טיר
: אונ הײַנט טוסטו אפ מײַנ שוועל שטיינ,
דו שטרעקסט זיכ אויס דײַנ האנט צו מיר". :

5. „פונוואנעט זײַט איר, יונגע פרײַלנ,
וואָס טוט זיכ אזוי נויקעמ זײַנ אינ מיר?"
„אָ דאָס בינ איכ דײַנ געליבטע סאָרע,
וואָס מיר האָבנ זיכביידע געליבט מיט דיר".

6. „לאָמירביידע טרינקענ בראָנפנ,
לאָמיר ביידע טרינקענ ביר.
אָ דאָס בינ איכ דער געליבטער דײַנער,
וואָס דארפ זיכ אומקערנ צו דיר".

מאטעכינ יעכיעל, סאבאליווקע, 1925. זע ווײַטער, אינ
די „באמערקונגענ אונ צוגאָבנ", ז. 348.

## 64

(סקודיצקי ז.)

1. דאָנערשטיק אפדערנאכט איז פיציע אינ דער היימ געזעסנ,
א גוטע זשארקאָיע האָט ער דאָרטנ געגעסנ,
: א זשארקאָיע גענעסנ אונ בראָנפנ געטרונקענ—
„איצט גיי איכ ראָכלענ פונ דער וועלט אומברענגענ". :

2. „ברודער, ברודער, וואָס ווילסטו דאָס טאָן,
אוא מ׳ין שיינ מיידל א מ׳סע אָנטאָנ״.
|: „שוועסטער, שוועסטער, אז דו זאָלסט עס זאָגנ,
די צאָרעס פונ ראָכעלען איז ניט איבערצוטראָגנ״. :|

3. ווי ראָכעלע האָט גענומענ אירע האָר צו פארקעמענ,
איז אָנגעקומענ פיציע דאָס לעבנ בא איר נעמענ.
|: „ראָכעלע, ראָכעלע, לאָז שוינ זיינ אנ עק,
פארנעמ דיינע זאכנ אונ לאָמיר ביידע אוועק״. :|

4. ווי ראָכעלע האָט אימ געענטפערט א פראָטיוונע וואָרט,
האָט ער ארויסגעכאפט דעמ רעוואָלווער אונ זי געשאָסנ אפנ אָרט.
|: ער האָט זי געשאָסנ, זיינ הארצ ניט געקילט,
ארויסגעכאפט דעמ קינזשאל אונ אינ איר הארצ אריינגערוקט. :|

5. באלד האָט מענ געגעבנ אינ פאָליציע א זוואָנאָק,
אז ראָכעלענ אינ באָלניצע אונ פיציענ אינ אָסטראָג.
|: אזוי האָט מענ געגעבנ אינ פאָליציע א זוואָנאָק,
אז ראָכעלענ אינ באָלניצע, אונ פיציענ אינ אָסטראָג. :|

6. ווי מע האָט גענומענ ראָכעלענ צו טראָגנ,
איז אָנגעקומענ פיציע א פאָר ווערטער צו זאָגנ. —
|: „אוועק דו מערדער, אוועק דו באָסיאק,
דו האָסט מיכ געשאָסנ אונ א קינזשאל אינ דער זייט״. :|

7. ווי מענ האָט גענומענ פיציענ צו פירנ,
זיינענ אָנגעקומענ אלע טאָווארישטשעס אנטקעגנ.
|: „אוועק, טאָווארישטשעס, גייט אוועק פונ מיר,
כ׳האָב געשאָסנ מיינ געליבטע, עס קומט מיר סיביר״. :|

שקאָלניק, קורסאנט פונ קיעווער יידפעדטעכניקומ,
אומאנ, 1925.

וואַריאַנט

(רײַכשטײן פּ.)

1. פרײַטיק אינדערפרי בא דער שוועסטער געזעסן,
באַ דער שוועסטער געזעסן א זשאַרקאָיע געגעסן,
א זשאַרקאָיע אופגעגעסן, א ביסל בראָנפן פאַרטרינקען,
און יעצט דאַרף מען גיין ראָכעלען אומברענגען.

2. „גיין, מײַן ברודער, גיי ניט אהין,
ווײַל ראָכעלע איז דאָך א שיינ קינד“.
„גיין, מײַן שוועסטער, דו טאָרסט דאָס מיר ניט זאָגן,
ווײַל פון ראָכעלעס צאָרעס קאָן איך ניט איבערטראָגן“.

3. ווי איך בין נאָר צו ראָכעלען אין שטוב אַרײַנגעקומען,
איז ראָכעלע געשטאַנען באַ דעם שפּיגל פאַרנומען,
דעם קאָפּ זיך געקעמט און א לאָק זיך געמאַכט,
און איך האָב זי באַלד פאַרטיק געמאַכט.

4. איך בין נאָך געשטאַנען, א מינוט נאָך געטראַכט,
האָט זי באַלד א פרעג געטאָן פאַרטראַכט,
זי האָט א קוק געטאָן אין שפּיגל, צי דער לאָק ליגט איר שיינ,
„זאָג זשע מיר, ראָכעלע, יאָ צי ניין?“

5. „יאָ, צי ניין, קאָן איך דיר ניט זאָגן,
ווײַל מײַנע עלטערן פּאַזוואָליען מיר ניט,
מײַנע עלטערן טוען מיר שטערן,
אַז איך זאָל פאַר דיר קיין קאַלע ניט ווערן“.

6. ווי איך האָב נאָר די ווערטער דערהערט,
אזוי האָב איך זי געגעבן א מאָרדעווע אַף דר'ערד,
געכאַפּט דעם רעוואָלווער און האָב זי געשאָסן,
אַרויסגענומען א מעסער אין דער זײַט אַרײַנגעשטאָכן.

7. ווי איך בין נאָר פון דער שטוב אַרויסגעלאָפן,
האָבן מיך מײַנע טאָוואַרישטשעס געטראָפן,
„ניין, טאָוואַרישטשעס, גייט אוועק פון מיר,
איך האָב געהאַרגעט מײַן זיס לעבן און גיי אַף סיביר“.

8. אין טורמע געזעסן א דרײַ-פיר מעסלעס,
מע פירט זי, מײַן ראָבעלען, טויט ווי א מעס,
טויט ווי א מעס איז זי געווען,
און איך האָב געוואָלט מיט איר אין דר'ערד אַרײַנגיין.

בערדיטשעוו, 1925. וואר. צו נומערן 64־65 — לעמאַן
א.א.פ. ז. 163.

## 66

(קופּערשמיד ש.)

1. טאָג ווי נאכט האָט ער געטראכט,
ווי ראָזען צו פארפירן,
און א מיטל האָט ער צוגעטראכט,
זי פריגלאשען שפּאצירן.

2. „אוי, טו אָן דײַן ווײַס זײַדן קלייד
און לאָמיר גיין שפּאצירן,
שווערן שווער איך דיר,
אז איך וועל דיך ניט פארפירן".

3. אזוי האָט זי גענומען איר ווײַס זײַדן קלייד
און איז געגאנגען שפּאצירן,
צוויי טאָווארישטשעס האָבן זיי באגעגנט:
„וואָס טוט איר דאָ אזוי שפּעט שפּאצירן?"

4. „שטראָפט מיך יאָ און שטראָפט מיך ניט,
איר האָט מיך שוין ניט וואָס צו שטראָפן,
פון אירע יאָרן וועל איך מאכן אן ענדע,
און מיר וועלן באלד גיין שלאָפן".

5. אזוי ווי ראָזע האָט דאָס דערהערט,
האָט זי זיך אָנגעהויבן זאָרגן,
„דו קערסט מיר אָן אן אייגן שוועסטערקינדל,
לאָז מיך לעבן ביז מאָרגן".

6. „אוי, ביז מאָרגן קאָן איך דיר ניט לאָזן לעבן,
דײַנע עלטערן וועלן זיך דערוויסן,

אין פֿאָליציע װעלן זײ זאיאװען,
און אין קײטן װעלן זײ מיך שליסן”.

7. אײן האַנט האָט ער איר אויסגעבראָכן
און די אַנדערע אויסגעלונקען,
פֿונעם הויכן באַרג האָט ער זי אַראָפּגעװאָרפֿן,
און האָט זי דערטרונקען.

8. אַזױװי ער האָט זי אַראָפּגעװאָרפֿן,
האָט זיך אים פֿאַרגעשטעלט איר צורע.
„אוי, דו גאָט, טײַערער גאָט,
ברענג זי שױן אײַנגיכן צו איר קװורע”.

9. אַזױװי ער האָט זי אַראָפּגעװאָרפֿן,
האָט אים אָנגעהױבן ציטערן יעדער אײװער:
„אוי, גאָט, ברענג זי גיכער,
ברענג זי גיכער צו איר קײװער”.

10. „מענטשן ליבע, מענטשן געטרײַע,
נעמט זיך אַראָפּ פֿון מיר אַ רײַע,
איך האָב געזאָלט גײן צו מײַן טאָכטערס כופּע,
צום סאָף גײ איך צו איר לעװײַע”.

## 67

װאַריאַנט (פֿראַגמענט)

(בערעגאָװסקי מ.)

1. ער איז אַרײַן צו׳ן איר אין שטוב
און האָט זיך באַהאַלטן.
„נעם אַרױס, ראָזעניו, די בעסטע קלײד,
די קאַסטן װעל איך צוהאַלטן.” [1]

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

2. אַ צוקער־שטריקעלע, אַ צוקער־שטריקעלע
אַפּן העלדזעלע פֿאַרװאָרפֿן.

---

1 פֿעלן עטלעכע סטראָפֿעס.

אײנ האַנט אויסגעבראָכנ
אונ אינ טײַכ אַרײַנ פֿאַרוואָרפֿנ.

3. „דו ביסט דאָכ מײַנער א שוועסטערקינד,
ווי קומט דיר אַרופֿ אפֿנ זינענ,
וואַרפֿנ זאָלסטו מיכ פֿונ בריק אינ וואַסער,
אַז קײנער זאָל מיכ ניט געפֿינענ?"

4. „אוי, איר בײמער, געליבטע בײמער,
מײַנ נאָמענ זאָלט איר פֿאַרגעדענקענ,
אונ אײַכ, צווײַגעלעכ, זאָג איכ אָנ,
מײַנ נאָמענ זאָלט איר דאָ באַווײנענ".

ליבקעס דינע, קיִעוו, 1934. וואַריִאַנט צו נומערנ 65, 66 — באַסטאָמסקי, ז. 57, נומ. 6, ז. 59, נומ. 10, קאַהאַנ III, ז. 56, נומ. 62א.

## 68

(גוטיאַנסקי ב.)

1. מײַנ מאַמע פּלעגט מיכ שטענדיק שלאָגנ
מיט אײנ אײַזערנער רוט, אוי, ווײ,
‖: אַז איכ זאָל ניט גײענ שפּאַצירנ
צו דעם אײַזערנעם בריק. :‖

2. שפּאַצירנ בינ איכ געגאַנגענ
צו דעם אײַזערנעם בריק, אוי, ווײ,
‖: א שײנ יִנגעלע האָט מיכ דאָרטנ באַגעגנט
אונ האָט מיכ פֿאַרקערעוועט צוריק. :‖

3. כ'האָב זיכ געלאָזט איבעררײדנ,
כ'בינ מיט אים געגאַנגענ,
‖: ער האָט מיכ פֿאַרפֿירט אינ א שטיבעלע,
מיט ווײַסנ די לאָדנ פֿאַרהאַנגענ. :‖

4. „הער שוינ אופֿ צו ווײנענ,
הער שוינ אופֿ צו ראַשנ,



1259—14

|: טו שוינ אויס דײַנ קלײדעלע
און גיי דאָס צום טײַכל פארוואשנ". :|

5. „מאזלטאָוו אײַך, מעכוטענעסטע,
אײַער טאָכטער האָט געהאט א מײדעלע.
|: זי האָט ניט געהאט קיינ וויקלשנור,
האָט זי צעריסנ דאָס קלײדעלע." :|

טשעמערינסקי, בערדיטשעוו, 1925. וואר. צו דער פערטער סטראָפע זע קאהאנ III, ז. 58 נומ. 3.

## 69

(גוטיאנסקי ב.)

1. עפשער ווילט איר די ליד אויסהערנ,
וואָס אינ שטאָט קאמעניעצ ס'האָט זיכ פאסירט:
|: א יינגעלע האָט געליבט א שיינ מײדעלע
אונ ער האָט זי פונעמ וועג אראָפּגעפירט. :|

2. ווי מישע איז ארײַנגעגאנגענ צו סאָניענ,
האָט סאָניע אימ געזאָגט: „מינאסטאמ —
|: נאָר טאָמער וועסטו מיכ, מישענקע, ניט נעמענ,
אזוי נעמ איכ אײַנ א גלעזעלע סאמ". :|

3. „אוי, סאָניעטשקע, איכ קענ דיכ ניט נעמענ,
דו מעגסט אײַנעמענ א גלעזעלע סאמ.
|: אוי, סאָניעטשקע, איכ קענ דיכ ניט נעמענ,
ווײַל דײַנ פאָטער איז א גרויסער אָרעמאנ". :|

4. דינסטיק באטאָג צוועלפ אזייגער,
ווי מ'האָט סאָניענ אינ שפיטאָל ארײַנגעבראכט,
|: פיל מענטשנ זײַנענ בא די פענצטער געשטאנענ,
מ'האָט שוינ סאָניענ אינ פּאָנעמ ניט דערקענט. :|

5. ווי מישע איז ארײַנגעגאנגענ צו סאָניענ,
אפנ הארצנ ט'ער געהאלטנ די האנט:
|: „כ'וואָלט זיכ קיינמאָל ניט געוואָלט גלויבנ,
אז דו זאָלסט דאָ ליגנ געסאמט". :|

6. „מײַן מאמע האָט דיך געהאָדעװעט מיט װײַסן קוילעטש.
און אַלײן האָב איך געגעסן שװאַרץ ברויט.
|: גאנצע קאמעניעץ װעט גײן זאָגן אײדעס,
אַז דו האָסט געהאט א כיילעק אין מײַן טויט". :|

7. װי מישע איז ארויסגעגאנגען פון סאָניען,
איז ער געגאַנגען און צו זיך אַלײן געקלערט:
|: צי זאָל ער זיך אין װאַסער ארײַנװאַרפן,
ס'איז אים זשאַלקע צו לאָזן א שײנע װעלט. :|

8. װי מישע האָט זיך אין װאַסער ארײַנגעװאָרפן,
האָט ער אָנגעהויבן שװימען װי א פיש:
|: „װוּ נעם איך איצט מײַן געליבטע סאָניעטשקע,
און צום לעצטן מאָל איר געבן א קיש". :|

פארשריבן בא א קינד פון קינדערהויז אין בערשאד,
1923.

## 70

(קופערשמיד ש.)

װאַריאַנט

1. א נײַע ליד װעל איך אײַך זינגען,
די גאַנצע װעלט װעט קלינגען,
װאָס אין בעלאָצערקאָװע האָט זיך געטראָפן.
דאָרט איז װיערוסוניו די שײנע, —
האָט זיך באָרע אין איר אײַנגעליבט.

2. אײנמאָל פרײַטיק צונאכטס איז געזעסן
װיערוסיע אין רעסטאָראַן.
„אוי, װײ, באָרע, אויב דו װעסט מיך ניט נעמען,
אײַנעמען װעל איך סאַם".

3. „דו מעגסט סאַם נעמען,
דו מעגסט אפילע אײַנעמען סאַם,
אוי, װײ, װיערע, איך קען דיך ניט נעמען,
װײַל דײַן טאטע איז א גרויסער אָרעמאַן".

4. „דיך האָט ער געהאָדעוועט מיט קוילעטש
און אליין פלעג איך עסן שווארץ ברויט.
גאנץ בעלאָצערקווע וועט גיין איידעס זאָגן,
אז דו האָסט געהאט א נויגייע אין מײַן טויט".

5. „איינער וועט זאָגן יאָ,
דער צווייטער וועט זאָגן ניין,
אָבער דו, גאָט, דו ווייסט דאָך דעם עמעס,
אז איך בין פון ווירעס טויט ריין".

6. בייס ווירע האָט סאמ אײַנגענומען,
אין באָלניצע האָט מען זי געבראכט,
גאנץ פאָליציע איז לעם באָלניצע געשטאנען,
ווען מע האָט באָרען צו ווירען צוגעבראכט.

7. בייס באָרע איז אין באָלניצע ארײַנגעגאנגען,
געגאנגען איז ער אין א שווארצן קאָסטיום,
„אוי, ווי, איך וואָלט זיך קיינמאָל ניט געוואָלט גלייבן,
אז דו וועסט זיך א מיסע אָנטאָן".

8. בייס באָרע איז פון באָלניצע ארויסגעגאנגען,
ווירעס קאָפּטע האָט ער געהאלטן אין די הענט,
„צי זאָל איך זיך הענגען, צי טרינקען,
צי זאָל איך גיין אזא יונגער פון דער וועלט".

9. בייס באָרע האָט זיך אין וואסער ארײַן געוואָרפן
געבליבן שווימען איז ער ווי א פיש.
„אוי, ווירוסיע, ווו נעם איך דיך איצטער,
צום לעצטן מאָל אין פּיסקעלע געבן א קיש".

כאסידאָוויטש ב. פאסטעוו, 1926.

## 71

(גוטיאנסקי ב.)

1. [א] שיינע וועלט, [א] ליכטיקע וועלט,
נאָר די וועלט איז זיך ניט פאר מיר,
אזא יונג קינד פון צוואנציק יאָר
דארף זיך זוכן אין דר׳ערד א טיר.

2. און מײַנע עלטערן טוען נאָך זייער װייטעק ניט װיסן,
אַז אָך און װיי איז זיי און װינד,
אַט באַלד װעט מען ברענגען מיך אַפּ אַ פערד צו פירן
צו זיי, זייער ליב קינד.

3. מײַנע עלטערן האָב איך געטאָן זאָגן,
האָבן זיי געמיינט, אַז איך טרײַב מיט זיי קאַטאָװעס;
אַזוי האָב איך אָפּגערעשעט באַלד,
אַז די קערנעצע [1] זאָל זײַן מײַן מאַלכאַמאָװעס.

4. אוי, איר מענטשן, ליבע מענטשן,
איר װעט װעלן װיסן, װאָס מײַן שולד איז געװען,
איר װעט מעגן זאָגן, אַז איך בין געװען משוגע,
װאָס איך האָב מיר גענומען דעם טויט אַליין.

5. אוי, פאָטער מײַנער, מוטער מײַנע,
איר פאַרשפּילט אַצינד אײַער קינד,
אַז איר װעט מיר ניט אויסהיילן די װונדן,
װעל איך מיר נעמען דאָס לעבן גיך און געשװינד.

6. מײַנע רייד זײַנען זיי ניט געגאַנגען אין קאָפּ.
זיי האָבן געמיינט, אַז איך טרײַב מיט זיי קאַטאָװעס.
אַזוי האָב איך אָפּגערעשעט באַלד,
אַז די קערנעצע זאָל זײַן מײַן מאַלכאַמאָװעס.

7. זײַט מיר געזונט מײַנע פאָטער און מוטער,
איך רייד מיט אײַך דאָס לעצטע מאָל,
אײַך איז װיי און מיר איז ביטער,
איר זײַט נאָך ניט קיין פּאָר צו מיר.

8. איר קענט נאָך אַמאָל אײַער אומגליק פאַרגעסן,
אָבער אָך און װיי איז מיר און װינד,
אַז איך אַליין דאַרף מיר נעמען מײַן לעבן, —
פון צװאַנציק יאָר אַזאַ מין יונג קינד.

---

1 קרענעצע

9. אָט באַלד וועט זײַן די מיטע מײַן בעט,
אונ די טאכריכים וועלן זײַן מײַנע קליידער,
אונ דער קייווער וועט זײַן מײַן קאבינעט,
אונ די ווערעם וועלן עסן יעדן אייווער.

10. יעדער אייווער וועלן זיי עסן,
אז אָך אונ וויי איז מיר אונ ווינד,
אז איך אליין דארפ מיך נעמענ דאָס לעבנ,
פונ צוואנציק יאָר אזא יונג קינד.

11. מאָנטיק פארנאכט בינ איך שלאָפנ געגאנגענ,
אז פארטאָג זאָל איך אויספילן מײַן פינצטערן פלאנ,
אוי, שטעלט אײַך פאָר, מײַנע ליבע מענטשן,
מיט וואָסער לאגע איך בינ געגאנ.

12. אז דער טויט האָט פאר מײַנע אויגנ געטאָנ שוועבנ,
אז אָך אונ וויי איז מיר אונ ווינד,
אז איך אליין דארפ מיר נעמענ דאָס לעבנ, —
פונ צוואנציק יאָר אזא יונג קינד.

13. דינסטיק פארטאָג בינ איך געגאנגענ
פאָרט אויסצופירנ מײַן פינצטערנ פלאנ.
איך האָב זיך אנידערגעשטעלט אינ א ווינקעלע
אויסצוקוקנ די ליכטיקע וועלט.

14. אזוי האָב איך פונוויַטנס דערזעענ,
אזוי טריט אונ טריט אינ אזא ליכטיקער שײַנ,
אזוי האָט זי זיך א וואָרפ געטאָנ
גלײַך אינ קערנעצע ארײַנ.

15. באלד הערט מענ א ראש מיט א טומל,
מיט א יאָמערלעך געוויינ,
„קיינ שום מוטער זאָל פונ אזא ווייטעק ניט וויסנ,
ווי צו מיר איז יעצט געשענ.

16. נעכײַ וואָלט זי געווענ פונ טיפעס געשטאָרבנ,
וואָלט מיר ניט געווענ אזא פארדראָס,

ווי זי האָט זיך געטאָן אין קערגעצע ווארפן
און מע שלעפּט זי איבער דער גאַס.

17. אוי, איידער מע ציט אוף א קינד ביז צוואַנציק יאָר,
קריכן ארויס די אויגן פריער,
איך האָב שוין גערעכנט פאר איר צו זוכן א כאָסן,
און צו האָבן פיל נאכעס אין איר.

18. גאָט זאָגט: „ניין, הער זיך אוף צו פרייען,
זײַ א קלענערע מעכוטענעסטע בא דײַן קינדס כופּע".—
אז אָך און ווײ איז מיר און ווינד,
אז א טאָג פאר א כופּע אזא מין שמארץ צו האָבן,
פון צוואַנציק יאָר אזא מין קינד.

19. פארכמארעט האָט זיך שטארק דער הימל מיט שווארצע וואָלקן,
פארביטערט איז מיר געוואָרן מײַן לעבן
און פארפינצטערט איז מיר מײַן וועלט;
הייסע טרערן גיסן פון מײַנע אויגן,
און בלוט טוט רינען פון מײַן יעדן אייוועך,
און א בענקשאפט ביז אין דעם טאָג פון מײַן קייוועך".

טשערנאָמאָרעצ ריווע, וואר. ג.מ. נומ. 229, באַס-
טאָמסקי. ז. 58-59, נומ. 3-9.

72

(קופּערשמיד ש.)

1. סע איז שוין פארפאלן מײַנע יונגע יאָרן,
סע איז שוין פארפאלן, איך קאָן ניט כאַפּן צוריק,
וו זשע נעמ איך, כאַים-לעבן,
ער זאָל מיר אײַנגעבן סאַמ אצינד.

2. „צי געדענקסטו, געדענקסטו, כאַים-לעבן,
האָסט מיר געשווירן און געגעבן די האנט,
הײַנט האָסטו מיך אזוי אָבידיעט,
אז דורך דיר האָב איך זיך געסאמט".

3. „ווער האָט דיר געהייסן מיט מיר א ליבע שפּילן,
אז דו האָסט מיך ליב, און איך האָב דיך פײַנט,
ווער האָט דיר געהייסן ליקארסטוועס סאמ אײַנעמען,
זאָלסט גיין א יונגע פון דער וועלט".

4. ווי מען האָט שיינדלען אין באָלניצע געבראכט,
איז דער דאָקטאָר צו איר צוגעלאָפן:
„אוי, וויי, שיינדעלע, וואָס איז דיר געשען?
וואָס האָט מיט דיר געטראָפן?"

5. „אוי, וויי, דאָקטער, טײַערער דאָקטער,
דעם עמעס קאָן איך אײַך זאָגן,
פאראן א ייִנגל, הייסט ער כאַים,
דורך אים וועל איך וויינען און קלאָגן.

6. אוי, וויי, טײַערע כאוועריטעס, טײַערע כאוועריטעס,
דעם עמעס קאָן איך אײַך זאָגן אצינד,
ווער ס'וועט א פאלשע ליבע שפּילן,
אפ אייביק פארבלײַבט א ווונד".

בערעזאָווסקי סימע, בעלאָצערקווע, 1927.

## 73

(קופּערשמיד ש.)

1. איך זיץ מיר בא מײַן ארבעט און איך ארבעט,
און די צאָרעס מײַנע זעט קיינער ניט ארויס,
נאָר איין פּאָדרוגע פלעגט מיר שטענדיק זאָגן:
„וואָס זשע ברענט אין דיר די ליבע אזוי גרויס.

2. גיב א קוק, וויאזוי דו ביסט געוואָרן,
אוי, דו נאריש טײַבעלע, וואָס לאָזסטו זיך אין אים ארײַן,
גיב א קוק, וויאזוי דו ביסט געוואָרן,
אז מע נעמט דיך שוין אין באָלניצע ארײַן".

3. אוי, ווי איך בין אין באָלניצע געקומען,
די דאָקטוירים שטייען ארום מיר.

אַנ ענטפער האָבנ זיי מיר באַלד געגעבנ,
אַז דאָס האַרצ איז שוינ גערירט אינ מיר.

4. אונ ווי מײַנ מוטער איז אַרײַנגעקומענ,
אָנגעהויבנ ברעכנ האָט זי מיט די הענט,
אַז אָך אונ וויי איז דער מאַמענ,
אַז זי האָט איר אייגנ קינד ניט דערקענט.

5. ווי זי האָט איר טאָכטער דערזענ,
אָנגעכאַפּט האָט זי זיך בא די האָר,
אַז אָך אונ וויי אונ וויסט איז דער מאַמענ,
אַז זי באַגראָבט איר ברויטגעבערנ, וואָס איז אַלט אַכצנ יאָר.

שפּאָליאַנסקי, מ. טשערניכאָוו, 1926, וואר. צטשר.
II—III, ז. 812, נומ. 25.

## 74

(קופּערשמיד ש.)

1. ס'איז שוינ דרײַ יאָר, מיר שפּילנביידע א ליבע,
ס'איז שוינ דרײַ יאָר, אַזויווי איינ טאָג,
דו פלעגסט מיך שטענדיק היטנ פונ אַנ אומגליק.
דו פלעגסט מיר שטענדיק זאָגנ פאַר א פּאָר (?).

2. איינמאָל פרײַטיק־צונאַכטס
איז יאַשע אַרײַנ מיט א קוראַזש:
„טו זיך אָנ, סאָניטשקע, דאָס מענטעלע,
וועלנ מיר גייג אינ „מיראַזש". [1]

3. אַזויווי סאָניע האָט דאָס מענטעלע אָנגעטאָנ,
זאָגט זי: „יאַשע איך גיי שוינ ניט מיט דיר",
„טאָמער האָסטו מוירע פאַר אַנ אומגליק,
רוטשאַיענ, רוטשאַיע איך זיך פאַר מיר".

---

1 קיבאַ

4. אזויוי זיי זײַנען אין פארק ארײַנגעגאנגען,
זאָגט ער: „סאָניטשקע, זעצ זשע זיך לעם מיר.
טאָמער האָסטו מוירע פאר אן אומגליק,
רוטשאיען, רוטשאיע איך זיך פאר דיר".

5. אזויוי יאשע האָט זײַן דיעלע איספּאָלנײַעט,
זאָגט ער: „סאָניטשקע, מעגסט שוין גיין אהיים,
און, אז דו וועסט אהיים קומען,
זאָל דײַן מוטער אָפּ דיר ניט דערזיין".

6. אזויוי סאָניע איז אין שטוב ארײַנגעגאנגען,
איז געוואָרן א יאָמער מיט א קלאָג.
„סאָניע, מיר ווייסן שוין פון דײַן אומגליק,
ווײַל יאשע האָט זיך בארימט הײַנט באטאָג".

7. „אוי, וויי, כאווערטעס, גיט זשע מיר אן אייצע,
אוי, וויי, כאווערטעס, גיט זשע מיר א פּלאן,
צי זאָל איך אָפּגעבן יאשען א צווייטער,
צי זאָל איך אים נעמען פאר א מאן".

8. אזויוי סאָניע איז אין דרויסן ארויסגעגאנגען,
צוריק איז זי ניט ארײַנגעגאנגען.
קומט זשע כאווערטעס, אָפּ סאָניטשקעס לעווײַע,
ווײַל סאָניע ליגט שוין אויסגעגאן.

רימיניקאָווע, טאראשטשע, 1927.

## 75

וואריאנט

(ר ײַ כ ש ט יי נ כ.)

1. ס'איז שוין דרײַ יאָר, אז מיר שפּילןביידע א ליבע,
ס'איז שוין דרײַ יאָר, אזויוי איין טאָג,
איך פלעג זיך שטענדיק היטן פאר אן אומגליק,
אזויוי איינער היט זיך פאר א קלאָג.

2. נאָך איין מאָל אין א פרײַטיק-צונאכטס
קומט ארײַן ניוניע מיט א גרויס קאראש,

„דינע דושע, נעם אפ זיך דאָס מענטעלע
און קום, וועלן מיר גיין גולייַען אין גאס״.

3. ווי דינע האָט דאָס מענטעלע גענומען,
זאָגט זי: „ניוניע, איך גיי שוין מיט דיר ניט.
דו ווייסט דאָך ווויל, אז איך בין אן ערלעך מיידל,
פארצאפן זאָלסטו מיר ניט קיין בלוט״.

4. ווי ניוניע האָט די דיעלע איספּאָלנייעט,
זאָגט ער: „דינע, דו מעגסט שוין גיין אהיים,
ווי דו וועסט נאָר אפ דער טיר קומען,
דייַן אומגליק וועט מען שוין אפ דיר דערזיין״.

5. ווי דינע איז אין שטוב ארייַנגעקומען,
איז זי געבליבן שטיין אפ דער טיר.
„אוי, דינעטשקע, מיר ווייסן פון דייַן אומגליק,
ניוניע האָט זיך בארימט אין טראַקטיר״.

6. „טאָווארישטשעס ליעבן, גיט זשע מיר אן אייצע,
טאָווארישטשעס ליעבן, גיט זשע מיר א פלאַן,
צי זאָל איך נעמען מישען פאר א כאָסן,
צי זאָל איך נעמען ניוניען פאר א מאַן?״

בערדיטשעוו, 1927.

## 76

(רייַכשטיין כ.)

1. די לעצטע מינוטן טו איך מייַן בריף שרייַבן,
איך טו מייַן בריף שרייַבן נאָר פון זיך אליין.
איך טו מייַן בריף שרייַבן נאָר פון זיך אליין,
וואָס מיט מייַן לעבן איז זיך יעצט געשען.

2. איך האָב דיך ליב און דו מיך נאָך בעסער,
איך פלעג שטענדיק מיינען, אז דו וועסט בעסער זייַן.
נאָר יעצט האָט גאָט אָנגעשיקט דעם אייביקן צאָרן,
און איך בין דיר מיט איין מאָל נימעס געוואָרן.

3. איך פלעג שטענדיק טראכטן, ווי א ליבע צו פארפירן,
איך פלעג שטענדיק מיינען, אז א ליבע שפילן איז גוט.
נאָר אף דעם אָרט פון א ליבע פארגיסט מען טייכן טרערן,
און אף דעם אָרט פון א ליבע פארגיסט מען טייכן בלוט.

4. ווי מען האָט נאָר ווערליען פון דער שטוב ארויסגעטראָגן,
אזוי האָט ווערליעס מאמע אָנגעהויבן וויינען און קלאָגן:
„אוי, לייבעלע, לייבעלע, דו וועסט א צווייטע קאלע האָבן,
אָבער איך מײַן קינד, ווערליען, טו אף אייביק באגראָבן".

5. ווי נאָר מען האָט ווערליען אף דער מיטע ארויסגעטראָגן,
אזוי האָט לייבל אָנגעהויבן וויינען און קלאָגן.
„לייבעלע, לייבעלע, זאָלסט נאָך מײַן לעווײַע נאָכגיין,
וועסטו זיך דערמאָנען, אז זי[1] איז דײַן קאלע געווען.

6. ווי דו וועסט נאָר, לייבל, אפן פעלד ארופגיין,
צו דעם ערשטן קייווער זאָלסטו צוגיין צון איר.
דו זאָלסט צוגיין צון איר קייווער,
זאָלסט באטראכטן איר געלעגער,
פיל טרערן וועסטו אויסגיסן אף איר.

7. ווי דו וועסט נאָר, לייבל, פון פעלד אראָפגיין,
אזוי וועסטו באקומען טײַבעלען ליב,
נאָר איין זאך, לייבל, וועל איך בא דיר פועלן, —
אז איר יונגער נאָמען ווערלי זאָל זײַן בא דיר אין שטוב.

8. אז בא דיר, לייבל, וועט דאָס קנאסמאָל זײַן,
וועט דײַן קאלע גיין אין א שווארץ זײַדן קלייד,
דעמלט וועל איך ליגן אפן בעט קעסיידער,
און דער טויט וועט זײַן פאר מיר גרייט.

9. און אז בא דיר, לייבל, וועט די כאסענע זײַן,
וועט דײַן קאלע גיין אין א ווײַס זײַדן קלייד,
וועט דאן מײַן נעשאָמע אפן הימל אוועקפליען,
און די ווערעם וועלן עסן מײַן פלייש".

גאָלדפעלד ציווּיע, שנײַדערן, בערדיטשעוו, 1926.

---

1 די העלדן רעדט וועגן זיך אין דער דריטער פערזאָן.

(גוטיאנסקי ב.)

1. טאָג ווי נאכט זיצ איכ אונ טראכט,
|: וו נעמט מענ כאנענ צו פארפירנ, :|
|: ארײַנגעקומענ מיט א שמייכעלע—
„טו זיכ אָנ אונ קומ שפּאצירנ". :|

2. אָנגעטאָנ, שפּאצירנ געגאנגענ
|: אינ דעמ ווײַטנ, טיפנ וואלד— :|
|: „אוי, וויי, יאנקל-לעבנ,
ס'איז מיר געוואָרנ א ביסל קאלט". :|

3. אויסגעטאָנ האָט ער פונ זיכ די קאָזשענקע [1]
|: אונ האָט זי אָנגעהויבנ הילנ. :|
|: „אוי, וויי, יאנקל, יאנקל-לעבנ,
ס'איז טאקע גוט א ליבע שפּילנ". :|

4. „שוינ געוואָרנ צוועלפ אזייגער.
„|: אוי, וויי, יאנקל, פיר מיכ אָפּ אהיימ. :|
|: וואָס פאר א טערעצ וועל איכ זאָגנ,
אוי, בא מײַנ מאמענ אינ דער היימ?" :|

5. „דעמ ערשטנ טערצ זאָלסטו זאָגנ,
|: אז דו האָסט זיכ געבאָדנ אונ ביסט געשוווּמענ, :|
|: דעמ צווייטנ טערעצ זאָלסטו זאָגנ,
אז דו האָסט די צײַט באקומענ. :|

6. אונ אז דײַנ מאמע וועט זיכ דערוויסנ,
|: וועט זי דאָכ אָנהייבנ צו ראשנ, :|
|: אָ־דאָ ניט ווײַט איז דאָ א טײַכעלע,
גיי זיכ דאָרט פארוואשנ". :|

7. אונ אז מ'האָט כאנענ אינ באָלניצע ארײַנגענומענ,
|: אונ דער דאָקטער האָט זי גענומענ אפּ זײַנע הענט, — :|
|: „לויפט זשע, לויפט זשע נאָכ דער מאמענ,
ווײַל איכ גיי שוינ פונ דער וועלט". :|

---

1 קאָזשענקע — לעדערנ רעקל.

8. און אז כאנעס מאמע איז אין באַלניצע אַרײַנגעקומען,
|: אז אָך און וויי איז צון אירע יאָר, :|
|: און אזויווי זי האָט דאָס קינד דערזען,
האָט זי זיך אויסגעריסן אַלע האָר. :|

9. און אז ס'וועט ווערן אין דרויסן א ביסעלע ווארעם,
|: דו וועסט נעמען דאָס קינד און וועסט קומען אהיים, — :|
|: „יאנקל, יאנקל, א פּײַנער יונג,
באנע א בארעשניע מיט א קינד". :|

1927. קאָנטאָמינאציע פון עטלעכע לידער. זע: באסטאָמסקי, ז. 57, נומ. 6, קאהאן III, ז. 54, נומ. 59. זע אויך קאהאן I, ז. 41, נומ. 25.

## 78

(קופערשמיד ש.)

1. אוי, אזויווי מארים איז שאבעס פארנאכט
שפּאצירן געגאנגען,
|: זי איז קוים פארלאָפן אין שטוב אַרײַן. :|
אוי, זונטיק אינדערפרי נײַן דעם זייגער,
|: מע פירט שוין מארימען אין ראָדילנע אַרײַן. :|

2. אזויווי מארים איז אין ראָדילנע אַרײַנגעגאנגען,
|: דאָקטוירים נעמען זי אפ די הענט, :|
מע האָט אונזײַעט, אז זי איז א געווינערן.
|: אז אָך און וויי איז צו איר וועלט. :|

3. אזויווי מארים האָט דאָס דערהערט,
|: אזוי האָט זי אָנגעהויבן ברעכן מיט די הענט. :|
„גייט זשע רופט מיר סאָניען-לעבן,
|: אניט גיי איך פון דער וועלט". :|

4. אזויווי סאָניע איז אין ראָדילנע אַרײַן,
|: אויסגעלאָזט האָט זי א גרויס געוויין. :|
„אוי, וויין ניט, מארים, אוי, וויין ניט, לעבן,
|: איך וועל דיך נעמען צו זיך אהיים. :|

דו זאָלסט נאָר זעען דאָס קינד אָפּהיטן,
|: דו זאָלסט נאָר זעען דאָס האַלטן ריין". :|

5. אוי, אזויווי מארים איז פון ראָדיקלנע ארויסגעגאנגען,
|: אזוי איז זי געגאנגען צו זיך אהיים. :|
„אוי גיי זשע, מארים, ווײַל סע טונקל,
|: אז קיין סאָנים זאָלן דיך ניט זען". :|

6. אוי, אז מארים איז צו סאָניעס שטוב צוגעגאנגען,
|: זי האָט נאָך ניט אוספּייעט ארופגיין אפ דער טיר, :|
אזוי האָט זי זיך צעשריען: וואָס פון מײַן שטוב,
|: איך דארף קיין ק... ניט פאר קיין שניר". :|

7. „אוי, ערשט נעכטן איז בא מיר דער סוד געוועזן,
|: געשטאנען איז ער ווי אן אײַזן, :|
מ'האָט די דיעלע אָפּגעלייגט,
|: און איך האָב אפ אים ניט וואָס צו ווײַזן". :|

8. לײַטן רעדן, לײַטן שמועסן,
|: אין מײַנעם הארצן איז א ווינד. :|
סאָניע-לעבן, ער הייסט אײַן באָכער
און איך הייס מיידעלע און האָב א קינד,
סאָניע-לעבן, ער הייסט אײַן באָכער,
און איך הייס מאמע פון א קינד.

ליסיאנסקע כײַע, 67 יאָר, בעלאָצערקווע, 1931.

## 79

(ג ו ט י א נ ס ק י ב.)

1. „דורך דיר, זאלמען, בין איך קיין כאשטשעוואטע אָנגעקומען,
דורך דיר בין איך אין גאָשפּיטאָל ארײַן,
דורך דיר, זאלמען, פאטער איך מײַן לעבן,
איך בעט דיך, זאלמען, זאָלסט בא מײַן טויט ניט זײַן.

2. שיק זשע מיר ארײַן די פעלדשעריצע פון באָלניצע,
און לאָז זי מיר אראָפּנעמען די רינגען פון די הענט,

און דו, זאַלמען, טראָג אוועק צו דײַן צווייטער קאַלע,
ס'וועט דאָך זײַן בא איר א טײַערער פּרעזענט".

3. „קיין צווייטע קאַלע, האָב איך, ביידיטשקע, ניט גענומען,
וואָס זשע טויג מיר נאָך א שענערע פון דיר?
פון דער באַלניצע וועל איך דיך ארויסנעמען,
און כאַסענע האָבן וועל איך פאַר דיר".

4. „פון באַלניצע, זאַלמען, וועסטו מיך ניט ארויסנעמען,
פון דער באַלניצע וועל איך ניט ארויס.
אוועק דו, מערדער, אוועק פון מײַנע אויגן,
ווײַל די קויכעס, זיי גייען מיר שוין אויס.

5. שיק זשע מיר ארײַן כאַסיע די פּאָדרוגע,
און לאָמיך א קוק טאָן אף איר,
און דעם עמעס זאָל זי מיר זאָגן,
ווען זי האָט דיך אָפּגערעדט פון מיר".

טאַבאַטשניק ייִסראָעל, בערשאַד, 1927.

## 80

1. א טאָג מיט א נאַכט האָט זיך זײדעלע געטראַכט,
וויאַזוי ער זאָל פאַרפירן ראָכעלען באַנאַכט.
אין א וואָכנדיקן טאָג אונטער טירן:
„טו זיך אָן, ראָכעלע, קום מיט מיר שפּאַצירן".

2. ראָכעלע האָט זיך אָנגעטאָן, זי האָט זיך אויסגעלאַכט,
זי האָט זיך פון איר אומגליק קיינמאָל ניט געטראַכט.
זיי זײַנען אוועקגעגאַנגען אף טיאַמנער אַלייע,
אוי, קיינער האָט ניט געהערט און קיינער האָט ניט געזען.

3. „אוי, הער זשע אויס, דו ראָכעלע, וואָס איך וועל דיר זאָגן,
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . (פעלט)
ווינציקער געשטײַנעט און ווינציקער גערעדט,
ער האָט זי שוין פאַרדושעט, ער האָט זי אומגליקלעך געמאַכט.

(פון אַנ־סקיס ארכיוו). באָטשקע אָשער, זשיטאָמיר, 1913.

## 81

(פּרעסמאַן מ.)

1. דעם ערשטן טאָג פֿון יאָסקעס אָפּעראַציע
|: איז נאָך יאָסקע דער שיינער געלעגן. :|
|: גינצבורג דער דאָקטער האָט זיך אונטערגענומען,
ער זאָל דעם שיינעם יאָסקע היילן. :|

2. דעם צווייטן טאָג פֿון יאָסקעס אָפּעראַציע
|: איז זיך יאָסקע דער שיינער געשלאָפֿן. :|
|: זיסער גאָט, דו ווילסט מיך שרעקן,
אבי, כאָפּילע, ניט צו שטראָפֿן. :|

3. דעם דריטן טאָג פֿון יאָסקעס אָפּעראַציע
|: איז זיך יאָסקע דער שיינער געשטאָרבן. :|
|: גאנץ וואָקזאל וועט וויינען און קלאָגן
נאָך אזא מין יונגן קאָרבן. :|

4. דאָרט ניט ווײַט שווימט א לאָדקעלע,
|: דאָס לאָדקעלע איז ניט פֿול און ניט ליידיק. :|
|: וואָס פֿאר א מיידל סע שפּילט א ליבע,
פֿארפֿאלן איז זי שוין אפֿ אייביק. :|

5. דאָרט ניט ווײַט שטייט א ביימעלע,
|: דאָס ביימעלע איז אין צענטן אײַנגעבויגן, :|
|: אונטערן ביימעלע ליגט יאָסקע דער שיינער
מיט זײַנע צוויי שווארצע אויגן. :|

6. דאָרט ניט ווײַט שטייען צוויי טײַבעלעך,
|: די טײַבעלעך איינס צום אנדערן ברימען, :|
|: איך זוך מײַן יאָסקען אין אלע ווינקעלעך,
און קאָן אים שוין ניט געפֿינען. :|

זשיטאָמיר, 1923.



1259—15

## VI. סענטימענטאַלע ראָמאַנסנ

### 82

(בערעגאָווסקי, מ.)

1. פונ גרויס דאָסאַדע לייג איכ זיכ, מאַמעניו, שלאָפּנ,
מיטביידע הענטעלעכ צוקאָפּנ.
איכ שפּיל א ליבע אונ האָב כאַראָטע
אונ קאָנ צוריק שוינ זיכ ניט כאַפּנ.

2. אוי צוגעבונדנ, בינ איכ צוגעבונדנ,
אונ צוגעבונדנ בינ איכ מיט איינ שטריק.
אינ מײַנעמ הארצנ סע ברענט א פײַער,
אונ לעשנ קאָנ עס מיר קיינער ניט.

3. די ערשטע זאַכ וועל איכ בא דיר, מאַמעניו, בעטנ,
אוי, אונ די זאַכ זאָלסטו מיר טונ צוליב.
אוי, סײַ באמ עסנ, אוי, באמ טרינקענ,
אוי, זאָל מײַנ נאָמענ ניט זײַנ בא דיר אינ שטיב.

4. די צווייטע זאַכ וועל איכ בא דיר, מאַמעניו, בעטנ,
אוי, אונ די זאַכ זאָלסטו מיר טונ צוליב,
אז בא מײַנ שוועסטער וועט א קינד געבוירנ,
זאָל מײַנ נאָמענ ניט זײַנ בא דיר אינ שטיב.

5. די דריטע זאַכ וועל איכ בא דיר, מאַמעניו, בעטנ,
אוי, אונ די זאַכ זאָלסטו איספּאָלנײַענ,
אז מײַנ געליבטע וועט צו דיר אינ שטוב ארײַנגיינ,
זאָלסטו איר ניט אָביזשײַענ.

6. די לעצטע זאכ וועל איכ בא דיר, מאמעניו, בעטנ,
אונ די זאכ זאָלסטו מיר טונ צוליב,
אז דו וועסט גייג אפ קייווערןאָוועס,
דעמ ערשטנ קייווער זאָלסטו זײַנ בא מיר.

7. אוי, מיט שטריק בינ איכ, מאמעניו, געבונדנ,
אונ מיט שטריק בינ איכ שטארק צוגעבונדנ,
נישטאָ קיינ ברודער קיינ געטרײַער,
ער זאָל מיר היילנ מײַנע ווונדנ.

מיליאָנ אבראמ, ארבעטער, אָדעס, 1930.

## 83

ווארי'אנט

(קופערשמיד ש.)

1. פאר גרויס דאָסאדע לייג איכ זיכ שלאָפנ
מימ ביידע הענטעלעכ צוקאָפנס, —
|: איכ שפיל א ליבע אונ האָב כאראָטע
אונ קענ אפ קריק שוינ ניט כאפנ. :|

2. אוי, געבונדנ האָט מענ מיכ,
מיט א שטריקעלע געבונדנ.
|: מע זאָל עפענענ מײַנ ביטער הארצ,
איז עס פול מיט ווונדנ. :|

3. |: ניטאָ קיינ דאָקטער אפ דער וועלט,
ער זאָל מײַנע ווונדנ היילנ.
ניטאָ קיינ פרײַנטעלע, אוי, ווײ איז מיר,
איכ זאָל מײַנע ווונדנ אויסדערציילנ. :|

פלאקס פעסי, 15 יאָר, בעלאָצערקווע. וואר. צו נומערנ 82-83 — פינקעס, ז. 400, נומ. 4, וואר. צו ערשטער סטראָפע — קאהאנ III, ז. 28, נומ. 23.

1. איך גיי מיר ארום א גאנצענעם טאָג
פאריאָמערט און פארטראכט,
איך באזוך מיר דיזע וועגן,
ווּ איך האָב מיט דיר פארבראכט.

2. איך קוק מיר אויסעט מײַנע אויגן,
טאָמער וואָלט איך דיך געפינען,
איך וואָלט מיט דיר וועלן צוויי ווערטער אויסריידן,
צי ליג איך דיר ניט אין זינען.

3. מעגסט מיר גלייבן אף מײַנע נעמאָנעס,
אז איר זײַט פאר מערדער געשטעלט.
איר קוילעט די מיידלעך גאָר אָן ראכמאָנעס,
ווי טראָגט אײַך גאָט אויס אף דער וועלט.

4. מיט פאלשע שווּעס טוט איר זיי שווערן,
אז איר וועט זיי ניט פארפירן,
איר פארדרייט זיי א קאָפּ, איר פארדרייט זיי אים,
צוליב אײַך טוען זיי קריפּירן.

5. צי געדענקסטו די ווערטער, וואָס מיר פלעגן ביידע ריידן,
ווען דו ביסט געזעסן בא מיר,
דו האָסט דאָך געזאָגט, אז גאָט וועט אונדז ניט שיידן,
הײַנט זע זשע דעם סאָוועסט פון דיר.

6. און הײַנט האָסטו זיך אין א צווייטער פארליבט,
און מיך ווילסטו ניט דערמאָנען,
פינצטער איז מיר אין מײַנע אויגן,
ליבער וואָלט איך דיך ניט קאָנען.

7. הײַנט ליבסטו א צווייטער און מאָרגן א דריטער,
און מיך מער קיינמאָל ניט, —
מײַן בעסטע טרייסט וועט זײַן די מיטע,
מויכל בין איך דיר ניט.

8. און אז איך טו זיך מיר גוט דערמאָנען,
בין איך נאָך א יונג קינד,

איכ קענ פאר א צווייטנ כאסענע האָבנ,
אונ איכ קענ נאָכ האָבנ אלצדינג.

9. אונ די מיידעלע, וואָס ליבט זיכ איינ אינ איינ אָרנטלעכנ מאנ,
ווי גליקלעכ זי פירט אויס די וועלט,
ער פאָדערט בא איר ניט קיינ קליידער, ניט קיינ געלט,
בא אימ האָט ניט קיינ ווערדע קיינ געלט.

10. די מיידעלע אליינ איז בא אימ דער גאנצער לעבנ,
זי איז בא אימ דער גאנצענער טרייסט,
ער וואָלט פאר איר די נעשאָמע אוועקגעגעבנ,
ער פאָלגט איר, וואָס זי הייסט.

11. אונ פונ מיר האָט גאָט מיינ וועלט פארשטעלט,
איכ האָב צו דיר ניט קיינ גליק.
אינ א שארלאטאנ האָב איכ זיכ פארליבט
אונ איכ קענ ניט כאפנ צוריק.

12. צי ביסטו פונ אייזנ, צי ביסטו פונ שטאָל,
צי ביסטו פונ דובאָווע האָלצ,
דיר העלפט ניט קיינ טייַנער אונ ניט קיינ געוויינ,
דו האלסט זיכ בא זיכ שטאָלצ.

13. אוועק פונ מיר, דו שארלאטאנ,
אונ ריר מיכ ניט אָנ מיט דיינ האנט.
איכ וועל פאר א צווייטנ כאסענע האָבנ,
אונ דו, שלאָג זיכ קאָפּ אינ דער וואנט.

14. וואָס האָסטו מיר אזוי מיינ לעבנ דערעסנ,
וואָס בעט איכ אפ זיכ דעמ טויט,
צי קענ איכ אפ מיינ ליבע פארגעסנ,
צי קענ איכ פארדינענ מיינ ברויט?

15. איכ זיצ אינ פענצטער אונ באטראכט,
ווויהינ דער ווינט טוט א וויי,
אלע באָכורימ זיינענ היינט,
אונ די מיידלעכ, וואָס גייענ מיט זיי.

(מאטעריאלנ פונ דער היסט. עטנ. געז.)

(קופערשמיד ש.)

1. אז דאָס מיידל הייבט אָן גיין מיטן יינגעלע,
זאָגט ער, אז ער האָט זי עמעס ליב,
אזוי פֿויעלט זי בא אירע עלטערן,
ער זאָל אָנהייבן גיין צו איר אין שטיב.

2. צו איר אין שטוב טוט ער אריינגיין,
פֿאַר אירע עלטערן ליבט ער זי געטריי,
און, אז מע הייבט אָן פֿון א קנאסמאָל צו ריידן,
זאָגט ער, אז די קאָפּ איז ניט דערביי.

3. „דורך דיר ליג איך קראנק,
א יאָר און צוויי דורכאנאנד,
דו האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט,
געגעבן דיין רעכטינקע האנט".

4. מיר האָבן זיךביידע געליבט,
אזויווי א פֿייגעלע אין דעם נעסט,
מיר האָבן זיך ביידע ליב געהאט,
פֿון אונדזער ליבע האָט קיינער ניט געוווסט.

5. אף דעם הויכן בארג און אף דעם גרינעם גראָז,
ווו מיר זיינען ביידע געגאנגען שפּאצירן,
די בלומען, וואָס זיי האָבן אונדז געטאָן שמעקן אין דעם נאָז,
האָבן געטאָן מיט אונדזער ליבע פּראקטיקירן.

6. א ליבע איז א העליש פֿייער,
אין וועמען סע כאפּט זיך אריין,
דעמלט עפּענען זיך אלע טויערן פֿון דעם טויט,
מע גייט יונגערהייט אין דר'ערד אריין.

7. נא זשע דיר אָט אַ-די גלאָז וואסער,
צי האָט זי דעם אייגענעם טאם, וואָס ביר,

זאָג זשע, דו, מײַן זיס לעבן,
צו ליבסטו א צווייט מיידעלע פון מיר?

8. אָ-דאָ האָט מיך אַן אומגליק געטראָפן,
איך האָב אים ניט פאר וועמען צו דערציילן,
ווי זשע נעמט מען אזא געטרײַען דאָקטער,
אז ער זאָל מיר מײַנע ווונדן היילן.

סטאראָמינסקי פ., 14 יאָר, בעלאָצערקווע, 1926.

## 86

ליד פון ליבע.

(געלבמאן א.)

1. אך, מײַן הארץ, מײַן קרוין,
אז איך לאָז זיך פון דער וועלט אראָפ,
באמערק (איך?) נאָר ווי דו ביסט גאנץ שיין,
פאר דיר וואָלט איך לייגן מײַן קאָפּ.
פאר דיר וואָלט איך לייגן מײַן קאָפּ,
איך לאָז מיך פון דער וועלט אראָפּ.

2. בא וואָס בין איך איבערגעבליבן,
פארוואָס בין איך אזוי בלאס?
די ליבע, זי האָט מיך פארטריבן,
זי האָט מיך צעריבן אפ אש,
זי האָט מיך צעריבן אפ אש,
איבער דעם בין איך אזוי בלאס.

3. צו היימלעך קאָן מיר שוין ניט זײַן.
אז איך דערמאָן זיך אין דיר
און פארגעס אין מײַנע גאנצע פײַן,
ווער איז אײנ גלײַכן צו מיר?
ווער איז אײנ גלײַכן צו מיר,
אז איך דערמאָן זיך אין דיר.

4. גרויסע צאָרעס טו איך לײַדן,
צו מײַנע צאָרעס איז ניטאָ קיין גרונד.

ווער עס זאָל מיר מײַנ הארצ שנײַדנ,
דער וואָלט געזעענ מײַנ וווּנד.
דער וואָלט געזעענ מײַנ וווּנד,
אז צו מײַנע צאָרעס איז נישטאָ קיינ גרונד.

5. מײַנ הארצ האָסטו בא מיר ארויסגעריסנ,
אזוי־ווי א בלום פונ איר אָרט.
איכ דערמאָנ מיכ אינ די זיסע שמיסנ,
דאָ שטארב איכ אוועק אפ דעמ אָרט,
דאָ שטארב איכ אוועק אפ דעמ אָרט
אונ קאָנ שוינ ניט ריידנ קיינ וואָרט.

6. דײַנע האָר האָב איכ אפ מײַנ הארצנ געטראָגנ,
אינ כאָלעמ האָב איכ דיכ געהאט.
איכ דערמאָנ זיכ אינ דעמ ליב האָבנ,
ווי מיר האָבנ זיכביידע ליב געהאט,
בלײַב איכ שטיינ דול אפנ אָרט
אונ קאָנ שוינ ניט ריידנ קיינ וואָרט.

7. זיצ איכ מיר אינ שטיבעלע אזוי אונ טראכט,
אזוי־ווי דאָס פייגעלע אינ איר נעסט.
אז איכ דערמאָנ זיכ אינ דער זיסער נאכט,
ווענ אונדזער ליבע איז געווענ גאנצ פעסט,
ווענ אונדזער ליבע איז געווענ גאנצ פעסט,
אזוי־ווי דאָס פייגעלע אינ איר נעסט.

8. וואָס נעמסטו אוועק מײַנע יאָרנ,
לאָז מיכ כאָטש לעבנ איינ שאָ.
דו האָסט מיר מײַנע יאָרנ אָפגעשאָרנ,
אונ דו אליינ ביסט אויכ ניטאָ,
אונ דו אליינ ביסט ניטאָ,
לאָז מיכ כאָטש לעבנ איינ שאָ.

9. גאָט זאָל דיר נאָר צאָלנ,
פארוואָס דו האָסט מיכ אָפגענארט,
אונדזער ליבע איז ניט געווענ צומ מאָלנ

און איך האָב אזוי לאַנג אַפֿ דיר געוואַרט,
און איך האָב אַפֿ דיר אזוי לאַנג געוואַרט,
צום סאָף האָסטו מיך גאָר אָפּגענאַרט.

דאָס דאָזיקע ליד, איניינעם מיט נאָך פֿיל אנדערע פֿאָלקלאָר־לידער (אייניקע פֿון זיי ווערן אין דער־דאָזיקער זאַמלונג געבראַכט, זע ווײַטער, נומ. 12, ז. 268 נומ. 40, ז. 303 נומ. 52, ז. 312) האָט כאַווער א. געלבמאַן איבערגעשריבן אין 1929 יאָר פֿון א האַנטשריפֿטלעכן לידער־ביכל בא א זיבן-און־צוואַנציק־יאָריקן אַרבעטער, א סטאָליער אין מעזשבעזש. צוויי סטראָפֿעס פֿון אונדזער ליד — ערשטע און פֿינפֿטע ווערן געבראַכט בא קאַהאַנען III, ז. 18, נומ. 6.

## 87

ליד פֿון געטרײַער ליבע

(ג ע ל ב מ א ַ ן א.)

1. מײַן טרײַעס האַרץ, מײַן טרײַעס לעבן,
וויַ מײַן האַרץ וויינט אין מיר,
איך קאָן מיך גאָר קיין אייצע געבן,
וויַאזוי מע זעט זיך מיט דיר.

2. אוי, מײַן מי איז גאָר אומזיסט,
אין מײַן האַרץ איז מיר זייער א ווינד,
ווען איך זאָל וויסן, ווו דו ביסט,
געפֿלויגן וואָלט איך צו דיר, מײַן קינד.

3. אָך, מײַן טרייסט, נאָר דו ווייסט,
אז איך בין ניט שולדיק אינדרינען,
נאָר מיט דײַנע שיינע אויגן, האָסטו מיך צוגעצויגן,
דו האָסט מיך גאָר אינגאַנצן געווינען.

4. איך גיי אַרום שטענדיק און טראַכט,
איך גיי אַרום שטענדיק אין איין געוויין,
איך טו א קוק, אז ס'ווערט שוין נאַכט,
און דיך, מײַן זיס לעבן, האָב איך נאָך ניט געזען.

5. די צאָרעס אין הארץ טוען מיך פרעסן,
אין מײַן הארץ ליגט מיר א שווערער שטיין,
אין דיר, מײַן לעבן, קאָן איך ניט פארגעסן,
איך גיי ארום שטענדיק און יאָמער און וויין.

6. ערנסט טו איך דאָס מיינען,
איך מיין דיך...[1]
ווען דו זאָלסט וויסן מײַנע שמערצן, —
און דו האָסט געטאָן פון מיר אוועקשווימען.

7. איך קוק מיך אום און קען דיך ניט זען,
ווערט מיר ניט ליב מײַן לעבן.
איך זיץ נאָר שטענדיק אין איין געוויין,
איך קאָן מיר גאָר קיין אייצע געבן.

8. מײַן לעבן האָט שוין בא מיר קיין ווערט,
צאָרעס האָב איך פיל אין מײַן הארץ.
איך בין שוין שווארץ אזויווי די ערד
פון גרויטער צאָרעס און פון שמערץ.

9. אוי, מײַן גאָלד, וואָס האָסטו פון מיר געוואָלט,
וואָס דורך דיר בין איך אזוי באטריבט?
מיטן טײַערן שמיס, וואָס איז צוקער זיס.
בין איך געוואָרן אין דיר אזוי פארליבט.

10. איך זיץ נאָך שטענדיק און דומע און קלער,
איך ווער פּאָשעט שיר ניט מעשוגע,
ווו נעמט מען דיך, מײַן לעבן גוטער,
וואָלט איך מיך כאָטש א ביסל דערקוויקט.

11. אוי, מײַן לעבן, צו קענסטו מיר אן אייצע געבן,
וויאזוי איך זאָל צו דיר קומען.
איך טו ליבן דײַנע טײַערע רייד,
וואָס דו האָסט מיך מיט זיי טאָמיד דערפרייט.

1 פעלט.

12. אז עס קומט מיר פאָר פונ דיר,—דו גייסט,
װערט מיר פאר פרייד אזש קאַלט,
עס קומט מיר פאָר אינ מײַנ הארצ א טרייסט,
איכ מיינ, איכ זע דיכ שוינ באַלד.

1927. מעזשבעזש. זע די באמערקונג צום פאָריקנ ליד.

## 88

1. אכ, װי א פלאם פונ א פײַער,
האָט זיכ אינ מײַנעמ הארצנ אָנגעצונדנ.
װער איז בא מיר אזוי טײַער,
ער זאָל מיר הײלנ מײַנע װונדנ?
איכ פיל בא זיכ ניט קיינעמ,
ער זאָל פילנ מײַנע גרינד,
מערער װי דיכ נאָר איינעמ,
דו קאָנסט דאָכ מיר הײלנ מײַנ װינד.

2. איכ האָב ניט מיט װעמענ צו ריידנ,
מיט װעמענ די צײַט צו פארברענגענ,
עס לאָזט זיכ מיר אויס מײַנע קרעפטנ,
מיט די צאָרעס טוסטו מיכ דערלאנגענ.
מיט די טרערנ טו איכ דאָס פײַער לעשנ,
אונ קיינ טרייסט קאָנ איכ זיכ ניט געפינענ.
מײַנ קאָפ איז מיר צעבראָכנ,
מײַנע געדאנקענ פליִענ גאנצ װײַט,
איכ װאָלט געװאָלט װיסנ,
צי געדענקסטו די פאָריקע צײַט.

3. מיט א קורצער צײַט צוריק,
װער איז געװענ צו מיר גלײַכ.
עס האָט מיר געשפילט מײַנ גליק,
צו פארברענגענ מיט דיר די צײַט.
איכ האָב געקענט זאָגנ,
אז דו ביסט מײַנער געװיס.
יעצט דארפ איכ װיינענ אונ קלאָגנ,
דו האָסט מיר מײַנ װעלט פארװיסט.

4. איך טרינק זיך יעצט אין א טײַך,
פיל מענטשן קוקן מיט די אויגן,
צו וואָס טויג מיר דײַן גוטס און דײַן רײַך,
אז דו ביסט פון מיר פארפלויגן.
דו ביסט פון מיר פארפלויגן
גאָר אין א וויסט לאנד,
צו דערציילן פאר מײַנע עלטערן
איז דאָך מיר א גרויסע שאנד.

5. מײַנע עלטערן טוען מיך פרעגן:
„מײַן קינד, וואָס זיצטו אזוי באטריבט?"
צי קאָן איך דען יאָ פאר זיי זאָגן,
אז איך האָב זיך אין איינעם פארליבט.
איך האָב זיך פארליבט אין איינעם,
ער האָט מיך גאָרניט די ווערט.
איך האָב ניט געזאָגט פאר קיינעם —
מינאסטאמ איז ער מיר ניט באשערט.

דאָס דאָזיקע ליד נעמען מיר פון א האנטשריפטלעכער לידער־זאמלונג (אנטהאלט יידישע און רוסישע פאָלק־לאָר־לידער, ליטעראַרישע לידער, קופלעטן), וואָס געפינט זיך אין ארכיוו פון אונדזער סעקציע. גענויער וועגן דער דאָזיקער זאמלונג זע ווײַטער, אין „באמער־קונגען און צוגאָבן", ז. 344־346). ווארױאנט—קאהאן I, ז. 44, נומ. 28.

# לידער וועגן רעקרוטשינע, פריזיוו
# און מיליטער־דינסט באַם צאַריזם

1

(ליבקעס ד.)

1. זײַנען מיר געלאָפן
|: א טאָג מיט א נאכט, :|
זײַנען מיר געוואָרן
די ליפּעלעך פארשמאכט.

2. זײַנען מיר געלאָפן
|: א טאָג מיט א מעסלעס, :|
זײַנען מיר געוואָרן
טויט, ווי א מעס.

3. טוען מיר א קוק
|: פונדערווײַטן, :|
זעען מיר שטײט א שטיבעלע
גאָר אָן לײַטן.

4. זײַנען מיר ארופ
|: אפ דער שוועל, :|
עפנט מען א טירעלע
אפ דער שטעל.

5. זײַנען מיר ארופ
|: אפ דער טיר, :|
שטײט די באלעבאָסטע
און קוקט אפ מיר.

6. „באלעבאָסטעטשקע טוט א קוק אפ מיר,
|: וויאַזוי איך בין טויט, :|

און האָט אף מיר ראכמאָנעס,
און גיט מיר א שטיקעלע ברויט".

7. „צום שטיקעלע ברויט
|: דארף מען זיך וואשן... :|
דאָ גייען ארום כאפער-מענטשן
אין אלע גאסן".

8. „צום שטיקעלע ברויט
|: דארף מען דאָך בענטשן... :|
דאָ גייען ארײַן
די כאפער-מענטשן".

9. „יונגערמאן, יונגערמאן,
|: וואָס זענט איר אזוי בלייך געוואָרן? :|
מיר זײַנען געקומען
נאָך ווייץ און נאָך קאָרן".

10. „ניין איר זענט ניט געקומען
|: נאָך קיין ווייץ און נאָך קיין קאָרן, :|
איר זענט געקומען
נאָך אונדזערע יונגע יאָרן".

11. „יונגערמאן, יונגערמאן,
|: קום אפן וואָגן!" :|
„ניכער איז מיר,
איר זאָלט מיך דאָ באגראָבן".

12. בא אלע יידישע קינדער
|: מאכט מען פרײַטיק כאלע, :|
און מיר זײַנען צעשיידט געוואָרן
פון כאָסן און פון קאלע.

13. בא אלע יידישע קינדער,
|: מאכט מען פרײַטיק-צונאכט קידעש, :|
און אף אונדז לויפט מען קוקן,
ווי אף א גרויסן כידעש.

14. בא אלע ייִדישע קינדער
|: מאכט מענ שאבעס-צונאכט האוודאָלע, :|
אונ אפ אונדז איז געקומענ
א גרויסע מאפאָלע.

די זאמלערנ האָט געהערט דאָס דאָזיקע ליד אינ אירע קינדער־יאָרנ פונ איר מוטער. סלאָוועשנע. פארשריבנ אינ 1934 יאָר. וואר. ג. מ. ז. 42—46, נ.נ. 43—44, קאהאנ „נײַע זאמלונג“, ז. 99, נומ. 187.

דאָס דאָזיקע ליד איז איינס פונ די עלטסטע פאָלקלאָר־לידער וועגנ רעקרוטשינע אונ כאפערס.

## 2

1. נעגידישע קינדער, הערט אופ צו שטיפנ,
איר שפילט שוינ ניט קיינ גרויסע ראָליע,
אָט באלד וועט מענ אײַכ צומ זשערעב רופנ,
סאָלדאטנ וועט איר שוינ זײַנ אָלע.[1]

2. פערווע גילדע־קופצעס — אויס מעיוכאָסימ,
דוואָריאנעס האָבנ שוינ אויכ קיינ ווערט;
גלײַכ מיט דעמ געמיינעמ, בידנעמ יאָסעמ,
וועט איר גיינ אויכ, אויב אײַכ איז באשערט.

3. נאכאָטניקעס וועלנ שוינ פאר אײַכ ניט גיינ,
איר וועט שוינ קיינ קאפאָרעס ניט שלאָגנ,
די קאפאָרעס וועט איר שוינ זײַנ אליינ,
איר מעגט אוואדע וויינענ אונ קלאָגנ.

4. מיר וועלנ שוינ זײַנ מיט אײַכ מעכוטאָנימ,
טאקע גאָר גיכ אונ באלד.
פונ אײַכ, נעגידימ, פונ אונדז, קאפצאָנימ,
וועט מענ שוינ הערנ איינ גוואלד.

5. ביז אהער האָט איר ניט געוווסט פונ קיינ צאָרע,
פונ קיינ אגמעסנעפעש, פונ קיינ לייד,
אז דער קאפצנ איז נעבעכ געווענ די קאפאָרע,
איז בא אײַכ אינ שטוב געווענ א פרייד.

---

1 אלע.

6. ווענ ער איז נעבעכ געזעסנ פארשפארט
אינ סבאָרניע, אינ פינצטערנ גרוב,
האָט דאָס אײַכ אפילע ניט געארט,
איר זענט געזעסנ רויִק אינ שטוב.

7. אונ אז מ'האָט אימ געפירט צומ פריִאָמ,
ווי אנ אָקס צו דער שכיטע,
ער האָט פארגאָסנ טרערנ א יאָמ,
עס איז געווענ א צאָרע א גיטע.

8. אָבער איר האָט דאָס ניט געפילט,
עס האָט אײַכ ניט בארירט,
וואָס איר האָט ליב, וואָס איר ווילט,
האָט איר בא זיכ אויסגעפירט.

9. צינד האָט מענ אײַכ באטראכט,
וויִאזוי איר זאָלט צו אונדזער הארצ קומענ,
די וויסטע פינצטערע נאכט
איז שוינ אפ אײַכ אויכ געקומענ.

10. וויסט אונ פינצטער איז אײַער טאטנ,
אז ער הערט דערפונ שמיסנ,
איר וועט שוינ אויכ זײַנ סאָלדאטנ,
איר וועט אויכ דעמ טאמ וויסנ.

11. א נעגידיש קינד א פערווע־גילדע־קופעצ,
וואָס איז אזוי איידל געצויגנ,
ער ווייסט ניט זינט ער לעבט פונ קיינ זעצ,
ער איז אינ קאָפ די אויגנ.

12. צינד וועט ער פליִענ ווי א פיקס,
צו דער אוטשעניע אלע טאָג,
אונ וועט מוזנ גיינ מיט דער ביקס—
אוואדע איז צו זײַנ מאזל א גרויסער קלאָג.

13. ער האָט ניט געוווסט פונ קיינ צאָרעס,
ער איז קיינמאָל ניט איבערגעשראָקנ.
ער איז נאָר געווינט, אז דער מעשאָרעס
זאָל אימ אראָפציִענ די זאָקנ.

14. הײַנט וועט דאָס אײדעלע קינד
מוזן גײן מיט אַלע קאַפּצאָנים,
דאָס האָבן טאַקע אײַערע זינד
אײַך אָנגעמאַכט, אַפּאָנעם.

15. איר האָט טאָמיד געלעבט בעהאַרכאָווע,
איר האָט ניט געוווּסט פֿון קײן צאָרעס,
דעם אָרעמאַן ניט געגעבן קײן נעדאָווע,
איר האָט ניט געהאַט קײן שום ראַכמאָנעס.

16. ציִנד וועט איר שוין קלאָגן און וויינען,
וואָס איר האָט געזשאַלעוועט אײַער ביסל מינץ,
מ׳וועט אײַך שוין ניט מער שוינען,
איר וועט גײן באַגלײַך מיט אונדז.

17. פֿון דעם קעסל וועט איר עסן
גלײַך מיט אַלע לײַט—
לעמאַנעשעם איר זאָלט ניט פֿאַרגעסן,
אַז עס גײט אַפֿ אײַך אַ גוטע צײַט.

18. איך וועל פֿון אײַך ניט שפּעטן,
איך שרײַב אײַך ניט קײן גאַס-שמיסן,
לײענט, זײַט מויכל, די גאַזעטן,
וועט איר שוין דעם עמעס וויסן.

19. איך זאָג אײַך דעם עמעס אַרויס,
אַז איך האָב אין אײַך אַ נעקאָמע:
ערשטנס, וועט איר ניט זײַן בא זיך אַזוי גרויס,
צווייטנס, איז צרת רבים חצי נחמה.[1]

דאָס דאָזיקע ליד, ווי אויך דאָס ווײַטערדיקע ליד נומ. 3, האָבן מיר גענומען פֿון אַ גרויסער האַנט־שריפֿטלעכער זאַמלונג ייִדישע פֿאָלקלאָר־לידער, קופּלעטן און ליטע־ראַרישע לידער, פֿאַרשריבן אין די יאָרן 1860־1890 (אַנ ערעך) פֿון אַ זשיטאָמירער שרײַב־לערער און מאַסקל ב. סאַפּאָזשניקאָוו. גענויער וועגן דער דאָזיקער זאַמלונג זע ווײַטער, אין „באַמערקונגען און צוגאָבן", ז. 336־340.

1 צאָראַס ראַבים כאַצי נעכאָמע — אַ צאָרע, וואָס טרעפֿט אַלעמען, איז אַ האַלבע טרייסט.

## 3

קופּלעטנ

1. אז איכ בינ קיינ זשיטאָמיר געקומענ
אונ האָב אפ דער שטאָט געטאָנ א קוק,
א מוירע האָט מיכ אָנגענומענ,
ווי מענטשנ גייענ אהינ אונ צוריק.
אוי, די זאכ איז מיר ניט געפעלנ,
איכ שטיי נאָר אונ קוק פונ דער ווײַט,
יונגעלײַט גייענ זיכ צום זשערעב שטעלנ
אונ גייענ אוועק פאר א סאָלדאט.
אוי, וויינט זשע יידנ פאר דעם בוירע
אפ הײַנטיקער שלעכטער צאט,
אוי, עס איז דאָכ א ביטערע גזיירע,
אז יעדער קינד מוז זײַנ א סאָלדאט.

2. ווי זאָל דאָס באמ הארצנ ניט אָנרירנ
דעמ טאטע-מאמע, זיי ביידע,
„קומ, מײַנ קינד, לאָמיר דיכ שוינ פירנ,
ווי אווראָמ זײַנ זונ צו דער אקיידע,
אוי, דער ווייטעק איז הײַנט נאָכ גרעסער
מיר דארפנ נאָכ בעטנ אפ דעמ גליק,
אז דער מאלעכ זאָל אײַנהאלטנ דאָס מעסער,
ווערנ מיר נאָכ זעענ אונדזער קינד צוריק".

3. דאָרט גייט א פרײַלנ שפּאצירנ,
אונ די מישפּאָכע וויינענ אלע,
דאָרט טוט מענ איר כאָסנ שוינ פירנ,
זי איז ערשט געוואָרנ פאר אימ א קאלע.
אוי, ווי, זיי וויינענ אלע אינײנעמ
אפ הײַנטיקער שלעכטער צאט,
ער האָט ארויסגענומענ א גוירל א קליינעמ
אונ מוז גיינ פאר א סאָלדאט.

4. די לגאָטע לאָזט מענ שוינ לויז,
ווײַל זיי האָבנ פּראָשעניעס געגעבנ,
אונ די, וואָס האָבנ פּארשפּעטיקט, גייענ שוינ ניט צו הויז,
מע טוט זיי פאר סאָלדאטנ אָפּגעבנ.

דאָרט וויינט אונ קלאָגט אַנ אַלטער פאָטער אַצינד:
„וואָס טויג מיר מײַנ לעבנ גאָר?
מ'האָט בא מיר צוגענומענ מײַנ איינציק קינד,
ווער וועט מיכ שפּײַזנ אפ מײַנע אַלטע יאָר?"

5. די מוטער טוט וויינענ אונ קלאָגנ,
זי טוט זיכ אַלעמאָל דערמאָנענ,
ווײַנ כאַדאָשים האָט זי אימ געטראָגנ,
זי איז פונ אימ געװוּג אויסגעשטאַנענ.
אַזויפיל צאָרעס אַכעס וועאַכעס[1]
האָט זי נעבעכ פונ אימ געהאַט,
אונ אַט, אַז זי האָט שוינ אַ שטיקעלע נאַכעס,
נעמט מענ אימ צו פאַר אַ סאָלדאַט.

6. דאָס ווײַב קלאָגט נעבעכ מיט טרערנ,
עס איז איר ווינד אונ ווײ:
„ווער וועט מיר שוינ אַצינד דערנערנ
מיט מײַנע קינדער צוויי?"
דער טאַטע פאַלט כאַלאָשעס אַנידער,
גלײַכ מיט דער מוטער אַצינד;
די שוועסטער שרײַט: „גוואַלד מײַנ ברידער",
ענטפערט ער זיי: „זײַט געזינט".

7. אַז מע טרײַבט אוועק ווערט דער ליאַרעמ גרויס,
פונ אַלע זײַטנ טוט מענ קוילעס הערנ:
„גאָט וויסט, צי וועלנ מיר זיכ אומקערנ צו הויז"—
אונ מע געזעגנט זיכ מיט הייסע טרערנ.
דאָרט שרײַט נעבעכ אַ פאָטער: „זײַ געזינט".
דאָרט קלאָגט אַ מוטער מיט געוויינ,
דאָרט שרײַט איינער: „אוי, מײַנ ווײַב אונ קינד,
גאָט וויסט, צי וועלנ מיר זיכ ווידער זיינ".

זע באַמערקונג צו נומ. 2 ז. 243.

[1] איינס אונ איינס.

# 4

(קופערשמיד ש.)

1. בעסאראביע איז פריילעך געשטאנען פאר ניקאָלייען,
היינט, אז אלעקסאנדער האָט געטון א קאָמאנדע,
האָבן זיי אויך אָנגעהויבן וויינען און שרייען.

2. שטייט א ווייבעלע און וויינט און קלאָגט
און רייסט זיך בא די האָר,
ערשט דריי כאדאָשים נאָך דער כאסענע
שטייט מיין מאן איין און צוואנציק יאָר.

3. צוויי יינגעלעך זיינען אין כיידער געגאנגען
און האָבן זיך ביידע געלערנט,
היינט, אז זיי זיינען אלט געוואָרן איין און צוואנציק יאָר,
פירט מען זיי אין שול ארייַן שווערן.

4. צוויי יינגלעך זיינען אין כיידער געגאנגען
און זיינען געווען איין קיטע.
היינט, אז זיי זיינען אלט געוואָרן איין און צוואנציק יאָר,
פירט מען זיי, ווי אן אָקס צו דער שכיטע.

יאראָסלאווסקי סימכע, 63 יאָר, לערער. געהערט דאָס
ליד קינדווייז אין דאָרף אנטאנאָוו, סקווירער ראיאָן.
וואר. צו צווייטער סטראָפע ג. מ. נומ. 342, ז. 294.
דער אינהאלט פון דער ערשטער סטראָפע באציט זיך
אף דעם פאקט, וואָס ביז צום יאָר 1846 זיינען די
יידישע איינוווינער פון בעסאראביע פריי געווען פון
געבן רעקרוטן און פון מיליטערדינסט. וועגן דעם
דאָזיקן פאקט ווערט אויך דערמאָנט אין א ליד בא
ג. מ. נומ. 337:

„ווען בעסאראביע איז געווען פריי,
איז געווען פאר דער קויל א רעפוע,
היינט, אז בעסאראביע איז דערביי,
איז ניטאָ קיין שום יעשועה".

## 5

(כענקינע מ.)

פראגמענט

1. א פאָטער גייט ווײַס ווי שניי,
א מוטער שרײַט: „אוי, ווינד און וויי,
מײַן קינד, מײַן קינד,
מײַן אויג פון מײַן שטערן,
ווי'ן זאָל איך זיך ווארפן,
ווי'ן זאָל איך זיך קערן“.

2. עס איז געפאלן א מוירע אף דער וועלט.
מע קאָן ניט העלפן מיט גוטס, מיט געלט,
דער פאָטער קאָן דאָס אויך ניט פארלײַדן,
ער הייבט אָן צו טרייסטן, די קלאָג צו פארמײַדן.

כענקינע פרומע, 58 יאָר, סטאראָדוב, 1930. געהערט
דאָס ליד פריִער מיט א יאָר פופציק.

## 6

(אוסטערליץ יע.)

1. אזויווי מ'האָט מיר אין מאָס געשטעלט,
א ברעטל געדריקט אף מײַן קאָפּ,
געמוטשעט מײַן קערפּער,
באטראכט, וואָס מיר פעלט,
געדריקט מיך ארופּ און אראָפּ.

2. געמוטשעט מײַנע גלידער,
נאָכאמאָל ווידער,
באטראכט דעם ראָזגליאד אין מײַן אויג,
איך מעג שוין זײַן זיכער,
אז מע שרײַבט מיך אין ביכער,
מע שרײַבט שוין מיך אײַן, אז איך טויג.

3. און דאָרט הערט זיך גוואלדן, געשרייען,
„שוועסטער און ברידער, ניט וויינט“.
דער פאָטער ער וויינט, ער באגיסט זיך מיט טרערן,
די מוטער פאלט גאָר אין א זײַט.

4. „ווּ ביסטוּ, מײַנ קינד, שרײַט זי אַצינד,
איך האָב דיך מיט מי ערצויגנ.
איצט ווערסטוּ פאַרשוואַרצט אינ אַ פרעמדנ געגנט,
איך האָב דיך מיט גאָלד אָפּגעוויגנ".

5. איך נעמ מיך באַטראַכטנ מײַנ קריטישע לאַגע,
די פרײַהײַט, וואָס איך האָב געהאַט;
מיר איז קײנמאָל אינ זינענ ניט געלעגנ,
אַז איך זאָל ווערנ זײַנ אַ סאָלדאַט.

6. אַזויווי די פיש שווימענ אינ טײַך
זײ שווימענ שטענדיק צומ גרינט,
אַזוי זײַנענ מיר פּונקט אַזוי גלײַך,
אַ מאָשל איז [עס] צוּ אונדז אַצינד.

7. דער פריזיוו דער פײַנער, דער נעוואָד[1] דער לאַנגער,
וואָס רויבט אונדזער פרײַהײַט אַוועק,
מיר וואָלטנ נאָך שווימענ,
נאָר ער איז געקומענ,
דאָ בלײַבנ מיר טויט אױפנ ברעג.

8. איך בעט בײַ גאָט פיל,
אױף דער וועלט זאָל זײַנ שטיל,
רײַזנ מוז איך פונ אײַך,
דעמ לעצטנ מאָל הײַנט
ווינטש איך אײַך פרײַנט,
שוועסטער אונ ברידער, אַדיע.

9. פונ טיפנ הארצנ ווינטש איך אײַך גליק,
עלטערנ מײַנע געטרײַע,
אַז גאָט וועט מיר ברענגענ בעשאָלעמ צוריק,
וועט קומענ די צײַט די פרײַע.

מילער ז., אַנ אָנגעשטעלטער, 45 יאָר, אינגול יעצ, 1934

1 „Невод"—נעץ.

## 7

װאריאנט

(גוטיאנסקי ב.)

1. עס האָט זיכ צוזאמענגעקליבנ דער גאנצער נאראָד,
לעבנ א הויז איינ גרויסנ,
ס'הערנ זיכ קוילעס, יאָמערנ, געשרייענ,
סע גיסנ זיכ טרערנ הייסע.

2. וואָס איז דאָ אזוי פאר איינ געשריי,
צי דענ איז דאָ ניט איינ פאָגראָם?
פונ יאָמערנ אונ געוויינ קענ יעדערער פארשטיינ,
אז דאָס הויז רופט מענ פריזאָם.

3. ווי מ'האָט מיר איינ פריזאָמ אריינגעלאָזט,
מיט א ברעטעלע געדריקט מיר מיינ קאָפּ,
געדריקט מיר מיינ קערפער, מע באטראכט וואָס מיר פעלט,
געדריקט ארופ אונ אראָפּ.

4. געמוטשעט מיינע גלידער,
נאָכאמאָל אונ ווידער,
מע באטראכט דעם ראָזגליאד פונ מיינ אויג.
איכ קענ שוינ זיינ זיכער,
מע פארשרייבט מיכ שוינ אינ די ביכער,
מע פארשרייבט מיכ שוינ, אז איכ טויג.

5. דאָרטנ גיט ווייט הערנ זיכ קוילעס אונ געשרייענ,
ברידער אונ שוועסטער ארום,
דער פאָטער באגיסט זיכ מיט הייסע טרערנ,
די מוטער איז אָנמאכט זי פאַלט.

6. „ווו ביסטו מיינ קינד? — שרייט די מוטער אצינד —
איכ האָב דיכ מיט פיל מי ערצויגנ,
אינ א ווייטנ געגנט צו ווערנ פרעמד, —
איכ האָב דיכ מיט גאָלד אָפּגעוויגנ".

7. פון טיפֿן האַרצן ווינטש איך אײַך גליק,
עלטערן מײַנע געטרײַע,
אַז גאָט וועט מיך ברענגען בעשאָלעם אַהיים,
וועט קומען די צײַט די פֿרײַע.

לוקאַשעווסקי מ., 46 יאָר, בערשאַד, 1926. וואַר. צו נומערן 6—7 באַסטאָמסקי, ז. 84, נומ. 5.

## 8

(אוסטערליץ יע.)

1. ווי מען פֿירט מיך אונטער דעם סטאַנאָק.
מײַן האַרץ האָט מיר געקלונגען, ווי מיט איין גלאָק,
ווי ער האָט מיר א קוק געטאָן אין מײַנע שוואַרצע אויגן,
א קלאַפּ אין דער פּלייצע: „דינען וועסטו טויגן".

2. ווי מע פֿירט מיך אין שול אַרײַן שווערן,
מײַן פֿאָטער און מוטער גיסן מיט טרערן,
ווי מע פֿירט מיך פֿון שול שוין אַהיים,
מײַן פֿאָטער און מוטער זיי פֿאַרגייען פֿון געוויין.

3. זײַ זשע מיר געזונט, מײַן טײַערע מאַמע,
זײַ זשע נאָר וויסן, אַז איך לאָז דיר א קאַלע,
אַז דו זאָלסט וויסן מאַמעניו, וויאַזוי זי איז בא מיר טײַער,
אַז זי וועט צו דיר קומען, זאָלסטו זיך גוט אָבראַשטשײַען.

4. זײַ זשע מיר געזונט, מײַן געטרײַע קאַלע,
דו ביסט בא מיר טײַערער פֿון אַלע,
זאָלסט פֿאַר מיר, לײַבעניו, טון בעטן גאָט,
אַז איך זאָל באַפֿרײַט ווערן, זאָל ניט זײַן קיין סאָלדאָט.

5. זײַ זשע מיר געזונט, מײַן געטרײַע קאַלע,
נאָך דיר וועל איך בענקען מער ווי נאָך אַלע,
נאָך דער שטאָט קרעמענטשוג מיט אַלע אירע וועגן,
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

קוקוי לייע, קאַלווירטניצע, 53 יאָר, אינגוליעץ, 1935.

## 9

(רײַכשטײַן כ.)

1. אז מע נעמט ארויס א נומער א גרויסן,
וועגט מען זיך גליק אף דער וואָג,
און אז מען נעמט ארויס א נומער א קלײנעם,
איז בא אים די גאנצע קלאָג.

2. ווײַנט זשע ײדן, פאר דעם בוירע,
קריגט בא אים א ביסעלע סכאר,
אז יעדער ײד מוז זײַן א סאָלדאט;
ס'איז הײַנט שוין ארויס אזא גזאר.

3. [זיך] אויסגעבראכט און כאסענע געמאכט
פאר מײער דעם רויטנס א זון,
הײַנט דארף ער שוין פאר א סאָלדאט אוועקגײן, —
וואָס פאר א ווײטעק דאָס איז.

בערדיטשעוו, 1926.

## 10

(גוטיאנסקי ב.)

1. זײַט זשע מיר געזונט,
מײַן ווײַב און קינד,
איך פאָר שוין פון אײַך אוועק.
גאָט זאָל אײַך געבן
אײן גליקלעך לעבן,
און מיר אײן גליקלעכן וועג.

2. דער וועג, וואָס איך פאָר,
געדאָווערט מער פון דרײַ יאָר.
גאָט ווײסט, צי מיר וועלן זיך נאָך זען,
כ'האָב זיך קײנמאָל ניט געוואָלט גלײבן.
אוי, ווײ, מײַן לײבן,
אז איך וועל זײַן א סאָלדאט.

3. איך שטײ אפ דער טיר,
און פוץ מײַן מונדיר,

מײַנ מונדיר איז פונ ס'יערע געוואנט,
טאטע-מאמע זאָלנ זענ,
אוי, ווײ, איז מײַנ לעבנ,
וויאזוי איכ בינ שוינ א סאָלדאט.

4. די סומקע אפּ מיר,
דאָס געווער איז צו שווער,
דאָס לײַב איז מיר פײַער-הייס,
טאטע-מאמע זאָלנ זעענ,
וויאזוי מיר טוענ גייענ,
אונ ס'גיסט אונדז אָפּ דער שווייס.

מאטעכינ יעכיעל, סאָבאָליווקע, געהערט דאָס ליד אינ קאָמארגאָראָד אינ 1918 יאָר פונ אנ עסטרײַכישנ יידישנ סאָלדאט. וואר. צו דער ערשטער סטראָפע — ג.מ. ז. 48, נומ. 46.

## 11

(טשערניאק י.)

1. ווּהינ מיר זײַנענ פארפלויגנ,
ווּהינ מיר זײַנענ פארפאָרנ,
פונ אונדזער פאָטער אונ מוטער,
ווי די פייגעלעכ פונ זייער נעסט...
גאָט באָרעכו, זײַ שוינ א גוטער,
אונ ברענג אונדז אהיימ צו געסט.

2. ווי גליקלעכ איז די בוימ, וואָס לעבנ טײַכ,
זי וואקסט זיכ גאנצ רויִק, גאנצ גלײַכ.
די בלעטלעכ זײַנענ אלע ארומ איר,
ווי גליקלעכ דעמלסט איר...
מע טוט א געשריי, — סאָלדאט,
טו שוינ אָנ דעמ מונדיר.

3. ווּהינ מיר זײַנענ פארפלויגנ,
ווּהינ מיר זײַנענ פארפאָרנ
פונ אונדזער פאָטער אונ מוטער,

ווי די פייגעלעך פון זייער נעסט.
גאָט באַרעכן, זײַ שוין א גוטער
און ברענג אונדז אהיים צו געסט.

מיניע יודעס, 55 יאָר, כאָטימסק, 1929. וואר. צו די סטראָפעס 1־3 אין א גרעסערן פריזיון־ליד בא ג.־מ. ז. 299, נומ. 346, פינקעס, ז. 398, נומ. 21.

## 12

(אוסטערליץ יע.)

1. אז איך בין אין ערשטן באַי געקומען,
גערבלִיבן ליגן בין איך, ווי א שטיין,
די ערשטע פוליע האָט מיך באלד געטראָפן,
און ווײַטער האָב איך ניט געקאָנט גיין.

2. איך ליג און איך טראכט,
ווו נעמט מען מײַן געטרײַען פאָטער,
געוויינט און געקלאָגט וואָלט ער נאָך מיר,
ווו נעמט מען מײַן געטרײַע מוטער,
טאכריכים וואָלט זי גענייט פאר מיר.

סאָקאָלאָווסקי יוליע, קאָלווירטניצע, 35 יאָר, אינגור־ליעצ, 1935.

## 13

(קרוגליאק א.)

1. קיין נײַנצן יאָר בין איך ניט אלט געוואָרן,
און פון קיין צאָרעס האָב איך ניט געוווסט,
און פלוצלינג איז א מילכאָמע געוואָרן,
מע האָט מיך אויך ארײַנגעמישט.

2. אזויווי מיר זײַנען אין פריסוטסטווע ארײַנגעקומען,
אזוי זײַנען מיר אלע געבליבן שטיין.
„איר מיינט, מיר וויסן ניט, אז איר האָט זיך געמאכט כעסרויינעט?—
פאר סאָלדאטן וועט איר בא אונדז גיין.“

3. ווי מיר זײַנען אין פּריסוטסטווע אַרײַנגעקומען,
אזוי זײַנען מיר אלע געבליבן טויט, —
מיר זײַנען נאָך אזעלכע יונגע קינדער
און מע שיקט אונדז שוין צום טויט.

4. קיין פינעף מינוט ניט געדויערט,
מיט דער פּארטיע אוועקגעשיקט.
זעקס וואָכן צײַט האָט מען אונדז אָפּגעמוטשעט
און אף פּאָזיציעס אוועקגעשיקט.

5. אזויווי איך בין אף דער פּאָזיציע געקומען,
אזוי בין איך געבליבן שטיין,
און א סנאריאד האָט זיך דאָרט צעריסן,
און איך בין געפאלן, ווי א שטיין.

און ווי מע האָט אונדז אף פּאָזיציע געראניעט,
אזוי האָט מען אונדז ארײַנגענומען אין לאזארעט...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

כ'האָב ניט געהאט בא זיך קיין קאָפּעקע געלט,
פערעדײַען זאָלט איר מײַן מאמען:
„כ'גיי א יונגער פון דער וועלט".

באָסלעוו, 1921.

14

(סקודיצקי ז.)

1. אָך, טויזנט נײַן הונדערט, אין דעם פערצנטן יאָר,
איז געווען, אָך, איין שלעכטער נאבאָר.
מע האָט צוגענומען טאטעס פון ווײַבער און פון קינדער,
מע האָט אונדז פארשיקט אין דער שטאָט לוואָוו.

2. אוי, דרײַ יאָר דעם קייסער האָב איך געטאָן אָפּדינען,
ביז איך האָב דערלעבט צו קומען אהיים,
און הײַנט טוט זיך שלאָגן גערמאניע מיט ראסייען
און אף דער מילכאָמע דארף מען שוין גיין.

3. אוי, מײַן ווײַב, געטרײַע, קום נאָר אהער,
א פּאָר ווערטער וועל איך מיט דיר אויסריידן,

אצינד איז שוין די אומגליקלעכסטע שאָ געקומען,
אז מיר מוזן זיך שויןביידע צעשיידן.

4. אוי, קינדערלעך מײַנע געטרײַע, קומט נאָר אהער,
לויפן בעטן זאָלט איר פאר אײַער טאטן גאָט,
אז גאָט זאָל אײַער טאטן פון דעם פײַער אויסהיטן,
אז איר זאָלט ניט דארפן זײַן נאווענאָד.

5. אוי, אפ די קארפאטע[ר] בערג זײַנען מיר געשטאנענ
און גערמאנצעס האָבן מיר געזען פיל,
זיי האָבן געטאָן שיסן מיט זייערע גראנאטן,
און בלוט איז פארגאָסן זייער פיל.

6. א פוליע איז פארבײַ מײַן א גוטן ברודער געפלויגן,
און בא מיר אין הארצן איז זי געבליבן שטיין,
לעבן מײַן גוטן ברודער האָט זיך געעפנט א גרוב,
און איך בין געפאלן אזוי ווי א שטיין.

זינטשין באסיע, קאלינינדאָרף, 1936.

## 15

(אוסטערליצ יע.)

1. אָרעם און עלנט און געשווינד
בלאָנדזשע איך ארום אין דער וועלט,
ווי א פארסאמטער לויף איך ארום,
און בא יעדן מענטשן קום איך אויס פרעמד.

אוי מײַן קאָוועד איז זייער קליין,
מע מיינט, איך בין אזוי געבאָרן,
איבער מײַן סימייסטווע, אוי, ניט מײַן,
פארשפילט האָב איך מײַנע יונגע יאָרן.

2. פון דער היים בין איך פאריאָגט,
איך דארף זײַן א נאָוועגאד,
צוריק טאָר איך שוין ניט קומען,
ווײַל איך בין אן אנטלאָפענער סאָלדאט.
אוי, מײַן קאָוועד איז זייער קליין... אאוו.

3. מײַן שלאָפֿן איז אױף דער הילצערנער באַנק,
אונ מײַן עסן איז א שטיקעלע ברױט.
פון דעם בין איך, כאָלילע, ניט קראַנק,
אבי עס זאָל מיר ניט אָנקומען מיט קײן נױט.
אױ, מײַן קאָװעד איז זײער קלײן... אאױ.

4. אָבער מײַן סימײסטװע האָט קײן ברױט אױך ניט צו עסן,
זײער האָפֿענונג איז נאָר אױף מיר,
װי־אַזױ זאָל איך זײ פֿאַרגעסן,
איך פֿרעג נאָר, גאָטעניו, בא דיר.
אױ, מײַן קאָװעד איז זײער קלײן... אאױ.

5. בעטן בעט איך בא דיר, גאָט,
אז אלצדינג זאָל זײַן פֿאַר דיר א סאָד,
פֿון רוסלאַנד װעל איך איצט אָפּטרעטן,
קײן ארגענטינע װעט זײַן מײַן פּאָכאָד.
אױ, מײַן קאָװעד איז זײער קלײן... אאױ.

6. פֿון קײן גליקן װײס איך ניט,
דאָ איז זײער שלעכט.
קײן ארגענטינע װעל איך אָפּטרעטן,
פֿאַרקױפֿן װעל איך זיך דאָרט פֿאַר אײן קנעכט.
אױ, מײַן קאָװעד איז זײער קלײן... אאױ.

מילער ז., אן אָנגעשטעלטער, 45 יאָר,
אינגוליעץ, 1934.

# שיקורים-לידער

## 1

1. איך זיץ מיר אין שענקל
און זיץ מיר אָן זאָרג.
וויפל דער שענקער וועט שענקען,
וועל איך נעמען אין באָרג.

2. איך מעג טרינקען בראָנפן,
איך מעג טרינקען ווײַן,
איך מעג טרינקען אלעס,
אבי ניט שיקער זײַן.

3. איך גיי מיר אין גאס,
איך געפין ניט מײַן הויז,
„גאס, דו ביסט שיקער,
אָ־דאָס זע איך ארויס".

4. איך גיי מיר אין שענקל
און שטעל זיך אפ דער טיר.
איך שטעל זיך אפ דער טיר,
די קאָפּ דרייט זיך מיר.

5. „לעוואָנע, לעוואָנע,
דו שײַנסט פון אויוון אָן,
אז דו זאָלסט זײַן שיקער,
דאָס שטייט מיר ניט אָן!

6. איין אויג האלטסטו אָפן,
דאָס צווייטע פארמאכט,
אז דו זאָלסט זײַן שיקער
בא אזא ליכטיקער נאכט!"

7. „שטערנ, איר שטערנ,
איר זענט דאָכ א סאכ.
וואָס זע איכ ניט הייַנט
אפילע אײנעמ פונ אייַכ?

6. סייַדנ ניט אנדערש איר זענט אלע שיקער,
איר לויפט ארומ אזוי ווי דול,
אינ אלע טייַנע שענקעלעכ
זענט איר פול“.

9. ס'פאָרנ קארעטנ מיט פריצימ א סאכ,
זיי פאָרנ אינ וועג אונ בלאָנדזשענ אינ שליאכ,
אונ איכ גיי מיר פונ דעמ שענקל
אונ זינג מיר די זאכ.

10. „פאָנארנ, פאָנארנ,
איר לייַכט דאָכ זייער שיינ;
וואָס לייַכט איר ניט צו מיר,
וואָס איז אייַכ געשענ?

11. וואָס לייַכט איר ניט צו מיר?
איר לערנט זיכ פונ מיר,
איכ בינ קײנמאָל ניט ניכטער,
דאָס איז מייַנ נאטיר“.

12. איכ גיי מיר אינ גאס
אונ שטעל זיכ אפ דער טיר,
די ווייַב מיט די קינדער —
גייענ אלע אפ מיר.

13. איכ זאָג איר: „עס איז ניט דייַנ אײסעק,
דייַנ אײסעק איז באמ טאָפ“.
איכ נעמ נאָכ א בענקל
אונ גיב איר אינ קאָפ.

(מאטעריאלנ פונ דער היסט. עטנ. געז.) ווארשייַנלעכ פארפאסט פונ א מאסקילישנ שרייַבער.

## 2

וואריאַנט (קופּערשמיד ש.)

1. אוי, דו, לעוואָנע.
אַז דו זאָלסט דאָס טאָן,
אַז דו זאָלסט זײַן שיקער,
דאָס שטייט מיר גאָר ניט אָן.

2. איך גיי לינקס מיט רעכטס,
איך טרעפ ניט צו מײַן הויז,
‖: גאַס, דו ביסט שיקער,
דאָס זע איך אַרויס. :‖

3. איך קום מיר אַהיים,
דאָס ווײַב און קינדער אַרום מיר —
„אוי, דו שיקער,
וואָס וועט זײַן פון דיר?"

4. „זאָל ניט זײַן דײַן אײַסעק,
דײַן אײַסעק איז אין טאָפּ,
‖: אָט כאַפּ איך אַ בענקל
און גיב דיר אין קאָפּ". :‖

5. איך קום מיר אַ היים,
דאָס ווײַב און קינדער אַרום מיר —
„אוי, דו שיקער,
וואָס וועט זײַן פון דיר?"

6 „לאָז ניט זײַן דײַן אײַסעק
און לאָז ניט זײַן דײַן זאָרג.
‖: לאַנג לעבן זאָל מיקיטע,
וואָס ער גיט מיר אַף באָרג". :‖

אוסאַנאָוויטש כײַקע, בעלאָצערקווע. 1934.

## 3

(גוטיאנסקי ב.)

1. איכ גיי מיר ארײַנ אינ שענק ארײַנ
אונ זעצ זיכ אנידער זייער ברייט.
איכ טרינק מיר אויס א גלעזעלע ווײַנ
אונ פארבײַס מיט א פרוקנ שטיקל ברויט.

אוי, ווײ, גוט איז מיר,
כ׳קענ נאָכ טרינקענ א גלעזעלע ביר.

2. איבער הונדערט יאָר, אז איכ וועל שטארבנ,
זאָלנ מיכ לייגנ אינ פאָטערלאנד,
מיטנ קאָפּ צו דער וואנט
אונ מיטנ מויל צו דעם קראנט.

אוי ווײ, גוט איז מיר,
כ׳קענ נאָכ טרינקענ א גלעזעלע ביר.

קאנטאָר, ס. שילערנ, קיִעוו, 1928. געהערט דאָס ליד פונ דער מוטער. צו דער צווייטער סטראָפע זע די באמערקונג צומ ווײַטערדיקנ נומער.

## 4

(סקודיצקי ז.)

1. ווענ אפ אלע פעלדער זאָל וואקסנ קאָרנ
אונ אלע גוראלניעס זאָלנ גיינ,
וואָלט איכ געווענ דער בעסטער באלנ
אינ א שענק ארײַנצוגיינ.

טרא-ליא, ליא-ליא-ליא-ליא,
טרא-ליא, ליא-ליא-ליא-ליא.

2. בא מײַנ טאטנ, בא מײַנ מאמענ
בינ איכ געווענ דאָס בעסטע קינד;
טאלעס אונ טפילנ האָב איכ פארקויפט,
ארײַנ אינ שענק אונ געכאפּט א טרונק.
טרא-ליא, ליא-ליא-ליא-ליא... אאוו.

3. איבער הונדערט יאָר, אז איך וועל שטארבנ,
זאָלט איר מיך לייגנ בא מײַנ טאטנ אפנ פעלד,
מיטנ קאָפ צו דער וואנט,
מיטנ מויל צו דעם קראנט.
טרא-ליא, ליא-ליא-ליא-ליא,
טרא-ליא, ליא-ליא-ליא ליא.

הארנשטיינ א., זשיטאָמיר, 1923. די דריטע סטראָפע דערמאָנט פאָלגנדיקנ טייל פונ מ. גאָרדאָנס ליד „די מאשקע", וואָס איז אינ זײַנ צײַט געווענ זייער פאָפולער:

„מײַנ ביסעלע יאָרנ, ווענ איך וועל אויסלעבנ,
וויל איך, מענ זאָל מיר אינ קייווער מיטגעבנ
א פעסעלע מאשקע, נאָענט בא דער וואנט,
א גרויסע גלאָז אינ דער רעכטער האנט"...

## 5

(אוסטערליצ יע.)

1. מאָנאָפאָל, מאָנאָפאָל,
דיך וועל איך האָבנ צו געדענקענ,
צײַט דער מאָנאָפאָל האָט זיך געעפנט,
הער איך ניט אופ צו טרינקענ.

2. איך נעמ נאָר דעם בוטל אינ האנט
אונ קלאָפ די פראָפקע ארויס,
דער בוטל בלײַבט בא מיר אינ האנט,
אונ דעם בראָנפנ טרינק איך אויס.

3. די לעוואָנע מיט די שטערנ,
זיי שײַנענ אלע באגלײַך.
איך וועל מײַנ ווײַבעלע שלאָגנ
מיטנ טאָג באגלײַך.

4. איך לייג מיר דעם בוטל צוקאָפנס,
זי גאנוועט עס בא מיר ארויס,
זי לאָזט מיר אפילע קיינ טראָפנ,
אינגאנצנ גיסט זי דאָס אויס.

5. דו, גאָטעניו, דו טײַערער, דו זיסער,
דו ביסט דאָכ א ווילער אונ א גוטער,
שיק מיר צו א רעגנדל פונ בראָנפנ,
איכ זאָל זײַנ קעסיידער שיקער.

6. מײַנ קייווער זאָל זײַנ מיט ספּירט באַגאָסנ,
דאָס איז בא מיר דער איקער,
אונ אפנ קייווער זאָל זײַנ אָנגעשריבנ,
אָ־דאָ ליגט יאשקעלע דער שיקער.

זאָריאַנקינ אווראָמ, קאָלווירטניק, 32 יאָר, אינגוליעצ, 1934. וואר. „פאָלקלאָר־לידער“ I, ז. 141, נומ. 12.

## 6

(כ אָ ר אָ ו ע צ ע ר פּ.)

1. מײַנ פעטערל איז געווענ א גאַנצ ווילער ייִד,
אונ פונ א טרונק בראָנפנ איז ער ניט געוואָרנ מיד, —
מײַנ טײַער פעטערל!

2. אז ער האָט געזענ א טרונק בראָנפנ שטיינ,
פלעגט (!) אים זײַנע קויכעס אויסגיינ, —
מײַנ טײַער פעטערל!

3. אונ ווער זשע פלעג טאַנצנ אפ כאַסענעס אונ אפ בריסנ? —
מײַנ טײַער פעטערל!

אונ ווער פלעג עפענענ א שלאָס אָנ שליסל? —
מײַנ טײַער פעטערל!

אז ער האָט געזענ, א שיינ מיידעלע שטיינ, —
מײַנ טײַער פעטערל, —

די קויכעס זיי טוענ אים אויסגיינ, —
מײַנ טײַער פעטערל!

סלאַוווּטע, 1925, וואַריאַנט קיפּניס I, ז. 122.

## 7

(קופערשמיד. ש.)

אוי, לאָמיר אלע פריילעך זיין,
און לאָמיר נעמען צו ביסלעך ווײַן.
וואָס קיין ווײַן, איז נישט קיין ביר.
און וואָס קיין דרײַ איז ניט קײַן פיר,
און וואָס קיין פיר איז נישט קיין דרײַ,
און וואָס אלט איז נישט נײַ.
אין גערעכט איז דער פּאָווער.[1]
און גערעכט איז דער פּאָווער.
און וואָס זיס, איז נישט זאָווער.
און וואָס זאָווער איז נישט זיס,
און וואָס שיין איז נישט מיִעס,
און וואָס מיִעס איז ניט שיין,
און וואָס זיצן איז ניט גיין,
און וואָס גיין איז נישט זיצן,
און מײַן לײַב טוט מיר שוויצן.
ס'טוט מיר שוויצן מײַן לײַב,
וואָס קיין מאן איז נישט קיין ווײַב,
וואָס קיין ווײַב איז נישט קיין מאן,
און וואָס קיין טאָפּ איז נישט קיין פאן,
און וואָס קיין קעמל איז נישט קיין קאָפּ,
און וואָס קיין קאָפּ איז נישט קיין קעמל,
און וואָס קיין ציג איז נישט קיין לעמל,
און וואָס קיין לעמל איז נישט קיין ציג,
און וואָס קיין בין איז נישט קיין פליג,
און וואָס קיין פליג איז נישט קיין בין, —
יא סוואָבאָדני גראזשדאנין.
און לאָמיר אלע פריילעך זײַן
און לאָמיר נעמען צו ביסעלעך ווײַן.

גרינבערג שאָלעם, בעלאָצערקווע. 1934. הואר. ג.מ. ז. 93, נומ. 124. דער פערז „יא סוואָבאָדני גראזשדאנין" איז נאטירלעך צוגעקומען אין די יאָרן, וואָס נאָך דער רעוואָליוציע.

---

1 פּויער

# 8

ליד פון שיקער

(כאַראָוועצער פּ.)

1. איך האָב געטרונקען ביר פון א פלאש,
פייגעלע, קעצעלע מײַנס,
אוי, אזוי האָב איך פארשפילט מײַן גאנץ געלט פון טאש,
פייגעלע, קעצעלע מײַנס.

2. אוועקגעלייגט דעם טאש, גענומען זיך צום קוויטעלע,
פייגעלע, קעצעלע מײַנס,
אוי, אזוי האָב איך פארשפילט מײַן קאראקולן היטעלע,
פייגעלע, קעצעלע מײַנס.

3. אוועקגעלייגט דאָס היטעלע, גענומען זיך צום צווייטעלע,
פייגעלע, קעצעלע מײַנס,
אוי, אזוי האָב איך פארשפילט דעם זייגער מיטן קייטעלע,
פייגעלע, קעצעלע מײַנס.

4. אוועקגעלייגט דאָס צווייטעלע, גענומען זיך צום צוויִעט,
פייגעלע, קעצעלע מײַנס.
אוי, אזוי האָב איך פארשפילט דעם פידזשאק מיטן זשילעט,
פייגעלע, קעצעלע מײַנס.

5. אזוי בין איך געבליבן מיטן הוילן לײַב,
פייגעלע, קעצעלע מײַנס,
אוי, אזוי האָב איך פארשפילט אף צוואנציק יאָר דאָס ווײַב,
פייגעלע, קעצעלע מײַנס.

6. אזוי בין איך געבליבן אָן איין קאָפּ,
פייגעלע, קעצעלע מײַנס,
אוי, אזוי האָב איך געכאפט א שטורכע און א קלאָפּ,
פייגעלע, קעצעלע מײַנס.

מענדריוק מאָטל, אן ארבעטער, סלאוויטע, 1925.

## 9

װאַריאַנט

1. צאָרעס, מאמע, איז מיר באשערט,
די קאָרטן זיי האָבן מיך פארפירט.
איך בין געגאנגען דעם ערשטן קון,[1]
איך האָב פארשפילט מײַן קאָסטיום.[2]

2. צאָרעס, מאמע, איז מיר באשערט,
א קארטיאָזשניק האָט זיך ניט קיין ווערט.
איך האָב געשפילט אין לאָטאָ,
איך האָב פארשפילט מײַן פאלטאָ.

3. צאָרעס, מאמע, איז מיר באשערט,
די קאָרטן זיי האָבן מיך פארפירט.
איך בין געגאנגען אפן ערשטן צווייטל,
איך האָב פארשפילט מײַן זייגער און קייטל.

(מאטעריאַלן פון דער היסט. עטנ. געז.), קראנצבערג יאקעוו, קאָרעצ. װאר. צו נומערן 7-8 — לעמאן ג. ל. ז. 169, נומ׳ 26.

## 10

(סקודיצקי ז.)

1. מיר זײַנען אריינגעקומען צו רעב מאָטלען
דעם שיינעם באלעבאָס.
שטעלן זאָל ער מאשקע
מיט א גרויסער גלאָז.

2. א גלאָז מאשקע
איז צוקער זיס, —
נאָך א האלבן אימפעריאַל
די כעוורע אפן טיש.

3. אָמאר רעב טײַטעלע,
לאָמיר אָנפילן דאָס בײַטעלע,
לאָמיר דאָ ניט שטיין,
לאָמיר ווײַטער גיין.

רעניק א, טשערנאָבל, 1923. עפשער א פראגמענט פון א פורים־שפיל?

---

1 קאָן.
2 קאָסטיום.

## 11

(ר ײַ כ ש ט ײ נ כ.)

1. װײנט זשע, ײדעלעך, און שרײַט און קלאָגט
אפֿ הײַנטיקער װיסטער דאָליע,
און די מענטשן װערן פֿארברענט,
זײ װילן א מאָנאָפּאָליע.

2. װער מיר קלײדער און װער מיר געלט,
א קלײד האָט די װערט א דרײַער,
און די מאשקע איז דאָך גוט,
האלט זי, ברידער, טײַער.

3. כ'נעם דאָס פֿלעשל אין דער האנט,
װער איז צו מיר א גלײַכן?
איך הער די װעלט פֿאר א פּיאטאק,
דעם אָרעמען סײַ דעם רײַכן.

בערדיטשעװ, 1926

## 12

(ג ע ל ב מ א ן א.)

1. װי טיף און קאלט ס'איז דער קײװער,
דער מאלעך שטײט דאָ מיט זײַן שװערד.
װי ציטערן דארף יעדערער באזונדער,
אז מע דארף דאָ ליגן טיף אין דער ערד.

2. פֿארשמאכט זײַנען דאָ די ליפּן,
דער צונג זיך מער ניט רירט,
עס מעג באם הארץ דאָ ציפּן,
געפֿינט מען קײן ביסעלע ספּירט.

3. אײנעם טויטן האָב איך א נעקאָמע,
ער האָט קײנמאָל פֿון א טרונק ניט געטראכט.
ער װאָלט שוין געװאָלט יעצט דערקװיקן זײַן נעשאָמע,
נאָר גײ טרינק, אז דער פּיסק איז פֿארמאכט.

4. דער, וואָס ער איז קיינמאָל געקומענ אינ שענק
אונ האָט ניט פארזוכט קיינ ביסל ראָם,
דער פארטרינקט בא מיר הײַנט קרענק
אונ פארבײַסט מיט דער שטיינערנער צאָם.

מעזשעבעזש, 1929. זע באמערקונג צו נומער 86, ז. 233.

## 13

(סקודיצקי ז.)

1. מאשקע איז דאָכ מינאשאָמאַים,
וואָס טויג דאָס לעבנ אָנ א לעכאַים?
כ׳לייג זיכ שלאָפנ אונ שלאָפ געשמאק,
ווײַל דאָס בעסטע איז בא מיר דער קנאק.

2. איכ קענ כומעש אונ ביבליע אויכ,
אז האָמאָנ האצאדיק האָט געהאט א גרויסנ מויעכ,
אונ שלוימע האמעלעכס טאטע, דער אלטער טערעכ,
איז געווענ א שיקער — דאָס שווער איכ.

כ׳לייג זיכ שלאָפנ אונ שלאָפ געשמאק,
ווײַל דאָס בעסטע איז בא מיר דער קנאק.

3. קוירעכ איז אויכ געווענ א גרויסער שיקער,
ווײַל דאָס בראָנפנ איז געווענ בא אים דער איקער,
אונ לאָטנ האָט דערפאר גענומענ די ערד,
ווײַל בראָנפנ האָט בא אים ניט געהאט קיינ ווערט.
אונ אז אינ מעאָרעס-האמאכפײלע, וואָס אינ מיצראַים,
האָט מענ געפונענ בראָנפנ פונ לאָטס שיראַים.

כ׳לייג זיכ שלאָפנ אונ שלאָפ געשמאק,
ווײַל דאָס בעסטע איז בא מיר דער קנאק.

4. אז די ברידער האָבנ פארקויפט נויעכנ קיינ מיצראַים,
האָבנ זיי בעשאסמײַסע געמאכט א לעכאַים.
זיי האָבנ פונ אים אראָפגעצויט דאָס העמדל
אונ האָבנ פארקויפט די פלישטים פאר א רענדל.

און אז די ברידער זײַנען געפֿאָרן קויפֿן באָרשטש קיין מיצראַיִם,
האָט נעוווכאַדנעצער געמאַכט מיט זיי א לעכאַיִם.

כ׳לייג זיך שלאָפֿן און שלאָף געשמאַק,
ווײַל דאָס בעסטע איז בא מיר דער קנאַק.

5. אכאשווירעש דער קיניג האָט ליב געהאַט די מאַשקע,
ער פֿלעג זי זופֿן גלײַך פֿון דער פֿליאַשקע.
ער האָט געמאַכט א סודע פֿאַר ווײַבער אליין,
און בילאָמס אייזל איז דאָרט אויך געווען.
און אווראָם-אָווינו איז געשטאַנען אונטערן טיר,
און עסטערן האָט מען אופגעהאַנגען, ווײ איז מיר.

כ׳לייג זיך שלאָפֿן און שלאָף געשמאַק,
ווײַל דאָס בעסטע איז בא מיר דער קנאַק.

6. אז יאַקעוו־אָווינו האָט געבויט די טייווע,
האָט בא אים כאַווע געמאַכט א געניייווע,
און כאַווע האָט די געניייווע בילאָמען אָפּגעשטעקט,
בילאָם האָט די געניייווע אפֿן אייזל פֿאַרדעקט.
דערפֿאַר האָט סאָרע געגעסן פֿון אייץ-האַדאַס,
און ראַכאָוו-האַזוינע האָט מיר דערציילט די גאַנצע נײַס.

כ׳לייג זיך שלאָפֿן און שלאָף געשמאַק,
ווײַל דאָס בעסטע איז בא מיר דער קנאַק.

בראַגינסקי ש., טשערנאָבל, 1923.

# לידער וועגן שפּיגל

1

(גוטיאבסקי ב.)

1. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, און געזאָגט, און געזאָגט,
אז קיין נאדן האָב איך ניט,
און קיין שיינע בין איך ניט,
און קיין נאדן האָב איך ניט.
ווילסטו נאדן — האלט זיך איין,
ווילסטו מענטש — קום אריין.

2. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, און געזאָגט, און געזאָגט,
אז קיין גרויס גוטס האָב איך ניט,
און קיין רייכע בין איך ניט,
און קיין גרויס גוטס האָב איך ניט.
ווילסטו גרויס גוטס — האלט זיך איין,
ווילסטו מענטש — קום אריין!

3. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, און געזאָגט, און געזאָגט,
אז פון קיין ייִכעס בין איך ניט,
אז פון קיין ייִכעס בין איך ניט,
אז פון קיין ייִכעס בין איך ניט.
ווילסטו ייִכעס — האלט זיך איין,
ווילסטו מענטש — קום אריין.

פוסטילניק כייקע, 17 יאָר, בערשאד, 1925

## 2

(טשערניאק י.)

1. איכ, נעבעכ, אָרעמע מײדל,
שלעכט אונ ביטער איז מיר.
זײ טוענ אונדז אומגליקלעכ מאכנ,
אונדזער פאָטער אונ מוטער.
זײ טוענ אונדז כאסענע שפילנ,
טוענ בא אונדז ניט פרעגנ,
דערום האָבנ מיר שטענדיק א פארשטערטנ לעבנ.

2. װאָס איז אונדז די פולע
פונ אונדזערע קלײדער אונ נאדאנ,
אז װעמענ מיר װילנ ניט,
יענער איז אונדזער מאנ.
מענ רעדט אונ מענ רעדט,
די װעלט איז אונדז פארשטעלט,
אז מײַנ מאנ איז א פוסטער פערד.

3. װאָס איז מיר די פולע
פונ מײַנע פרימערנ,
אז פונ רײַכ קאָנ מענ אָרעמ װערנ,
אונ פונ אָרעמ
קאָנ מענ װערנ רײַכ,—
אז מענ נעמט א מענטשנ,
איז מענ מיט לײַטנ גלײַכ.

פארשריבנ פונ א שול־קינד, לעװ באשעװע, כאָטימסק (װײַס־רוסלאנד), 1928. װאר. ג.מ. ז. 195—196, בנ. 240—241.

## 3

(סקודיצקי ז.)

1. איכ אינ דרויסנ געזײַט[1],
איכ קאָנאָפעלקעס גערײַבט[2],
איכ מײַנ כאָסנ דערזײט[3],
איכ מיר זײער דערפרײט.

---

1 געװעבנ.
2 געריבנ.
3 דערזעענ.

אוי, ניט שטיי לעבן מיר,
בליזקאָ קאָלאָ מענע,
ליודי סקאזשוט כאסוועשאָלעם,
שאָ טי ליוביש מענע.

2. ער צו מיר צוגעגייט [1],
איך מיר זייער דערפרייט,
ער א קוש מיר אין זייט,
איך כאלאָשעס געבלייבט [2].
אוי, ניט שטיי לעבן מיר... אאוו.

רעזניקאָוו, א שילער פון דער קונסט־פראָפשול, קיעוו,
1925.

## 4

(האָרנשטיין א.)

1. גיי איך מיר ארויס אין מארק ארײַן,
דערזעט מיך א ציגײַנער.
„שא־שא, כאפּ זיך ניט,
איך בין נאָך ניט דײַנע.

2. אז איך בין א שיין מיידל,
ווייסן דאָך דאָס אלע,
און דו, אזא סמארקאטש,
ווילסט מיך פאר א קאלע“.

זשיטאָמיר, 1921.

## 5

(סקודיצקי ז.)

1. שטיי איך מיר אפן טיר
מיט א ראָזע קליידל,
גייט דורך א קלייט־מעשאָרעס
און זאָגט, אז כ׳בין א שיין מיידל.

---

1 צוגעגאנגען.
2 געבליבן.

2. „קום אהער דושע-לעבן,
נא דיר מײַנע דירעס,
טאָמער איז דיר, דושע, ווייניק,
טאָ נא דיר מײַנע סכירעס“.

3. „איך דארף ניט דײַנע דירעס,
איך דארף ניט דײַנע סכירעס,
טאטע מאמע געווירע ווערן —
זיך ווינטשן ווערסטו בסירעס“.

4. „קום אהער, דושע-לעבן,
איך האָב קיין צײַט ניט שטיין,
איך בין, דושעניו, א קלייט-מעשאָרעס,
אין קלייט ארײַן דארף איך גיין“.

5. „אין קלייט ארײַן מעגסטו גיין,
איך קען דיר ניט פארווערן,
איך וועל זיך גיין אהיים
מיט מײַן טאטע-מאמע באקלערן“.

6. איז זי געקומען אהיים
מיט א גרויס געוויין:
„אז איר וועט מיר ניט כאסענע מאכן,
וועל איך כאסענע האָבן אליין“.

גוטמאן סאָרע, טשערנאָבל, 1923.

## 6

(גוטיאנסקי ב.)

1. א שיין מיידעלע ביסטו,
|: נ'א שיינעם כאָסן האָסטו, :|
|: פון א שיינעם ייִכעס ביסטו, —
און א וואָסער כאָסן ווילסטו? :|

2. און קיין כאָסן וויל איך ניט
|: ווײַל איך דארף אים נאָך ניט האָבן, :|

|: און אז מע האָט יונג כאַסענע,
ווערט מען יונג באַגראָבן. :|

3. ווײַל דו ביסט אַזוי יונג און שײן,
|: ווו זשע קומסטו אַדאָס צו וויסן? :|
|: ווײַל איך בין נאָך יונג און שײן,
ווער איך קײן שידעך ניט שליסן. :|

4. ווײַל איך בין נאָך יונג און שײן,
|: ווער איך מיר לעבן פֿרײַ, :|
|: כ׳קאָן נאָך וואַרטן אַ יאָר און צוויי
און עפּשער טאַקע דרײַ. :|

פֿוקס כײַקע, אַרבעטערן, בערשאַד, 1926.

## 7

(ר ײַ כ ש ט ײ ן כ.)

1. כאַנצי איז געזעסן באַ איר טאַטן אַפֿ דער טיר,
גײט זיך דורך מוישע און טוט אַ ווינק צו איר,
„אוי, וויי, מוישע, דער יוישער איז פֿון דיר,
ס׳איז שוין אַ לאַנגע צײַט, אַז איך רײד ניט מיט דיר.

1. איך בעט דיך און בעט דיך און קאָן באַ דיר ניט פּײלן,
ס׳קומט זיך מיר אויס פֿאַר לײַטן צו דערצײלן".
„לײַטן צו דערצײלן, דערצײלט מען דאָך אַ כאָלעם,
גיב זשע מיר דײַן הענטעלע און לאָמיר ווערן שאָלעם".

3. „שאָלעם וועלן מיר ווערן האַנט באַ האַנט,
שאָלעם וועלן מיר ווערן אין אַ ווײַטן לאַנד.
מאָסקווער גוירים זײַנען דאָך שיקורים,
בערשעדער קולאַקעס זײַנען דאָס באָסיאַקעס.

4. וואָס זאָגסטו נאָר, כאַנצע, אַפֿ מײַנע דיבורים"?
„דײַנע דיבורים זאָג איך דאָך קעסיידער,
לאָמיר זיך ביידע אָפּדינגען
אַ באַזונדערן כיידער".

5. „א באזונדערן כיידער איז דאָך שוין געמאכט,
נא זשע דיר מײַן הענטעלע און האָב א גוטע נאכט".
„האָב א גוטע נאכט און א גוט יאָר,
לאָמיר לעבן ביידע צוויי הונדערט יאָר".

בערדיטשעוו, 1926.

## 8

(טשערניאק י.)

1. דער שאדכן ווארפט אן אייגל
און טוט מיר אָן א צאר,
איך בין א פרײַער פויגל,
אפ וואָס דארפ איך דעם אויבערהאר.

2. דעם שאדכן גייט דערינען,
ער וויל דעם שידעך עקן,
ער מיינט עפעס פארדינען
און וויל מײַן קאָפּ צודעקן.

3. א מאן דארפ מען גאווירן,
פונקט ווי ער וויל.
ווי ער זאָל זיך פירן,
מוז מען שווײַגן שטיל.

4. נאָך דרײַסיק יאָר
זאָגט מען, אז מע טאָר ניט,
און איידער א שלעכטער זיוועק,
זאָל זײַן בעסער גאָרניט.

עסקינא בראָכע, זאָקנמאכערן, כאָטימסק, 1929.

## 9

(רײַכשטיין ב.)

1. און אז דער כאָסן וויל ניט די קאלע,
דארפ מען אים מאכן מעשוגע,
מע דארפ אים זייען [1]

1 זען.

די קאָפּ פאַרדרייען,
ר'זאָל שרײַען: „גוואלד זי איז א קלוגע".

צו דערצו דארף מען קענען א קויסע מאכן
און טאקע פון אן אָקע ספירט,
אלע מענטשן מעגן לאכן,
אבי כ'האָב מײַנס אויסגעפירט.

2. און אז דער כאָסן וויל ניט די קאַלע,
דארף מען אים מאכן קלאָר,
מע דארף אים זייען
די קאָפּ פאַרדרייען,
ר'זאָל שרײַען: „גוואלד, ס'איז א פּאָר".
צו דערצו דארף מען קענען א קויסע מאכן... אאוו.

3. און אז דער כאָסן וויל ניט די קאַלע,
דארף מען אים מאכן צעדרייט,
ער מעג אפילע
באקומען די מאַפּאָלע,
ר'זאָל שרײַען: „גוואלד, עס איז א פריידי".
צו דערצו דארף מען קענען א קויסע מאכן... אאוו.

בערדיטשעוו, 1926.

10

(קופּער שמיר ש.)

א שאדכן צו זײַן איז דאָך זייער גוט,
עס איז פון גאָט א בראָכע,
ער פאַרדינט דאָס קערבעלע זייער גוט,
אָן א שום מעלאָכע.

טאָמער וויל ניט די קאַלע,
דארף מען איר זען די קאָפּ פאַרדרייען,
זי זאָל שרײַען: „גוואלד איך וויל".

ווײַל א שאדכן צו זײַן איז דאָך זייער גוט,
עס איז פון גאָט א בראָכע,

ער פארדינט דאָס קערבעלע זייער גוט,
אָנ א שום מעלאָכע.

טאָמער וויל ניט די מעכוטענעסטע,
דארפ מענ איר זענ די קאָפּ פארדרייענ,
זי זאָל שרייַענ: „גוואלד איכ וויל".

ווייל א שאדכנ צו זייַנ איז דאָכ זייער גוט... אאוו.

בעלאָצערקווע, 1930.

## 11

(טשערניאק י.)

1. ‖: „איינ גוטמאָרגנ, איינ גוטמאָרגנ, ליבסטער האר!" :‖
‖: „איינ גוט יאָר, איינ גוט יאָר, מייַנ ליבסטער קנעכט!" :‖

2. ‖: „צי קענסטו מיר ניט געבנ דייַנ שוועסטער פאר איינ ווייַב?
צי קענסטו מיר ניט געבנ דייַנ שוועסטער פאר איינ ווייַב?" :‖

3. ‖: „ווי זאָל איכ דיר געבנ מייַנ שוועסטער פאר איינ ווייַב, :‖
‖: אז זי איז פונ דיר איידעלער אינ לייַב". :‖

4. ‖: „ווי איז זי פונ מיר איידעלער אינ לייַב, :‖
‖: אז זי האָט ניט לאנג א קינד פונ מיר געהאט". :‖

5. ‖: ווי דער ברודער האָט דערהערט, :‖
‖: אזוי האָט ער געהייסנ שפאנענ פערד. :‖

6. ‖: „פונ אינווייניק מיט ווייַס, פונ אויסווייניק מיט רויט, :‖
‖: בא מיר איז דאָס ערגער ווי דער טויט". :‖

7. ‖: „איינ גוטמאָרגנ, איינ גוטמאָרגנ, מייַנ ליבסטע שוועסטער!" :‖
‖: „איינ גוט יאָר, איינ גוט יאָר, מייַנ ליבסטער ברודער!" :‖

8. ‖: „מאזלטאָוו דיר, מאזלטאָוו דיר, פאר דייַנ אייגנ קינד, :‖
‖: מאזלטאָוו דיר, מאזלטאָוו דיר, פאר דייַנ אייגנ קינד". :‖

9. ‖: „וואָלט דאָס מיר ווער עס געזאָגט, :‖
‖: וואָלט איך יענעם אפּצווייען געפּלאָגט. :‖

10. ‖: וואָלט דאָס מיר ווער עס איז גערעדט, :‖
‖: וואָלט איך אים אפּצווייען די קאָפּ געפּלעט״. :‖

פריידיגע מ. א גייטערג, 50 יאָר, 1927, כאָטימסק. לויט דער שפּראַך און אינהאַלט — אפּאָגעם איינס פון די עלטסטע יידישע פאָלקלאָר-לידער.

## 12

(ר ײַ כ ש ט ײ נ כ.)

1. „פונוואַנען פאָרט איר, גוטע ברידערלעך?״
„פון דער קאָלעמייקע״.
„צי האָט איר געזעען א שיינ מיידעלע,
וואָס זי הייסט זיך לייקע?״

2. „יאָ, געזעען, ניט געזעען,
וועל איך אײַך ניט זאָגן.
די מאַמע וועט קומען פון דעם מאַרק,
וועט זי מיך נאָך שלאָגן״.

3. איך האָב געגעסן וואַרניטשקעס
און האָב זיך געמאַכט פליישיק,
עס און טרינק און שלאָף באַרוט
און האָב איך זיך אַן אייסעק.

בערדיטשעוו, 1926. וואַר. קאַהאַנ III, ז. 72, נומ. 95.

## 13

1. ייִנגעלעך מיט מיידעלעך
האָבן זיך גענומען,
טישעבאָוו א כאַסענע
קיינער ניט געקומען.

2. איז געקומען די מומע מאַלע,
האָט זי געבראַכט די שיינע קאַלע.
שיין און פײַן, די מומע מאַלע,
וואָס האָט געבראַכט די שיינע קאַלע.

3. איז געקומען די מומע איטקע,
האָט זי געבראַכט די שיינע קיטקע.
שיין און פײַן, די מומע איטקע,
וואָס האָט געבראַכט די שיינע קיטקע.

4. איז געקומען די מומע רייזע,
האָט זי געבראַכט די שיינע דייזע.
שיין און פײַן, די מומע רייזע,
וואָס האָט געבראַכט די שיינע דייזע.

5. איז געקומען דער פעטער נאָסן,
האָט ער געבראַכט דעם שיינעם כאָסן.
שיין און פײַן, דער פעטער נאָסן,
וואָס האָט געבראַכט דעם שיינעם כאָסן.

6. איז געקומען דער פעטער יידל,
האָט ער געבראַכט די שיינע פידל.
שיין און פײַן, דער פעטער יידל,
וואָס האָט געבראַכט די שיינע פידל.

7. איז געקומען דער פעטער זאָרעך,
האָט ער געבראַכט א זאק מיט צוואָרעך.[1]
שיין און פײַן, דער פעטער זאָרעך,
וואָס האָט געבראַכט א זאק מיט צוואָרעך.

8. איז געקומען דער פעטער הערץ,
האָט ער געבראַכט א זאק מיט...
שיין און פײַן, דער פעטער הערץ,
וואָס האָט געבראַכט א זאק מיט...

(מאטעריאלן פון דער היסט. עטנ. געז.) פון קינדער־רעפערטואר.

---

1 קעז.

## 14

װאַריאַנט

(מ ו ט ש נ י ק)

1. אוי, פּרײַכאָװ רעבע זײװל
אי פּריװיאָז מעני נא זאַקנ-בײװל,
ני טאַק ראַדאַ רעבע זײװל,
יאַק יאַ ראַדאַ נאַ זאַקנ-בײװל.

2. אוי, פּרײַכאָװ רעבע מײער,
אי פּריװיאָז מעני אַ שײנעמ שלײער,
ני טאַק ראַדאַ רעבע מײער,
יאַק יאַ ראַדאַ אַ שײנעמ שלײער.

3. אוי, פּרײַכאָװ רעבע נאָסנ,
אי פּריװיאָז מעני אַ שײנעמ כאָסנ,
ני טאַק ראַדאַ רעבע נאָסנ,
יאַק יאַ ראַדאַ אַ שײנעמ כאָסנ.

פאַרשריבנ אינ טשערנאָבל פונ אַנ אַלטער פרוי, 1923,
װאַר. צו נג. 13-14 — באַ ג.מ. ז. 207, נג. 255-256
קאַהאַנ II, ז. 49, נומ. 34.

## 15

(ר ײַ כ ש ט ײ נ כ.)

1. אוי, װײ, מוטער,
די קאַץ לעקט די פּוטער,
די הינער לײגנ די אײער,
די קאַלע גײט אינ שלײער.

2. דער כאָסנ גײט אינ טאַלעס,
באַמ קאַפּצנ איז דער דאַלעס,
די קינדער זויגנ די פינגער,
די װײַבער שטאַרבנ פאַר הונגער.

בערדיטשעװ, 1926, װאַריאַנטנ. קאַהאַנ III, ז. 76,
נומ. 110, ג.מ. ז. 208, נומ. 258.

## 16

(קופערשמיד ש.)

1. הערט זשע אויס מײַן נײַע פּאָלקע,
גיט א קוק, וויאזוי איך טאנץ,
איך גיי א קליידל מיט אובאָרקעס
און די שיכלעך מיט א גלאנץ.

2. כ׳טו זיך א דריי אהין, אהער,
גייט דאָך צו דער קאוואלער.
כ׳טו זיך א דריי אהער אהין,
טוט מיך א ביס אין האלדז א בין.

לעטיטשעווסקע מ. בעלאָצערקווע, 1927.

## 17

(סקודיצקי ז.)

טאנצט, מיידן,
הוליעט, ווײַבער,
מאָשקעס טאָכטער
נעמט א שנײַדער.
אָן קליידער, אָן נאדאן
אבי א שיינער יונגערמאן.

טענענבוים, כעלעם. 1927. אן אויסרוף בעשאס א טאנץ.

## 18

(האָרנשטיין א.)

האָפּ-טשיקא מאָיא מילע,
און דעם טאטן די געדולע,
און דער מאמען די נעכאָמע,
און דעם קינד די נעשאָמע.

זשיטאָמיר, 1923. אויסרוף בעשאסן טאנצן קאָזאטשאָק.

## 19

(סקודיצקי ז.)

נעכטן באדערנאכט
האָט מען כאַסענע געמאכט
שמענדריקן מיט דער קאַלע.
טאַנצן, טאַנצן, טאַנצן, טאַנצן
דאַרפן מיר דאָך אַלע.

גאָלדבערג ל., בריסק, 1935.

## 20

(קופּערשמיד ש.)

1. הוליעט מענער, העפּעט ווײַבער,
יאַכנע־סאָסיע נעמט אַ שנײַדער,
יאַכנע־סאָסיע וויל אים ניט,
ווײַל עוי קאָן ניט גוט דעם שניט.

בעלאָצערקווע, 1926.

## 21

(סקודיצקי ז.)

1. זײַט זשע מיר געזונט,
זײַט זשע מיר געזונט,
מײַנע ליבע מעכוטאָנים,
מיר לאָזן איבער
דעם כאָסן בא אײַך,
איר זאָלט אים ניט מאכן
פאַרן אזעספאָנעם.

2. פאַרן אזעספאָנעם,
פאַרן אזעספאָנעם,
זאָלט איר אים ניט מאכן,
וואָרעם, אז איר וועט שיקן
די קאַלע צו אונדז
וועלן מיר זי אויסלאכן.

קאַניעווסקי אזריעל, 62 יאָר, קאָלווירטניק, שאָלעם־אַלייכעם, קאַליניגדאָרפער ראיאָן, 1936.

## 22

(כ אָ ד אָ ו ו ע צ ע ר פּ.)

1. מעכוטענעסטע מײַנע, מעכוטענעסטע געטרײַע,
|: לאָמיר זײַנ אפ אײביק מעכוטאָנים, :|
|: כ'גיב אײַכ אוועק מײַנ טאָכטער פאר א שנור,
זי זאָל בא אײַכ ניט אָנווערנ דאָס פאָנעם. :|

2. מעכוטענעסטע מײַנע, מעכוטענעסטע געטרײַע,
|: מײַנ קינד זאָלט איר פרי ניט וועקנ, :|
|: אונ טאָמער וועט איר זענ אנ אוולע אפ מײַנ קינד,
ווי אנ אײגענע מאמע זאָלט איר דאָס פארדעקנ. :|

3. מעכוטענעסטע מײַנע, מעכוטענעסטע געטרײַע,
|: אפ קינדער האָבנ טוט מענ בלוט פארגיסנ, :|
|: אונ טאָמער וועט איר זענ, אז דער זונ האָט ליב די שנור
זאָל עס אײַכ גאָרניט פארדריסנ. :|

סלאווויטע, 1927

## 23

וואריאַנט

(ק ו פ ע ר ש מ י ד ש.)

1. איר פאָרט זיכ שוינ אוועק, איר פאָרט זיכ שוינ אוועק,
|: מײַנע ליבע מעכוטאָנים, :|
|: איכ גיב זיכ אײַכ אוועק מײַנ טאָכטער פאר אײנ שנור, :|
|: זי זאָל בא אײַכ ניט אָנווערנ דאָס פאָנעם. :|

2. אײדעמ מײַנער, אײדעמ געטרײַער,
|: דיכ נעמ איכ פאר אנ אײדעמ; :|
|: איכ גיב זיכ דיר אוועק מײַנ טאָכטער פאר א ווײַב,
זי זאָל בא דיר ניט אָנווערנ דעמ גײדער. :|

3. מעכוטענעסטע מײַנע, מעכוטענעסטע געטרײַע,
|: איר זאָלט פונ מײַנ קינד ניט לאכנ, :|
|: טאָמער וועט איר זענ אנ אוולע פונ מײַנ קינד,
ווי אנ אײגענע מוטער זאָלט איר עס פארגלײַכנ. :|

4. מעכוטענעסטע מײַנע, מעכוטענעסטע געטרײַע,
|: איכ פאָר צו אײַכ מיט א פאריקל, :|
|: כאָטיא איכ האָב געהערט, איר האָט זיכ שײנע טעכטער,
איר נעמט א שנור איז זי אנ אנטיקל. :|

קאשטעליאנ ז. בעלאָצערקווע, 1930. וואריאנט צו נ.נ. 21-20 באסטאָמסקי, ז. 76, נומ. 10.

## 24

(גוטיאנסקי ב.)

1. אוי, זשאל, זשאל,
טײַ נע וערנעטסיא,
צו דער בײזער שוויגער
מאמע, ניע כאָטשעטסיא.

2. פאָהאנײַ, פאָהאנײַ,
פאָר מײַנ קליאטשע,
אָדהאדײַ, אָדהאדײַ,
טשאָהאָ יא פלאטשו.

3. אײדער בא דער שוויגער
פירעשקעס מיט שמאלצ,
בעסער בא דער מאמענ
סעכערעס מיט זאלצ.
אוי, זשאל, זשאל... אאוו.

4. אײדער בא דער שוויגער
אפ פוכאָווע קישנ,
בעסער בא דער מאמענ
אפ די הוילע טישנ.
אוי, זשאל, זשאל... אאוו.

5. גײ איכ גיכ —
זאָגט זי, כ׳רײַס די שיכ.
גײ איכ פאמעלעכ —
זאָגט זי כ׳בינ א גנעוויילע.

אוי, זשאל, זשאל,
טײַ נע װערנעטסיא,
צו דער בײזער שװיגער
מאמע, ניע כאָטשעטסיא.

בלאָכ אוראָמ, סאָבאָליװקע, װיניצער געגנט, 1926, װאַ־
ריאַנט צו דער לעצטער סטראָפע — באָסטאָמסקי ז. 75
נומ. 9.

## 25

(קופערשמיד ש.)

1. די מאמע האָט זיך מיר אָפּגעגעבן און האָט זיך מיר אװעקגעגעבן
פּאר צװײ און צװאנציק מײַל, מײַל,
און האָט זיך מיר אָנגעזאָגט, און אָנגעזאָגט, און אָנגעזאָגט,
איך זאָל שױן בא איר קײנמאָל ניט זײַן, זײַן.

2. בין איך נישט געװען א יאָר און צװײ, א יאָר און צװײ,
איז דאָך מיר געװאָרן זײער װײ, זײער װײ,
האָב איך זיך געמאכט גרינג װי א פֿײגעלע, גרינג װי א פֿײגעלע,
און בין צו איר געפֿלױגן.

3. געפֿלױגן, געפֿלױגן דער גאָלדענער פֿױגל,
איבערן געדיכטן װאלד, װאלד;
און האָט זיך פֿארלאָרן אײן גאָלדענעם פֿעדער,
אין א פֿרעמדן לאנד, לאנד.

4. טוט זיך מיר אזױ ניט באנק דער גאָלדענער פֿעדער, דער
גאָלדענער פֿעדער,
װי די פּאװע אלײן, אלײן,
זינט איך בין אװעק פֿון מײַנע טאטע־מאמע,
זיץ איך און יאָמער און װײן, װײן.

5. בא מײַן מאמען — גילדענע פֿינגערלעך אף די פֿינגער,
גילדענע פֿינגערלעך אף די פֿינגער,
בא מײַן שװיגער געשטאָרבן פֿון הונגער,
געשטאָרבן פֿון הונגער.

6. באַ מײַן מאַמען בײַלענע זעקעלעך אַף די פּיס,
בײַלענע זעקעלעך אַף די פּיס,
באַ מײַן מאַמען צוקער-זיס.

יאַראָסלאַווסקי מעני, 56 יאָר, הויז־ווירטן, געזונגען דאָס ליד אין די קינדער־יאָרן אין דאָרף שטשערבאַקי, בעלאָצערקווער ראַיאָן, וואָר. בערעגאָווסקי, „ייִדישע מוזיק־פאָלקלאָר” I, ז. 214, נומ. 97. דאָס ליד שטאַמט אורשפּרינגלעך פון אַ אוקראַיִנישן פאָלקלאָר־ליד. זע ווײַטער, אין די „באַמערקונגען און צוגאָבן”, ז. 369, נומ. 7.

## 26

וואַריאַנט (פראַגמענט) (סקודיצקי ז.)

1. מײַן האַרץ, מײַן האַרץ ציט צו דיר,
דער פײַער פון ליבע ברענט אין מיר.
דו שיינער, דו פײַנער, דו פײַנער פּאַסאָן,
איך ליב דיך, דושע, צײַט וואָס איך קאָן.

2. איך עס, און טרינק, און שלאָף, און וואַך,
און שטיי מיר אויף מיט לײַטן גלײַך —
גילדענע פינגערלעך אַף די פינגער,
באַ מײַן שוויגער בין איך געשטאָרבן פון הונגער.

טעסלער מ., באָסלעוו, 1923.

## 27

(טשערניאַק י.)

1. „וואָס'טו דאָרטן אָפּגעטאָן,
וואָס'טו דאָרטן אָפּגעטאָן
באַ דער בייזער שוויגער?”
„געוואַשן טיש און בענק,
מיט טרערעלעך געשווענקט,
מוטער, דו ליבסטע, דו מײַנע”.

2. „וואָס'טו דאָרטן אָפּגעטאָן,
וואָס'טו דאָרטן אָפּגעטאָן,
טאָכטער, דו ליבסטע, דו מײַנע?”
„ברויט האָב איך געקנעטן,
מיט טרערעלעך פאַרגלעטן,
מוטער, דו ליבסטע דו מײַנע”.



1259—

3. „וואָס׳טו דאָרטנ אָפּגעטאָנ,
וואָס׳טו דאָרטנ אָפּגעטאָנ,
טאָכטער, דו ליבסטע, דו מײַנע?“
„גרעט געוואשנ,
איבער אלע גאסנ,
מוטער, דו ליבסטע, דו מײַנע“.

4. „אפ וואָס האָסטו דאָרטנ געשלאָפנ,
אפ וואָס האָסטו דאָרטנ געשלאָפנ,
טאָכטער, דו ליבסטע, דו מײַנע?“
„אפ א ביסעלע שטרוי,
אזא יונגינקע פרוי,
מוטער, דו ליבסטע, דו מײַנע“.

5. „וואָס האָסטו דאָרטנ געגעסנ
בא דער בייזער שוויגער,
בא דעמ שווער דעמ קריגער?“
„א שטיקעלע ברויט,
געווּנטשנ זיך דעמ טויט,
מוטער, דו ליבסטע, דו מײַנע“.

6. „וואָס׳טו דאָרטנ געטרונקענ,
וואָס׳טו דאָרטנ געטרונקענ,
טאָכטער, דו ליבסטע, דו מײַנע?“
„געטרונקענ ווײַנ
אונ סאמ איז אהינ ארײַנ,
מוטער, דו ליבסטע, דו מײַנע“.

7. „פארבײַ ווּעמענ האָט מענ דיך געטראָגנ,
פארבײַ ווּעמענ האָט מענ דיך געטראָגנ,
טאָכטער, דו ליבסטע, דו מײַנע?“
„פארבײַ אלע פוסטע קלייטנ,
מע איז פילע ניט געגאנגענ באלייטנ,
מוטער, דו ליבסטע, דו מײַנע“.

דעמסקע איטע, 50 יאָר, כאָטימסק, 1929. וואר. קאהאנ
III, ז. 78, נומ. 113.

28

(רײַכשטיינ כ.)

1. „טאָכטער, דו ליב, טאָכטער דו מײַנ,
זאָלסט וויסנ, וויאַזוי מיט א שוויגער צו זײַנ.
אז דו וועסט גייִנ אינ טיר ארײַנ,
זאָלסטו זי לאָזנ פריִער ארײַנ,
זאָלסט איר שטעלנ א בענקעלע אונטער די פיס,
וועט זי זאָגנ, אז דו ביסט צוקער-זיס.
לייג איר קישעלעכ אונטער די זײַטנ,
וועט זי דיכ לויבנ פאר אלע לײַטנ".

2. „כ'בינ געגאנ מיט איר אינ טיר ארײַנ,
אונ האָב זי געלאָזט פריִער ארײַנ,
אונ האָב איר געשטעלט א בענקעלע אונטער די פיס,
האָט זי געזאָגט, אז איכ בינ זייער מיִעס.
כ'האָב איר געלייגט קישעלעכ אונטער די זײַטנ,
האָט זי מיכ געשאָלטנ פאר אלע לײַטנ".

3. (איז זי פארשלאפט געוואָרנ, זאָגט זי:)
„מאנ דו ליבס, מאנ דו מײַנס,
לויפ-זשע גיכ אינ סטאנ[1] ארײַנ,
אונ קלויב מיר אויס די בעסטע פאָר פערד,
אונ לויפ ברענגענ מײַנ מאמענ אהער".

4. איידער ער איז פארלאָפנ אפ דעם בריק,
איז שוינ די לעווײַע געגאנגענ צוריק,
ער איז געקומענ אפ דער טיר,
האָט מענ אימ געטראָגנ א גלעזעלע ביר.
(זאָגט ער:)
„וואָס טויג מיר אײַער גלעזעלע ביר,
אז אײַער טאָכטער איז שוינ ניט פאר מיר".

5. (איז זי געקומענ צו דער מאמענ צו כאָלעמ, זאָגט זי:)
„מאמע מײַנע, מאמע געטרײַע,
כ'האָב געגעסנ קאָרנ ברויט

---

1 שטאַל—(פויליש Stajnia)

און האָב אזוי יונג באקומען דעם טויט,
ביז אײַנגעשלאָפן אפּ א זעקעלע ערד,
און דארף אזוי ליגן יונג אין דער ערד".

רײַכשטײן פייגע, ארבעטערן פון פּאַפּיראָסן־פאבריק,
בערדיטשעוו, 1926, די „רעמארקעס" אין די טטרָפעס
5־3 זײַנען פונעם זינגער.

## 29

ווארואנט

(גוטיאנסקי ב.)

1. ס'האָט זיך מיר געכאָלעמט א כאָלעמל אײַן,
אז איך וועל נעמען פון קראקאָוו א מאן.
פון קראקאָוו א מאן האָב איך גענומען,
צו בייזע שווער און שוויגער ביז איך אָנגעקומען.

2. „שוויגער דו ליבסטע, שוויגער דו מײַן,
רופּ זשע מיר מײַן מאן ארײַן,
טאָמער וועט מיר גרינגער זײַן."

3. „מאן דו ליבסטער, מאן דו מײַן,
טו א וואָרף דעם זאָטל אין דער ערד
און שפּאן אײַן די בעסטע פערד,
דו זאָלסט פאָרן הונדערט מײַל,
גלײַך צו מײַן מוטער אין שטוב ארײַן".

4. „שוויגער דו ליבסטע, שוויגער דו מײַן,
זעצ זיך מיט מיר אין קארעטע ארײַן,
טאָמער וועט איר גרינגער זײַן".

5. „אוי, א קלאָג און וויי און ווינד,
וואָס מאכט דאָרט מײַן ליב קינד?"

6. „אײַער טאָכטער איז פריש און געזונט,
נאָר זי גייט שווער צו קינד".

7. ווי זי איז געקומען אפן בריק,
פאָרט דער דאָקטער שוין צוריק

ווי זי איז געקומען אפּן מיסט,
זויגט דאָס קינד די פרעמדע בריסט.
ווי זי איז געקומען צו דער טיר,
טראָגט מען די טאָכטער אקעגן איר.

8. „אוי, איז מיר אין מײַן לײַב,
כ'וועל ניט האָבן אזא ווײַב“.

9. „וואָס איז דיר אין דײַן לײַב,
און צו מיר איז דאָך א קלאָג, —
דרײַ געפּאשעס אין איין טאָג“.

בערשאד, 1926, וואריאַנט צו נ.ג., 26, 27, ג.מ.
ז. 223–226, נומערן 269–270, קאהאן ||, ז. 63,
נום. 3.

## 30

1. מאמע מײַנע, צי בין איך ניט א טאָכטער דײַנע?
צי בין איך ניט א טאָכטער דײַנע?
דו האָסט מיך כאסענע געמאכט
אין א גרויס הויזגעזינד...

2. ווי מע האָט זיך געזעצט ווארעמעס עסן,
|: אין דער שנור האָט מען, אוי, פארגעסן. :|

3. ווי מע האָט דעם ווארעמעס אָפּגעגעסן,
|: האָט מען דער שנור געהייסן וואסער ברענגען. :|

4. ווי איך בין נאָר צום ברונעם צוגעקומען,
|: איז מיר פארלאָפן מיט גרינע שווימען. :|

5. ווי איך בין נאָר צו דער שטוב צוגעקומען,
|: א ראזגאָוואָר האָט מען פון מיר פארנומען. :|

6. „איידער, מײַן זון, זאָלסט זי ליב האָבן,
|: בעסער זאָלסטו זי פײַנט האָבן“. :|

7. „אײדער, מאמע, איכ זאָל זי פײַנט האָבנ,
‖: בעסער װעל איכ מיט איר קינדער האָבנ". :‖

8. „אײדער, מײַנ זונ, זאָלסט מיט איר קינדער האָבנ,
‖: בעסער זאָלסטו זי א יונגע באַגראָבנ". :‖

9. „אײדער, מאמע, איכ זאָל זי א יונגע באַגראָבנ,
‖: בעסער װעל איכ אינ איר נאכעס האָבנ". :‖

10. „אײדער, מײַנ זונ, זאָלסט אינ איר נאכעס האָבנ,
‖: בעסער זאָל איכ אײַכ בײדע באַגראָבנ". :‖

11. „מאמע, אז דו װעסט אונדז בײדע באַגראָבנ,
‖: װער זשע װעט נאָכ דיר קאדיש זאָגנ?" :‖

12. „איכ בינ מאסקימ א קאדיש דינגענ,
‖: אבי נאָכ אײַכ זאָלנ גלעקלעכ קלינגענ". :‖

13. „אײדער, מאמע, עס זאָל נאָכ אונדז גלעקער קלינגענ,
‖: בעסער זאָל מענ נאָכ דיר נאָכגײנ זינגענ". :‖

(פונעמ אנסקי־ארכיװ). דאָס דאָזיקע ליד אונ זײַנ װאַריאַנט, װאָס מיר ברענגענ אונטנ, שטאמענ אוראָפּרינגלעכ פונ אנ אוקראַיִנישנ פאָלקלאָר־ליד. זע װײַטער, אינ די „באַמערקונגענ אונ צוגאָבנ", ז. 365, נומ. 5. דער מוטערס רעפּליק „אבי נאָכ אײַכ זאָלנ גלעקלעכ קלינגענ" אונ אויכ דעמ זונס ענטפער — „אײדער מאמע, עס זאָל נאָכ אונדז גלעקער קלינגענ, בעסער זאָל מענ נאָכ דיר נאָכגײנ זינגענ" — זײַנענ אפּאָנעמ װאָרט אינ װאָרט איבערגעזעצט פונ אוקראַיִניש — אינ ייִדישנ שפּיגער האָט מענ ניט געװוסט פונ באַגלײטנ א טויטנ מיט גלעקער־געקלאנג.

## 31

װאַריאַנט

(רעזניק ל.

1. אזא שװארצע אונ אזא גרינע
פונ אזא מינ װײַטער מעדינע.

2. מ'האָט גענומענ אזא'נ אײדל קינד
אונ מע האָט אַרײַנגעגעבנ אינ אזא גרויס הויזגעזינד.

3. דאָס גרויסע הויזגעזינד האָט זיכ געזעצט וואַרעמעס עסנ,
און אינ דער שנור האָט מענ זיכ גאָר פארגעסנ.

4. די שוויגער האָט גענומענ דעמ עמער־שטריק
און האָט די שנור נאָכ וואסער אוועקגעשיקט.

5. ביז זי האָט דעמ ברונעמ אָפגעשלאָסנ,
אנ עמער טרערנ האָט זי אָנגעגאָסנ.

6. ביז די שנור איז צוגעגאנ צומ טיר,
הערט זי ווי די שוויגער רעדט אפ איר.

7. „זינו מײַנער, זינו געטרײַער,
נישט אזוי ווי דו ביסט א זונ מײַנער,
נישט אזוי ווי איכ בינ א מאמע דײַנע,—
טו א קוק, ווי דאָס שטיבעלע איז ניט אויסגעקערט,
און ווי דאָס בעטעלע איז נישט פארבעט,
אבי דאָס קעפעלע איז צוגעגלעט".

8. „מאמע מײַנע, מאמע געטרײַע,
נישט אזוי ווי דו ביסט א מאמע מײַנע,
נישט אזוי ווי איכ בינ א זונ דײַנער,—
לאָז דיכ ניט ארג, ווי דאָס שטיבעלע איז נישט אויסגעקערט,
און ווי דאָס בעטעלע איז נישט פארבעט, —
אבי דאָס קעפעלע איז צוגעגלעט".

9. „זינו מײַנער, זונ געטרײַער,
נישט אזוי ווי דו ביסט א זונ מײַנער,
נישט אזוי ווי איכ בינ א מאמע דײַנע, —
|: איידער דו זאָלסט זי ליב האָבנ,
בעסער זאָלסטו זי פײַנט האָבנ". :|

10. „מאמע מײַנע, מאמע געטרײַע,
נישט אזוי ווי דו ביסט א מאמע מײַנע,
נישט אזוי ווי איכ בינ א זונ דײַנער, —
|: איידער איכ זאָל זי פײַנט האָבנ,
בעסער זאָל איכ זי ליב האָבנ". :|

11. „זינט מײַנער, זונ געטרײַער,
נישט אזוי ווי דו ביסט א זונ מײַנער,
נישט אזוי ווי איכ בינ א מאמע דײַנע, —
|: איידער דו זאָלסט זי ליב האָבנ,
בעסער זאָלסטו זי באגראָבנ״. :|

12. „מאמע מײַנע, מאמע געטרײַע,
נישט אזוי ווי דו ביסט א מאמע מײַנע...
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .״

פארשריבנ אינ דער קאָלאָניע ראָזשעוו אינ 1915
יאָר. וואר. צו נומ. 30, 31 — קאהאנ II, ז. 6, נומ. 12.

## 32

(דיאמאנט מ.)

1. אוי, ווו נעמ איכ אמאָליקע יאָרנ,
ווענ איכ בינ א מיידעלע געוועג,
אוי, ווו נעמ איכ אמאָליקע יאָרנ
מיט מײַנ קאָפּ בלאָנדינישע האָר...
אוי, וויי, שוועסטערלעכ, אוי, ס׳ניט גוט,
אוי, וויי, כאסענע האָבנ הייס איכ ניט.
די צײַט גייט אוועק
אינ צאָרעס אונ שרעק,
אוי, ווו נעמ איכ אמאָליקע יאָרנ.

2. אוי, ווו נעמ איכ אמאָליקע יאָרנ,
ווענ איכ בינ געווענ יונג אונ שיינ,
אוי, ווו נעמ איכ אמאָליקע יאָרנ,
קיינ קינד אינ די אויגנ ניט געזענ.
אוי, וויי, שוועסטערלעכ, אוי ס׳איז ניט גוט,
אוי, וויי, כאסענע האָבנ הייס איכ ניט.
די צײַט גייט אוועק
אינ צאָרעס אונ אינ שרעק.
אוי, ווו נעמ איכ אמאָליקע יאָרנ.

פּאָליאק, שנײַדערנ, קיִעוו, 1925.

## 33

1. שטייט א מויער, ווער (!) איז שיין,
זיצט א פֿרײלן און פֿארגיסט געוויין.
לעבן איר שטייט א קאוואלער
און פֿרעגט: „פֿרײלן, וואָס איז מיט אײַך דער מער?"

2. „איר שיינע פֿרײלן, איר פֿײַנע פֿרײלן,
וואָס טוט איר טרערן פֿארגיסן?
וואָס איז דער וועלט און וואָס אײַך פֿעלט,
עפּשער קאָן איך פֿון אײַערע צאָרעס וויסן?"

3. „מײַנע צאָרעס אויסצודערציילן
דארף געדויערן דרײַ יאָר מיט א נאכט,
איך האָב געליבט יענקעלען, ווי מײַן גאנצן לעבן,
ערשט מע האָט מיר אן אלטן ייִדן געבראכט.

4. ער איז אלט, ער איז קאלט,
ער איז שוין אלט פֿינף און זיבעציק יאָר.
ער קאָן ניט גיין, אין מויל קיין צייין
און אין קאָפּ קיין שווארצע האָר".

5. „איר שיינע מיידל, לאָמיר ריידן קריק,
איז פֿאר אײַך א גרויסער גליק,
א מיידל, וואָס האָט ניט פֿונוואנען קיין נאדן צו געבן,
האָט מען געגעבן א כאן צו לעבן".

6. „ער איז שוין אלט, ער איז שוין קאלט,
ער איז אלט פֿינף און זיבעציק יאָר,
ער קאָן ניט גיין, אין מויל קיין צייין,
און אין קאָפּ קיין שווארצע האָר.

7. עס קומט דער פֿרימאָרגן, טו איך לײַען, באָרגן,
ניטאָ אף דער הויצאָע,
די טיר פֿארמאכט ביז האלבע נאכט,
מע קאָן אפֿן גאס ניט ארויס.
איך דערמאָן זיך אף עם,
טוט אין הארצן א קלעם,
אוי, גוואלד, ווו נעמט מען עם"...

(מאטעריאלן פֿון דער היסט. עטנ. געז.)

## 34

(קופערשמיד ש.)

אנ אלמענ נעמט א מיידל זונטיק, זונטיק,
גרייט ער צו א שטעקנ אפ מאָנטיק, אפ מאָנטיק,
דינסטיק הייבט ער זי אָנ צו יאָגנ,
מיטוואָכ הייבט ער זי אָנ צו שלאָגנ, צו שלאָגנ,
דאָנערשטיק הייבט זי אָנ צו וויינענ,
פרײַטיק מאכט זי א גוטנ קוגל דעמ מאנ צו באשיינענ,
שאבעס עסט ער זיכ אָנ,
זונטיק הייבט ער ווײַטער אָנ.

יאראָסלאווסקי סימכע, לערער, 63 יאָר, בעלאָצערקווע, 1935.

## 35

(קופערשמיד ש.)

קופלעטנ

1. א יאָר נאָכ מײַנ כאסענע זעט, ווי איכ קוק אויס,
טײַנעט א יונג ווײַבעלע, כליפעט זייער שטארק, —
גוטע, ליבע שוועסטערלעכ, דעמ סאָד זאָג איכ אײַכ אויס,
אז א מאנ איז נאָר א צאָרע אפ דעמ קאָפ.

2. געווענ בינ איכ א מיידעלע פריילעכ אונ מוירעדיק, (!)
געשפילט מיט יונגע לײַטעלעכ האָב איכ דאנ,
הײַנט בינ איכ א ייִדענע בלייכ אונ מאָרעשכוירעדיק,
אלעס, ווײַל איכ האָב געוואָלט אזוי א מאנ.

3. געמיינט האָב איכ אוואדע, אז ליב האָט מיכ מײַנ טײַערער,
ווײַל איכ האָב אימ אזויפיל מי געקאָסט,
איכ וועל לעבנ נאָכ דער כאסענע גליקלעכ אונ פײַעריק (!),
צומ סאָפ האָט זיכ א בוידעמ אויסגעלאָזט.

4. איידער איכ האָב זיכ ארומגעזענ,
קאָנ איכ שוינ אינ גאס ארײַנ ניט גיינ,
באשערט פונ גאָט א זיבעלע,
א קינד, גרויס ווי א ציבעלע.
פונ דעמ קליינעמ נעפעשל האָב איכ דעמ טויט,

א קאטערל, א הוסטעלע,
סע זויגט אונ סע ציט דאָס ברוסטעלע,
ליבער איז צו בלײַבנ נאָכ א מויד.

5. ער גייט זיכ איז טעאטערל אונ נעמט זיכ א סיט[1] א טײַערנ,
אונ מיכ נעמענ מיט זיכ וויל ער נישט.
ער זאָגט, איכ בינ באשאפנ נאָר צום וואשנ אונ צום שײַערנ,
אונ קאָכנ אונ דערלאנגנ גרייט צום טיש.

6. זאָג איכ אים, ער זאָל אָנ מיר ניט גיינ,
הייסט ער מיר שרײַענ אפ די ציינ.
ער כאפט זיכ באלד זײַנ שטעקעלע
אונ לאָזט מיכ מיט דעם ברעקעלע,
זינג איכ מיר א טרויערדיקע ליד.

7. פונ דער העלער הויט —
סע ווייִנט, סע שרײַט דאָס פיצעלע,
עס העלפט נישט קיינ וואָרט, קיינ שמיצעלע,
אונ ליבער איז נאָכ צו בלײַבנ א מויד.

טאנקאָנאגע, שילער, בעלאָצערקווע, 1934. וואר. פאָלק־
לאָר־לידער I, ז. 134, נומ. 6.

## 36

(גוטיאנסקי ב.)

1. בינ איכ מיר א ייִנגערמאנטשיק,
דארפ איכ האָבנ א ווײַבעלע.
עפשער וועט איר וועלנ וויסנ,
וויאזוי זאָל הייסנ דאָס ווײַבעלע?
כײַע-צור,[2] אז ויי צו מײַנע יאָר.

2. אז איכ האָב שוינ א ווײַבעלע,
דארפ איכ האָבנ א קינד.
עפשער וועט איר וועלנ וויסנ,

---

[1] אנ אָרט.
[2] אפאָנעמ, כײַע-סאָרע.

וויאזוי זאָל הייסן דאָס קינד?
זיַיט-געזונט הייסט דאָס קינד,
כיַיע-צור אז וויי איז צו מיַינע יאָר.

3. אז איך האָב שוין א קינד,
דארף איך האָבן א ניאנקע.
עפשער וועט איר וועלן וויסן,
וויאזוי זאָל הייסן די ניאנקע?
איוואנקע הייסט די ניאנקע,
זיַיט-געזונט, הייסט דאָס קינד,
כיַיע-צור, אז וויי איז צו מיַינע יאָר.

4. אז איך האָב שוין א ניאנקע,
דארף איך א קו האָבן,
עפשער וועט איר וועלן וויסן,
וויאזוי הייסט די קו?
סאלימי הייסט די קו.
איוואנקע הייסט די ניאנקע... אאוו.

5. אז איך האָב שוין א קו,
דארף איך א פאסטעך האָבן.
עפשער וועט איר וועלן וויסן,
וויאזוי זאָל הייסן דער פאסטעך.
איסאסאָק הייסט דער פאסטעך,
סאלימי הייסט די קו... אאוו.

6. אז איך האָב שוין א פאסטעך,
דארף איך א פערד האָבן,
עפשער וועט איר וועלן וויסן,
וויאזוי זאָל הייסן דאָס פערד?
גיי אין דר'ערד הייסט דאָס פערד,
איסאסאָק הייסט דער פאסטעך... אאוו.

7. אז איך האָב שוין א פערד,
דארף איך א וואָגן האָבן,
עפשער וועט איר וועלן וויסן,
וויאזוי זאָל הייסן דער וואָגן?
ווער באגראָבן הייסט דער וואָגן.
גיי אין דר'ערד הייסט דאָס פערד... אאוו.

8. אז איך האָב שוין א וואָגן,
דארף איך א בײַטש האָבן,
עפשער וועט איר וועלן וויסן,
וויאזוי זאָל הייסן די בײַטש?
פיטש־פאטש הייסט די בײַטש,
ווער באגראָבן הייסט דער וואָגן,
גיי אין דר'ערד הייסט דאָס פערד,
איסאסאָק הייסט דער פאסטעכ,
סאלימי הייסט די קו,
איוואנקע הייסט די ניאנקע,
זײַט-געזונט הייסט דאָס קינד,
כײַע־צור, אז ווי איז צו מײַנע יאָר.

לערנער יאָסל, געהערט דאָס ליד קינדווײַז אין דאָרף פיאטיווקע, טולטשינער קרײַז, פּוג א בעטלערג.

## 37

(סקודיצקי ז.)

וואריאנט

1. בין איך א יונגער קנאבע,
דארף איך א פראָ האבען
מוס איך ווײַסען,
ווי די פראָ וועט הײַסען.
כײַעלע כאיאָ הייסט מײַן ליבע פראָ.

2. האבע איך א פראָ,
באדארף איך א קינדע האבען,
מוס איך ווײַסען,
ווי דאָס קינד וועט הײַסען.
סאָרע־הינדע הייסט דאָס קינדע.
כײַעלע-כאיאָ הייסט מײַן ליבע פראָ.

3. האָב איך מיר א קינדע,
מוס איך א וויגעלע האבען,
מוס איך ווײַסען,
ווי דאס וויגעלע ט'הײַסען.

ציגעלע מיגעלע הייסט דאָס וויגעלע,
סאָרע־הינדע הייסט דאָס קינדע,
כײַעלע-כאיאָ הייסט מײַנ ליבע פראָ.

4. האָב איכ מיר א וויגעלע,
מוס איכ א קארעטשע האבענ,
מוס איכ ווײַסענ,
ווי די קארעטשע ט׳הײַסענ.
העטשע־מעטשע הייסט די קארעטשע,
ציגעלע-מיגעלע הייסט דאָס וויגעלע,
סאָרע־הינדע הייסט דאָס קינדע,
כײַעלע־כאיאָ הייסט מײַנ ליבע פראָ.

5. האָב איכ מיר א קארעטשע,
באדארפ איכ פפערדע האבענ,
מוס איכ ווײַסענ,
ווי די פפערדע הײַסנ.
ליג אינ דר׳ערדע, הייסנ די פפערדע,
העטשע־מעטשע הייסט די קארעטשע,
ציגעלע־מיגעלע הייסט דאָס וויגעלע,
סאָרע־הינדע הייסט דאָס קינדע,
כײַעלע-כאיאָ הייסט מײַנ ליבע פראָ.

קאהאנ עליע, געהערט פונ כאנע לעווינא, קיִעוו, 1934.
וואר. צו נומ. 34, 35—ג.מ. ז. 99, ב. 128.

## 38

(ט ש ע ר נ י א ק י.)

(באם שפילנ מיט קינדער)

1. מיטנ פיסעלע
נאָכ א ביסעלע
טאנצ, זונעלע, טאנצ.
מיטנ קעפעלע,
ווי אנ עפעלע,
טאנצ, זונעלע, טאנצ.

2. מיטנ מײַלעלע,
ווי א גדײַלעלע,

טאנצ, זונעלע. טאנצ.
מיטנ נעזעלע,
ווי א העזעלע,
טאנצ, זונעלע, טאנצ.

3. מיט די זײַטעלעכ,
ווי די לײַטעלעכ,
טאנצ, זונעלע, טאנצ.
מיטנ...
צו די מישפּאָכעס,
טאנצ, זונעלע, טאנצ.

פרײדינא מ., כאָטימסק, 1927.

## 39

1. אוי, ווײ, מײַנ ווײַבעלע איז קראנק,
שיקנ נאָכ א דאָקטער טוט מיר באנק,
אײדער געבנ דעמ דאָקטער א צווײער,
בעסער קויפנ צווײ שאָק אײער.[1]

2. פונ זיבנ צווײ,
ווו זשע זײַנענ זײ?
געשטאָרבנ זײַנענ זײ,
באגראָבנ האָט מענ זײ.

(פונעמ אנסקי־ארכיוו), גינזבורג בערל, בוכהאלטער, 17 יאָר, אנאָפּאָל, 1913.

## 40

(געלבמאנ א.)

1. „א גוטנ אָוונט אײַכ, ברײַנע,
טײַערע שכײנע מײַנע,
לײַט זשע מיר א פּעטרעשקע
די יויכ צו פארבראָקנ".

1 אינ א צווײטנ ווארִיאנט: „אײדער געבנ דעמ דאָקטער א גילנ, בעסער גײנ אינ קאָרטנ שפּילנ".

„א פּעטרעשקע האָב איך פֿארגעסן צו קויפֿן,
דאָס פֿלייש האָט מיר מײַן מאַן געבראַכט,
אוי, די יויך וועט דאָרט אויסלויפֿן,
האָט זשע מיר א גוטע נאַכט״.

2. „א גוטן אָוונט אײַך, ברײַנע,
טײַערע שכיינע מײַנע,
לײַט זשע מיר א ציבעלע
די יויך צו פֿאַרבראָקן״.
„א ציבעלע האָב איך פֿאַרגעסן צו קויפֿן,
די גרויפּן האָט מיר דער מאַן געבראַכט.
די יויך וועט דאָרט נאָך אויסלויפֿן,
האָט זשע מיר א גוטע נאַכט״.

3. „מיט מײַן מאַן האָב איך זיך איבערגעבעטן,
פֿיל סיניקעס האָט ער מיר געמאַכט.
איך זאָל צײַט האָבן, וואָלט איך אײַך געוויזן,
האָט זשע מיר א גוטע נאַכט״.

מעזשבעזש. 1929. וואר. קיפּניס I, ז. 119. זע באמערקונג צו נומער 85, ז. 223.

## 41

(טשערניאַק י.)

שענקט איינ נעדאָווע,
א יידישע מוידכן ליגט אינ קימפּעט,
זי האָט דאָך דאָס אינ לעבן ניט געטראַכט.
די העמדעלע האָט זי אויסגעטאָן, א וויקעלע געמאַכט,
דער בייזער נויט האָט איר דערצו געבראַכט.

פֿריידינע מ., נייטערן, 50 יאָר, כאָטימסק, 1929.

## 42

(רײַכשטיין כ.)

1. מע האָט זי דאָך שוינ אפּן בעט ארופגעלייגט,
אונ ער גלייבט נאָך ניט —
„שטיי אוף מײַן ווײַב, די קינדער ווילן עסן
אונ דו גיסט זיי ניט״.

2. מע האָט דאָך איר שוין א רעצעפּט געבראַכט,
אונ ער גלייבט נאָך ניט —
„שטיי אויף, מײַן ווײַב, די קינדער ווילן עסן,
אונ דו גיסט זיי ניט".

3. מע האָט זי דאָך שוין מיט א טיכל פאַרדעקט,
אונ ער גלייבט נאָך ניט —
„שטיי אויף, מײַן ווײַב, די קינדער ווילן עסן,
אונ דו גיסט זיי ניט".

4. מע האָט דאָך איר שוין טאַכריכים אָנגעטאָן,
אונ ער גלייבט נאָך ניט —
„שטיי אויף מײַן ווײַב, די קינדער ווילן עסן,
אונ דו גיסט זיי ניט".

5. מע האָט זי דאָך שוין אף דער מיטע אַרופגעלייגט,
אונ ער גלייבט נאָך ניט.
„הײַנט קינדערלעך וויינט אונ קלאָגט,
איר האָט שוין קיין מאַמע ניט".

פייגע רײַכשטיין, אן ארבעטערן פון פּאַפּיראָסן־פאַבריק, בערדיטשעוו, 1926. וואר. ג.מ. ז. 234, נומ. 281, קאהאנ, II, ז. 81, נומ. 17.

## 43

(טשערניאק י.)

1. אף די הויכע בערג, וואָס זײַנען מיט גראָז באַוואָקסן,
דאָרט שטייט אן אַלטער מאַנ
אונ גראָבט אויס אף א יונגנ מאַנ,
אוי, אוי, אוי, א קייווער.

2. ער שרײַט צו זײַנ פרוי,
אונ זאָגט איר אזוי:
„קום אַהערצו, מײַנ פרוי
אונדזער איינציקער קינד, אוי, אוי, אוי,
צו באַגראָבנ".

3. זי נעמט אים ארום
אונ באַוואַשט אים מיט טרערנ.

„ריבוינעשעלוילעם, וואָס האָסטו פאַרלאָשן
אונדזער שטיקעלע ליכט?"

4. „מײַן אײנציקער קינד,
מײַן געטרײַסטער בריליאַנט,
וויאַזוי זאָל איך פון דיר אַראָפּנעמען מײַנע אויגן,
אַז נעכטן אין דער צײַט,
ווי אַ פרײַינקע פייגעלע אַרומגעפלויגן"...

5. זי נעמט אים אַראָפּ
און טראָגט אים געשווינד צו זײַן קייווער.

דעמסקע איטע, כאַטימסק, 1927.

## 44

(טשערניאַק י.)

וואַריאַנט

1. די הויכענע בערג, די הויכענע בערג,
וואָס זיי זײַנען מיט גראָזן פאַרוואַקסן,
[דאָרט] שטייט אַן אַלטער מאַן
און גראָבט אַ אַ יונגנמאַן,
אוי, אוי, אוי, איין קייווער.

2. „מײַן טײַערער בריליאַנט,
מײַן הייסינקע בלוט,
מײַן וואַרעמינקע מילך,
וויאַזוי האָט דיך דער אַבזער געשטאָכן?
וויאַזוי האָט דיך דער מאַלכאַמאָוועס געבראָכן?
אַז נעכטן אין דיזער צײַט,
ווי איין פרײַינקע פייגעלע איז ער אומגעפלויגן...

3. ריבוינעשעלוילאָם, וואָס האָסטו דאָס געטאָן,
וואָס האָסטו פאַרלאָשן מײַן שטיקעלע ליכט?
איין צאָרע, איין פּליאַגע[1] האָט מיך אינדרײַען געשען,
איך וועל שוין אים קיינמאָל ניט זען"...

פריידינע מ., בייטערן, 50 יאָר, כאַטימסק, 1927.

[1] דײַטש — Plage, דה. פּלאָג.

## 45

(טשערניאק י.)

1. פּליט אײנ קאטשקעלע איבערנ יאמ
אונ רײַסט קרײַטעכער גאָר אָנ א יאמ,
אונ רײַסט קרײַטעכער, הארצעניו, גאָר אָנ א יאמ.

2. געגוג שוינ דיר, ווײַבעלע, קרײַטעכער רײַסנ,
גײ דו וועסט דערוויסנ דעמ מאנ אינ ווײַסנ,
גײ דו וועסט דערוויסנ, הארצעניו, דעמ מאנ אינ ווײַסנ.

3. איצטער, קינדערלעכ, שטעלט זיכ אָנ א זײַט,
אײַער פאָטער איז געשטאָרבנ גאָר אָנ א צײַט,
אײַער פאָטער איז געשטאָרבנ, קינדערלעכ, גאָר אָנ א צײַט.

4. איצטער, קינדערלעכ, שטעלט זיכ ארומ מיר,
פיר וואָכנ שלוישימ האָבנ מיר,
פיר וואָכנ שלוישימ, קינדערלעכ, האָבנ מיר.

5. איצטער, קינדערלעכ, האָרעוועט,
אײנ קראנקע מוטער האָדעוועט,
אײנ קראנקע מוטער, קינדערלעכ, האָדעוועט.

6. איצטער, קינדערלעכ, האָרעוועט,
אײנ אלטע מוטער האָדעוועט,
ײנ אלטע מוטער, קינדערלעכ, האָדעוועט.

פרײדינע מ., נײטערנ, 50 יאָר, כאָטימסק, 1927.

## 46

וואריאַנט

(טשערניאק י.)

1. קאטשעט זיכ א יאשטשיקל איבערנ יאמ,
געלאָזנ קינדער אינמיטנ יאמ,
געלאָזנ קינדערלעכ, דושעניו, אינמיטנ יאמ.

2. איצטער, קינדערלעכ, האָרעוועט,
א קראנקע מוטער האָדעוועט,
א קראנקע מוטער, קינדערלעכ, האָדעוועט.

3. איצטער, קינדערלעך, שטעלט זיך ארום זײַט,
אײַער טאטע איז געשטאָרבן אָן א צײַט,
אײַער טאטע איז געשטאָרבן, קינדערלעך, גאָר אָן א צײַט.

4. איצטער, קינדערלעך, שטעלט זיך ארום מיר,
פיר וואָכן שלוישים האָבן מיר,
פיר וואָכן שלוישים, קינדערלעך, האָבן מיר.

5. איצטער, ווײַבעלעך, געננג אײַך קריַע רײַסן,
גייט טוט אָן מײַן מאן אין ווײַסן,
גייט טוט אָן, ווײַבעלעך, מײַן מאן אין ווײַסן.

עסקינע ב., זאָקנמאכערן, כאָטימסק, 1928. זע ווײַטער,
אין די „באמערקונגען און צוגאָבן", ז. 356.

## 47

(סקודיצקי ז.)

1. יידל האָט אין שול ניט געקאָנט אײַנשטיין,
פון זײַנע אויגן האָבן אים געגאָסן טרערן,
און אין הארצן האָט ער זיך געקלערט,
ווהין זאָל ער זיך קערן.

2. יידל איז געקומען אהיים,
איז ער געווען אזוי ווי די ערד שווארץ,
צו זײַנע קינדער האָט ער ניט געקאָנט צוגיין —
סע איז אים געווען פארביטערט זײַן הארץ.

3. יידל האָט זיך אופגעכאפט באנאכט,
איז קאָשע געוואָרן איר.
זי פרעגט אים: „יידל, וואָס זוכסטו?"
ענטפערט ער: „א שטיקעלע פאפיר".

4. די מענטשן, וואָס זײַנען אינדערפרי צום שטעטל צוגעגאנגען,
האָבן זיך אָנגענומען מיט ווייטעקן, מיט צאָרעס,
מע גיט א פרעג: „ווער האָט זיך דאָרט געקוילעט?"
„בא פערעלמאנען דער גרעסטער מעשאָרעס".

5. א שויכעט, אז ער קוילעט אַן אָקס,
קוילעט ער אים מיט א מעסער,
און ייִדל האָט זיך אליין געקוילעט,
מע דארף שוין ניט שענער און בעסער.

6. אַז א מענטש גיט זיך א שניט א פינגער,
שוט זיך אים אויכעט ווײ —
און ייִדל האָט זיך אליין געקוילעט
און האָט ניט געגעבן קיין געשריי:

7. מײנט איר, ער איז אַן אַלטער געווען,
ער איז געווען נאָך גאָר א מיטעלער ייִד,
זײַן אומגליק האָט אים געבעך געשען
איבער איינ ביטערן יאריד.

8. ייִדל איז געפאָרן אפ א יאריד
און האָט דערלייגט זייער פיל געלט,
אזוי איז ער געקומען אהיים
און האָט זיך אומגעבראכט פון דער וועלט.

כאזאנאָוויטש איטע, שטוב-ווירטן, 44 יאָר, קיִעוו, 1926.

## 48

(קופערשמיד ש.)

1. ייִדל דער רויטער איז געפאָרן אפ א יאריד
און האָט דערלייגט א סאך געלט,
פונעם יאריד איז ער געפאָרן,
שווארץ איז ער געווען ווי די ערד.

2. געקומען דער טאָג פון יאָמקיפּער,
איז ער ארומגעגאנגען און געבראָכן מיט די הענט,
צו גאָטס נאָמען איינדערפרי, אוי, ווײ איז מיר,
איז ער געוואָרן, ווי איין פײַער פארברענט.

3. לויפן ארויס די זעקס קליינע קינדער
מיט א גרויס קאָל:
„ייִדל דער רויטער האָט זיך אליין געקוילעט

באַ רעווזצקען אין דער פּוסטער שטאָל.
יידל דער רויטער האָט זיך אַליין געקוילעט,
אָן אַ שויכעט און אָן אַ טאַקטע".

4. פאַרוואָס האָט ער זיך פריער ניט געקוילעט,
וואָס איז אים געוואָרן אַזאַ בראָך? —
אַ קאַלע־מויד איז באַ אים פון אַ לאָמפּ פאַרברענט געוואָרן
אין דער צײַט, ווען ס'האָט געדאַרפט זײַן די כאַסענע־וואָך.

שעפס מירל, בעלאָצערקווע, 1927.

# 49

וואַריאַנט

(קופּערשמיד ש.)

1. אַפן יאַריד איז ער געפאָרן
און האָט זיך דערלייגט אַ סאַך געלט,
‖: צום ווײַב איז ער שוין ניט צוגעגאַנגען,
ווײַל ס'איז אים געווען פאַרשטערט. :‖

2. יאַמקיפּער אין שול איז ער געגאַנגען
און האָט זיך, אוי, וויי, נאָר געטראַכט,
‖: און האָט זיך, אוי, וויי, נאָר געטראַכט,
ווו זשע נעמט זיך צו מענטשן דער טויט. :‖

3. יאַמקיפּער פונעם שול איז ער געגאַנגען,
און איז שוין אַהיים ניט גע־גאַנגען.
‖: ווו זשע האָט מען אים געפונען געקוילעט, —
באַ רובטשינסקין אין דער פּוסטער שטאַל. :‖

4. דאָס ווײַב און קינדער איינינעם,
זיי שטייען אַרום אים.
‖: די קאָפּ ליגט ניט ווײַט אָפּגערוקט פונעם גוף,
און די קינדערלעך שרײַען „טאַטעניו, שטיי אויף". :‖

בעלאָצערקווע, 1928.

## 50

(כאָראָוועצער ב)

1. מײַן שוויגער, זאָל לעבן, איז געשטאָרבן,
מאָרגן ווערט א וואָך.
אכט טאָג שיווע בין איך געזעסן
נאָכן גרויסן בראָך.

2. די לעווײַע באַלייטן בין איך געגאַנגען
ביזן גרויסן בריק.
פּלוצעם הער איך מוזיק שפּילן
און איך גיי צוריק.

סלאַוויטע, 1925.

## 51

(אוסטערליץ י. ע.)

1. צײַט איך בין א יאָסעם געבליבן,
האָב איך באַקומען פארשטאַנד,
מע האָט פון מיר א טאַכלעס געמאַכט,
מע האָט מיר געגעבן א מעלאָכע אין דער האַנט.

2. די מעלאָכע איז פאַר מיר צו גרויס,
און איך בין פאַר איר צו קליין,
בײַדײַ [1] (!) איך האָרעווע אזוי ביטער,
מײַן מוטער איז אָבער געמיין.

3. פון מײַן גרויס האָרעווען און פון מײַן גרויס מי
זעצ איך זיך אוועק א ביסעלע זאָרגן,
מײַן מאַמע האָט ניט קיין מעל אף שאַבעס,
און קיינער וויל איר ניט באָרגן.

4. פון מײַן גרויס האָרעווען און פון מײַן גרויס מי
לייג איך זיך א ביסעלע צי,

---

1 פאַרגרײַזט מיסטאָמע פון „לוידײַ"—ניט געניג, קאַרג.

איך באוויַיז זיך ניט איבערקערן אפ דער אנדערער זײַט,
מע שרײַט שוין: „מאמזער, שטיי אוף, עס איז ניט פריי".
אוי, ווײ, איז מיר,
אוי, ווינד איז מיר.

פײַנוועדב כוניע, גיטינ יאשע. שילער. איגגוליעצ, 1934
וואר. ג.מ. ז. 252, נומ. 302.

## 52

(געלבמאַנ א.)

1. עלנט פונ אלעביימעלעך,
אפ דעם בערגעלע איינס אליינ,
דאָרט וואקסט זיך א יונג ביימעלע
אינ ווילדנ וואלד אליינ.

2. די זונ בראָט אָפ דאָס קעפּעלע
אונ דער רעגנ וואשט דאָס אויך אָפּ...
(ווי) דער טראָפּנ פונעם בלעטעלע,
אזוי רינענ מיר די טרערנ אראָפּ.

3. דער שאָטנ שיצט דאָס אויך קיינמאָל ניט אָפּ,
אונ ווי פרײַ פּאטשט דאָס דער ווינט.
צו דעם, איך אָרעמ יעסוימעלע,
בינ איך געגליכנט אצינד.

4. קיינ ברודער, קיינ שוועסטער איז אויך ניטאָ,
נאָר א שטיפמוטער זע איך פאר מיר.
זי טוט מיר נאָר אינ טויט ארײַנ,
אונ קיינ מענטש נעמט זיך ניט אָנ פאר מיר.

5. באָרוועס נאָכ וואסער האָט זי מיך געשיקט
אינ א פראָסט אפ זיבעציק גראַד.
דער בויכ האָט איר ניט ווי געטאָנ,
ווײַל זי האָט מיך ניט געהאט.

6. אזויווי א פויגל פון זײַן נעסט,
פארפיֿלט זײַן אויגנבליק,
אזוי איז מיר מײַן מוטער אָפּגעשטאָרבן
מײַן פאָטער האָט מען פארשיקט.

מעזשבעזש, 1929. א פאָלקלאָר־וואריִאציע פון גאָלדפאדנס א ליד אין דער „קישעפמאכערן״. די לעצטע צוויי סטראָפעס זײַנען אין גאָלדפאדנס טעקסט ניט פאראן. זע די בעמערקונג צום נומ. 86, ז. 233.

## 53

(גוטיאנסקי ב.)

1. סאָלאָווייטשיק מאליענקי.
כ'האָב א גאָלאָס א טאָניענקי,
איך שטיי מיר אויף, אלע גאנצפרי,
באקלער מײַן לעבן אָ, ווײ'ז צו מיר.

2. אָן א פאָטער און אָן א מוטער,
ווו איך גיי און גיי איז מיר ביטער,
נאָר אף דעם פעלד וועל איך ארופגיין,
עפּשער וועל איך מײַן פאָטער און מוטער זיין.[1]

3. דאָס גאנצע פעלד בין איך אויסגעגאן,
מײַן פאָטער און מוטער האָב איך ניט געזיין,
נאָר אייןביימעלע האָב איך געזיין
אף מײַן מוטערס קייווער שטיין.

4. „ביימעלע, ביימעלע, בייג זיך אײַן,
קעדיי די ערד זאָל ווייכער זײַן,
און דו, מײַן מוטער, זאָלסט אופשטיין
און ווײַזן דײַן קינד א וועג אהיים צו גיין״.

5. „איך וואָלט אוודע געוואָלט אופשטיין,
מיט דיר, מײַן קינד, אהיים צו גיין.
נאָר די מאציייווע מיט די אײַזערנע שטיינער,
זיי ברעכן מיר איבער מײַנע יונגע ביינער.

1 זען.

6. אדיע, אדיע, מײַן טײַער, זיס קינד,
אין מײַנעם הארצן עס ברענט א ווינד".
„אדיע, אדיע, מײַן טײַערע מוטער,
דיר איז ווײ און מיר איז ביטער".

שלאפשטײן יענטע, בערשאד, 1930.

## 54

ווארִיאנט (קופערשמיד ש.)

1. סאָלאָווײטשיק קלוגינקער,
בא דיר א גאָלאָס א דינינקער,
שטײ זשע אויף אַלע פרי
און שפּאָר מיר אָפּ א ביסל רו.

2. אין א פרעמדן ווײַטן לאנד,
ניטאָ קײנער, וואָס מיר באקאנט.
נישטאָ קײן פאָטער, נישטאָ קײן מיטער,
וו איך קערעווע זיך, איז מיר ביטער.

3. איך וועל טוען אין ווײַטן פעלד גײן
און פאר אונדזער הײם עמעצן דערזײן.
דעם גאנצן פעלד בין איך אויסגעגאנ,
פון אונדזער הײם איז דאָך ניט פאראנ.

4. נאָר א ווערבעלע האָב איך דערזײן
אפ מײַן מוטערס קײווער שטײן.
„ווערבע, ווערבע, נעם א סאָפּ,
און דו, מײַן מוטער, שטײ שוין אָפ,
און דו, מײַן מוטער, טו אופשטײן
און מיר ווײַזן א וועג צו גײן".

5. „איך וואָלט אווּאדע געוואָלט אופשטײן
און דיר ווײַזן א וועג צו גײן,
נאָר די שווערע מאצײווע-שטײנער
האָבן צוגעפרעסט מײַנע בײנער".

לעוויטש ר., סטאווישטש, 1927. נומערן 53 און 54 שטעלן מיט זיך פאָר איבערזעצונגען פון אן אוקראַיִנישן פאָלקלאָר־ליד. זע ווײַטער, אין די „באמערקונגען און צוגאָבן", ז. 380, נומ. 14.

## 55

(טשערניאק י.)

1. וואקסט אינ וואלד א ביימעלע,
וואקסט ער זייער שיינ,
פאלט אראָפּ פונ אימ א צוויַיגעלע,
בלײַבט ער א יעסוימעלע.
אוי, ס'ארא א ביטערקײַט א יעסוימעלע צו זײַנ.

2. די ערשטע ביטער-ביטערקײַט,
וואָס אינ א פרעמדער לאנד,
די צווייטע ביטער-ביטערקייט,
וואָס קיינ מאזל איז ניטאָ,
אונ די דריטע ביטער-ביטערקײַט,
וואָס קיינ פאָטער איז ניטאָ.

3. דאָס, וואָס אינ א פרעמדער לאנד
וועסטו געוויינט ווערנ,
דאָס, וואָס קיינ מאזל איז ניטאָ,
דארפסטו ווײַטער ווארטנ,
אונ דאָס, וואָס קיינ פאָטער איז ניטאָ,
דארפסטו אייביק קלאָגנ.

מיניע יודעס, 55 יאָר, כאָטימסק, 1927. וואר. ג.מ.
ז. 252, נומ. 301.

## 56

(סקודיצקי ז.)

1. אפּנ בעסוילעמ, אונטער א מאצייווע,
הערט זיכ א קאָל פונ א יונגער בעקייווע:
„אוי, וויי, אוי, וויי, איז מיר ווינד,
וואָס וויל די שטיפמוטער פונ מײַנ איינוניינציק קינד.

2. אוי וויי, מאָרדכע, ביסט אמאָל מײַנ מאנ געוועג,
דעמ יאָסעמלס טאטע ביסטו דאָכ אדאיעמ;
צי דו ביסט פונ ביינ, צי דײַנ הארצ איז פונ שטיינ,
אז דו קענסט פארנעמענ דעמ יאָסעמלס געוויינ.

3. ער איז צו מיר אַפּ קיִוועראָוועס געקומען,
די טרערן פון זײַנע אויגן צו מיר אין קיִוועער אַרײַנגעשווּימען,
די צעריסענע טאַכריכים פון טרערן צעווייקט געוואָרן —
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .״

4. „אוי, וויי, מאַמע, איך שטיי אַרום דיר,
דו קענסט מיר ניט העלפן, טאָ נעם מיר צו דיר.
פון דײַן קיִוועער וועל איך ניט אָפּטרעטן,
ביזוואַנען דו וועסט ניט אָנעמען מײַן וויינען און מײַן בעטן״.

5. „גיי מײַן קינד, גיי מײַן קינד, אַהיים,
איך וועל זיך אָפּרעכענען מיט דער שטיפמוטער אַליין.
גיי מײַן קינד, ווישן אָפּ די טרערן,
דער שטיפמוטערס קינדער וועלן אויך אַזוי ווערן״.

גוטמאַן מ., קורסאַנט פון קיִעווער פּעדטעכניקום, טשער־
נאָבל, 1923. וואַריאַנט צטשר. II-III, ז. 816, נומ. 48,
רשמות ב. ז. 374, נומ. 18. נאָך אַ וואַריאַנט בא לער־
נערן, „הויז־פרײַנד״ 2־טער באַנד, ז. 197. זע ווײַטער,
אין די „באַמערקונגען און צוגאָבן״, ז. 357

## 57

(סקודיצקי ז.)

1. אַך, ווי אַפילע דער מינדסטער
האָט דאָך אויך אַ שטיקעלע רו —
וואָס זשע איז דאָ אַזוי פינצטער,
וואָס מע זעט ניט קיין געזיכט?

ניט אַנדערש, אַז איך בין געשטאָרבן,
דאָס איז שוין מײַן רו.
מײַן קערפּער איז מיר פאַרדאָרבן —
ווער זויגט מײַנע קינדערלעך צו?

2. וואָס איז מיר אַזוי ענג,
וואָס איך קען ניט מײַנע פיס אויסציִען?
וואָס איז מיר אַזוי קאַלט,
וואָס איך קען זיך קיין אָרט ניט געפינען?
ניט אַנדערש, אַז איך בין געשטאָרבן... אאַז״.

3. אכ, אוי, ווער שטײט דערבײַ,
מע זאָל כאָטש מײַנ מאַנ זאָגנ,
ער זאָל זײַנ מײַנע קינדערלעכ געטרײַ,
ער זאָל זײ כאָטש ניט שלאָגנ.
ניט אנדערש, אז איכ בינ געשטאָרבנ... אאוו.

4. די ערשטע וואָכ נאָכ דער כאסענע
וועט זי זײ געבנ א העמד,
די אנדערע וואָכ נאָכ דער כאסענע,
וועלנ זײ וויסנ אז ס'איז פרעמד.
ניט אנדערש, אז איכ בינ געשטאָרבנ... אאוו.

גוטמאנ מ., קורסאנט פונ קיִעווער פעדטעכניקומ, טשערנאָבל, 1923. זע ווײַטער, אינ די „באמערקונגענ אונ צוגאָבנ", ז. 357

## 58

(ר ײַ כ ש ט ײ נ כּ...)

1. נײַנ יאָר בינ איכ אלט געוואָרנ,
ווי א מענטש גרויס אָנ א צאָל.
פיל צאָרעס האָב איכ, אוי, וויי, געליטנ,
ווי א מענטש פונ פופציק יאָר.

2. מײַנ מאמע פלעג מיר טאָמיד זאָגנ:
„מײַנ קינד, ס'זאָל דיר ערגער ניט ווערנ".
אונ אז איכ דערמאָנ זיכ אָנ מײַנ לעבנ
פארגיסנ טו איכ טײַכנ טרערנ.

3. מײַנ מאמע ליגט אינ דר'ערד.
די ערד, זי שײַנט פונ איר,
פיל גליקלעכ וואָלט איכ געווענ אצינד,
מײַנ מאמע זאָל זײַנ לעבנ מיר.

בערדיטשעוו, 1927.

(קופערשמיד ש.)

1. „איינע ליגט קראנק א יאָר אָדער צוויי,
סע טוט איר וויי א פוס אָדער א האנט, אוי, וויי,
און איך ליג מיר אפ מײַן בעטעלע און שרײַ אוי, אוי, אוי!
אוי, גאָטעניו, נעם מיך צו פון דער וועלט.

2. איך בין זיך, נעבעך, א יונגע קימפעטאָרן,
איך בין געוועזן פריש און געזונט, אוי, וויי,
הײַנט האָב איך, נעבעך, א קליין קינד געבאָרן,
און דורך דעם גיי איך יונג פון דער וועלט, אוי, וויי.

3. שיק מיר ארײַן מײַן מאן, מײַן געטרײַען,
אוי, לאָמיך זיך געזעגענען מיט אים, אוי, וויי.
קום נאָר אהערצו, מײַן מאן, מײַן געטרײַער,
און לאָמיך זיך געזעגענען מיט דיר, אוי, וויי.

4. דו וועסט זיך מיסטאמע, אוי, כאסענע האָבן
גאָר אין א קורצ שטיקל צײַט, אוי, וויי.
איר זאָלט זיךביידע לעבן אזוי ווי די טויבן,
גאָר אין א גליקלעכער צײַט.

5. נאָר, אָט די צוויי קליינע קינדער, וואָס איך לאָז דיר איבער,
זיי זאָלן בא דיר איבעריק ניט זײַן, אוי, וויי.
אז דו ווייסט דאָך דעם עמעס, וויפל בלוט איך האָב פארגאָסן,
און דורך זיי גיי איך א יונגע פון דער וועלט.

6. רופט מיר ארײַן מײַן זון, מײַן געטרײַען,
און לאָמיך זיך געזעגענען מיט אים, אוי, וויי.
אוי, קום נאָר אהער, מײַן זון, מײַן געטרײַער,
און לאָמיך זיך געזעגענען מיט דיר.

7. דו וועסט זיך מיסטאמע צו א שטיפמאמע קומען
גאָר אין א קורצ שטיקל צײַט, אוי, וויי.
וווּ זי וועט דיר שיקן, אהין זאָלסטו גיין,
זאָלסט ניט מיינען, אז די אייגענע מאמע שטייט בא דער זײַט.

8. און אז זי וועט דיר שיקן, און דו וועסט זי פאָלגן,
ליבן וועט זי דיך, ווי אן אייגן קינד, אוי, וויי.

און אז זי וועט דיך שיקן, און דו וועסט ניט גיין,
ארויסטרײַבן וועט זי דיך, ווי א הינט".

9. „אוי, וויי, מאמע, ס'איז זיך מיר ביטער,
אוי, ביטער וועט מיר זײַן אָן דיר, אוי, וויי.
אוי, ריבוינעשעלוילעם, שיק אָן אף מיר דעם טויט,
באגראָבן זאָל איך ווערן פאר מײַן מאמען".

10. „שיק מיר ארײַן דאָס יאָסעמל, דאָס קליינע,
לאָמיר זיך געזעגענען מיט דעם, אוי, וויי.
דעם לעצטן קוש וועל איך אים געבן,
אז די טרערן זאָל זיך דיר שטעלן אין די אויגן.

11. איך גיי אוועק אין א ווײַטן וועג,
איך וועל זיך דאָרט לאנג זאמען, אוי, וויי.
איך לאָז דיר איבער א יאָסעמל פון דרײַ כאדאָשים,
סע וועט אפילע ניט וויסן, צי סע האָט געהאט א מאמען".

פלאקס לייבל, איזוואָזשטשיק, 50 יאָר, בעלאָצערקווע, 1927.

## 60

(קוגערשמיד ש.)

1. איך שטיי אף דײַן קייווער און וויין,
פיל־ליבע מוטער, מײַן געטרײַע,
פון טרערן טוט מיר מײַן הארץ צעגיין,
פון דײַנע יעסוימעלעך קליינע.

2. דו ליגסט מײַן ליבע מוטער אין דײַן קווורע,
און דו שלאָפסט זיך אין דײַן טויטן שלאָף,
נאָר שטיי שוין אוף, מײַן ליבע מוטער, פון דײַן קווורע,
אף דײַנע קינדער איז פון גאָט א שטראָף.

3. מיר זײַנען געבליבן, ווי א צעשלאָגענע שיף אף א יאם,
און מיר ווייסן זיך ניט וווּ צו קערן,
נאָר דאָס קליינע קינד, וואָס איז געבליבן בא דער נאם,
אוי, מאמע, מיר זײַנען דאָס ניט גערן.

4. איצט, ליבע מוטער, טו איך פונ דײַנ קייווער אװעקגײנ
און גיי גלײַך צו דער שטיפמוטער אהיים.
נאָר דו זאָלסט דערציילנ פאר גאָט אלײנ,
וויאזוי דײַנע קינדער קומענ אָפּ.

5. אוי, גרויסע צאָרעס לײַדנ דײַנע קינדער,
זיי גייענ ארום אינ איינ דערשרעק,
נאָר נויקעם איז זיך אינ אונדז יעדערער באזונדער,
צײַט, מאמע, דו ביסט פונ אונדז אװעק.

6. אינ א שיינעמ װײַנגאָרטנ האָסטו דײַנע קינדער געטאָנ פלאנצנ,
דו האָסט געמיינט, אז דו װעסט זיי שטענדיק טראָגנ,
דו האָסט זיך אוואדע ניט געריכט,
אז דאָס ביימעלע װעט דאָס צװײַגעלע ניט טראָגנ.

7. נאָר ניט אזוי, ווי דו האָסט געמיינט,
און ניט אזוי, ווי דו האָסט געקלערט,
מיט א שטורעמ-ווינט איז ער צו אונדז אָנגעקומענ
און האָט אונדז אונדזער סימכע פארשטערט.

בעלאָצערקווע, 1927.

61

(קופערשמיד ש.)

1. איך שטיי מיר בא דײַנ קייוועךל און וויינ,
ליבע מוטער, מײַנ געטרײַע;
אז דאָס הארצ װעט מיר פונ צאָרעס אויסגיינ
פונ די יעסוימעלעך דײַנע.

2. מאמעניו, דו האָסט געפלאנצט א װײַנגאָרטנ,
דו האָסט געמיינט, אז ער װעט דיר געראָטנ,
אז דער עפּלבוימ הייבט זיך אָנ צו בייגנ,
װערנ די עפּעלעך צעשאָטנ.

3. מאמעניו, דו האָסט איבערגעלאָזט א שיפּ אינמיטנ יאמ,
מע קאָנ זי צו קיינ ברעג ניט דערפירנ,
אָט דאָס קינד, װאָס דו האָסט איבערגעלאָזט בא דער נאמ, —
זײַנענ מיר מיט דעמ ניט צופרידנ.

4. מאמעניו, די ערשטע צײַט איז די שטיפמוטער געווען צו
אונדז זייער גוט,
זי פֿלעג אונדז נאָך געבן א ווײַסע העמד,
נאָר הײַנט, מאמע, זאָלסטו זען,
וויאַזוי זי איז געוואָרן צו אונדז פֿרעמד.

5. אויך דער פֿאָטער דער גוטער,
ער קאָן די צאָרעס ניט צו לײַדן,
אז ער זאָל נעמען די קליינע יעסוימעלעך
און זאָל זיי פֿון שטוב ארויסטרײַבן.

וואָלאָדארסקע, טאראשטשע, 1927, וואריאנט צו דער
פֿעריקער סטראָפֿע זע אויבן ז. 316 נומ. 57 סטראָפֿע 4

## 62

(קופערשמיד ש.)

1. גייט א יאָסעמל און ער קלאָגט
ער וויינט מיט טרערן און ער זאָגט:
„וואָס בין איך געוואָרן,
סע האָט זיך אויסגעלאָזט אף מיר א צאָרן.

2. בלאָנדזשען, בלאָנדזשע איך דאָ אין וואלד
נאקעט און באָרוועס אָן א העמד,
א יאָסעם בין איך, אוי, ווי איז צו מײַנע יאָר,
כאָטש מײַן פֿאָטער לעבט נאָך גאָר.

3. מײַן פֿאָטער איז ניט קיין קאפּצן,
קיין אָרעמער און ניט קיין שאבצן (?).
צווישן אלע זײַנע קינדער
בין איך געוואָרן דער ווונדער.
וואָס האָט ער געהאט צו מיר,
און האָט מיר געוויזן פֿון יענער זײַט טיר?

גאלעמבע, טאראשטשע, 1930

# באמערקונגען און צוגאָבן

## צו זייט 26

אי. אָרשאנסקיס ארטיקל «Простонародные песни русских евреев» — אגעוו טאקע, דער ערשטער ארטיקל ביכלאל וועגן יידישע פאָלקלאָר־לידער — איז דערנאָך איבערגעדרוקט געוואָרן אין אָר־שאנסקיס בוך “Евреи в России“ (1877). א ליבעראלער בורזשוא פון די 60־ער יאָרן, האָט זיך אָרשאנסקי געשטעלט די אופגאבע דורך פאָלקלאָר צו „פארטיידיקן“ פאר דער רוסישער „געזעלשאפט“ דאָס יידישע פאָלק. די באקאנטשאפט מיט די „פאָלקסטימלעכע לידער פון די רוסישע יידן, שרייבט ער, קאָן ווירקזאמער, ווי די פארשיידנסטע ריטאָרישע אפאָ־לאָגיעס, ענדערן אין א סאך פראָטים די פאָרורטיילן, וואָס האָבן זיך בענעגייע יידן איינגעוואָרצלט אינעם מויעך פונעם רוס... („Евреи в России„ стр. 392).

דער אפאָלאָגעטיזירנדיקער צוועק פונעם ארטיקל האָט דיקטירט דעם אוטער א באשטימטן אויסוואל פון מאטעריאל. פאָרט אָבער זיינען די רייך־פאקטישע יעדיעס, וואָס אָרשאנסקי ברענגט, און אמאָל אויך זיינע אייגענע כאראקטעריסטיקעס פונעם שטאָף, אן־און־פאר־זיך אינ־טערעסאנט און וויכטיק אלס ערשטע און עלטסטע יעדיעס וועגן אינהאלט, מאָטיוון און טעמאטיק פון יידישע פאָלקלאָר־לידער. איי־ניקע אינטערעסאנטע פאקטן וועגן יידישן פאָלקלאָר — אינטערעסאנטע ספעציעל פאר דער טעמע וועגן דער ווירקונג פון סלאווישן פאָלק־לאָר אפן יידישן — געפינען מיר אויך אין אָרשאנסקיס א צווייטן ארטיקל
„О замкнутости евреев“ (Еврей в России стр. 383—390)

די באדייטונג פון אָרשאנסקיס אופטו, וועלכער האָט, ניט זייענ־דיק קיין פאָלקלאָריסט און עטנאָגראפ, דער ערשטער אָנגעוויזן אפ דער עקזיסטענץ און וויכטיקייט פון יידישע פאָלקלאָר-לידער, ווערט באזונדערס קלאָר, ווען מיר דערמאָנען זיך, אז סאכאקל פריער מיט זעקס יאָר פאר אָרשאנסקיס ארטיקל האָט א געוויסער מ. בערלין,

א „ספעציאַליסט אנ עטנאָגראַפ" געשריבנ אינ זייַנ: „Очерки этнографии еврейского народонаселения в России" 1861, אז „קיינ לידער, וואָס ווערנ באנוצט פונעמ פאָלק בא אלערליי פארווייַלונגענ, זייַנענ בא ייִדנ ניטאָ, כאָטש זיי האָבנ א נייגונג צומ זינגענ; עס זייַנענ פאראנ בלויז סינאגאָגאלע לידער, וואָס קימאט אלע ייִדנ קאָנענ זיי" (ז. 63).

## צו זייַט 35

פונ די אנטיכסידישע ליטעראַרישע לידער האָט מענ אינ דער מאסע אמייַנסטנ געזונגענ — לויט ווי עס לאָזט זיכ ביז איצט פעסטשטעלנ — די לידער פונ וועלוול זבאראזשער (וואָלפ ערנקראנצ) אונ מיכל גאָרדאָנ. אינעמ שאפנ פונ אָט די ביידע מאסקילישע שרייַבער האָבנ די אנטיכסידישע לידער פארנומענ א באזונדערס באדייַטנדיק אָרט.

דער ערשטער פונ זיי, וועלוול זבאראזשער, האָט פארמאָגט, ווי ס'איז צו זענ פונ זייַנע בעסטע לידער, א קרעפטיקנ סאטירישנ טאלאנט פונ א זינגער א פאָעט, א היפשנ געזעלשאפטלעכנ טעמפעראמענט, רייַכע אייַנפאלנ אונ בילדערישקייַט. בא גינסטיקערע פארהעלטענישנ וואָלט ער זיכער געקאָנט אויסוואקסנ אינ א באדייַטנדיקנ דיכטער.

אָט איז לעמאָשל, א שטיק פונ זייַנ אנטיכסידישנ ליד „מאָשיִעכס צייַטנ", ווו ס'ווערנ אויסגעלאכט די מאָשיִעכ־פאָרשטעלונגענ פונ די פרומע:

„אפ די ביימער וועלנ וואקסנ קוילעטשנ אונ בולקעס,
דער בעקער וועט ניט האָבנ וואָס צו טינ,
די צווייַגנ וועלנ זייַנ ציביקעס אונ ליולקעס,
אונ די בלעטער וועלנ זייַנ טיטינ.
מיט געזאלצענע פיש וועט זייַנ ברוקירט,
אונ גוטער ווייַנ פונ אלע עקנ,
די ווענט מיט דריליעס אויסגעשמירט, —
אלע כסידימ זאָלנ לעקנ".

ניט אומזיסט האָט אפ וועלוול זבאראזשערס שאפונגענ געווענדט זייַנ אופמערקזאמקייַט דער באוווסטער אוקראַיִנישער פאָעט אונ בעלעטריסט איוואנ פראנקאָ, וועלכער האָט געקענט ייִדיש אונ האָט צוויי פונ זבאראזשערס לידער — „מאָשיִעכס־צייַטנ" אונ „דער כאָסיד איבער דאָס טעאטער" — זייער געלונגענ איבערזעצט אפ אוקראַיִניש.[1] זייַנ איבערזעצונג האָט פראנקאָ באמ דרוקנ באגלייט מיט א קורצינקנ

[1] זע Літературно-науковий вістник, т. XXII, Лемберг, 1905—

פאָרוואָרט, אינ וועלכנ ער דערציילט, וויאַזוי ער איז באקאנט געוואָרנ מיט ווערק פונ דער ייִדישער ליטעראטור ביכלאל, מיט זבאראזשערס שאפונגענ ביפראט, אונ גיט א קורצע אָפּשאצונג דעמ לעצטנס שאפנ. די פאקטנ, וועלכע פראנקאָ דערציילט אינעמ דאָזיקנ פאָרוואָרט, זײַנענ זייער אינטערעסאנט פונ קולטור-אונ ליטעראטור-היסטאָרישנ שטאנדפונקט, גאנצ טרעפלעכ איז אויכ זײַנ כאראקטעריסטיק פונ וועלוול זבאראזשערס סאטירישער מאניר. מיר וועלנ דאָ ציטירנ עטלעכע פראגמענטנ פונעמ דאָזיקנ פאָרוואָרט:

„די מוסטערנ פונ דער דאָזיקער (געמיינט ייִדישער — ז.ס.). ליטעראטור אונ ספּעציִעל פונ דער פּאָעזיע האָב איכ געהערט צוערשט נאָכ אינ 1878 יאָר, אינ דער לוואָווער טורמע, אונ שוינ דעמלט האָט מיכ פאראינטערעסירט די פּרימיטיווע מיטלאלטערלעכע פאָרמ פונ די דאָזיקע ייִדישע דיכטונגענ; איכ האָב דאנ געהערט אייניקע לידער פונ איינעמ פונ די עלטסטע אונ ווייניק באדײַטנדיקע, פאָרט אָבער ביז איצט נאָכ פּאָפּולערע זשארגאָנישע פּאָעטנ, בערל פונ בראָד אונ עס האָט מיכ באזונדערס פארוווּנדערט דער שטילער הומאָר פונ די דאָזיקע לידער, אינ א היפשער מאָס עפשער ניט קיינ באוווּסטזיניק-געמיינטער, וואָס איז געבויט אפ מעשונעדיקע קאָנסטרוקציעס פונעמ זשארגאָנ גופע, דערבײַ נאָכ אנ אופריכטיקער רעאליזמ אינעמ טראקטירנ א זאכ אונ יענע פּאָשעטקײַט אינעמ אויסדרוק, וואָס קאָנטראסטירט אזוי שטארק מיט דער געקינצלטקײַט פונ אונדזער קאָנווענציאָנעלער, אויב ניט זאָגנ, סכאָלאסטישער פּאָעזיע. איכ האָב דעמלט טאָקע, אינ טורמע זיצנדיק, געפּרווּט זיכ איבערצוזעצנ אייניקע פונ די דאָזיקע לידער אפ אונדזער שפּראכ, אָבער די דאָזיקע איבערזעצונגענ, וואָס זײַנענ געשריבנ געוואָרנ מיט א בלײַער אפ ברעקלעכ פּאפּיר, זײַנענ ארײַנגעפאלנ אינ די הענט פונעמ טורמע-קליוטשניק אונ זײַנענ פארניכטעט געוואָרנ. שפּעטער, אינ 1880—1881 יאָר, זײַענדיק אינ דראָהאָביטש אונ כאווערנדיק זיכ מיט ייִדישע סטודענטנ אונ פּראָלעטאריער, האָב איכ נאָכאמאָל געהאט די מעגלעכקײַט זיכ אָנצושטויסנ אפ מוסטערנ פונ ייִדישער פּאָעזיע... דעמלט טאקע האָב איכ געקריגנ אייניקע אויסגאבעס פונ דער זשארגאָנישער ליטעראטור אונ געפּרווּט זיכ דורכ אייגענער לעקטור ארײַנדרינגענ טיפער אינ איר גײַסט. באזונדערס האָט מיכ פאראינטערעסירט וואָלפ ערענקראנצ פונ זבאראזש, א פאָלקס-זינגער, וואָס איז געווענ בארימט ניט נאָר אינ די ייִדישע קרײַזנ פונ גאליציע, נאָר אויכ פונ דײַטשלאנד אונ פונ מיזרעכ. ער איז געשטאָרבנ אינ קאָנסטאנטינאָפּאָל אָנהייב 70-ער יאָרנ אונ געלאָזט נאָכ זיכ א צווייבענדיקע לידער-זאמלונג „מקל נועם" אונ א איינבאנדיקע זאמלונג „מקל חובטים", וואָס צייכנט זיכ

אויס, פונקט אזוי ווי די מערהײַט לידער זײַנע, מיט שארפער סאטירע אף דער ייִדישער סעקטע אזויגערופענע כסידים און זייערע רעבײַים, באלמאָפּסים, אזויגערופענע צאַדיקים. פון דער ערשטער זאמלונג, פון „מקל נועם", האָב איך אויסגעקליבן עטלעכע לידער אף איבערזעצן בא א פאסיקער געלעגנהײַט.

דאָס ליד „מאַשיִעכס-צײַטן"... געהערט צו די שענסטע ווערק ערענקראנצס און פרייט נאָך ביז איצטער די הערצער פון אלע פרײַזיניקע ייִדן, וואָס זעען אינעם פארצוויאקעוועטן און פאנאטישן כאסידיזם א שטערונג פאר דער גײַסטיקער אנטוויקלונג פונעם ייִדישן פאָלק. וואָלף ערענקראנץ ווייסט אלע ניואנסן אינעם דענקען און אינעם גלויבן פונעם כאָסיד, דעריבער קאסט ער זיך ניט, זידלט זיך ניט, קאָמענטירט ניט און פאָלעמיזירט ניט, — ער גרופּירט בלויז און שטרײַכט אונטער דעטאלן, פארשווינדט אליין אינגאנצן הינטער דעם געשילדערטן טיפּ און באארבעט אים אזוי דין און ריכטיק, אז בלויז יענער, וואָס ער קאָן ברייט ארײַנדרינגען אינעם זינגערס פּסיכאָלאָגיע, וועט דערפילן די סאטירישע שארפע און דעם סווערענעם קוים־מערקבארן געלעכטער פונעם זינגער. די אפּיקאָרסים מאָלט דער אויטער דורך די רייד און אָנשויונגען פונעם כאָסיד, וועלכער כאראקטעריזירט אף אזא אויפן אמבעסטן זײַנע אייגענע אָנשויונגען און געפילן".

פון וועלוול זבאראזשערס אנטיכסידישע לידער זײַנען אמיינסטן פארשפרייט און פּאָפּולער געווען אזעלכע:

1) „וואָס פארשטייסטו, דו פילאָזאָף, מיט דײַן פּלאטשיקן מויעכל". א פאָלקלאָר־וואריאנט פונעם דאָזיקן ליד (אנאָנים) איז געדרוקט בא קיפּניס, I, ז. 93. עטלעכע אנדערע פאָלקלאָר־וואריאנטן, פארשריבענע אין די לעצטע יאָרן, געפינען זיך אינעם ארכיוו פון דער עטנאָגראפישער סעקציע. שפעטער מיט צענדליקער יאָרן נאָך דעם, ווי דאָס איז באשאפן געוואָרן, האָט מען דאָס דאָזיקע אנטיכסידישע ליד איבערגעארבעט אין די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער־קרײַזן אין אן אנטיציִעניסטיש ליד: „קום אהער, דו ציִעניסט, מיט דײַן קעצענעם מויעכל, גיי ארײַן צום ארבעטסמאן, וועט ער דיר לערנען סייכל"... אאוו.

2) „מאַשיִעכס צײַטן". א פאָלקלאָר־וואריאנט פונעם דאָזיקן ליד איז געדרוקט (אנאָנים) בא קיפּניס II, ז. 89. אנדערע פאָלקלאָר־וואריאציעס דערפון געפינען זיך אינעם ארכיוו פון דער עטנאָגראפישער סעקציע.

3) „דער רעבע אפן יאַם". עטלעכע פאָלקלאָר-וואריאנטן דערפון געפינען זיך אינעם ארכיוו פון דער עטנאָגראפישער סעקציע.

4) „לאָמיר וויינען, לאָמיר קלאָגן, לאָמיר בעטן צום לעבעדיקן גאָט". צוויי פאָלקלאָר־וואריאנטן דערפון געפינען זיך אינעם ארכיוו פון דער עטנאָגראפישער סעקציע.

בא דער געלעגנהייט וועלנ מיר דאָ שוינ פארצייכענענ די אלע אנדערע, ניט נאָר אנטיכסידישע, לידער וועלוול זבאראשערס, וואָס זיינענ געווענ פאָפולער בא די מאסנ. דאָס זיינענ:

1) „דאָס בייסהאקוואָרעס" — ווערט ציטירט (אנאָנימ) אלס פאָלק-לאָר-ליד אינ אָרשאנסקיס ארטיקל וועגנ יידישע פאָלקלאָר-לידער („Евреи в России" стр. 394), א פאָלקלאָר-וואריאנט דערפונ, פארשריבנ פונ כ' געלבמאנ (אינ 1927), געפינט זיכ אינ ארכיוו פונ דער עטנאָ-גראפישער סעקציע.

2) „די בראילאָווער סאָכרימ" — ווערט ציטירט (אנאָנימ) אלס פאר-שפרייט פאָלקלאָר-ליד בא אָרשאנסקינ (ז. 395), אויכ בא אנסקינ ב. XV, ז. 187—188).

3) „דער מאציייווע-שלעגער" — א פאָלקלאָר-וואריאנט דערפונ, פאר-שריבנ פונ כ' געלבמאנ, געפינט זיכ אינעמ ארכיוו פונ דער עטנאָגר. סעקציע.

4) „די יידישע מיילעס" — א פראגמענט פונ דעמ ליד איז גע-בראכט (אנאָנימ) אלס פאָלקלאָר-ליד אינ ג. מ. זאמלונג אונטערנ נו-מער 318. א פאָלקלאָר-וואריאנט דערפונ האָב איכ אויכ פארשריבנ אינ יאָר 1928 פונ מ. שיינקער (וואָלד-אָנגעשטעלטער).

5) „דער שיקער" — א פראגמענט פונעמ ליד ווערט ציטירט (אנ-אָנימ) אלס פאָלקלאָר-ליד בא אנסקינ (ב. XV, ז. 189). א פראגמענט דערפונ געפינט זיכ אויכ אינ א ליד, וואָס איז געדרוקט אינעמ ערשטנ באנד פונ דער דאָזיקער אויסגאבע (ז. 141, נומ. 12).[1]

---

דער ווערטפולסטער טייל פונ מיכל גאָרדאָנס קינסטלערישער שא-פונג זיינענ זיינע סאטירישע לידער. ער אליינ שרייבט וועגנ זיכ:

„ניט וויל איכ האָב א נאטור צו זינגענ,
האָב איכ געזונגענ מיינע לידער,
נאָר קעדיי מיינ הארצ זאָל ניט צעשפרינגענ,
ווענ איכ זע פעלער פונ מיינע ברידער".

מ. גאָרדאָנ האָט שארפ אָנגעגריפנ דעמ כאסידיזמ (ניט רעליגיע ביכ-לאל), דעמ איפעש אונ די פעאָדאלישע פארקריפלטקייט אינעמ יידישנ לעבנ-שטייגער. צוליב די שארפע אנטיכסידישע טענדענצנ פונ זיינע לידער האָט

---

1 פונ וועלוול זבאראזשערס פיר לידער-ביכלעכ „מקל נועמ" האָט זיכ מיר איינגע-געבנ צו קריגנ בלויז צוויי: דעמ ערשטנ אונ דריטנ טייל. אינ דער דאָזיקער באָטיצ דערמאָנ איכ א פאָר פאָלקלאָר-וואריאציעס פונ אזוינע לידער וועלוול זבאראשערס, וועלכע זיינענ געדרוקט אינ צווייטנ אונ פערטנ טייל פונ „מקל נועמ". די אנטשפרעכיקע לידער זבאראזשערס זיינענ מיר באקאנט פונ ציטאטעס, וואָס ווערנ געבראכט אינ וויינבערגס ארבעט וועגנ וועלוול זבאראזשער אינ „Mitteilungen zur jüdischer Volkskunde" העפט 31, 32.

ער זײַנע ערשטע לידער-ביכל אין ייִדיש, מוירע האָבנדיק פאַר רעפּרע־סיעס פון די כסידימס זײַט, ניט געדרוקט אונטער זײַן נאָמען. ער האָט עס אונטערגעשריבן מיט דער העברעייִשער אנאגראמע „גר דל מך אנ״. וועגן דעם דאָזיקן פאַקט האָט ער געשריבן אין זײַנס א ליד:

„מײַנע לידער זײַנען אַפּ דער וועלט
ארויס אזױװי קאָנטראבאנד,
מײַן נאָמען איז אַפּ זײ ניט געשטעלט
כ'האָב מוירע געהאַט פאַרן כאָסידס האַנט״.

די געזעלשאַפטלעך-קריטישע טענדענצן פון גאָרדאָנס דיכטונג האָבן אין אייניקע פּונקטן זייערע אַנטשפּראָכן צו די אָנשוױונגען און אינ־טערעסן אױך פון די ברייטע האָרעפּאַשנע מאַסן. אויב מיר װעלן דערצו צוגעבן, אַז מ. גאָרדאָנס בעסערע לידער זײַנען געשריבן מיט א קלאָרער טרעפלעכער און זאַפטיקער מאַסן־שפּראַך, אַז ער װײַזט אין זײ ארויס בעפייִרעשנ טאַלאַנט פאַר סאַטירישער שטייגער־שיל־דערונג, װעלן אונדז קלאָר זײַן די סיבעס, פאַרוואָס זײַנע לידער זײַנען אזױ פּאָפּולער געווען בא די מאַסן.

פון מ. גאָרדאָנס אַנטיכסידישע לידער האָט מען אין די מאַסן אמיינסטן געזונגען:

1) „מײַן טשוװע״. דאָס דאָזיקע ליד גאָרדאָנס האָב איך געהערט זינגען נאָך אין 1928 יאָר פון מ. שיינקער אין זשיטאָמיר. א פאָלק־לאָריש-אַנטיכסידיש ליד, װאָס דערמאָנט מיט געװיסע פּראָטים אין גאָרדאָנס „מײַן טשוװע״ איז געדרוקט אין אונדזער איצטיקער זאַמ־לונג (זע אויבן ז. 137 נומ. 7 און די באַמערקונג דערצו װײַטער ז. 348.

2) „מײַן װידע״. א פאָלקלאָר־װאַריִאַנט פונעם דאָזיקן ליד, האָט פאַרשריבן כ׳ ש. קופּערשמיד אין 1928 יאָר. דער טעקסט געפינט זיך אינעם ארכיװ פון דער עטנאָגר. סעקציע.

3) „דער באָרשטש״. דאָס דאָזיקע ליד האָב איך געהערט זינגען אין 1928 יאָר פון מ. שיינקער. כ'האָב דאָס אויך געזען פאַרצייכנט אין אַן אַלטן געשריבענעם ייִדישן לידער-בוך (זע װײַטער ז. 337).

פון אַנדערע לידער מ. גאָרדאָנס, ניט ספּעציִעל אַנטיכסידישע, איז געװען פאַרשפּרייט:

1) „די באָרד״. א פאָלקלאָר־װאַריִאַנט פון דעם ליד געפינט זיך אינעם ארכיװ פון דער עטנאָגר. סעקציע.

2) „דער געט״. („איר זײַט דאָך רעב ייִד אין פאַלטאַװע געװען״). א פאָלקלאָר-װאַריִאַנט פון דעם ליד געפינט זיך אינעם ארכיװ פון דער עטנאָגר. סעקציע. אין אונדזער ארכיװ איז אויך פאַראַן א פאָלק־לאָר־װאַריִאַנט (צוגעשטעלט פון כ׳ י. טשערניאַק), אין װעלכן עס זײַ־נען קאָנטאַמינירט צוויי לידער גאָרדאָנס — „די באָרד״ און „דער געט״.

3) „די שטיפמוטער" („אפּן בעסוילעם אונטער אַ מאַציייווע"). לויט אונדזערע באַאַבאַכטונגען — געווען איינס פון די פאַרשפּרייטסטע ייִדישע לידער ביכלאַל. מער ווי אַ צענדליק פאָלקלאָר־וואַריאַציעס דער־פון געפינען זיך אינעם אַרכיוו פון דער עטנאָגר. סעקציע. עטלעכע מאָל גע־ווען געדרוקט אַנאָנים אַלס פאָלקלאָר־ליד אין ספּעציעלע זאַמלונגען (זע אויבן, ז. 316 נומ. 56 און די באַמערקונג דערצו. זע אויך ווייטער, ז. 357).

4) „די מאַשקע". פאָלקלאָר־וואַריאַנטן פון דעם ליד זײַנען גע־דרוקט (אַנאָנים) בײַ קיפּניס II, ז. 59, בײַ באַסטאָמסקין, ז. 118. נומ. 30.

5) „פון דער כופּע". אַ פאָלקלאָר־וואַריאַנט דערפון געפינט זיך אינעם אַרכיוו פון דער עטנאָגר. סעקציע.

6) „זעלדע פאַר דעם געט" („פון יענער נאַכט אָן, ווען איך בין געגאַנגען, צוריק פון דער כופּע מיטן דעקטוך באַהאַנגען"). אַ פאָלק־לאָר־וואַריאַנט פון דעם ליד (אַנאָנים) איז געדרוקט בײַ ג. מ. ז. 237 נומ. 285. עטלעכע פאָלקלאָר־וואַריאַנטן דערפון געפינען זיך אינעם אַרכיוו פון דער עטנאָגר. סעקציע.

7) „מײַן דייע". אַ פאָלקלאָר־וואַריאַנט פון דעם ליד איז געדרוקט (אַנאָנים) בײַ באַסטאָמסקי ז. 66, נומ. 1.

## צו זײַט 40

אַלס אַ גרויסער שרײַבער, וואָס האָט אויסגעצייכנט געקענט דאָס לעבן פון די ברייטע ייִדישע האַרעפּאַשנע מאַסן אין XIX י.ה. איז מענדעלע געווען אויך אַ גרויסער קענער פונעם ייִדישן פאָלקלאָר ביכלאַל, פונעם ייִדישן פאָלקאָר־ליד בפרט. איינער פון די ערשטע אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָט מענדעלע אָנגעהויבן אויסנוצן דאָס פאָלקלאָר־ליד אין זײַנע אייגענע ווערק צוליב קינסטלערישע צוועקן. אין פאַרשיידענע ערטער פון מענדעלעס ווערק („דאָס ווינטש־פינגערל", „דער פּריזיוו", „דאָס קליינע מענטשעלע" אא.) זײַנען צעשאָטן פראַגמענטן פון פאָלקלאָר־לידער און אויך גאַנצע פאָלקלאָר־לידער (קינדער־לידער, ליבע־לידער, סאָציאַל־שטייגערישע לידער), וואָס דער שרײַבער האָט זיי, ווי עס לאָזט זיך פעסטשטעלן, געשעפּט ניט פון געדרוקטע קוועלן (ציטאַטעס פון פאָלקלאָר־לידער טרעפן מיר אין מענדעלע־אויסגאַבעס פון אַזעלכע יאָרן, ווען עס זײַנען נאָך ביכ־לאַל ניט געווען אַפילו קיין שום פּובליקאַציעס פון ייִדישע פאָלקס־לידער), נאָר פון אייגענעם זיכּאָרן, פון אייגענער באַקאַנטשאַפט מיטן שטאָף. וועגן מענדעלעס גרויסער באַהאַונטקייט אינעם פאָלק־לאָר זאָגט אויך איידעס זײַן גלענצנדיקע כאַראַקטעריסטיק פונעם ייִדישן פאָלקלאָר־ליד, וואָס מיר געפינען אין „שלוימע רעב כאַיִמס". כאַראַקטעריזירנדיק די פאַרשיידענע מאָטיוון אינעם פאָלקלאָר, דורך

דער טיפּישער פאַרנ פאָלקלאָר־ליד גופע שפּראַכ אונ בילדערישקײַט, האָט מענדעלע אינ דער דאָזיקער שטעל געגעבנ א פּאַראַלעגמײַנערט בילד וועגנ דעמ אינהאַלט אונ מאָטיוונ פונעמ פאָלקלאָר־ליד פונ די ייִדישע האָרעפּאַשנע מאַסנ אינ די 40—50 י.י. פונ XIX י.ה. (די צײַט, צו וועלכער עס באַציט זיכ אַנערעכ די באַשרײַבונג).

מענדעלע שרײַבט דאָרטנ:

„דאָרט באַ די פּױעלים ווערנ אָפּט געזונגענ לידלעכ, אײגענע אַרבעט טאַקע, וואָס גײענ דערנאָכ אַרויס אַפ דער וועלט, צווישנ אוי־לעמ, פאַלנ אַרײַנ אינ מויל צו מײדלעכ, דינסטמײדלעכ אונ באַקומענ דעמ נאָמענ „פאָלקסלידלעכ“. פּויעלימ, וואָס פלעגנ וואַנדרעווענ, אַר־בעטנ באַ גויִימ אינ די דערפער, האָבנ אינ זײערע לידלעכ אַרײַנ־געמישט גויִישע ווערטער, אַזוי אַז ס'איז אַרויסגעקומענ האַלב ייִדיש, האַלב רײַסיש.

דער „טאָכ“ פונ די לידער איז געווענ זײער פאַרשײדנ, ס'איז געווענ אַזוינע איבער ליבעס. א דינסטמײדל, אַשטײגער, פאַרבענקט זיכ אינ דער פרעמד נאָכ איר געליבטנ, דערמאָנט זיכ ווײנענדיק אָנ די גוטע, זיסע מינוטנ, ווי זײ פלעגנ פאַרברענגענ צוזאַמענ ווי א פּאָר טויבנ אַנ שפּאַציר, אַמאָל אינ געדיכטע וועלדער אונ אַמאָל צווישנ ווײצ אונ קאָרנ. אָדער סטאַמ א מײדל גיסט אויס איר האַרצ, ציט זיכ מיט דער נעשאָמע צו עפּעס א כאָסנ, ווי א קלײנ קינד מיט די הענטעלעכ צו דער שײַנענדיקער לעוואָנע. אויכ לידלעכ פונ א שנור איבער א בײזע שוויגער, פונ א יעסוימע איבער א שטיפ־מוטער. לידלעכ פונ ייִדישע רעקרוטנ, ווי זײ געזעגענעג זיכ מיט אַלע זײערע ליבע פאַרנ אַוועקגאַנג אינ דינסט אַפ לאַנגע, לאַנגע יאָרנ. באַווײַבטע געזעגענענ זיכ מיט ווײַבער אונ קינדער, ייִנגלעכ, קלײני־טשקע, נעבעכ, באַמ „דיאַדקע“ אַפ די הענט, אינ ברײטע, לאַנגע, פעלצלעכ, צוויי מאָל אַזויפיל ווי זײ, געזעגענענ זיכ מיט טאַטע־מאַמע, ברידער אונ שוועסטער. אַזעלכע הײסנ אינ די לידלעכ בידנע יעסוימימלעכ, וואָס ווערנ, ווי פונ א בוימ אָפּגעריסענע בלעטלעכ, פאַרוואָרפנ העט־העט ווײַט אינ די קאַלטע ערטער, ערגעצ אינ א העק, צווישנ פרעמדע, גראָבע פויערימ, צו פּאַשענ דאָרט באַ זײ כאַ־זײרימ, אונ גאָט ווײסט, ווו זײער געבײנ וועט אַהינקומענ. טאַטע־מאַמע וועלנ אַפילע ניט זיצנ „שיווע“. צווישנ די לידלעכ איז דאָ פילע איבער נעגידימ, קאָהאַלסקע אונ קײקוידעש, אינ וועלכע זײ רעכענענ זיכ אָפּ, מיט די אַלע פײַנע בעריעס פאַר די צאָרעס אונ לײד, וואָס זײ שטײענ פונ די לײַט אויס, אונ לאָזנ אויס צו זײער קאָפּ אַלדאָסבײז מיט שאַרפע ווערטלעכ אונ שפּיציקע שטעכווערט־לעכ. יענע הײסנ באַ זײ: יאָלדנ, שמעלקעס, דאָס אויבערשטע פונ

שטויסל, צימעס, קאַפּהאָנ־דאָס, שיינע־ריינע מוריינעס. מע קאָנ מיט רעכט זאָגנ, אז בא די באַלמעלאָכעס האָט געטליעט א פּאָעטישער פונק".

ס'איז וויכטיק צו באַמערקנ, אז מענדעלע שטרייכט אונטער טיי אינ דער ציטירטער שטעל („דאָרט בא די פּויעלים ווערנ אָפט גע־זונגענ לידלעכ, אייגענע ארבעט טאַקע" אאַוו.), טיי אינ אנדערע ער־טער, פונ זיינע ווערק, אז די קוואַלנ פונעם פאָלקלאָר־ליד גייענ דע־ריקער פונ די האָרעפּאשנע אונטערדריקטע מאסנ. מיר וועלנ דאָ דער־מאָנענ, לעמאָשל, אז ציטירנדיק אינ „ווינטשפינגערל" דאָס סאטירישע פאָלקלאָר־ליד וועגנ אקציזניקעס־מאסקיים—

„,אונ אקציזנע יינגעלייט
זיינענ פארשייט;
גאָלנ די בערדעלעכ
אונ פאָרנ אפ פערדעלעכ,
גייענ אינ קאַלאָשנ
אונ עסנ אומגעוואשנ,
זיי גייענ אינ די טראַקטירנ,
טרינקענ טיי,
אונ דער ווייבל איז ווינד אונ וויי"[1]

באַמערקט דערביי מענדעלע, אז דאָס דאָזיקע ליד האָבנ פּאר־פאסט „שניידער באַרכאָנים אורעדוימע כעוורע פּ"צ, די פאָלקס־פּיי־טאָנים, וואָס מאכנ לידלעכ אפ אלע מינע שלעק, מעשולאכעסנ אונ יענער צייט, אונ מע זינגט זיי דערנאָכ צווישנ דעם יידישנ אוילעם"..

אינ דעם זעלבנ „ווינטשפינגערל" ברענגט מענדעלע א קינדער־ליד, וואָס עס אימפּראָוויזירט לויטנ גאנג פונ דער דערציילונג איינס פונ שמיליק דעם טאנדעטניקס קינדער:

---

1 אגעוו, אינ ארכיוו פונ אונדזער עטנאָגראפישער סעקציע געפינט זיכ נאָכ איינ סאטיריש פאָלקלאָר־ליד אפ דער זעלבער טעמע (צוגעשטעלט דורכ א. געלבמאנ):

„,גייט ער די הויזנ איבער די קאמאשנ,
פרעסט ווי א גוי אומגעוואשנ,
אָרנטלעכ אונ פיינ, פיינ, פיינ, פיינ,
א דייטש, א דייטש מוז ער זיינ.

גייט ער אינ גאס אונ גאנוועט א בולקע,
אונ אומ שאבעס רייכערט ער די ליולקע.
אָרנטלעכ אונ פיינ, פיינ, פיינ, פיינ,
א דייטש, א דייטש, מוז ער זיינ".

„האָצ, האָצ, האָצ,
לעבעדיק, פריילעכ אלע,
מאמע באקט די כאלע

האָצ, האָצ, האָצ,
דער טאטע גיט געלט,
די מאמע קוועלט.
קינדער צום טיש!
נאט אײַך יויכ א שיסל,
פונ א הונ א פיסל,
פונ א הערינג ס׳קעפל
אונ א קוגל פונ עפל.

האָצ, האָצ, האָצ,
כאנע, לייע, ציפוירע,
האָצ, האָצ, האָצ,
עסטער, סאָרע, דווירע״.

אונ מענדעלע רופט אויס בא דער דאָזיקער געלעגנהײַט: „דערעכערעצ פאר קאפּצאָנישע קינדער! פונ זיי קומט ארויס דער גרעסטער טייל פּאָעטנ״. אינטערעסאנט אויכ צו פארצייכענענ דעם פאקט, אז די פאָלקלאָר-לידער לאָזט מענדעלע זינגענ אינ זײַנע ווערק, דערעכ קלאל, בלויז פערסאָנאזשנ, וואָס געהערנ צום אָרעמענ האָרעפאשנעם האמינ — דוואָסיע די קעכנ אינעם „פּריזיוו״, הערשעלע אונביילע, שמיליק דעם טאנדעטניקס קינדער אינ „ווינטשפינגערל״ „א יוגנט מיט א צוגעדעקטנ קאָפּ, וואָס פּאָרט זיכ שטעלנ פאר אנ אמ״ אינ דעם זעלבנ „ווינטשפינגערל״ אאוו.

מיר דרוקנ דאָ איבער עטלעכע ווייניק באקאנטע פאָלקלאָר־לידער, וואָס ווערנ ציטירט אינ מענדעלעס ווערק. דאָס ערשטע פונ די דאָזיקע לידער איז א ליבע־ליד, ווערט געבראכט אינ „פּריזיוו״, דאָס צווייטע — א פראגמענט פונ א סאָציאל־שטייגעריש ליד — ווערט געבראכט אינ „ווינטשפינגערל״, דאָס דריטע — א ליד וועגנ דער וואנדערונג פונ דער ליטע אינ די קאָלאָניעס אפ כערסאָנשטשינע (אנ ערעכ 40-ער יאָרנ פונ XIX י.ה.) — אגעוו, דאָס אײנציקע באקאנטע ליד אפ דער דאָזיקער טעמע — ווערט געבראכט אינ דער „אלטער מײַסע״ אונ ענדלעכ דאָס פערטע — א וויג־ליד ווערט געבראכט אינ „דאָס קליינע מענטשעלע״. וואָס שײַעכ דעם לעצטנ ליד, איז מעגלעכ, אז דאָס איז ניט קיינ פאָלקסליד, נאָר מענדעלעס א פארפאסונג אינ א פאָלקסטימלעכנ סטיל.

1

אפנ פויפעטשיקל ברענט א פײַערל
אונ אויסנ קוימענדל גייט א רויכ,
אז איכ דערמאָנ אינ מײַנ באשערטנ זיכ,
פארליר איכ, אוי, דעמ קאָפ אונ דעמ מויעכ.

אינ דרויסנ גייט א רעגנדל,
אינ שטיבעלע איז זיכ פארנע,
אפ דער גאנצער וועלט איז א פרייד
אונ מיר איז ביטער אונ מארנע.

2

אפנ הימל לויכטנ שטערנדלעכ,
אינ וועלדל שפילט א סאָלאָוויי,
דער גאנצער וועלט אינ ליב אונ פריילעכ
אונ מיר אליינ איז אָכ אונ וויי.

3

האָט איר געהערט דאָס לאנד כערסאָנ,
ניט ווײַט פונעמ פעטער ייִשמאָעל,
פונ פויגל־מילכ איז דאָרט פאראנ,
פאר ייִדנ ערעציסראָעל.

א פייעמ א ציג, א שאָפ א דרײַער,
א הונ, א אינדיק האלב אומזיסט,
אלצדינג בעזיל־זאָל, קיינ זאכ נישט טײַער,
אונ טוועס דאָרטנ פול ווי מיסט.

דאָס לאנד איז גוט אונ ווייל א ווינדער,
אויב לעבנ, ברידער, ווילט איר פײַנ,
פארנעמט די קלימקעס, ווײַב אונ קינדער,
אונ לאָמיר אוילע־רעגל זײַנ!

4

א ליו־ליו, בידנע קינד,
ווי איז דער מאמע, וויי אונ ווינד!

אינוויינִיק אינ וויגעלע,
ליגט א קלאָר־ווײַס ציגעלע —
ציגעלע מע! ציגעלע מע!

ניט זשע שריי, ניט זשע וויין,
ביסט דאָך עלנד ווי א שטיין —
ציגעלע מע! ציגעלע מע!

וויסט און פינצטער איז דיַין וועלט,
ליַיד זשע שטיל הונגער און קעלט —
ציגעלע מע! ציגעלע מע!

דאָרט אין דרויסן, הער נאָר הער,
וואָיעט א וואָלף, ברומט א בער —
ציגעלע מע! ציגעלע מע!

ליידיק, ליידיק איז דאָס וויגעלע,
אוי, נישטאָ מיַין קלאָר־וויַיס ציגעלע!
א ליו־ליו־ליו בידנע קינד —
וויי איז דער מאמע, וויי און ווינד!

## צו זיַיט 80

**מיר וועלן דאָ ברענגען אייניקע ידיעות וועגן יענע האנטשריפט־לעכע לידער־ביכער, פון וועלכע מיר האָבן גענומען געוויסע מאַטע־ריאַלן פאר אונדזער איצטיקן בוך.**

### 1

דאָס אינטערעסאַנטסטע צווישן זיי, איז דער מאנוסקריפּט, פון וועלכן מיר האָבן אראָפּגעשריבן פאר אונדזער איצטיקער זאמלונג די אלטע פּריזיוו־לידער ננ. 2, 3, ז. 241־245, דער דאָזיקער מאנו־סקריפּט האָט זיך געפונען אין פּריוואטן באזיץ און איז, צום באַ־דויערן, אין יאָר 1932 באַם באזיצער פארלוירן געגאנגען. די ווייני־קע ידיעות, וואָס איך ברענג וועגן דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער, עפּשער אײנציקער זאמלונג פון דעם מין, נעם איך פון מיַינע קור־צע נאָטיצן, וואָס איך האָב זיך געמאכט אין יאָר 1929, ווען מיר איז צופעליק אויסגעקומען אין זשיטאָמיר זיך מיט דעם דאָזיקן מאַ־נוסקריפּט צו באקענען. דאָס איז געווען א גראָבער געבונדענער בוך, אַן ערך 600 זיַיטן פון געוויינלעכן העפט־פאָרמאַט, געדיכט פאר־שריבן מיט לידער־טעקסטן. אויב רעכענען, אז יעדעס ליד האָט דורכ־שניטלעך פארנומען דריַי זיַיטלעך, קומט אויס אז דער מאנוסקריפּט האָט אנטהאַלטן אַן ערך 200 לידער. די באזיצערן פונעם מאנו־סקריפּט, א נייטערן, האָט מיר איבערגעגעבן, אז דאָס איז דער לי־דער־בוך פון איר פאָטער ב. סאפּאָזשניקאָוו, א שריַיב־לערער אין זשיטאָמיר. ער האָט זייער ליב געהאט זינגען, איז געווען זייער א פרייליכער מענטש, און אלע לידער, וואָס ער האָט געקאָנט, פלעג

ער פארשרײַבן צו זיך אין בוך אריין. ב. סאפאָזשניקאָוו אליין האָט אפן 110 זײַטל פונעם מאנוסקריפט אזוי פאָרמולירט דעם צוועק פון זײַן געשריבענער לידער־זאמלונג:

„פיל לידער זײַנען דאָ צונויפגעקליבן,
שיין ריין איטלעכע באשריבן,
ווער עס וועט לייענען מיטן ניגון,
וועט האָבן גרויס פארגעניגן".

עס איז קלאָר, אז אזא גרויסע צאָל לידער האָט ניט געקאָנט אופגעשריבן ווערן פאר א קורצן שטיקל צײַט. פון א פּאָר דאטעס, וואָס האָבן זיך געפונען אפ פארשיידענע בלעטער פונעם מאנוסקריפט, האָט זיך מיר אײַנגעגעבן פעסטצושטעלן, אז דער לידער־בוך איז סיסטעמאטיש פארפולט געוואָרן אין פארלויף פון די לעצטע דרײַ יאָרצענדליק פון פאָריקן י.ה.

דעם אויבן אינעם בוך האָבן פארנומען ליטערארישע לידער. דאָ זײַנען געווען ברייט פאָרגעשטעלט גאָלדפאדען, מיכל גאָרדאָן („ליד פון דעם באָרשטש", „די שטיפ-מוטער"), בערל בראָדעו („דער עלנ-טער כאזן"), וועלוול זבאראזשער, א בערנשטיין („דאָס וויגעלע"[1] על משכבי בלילות") אא. עס האָט זיך אָבער דאָרט געפונען אויך א היפשע צאָל פאָלקלאָר-לידער. כוץ די, וואָס איך ברענג אין דער איצ-טיקער זאמלונג, זײַנען בא מיר געווען פארצייכנט צום איבערשרײַבן א ריי אנדערע פאָלקלאָר־לידער, מיט אזעלכע טיטלען (לויט די אי-בערשריפטן אינעם מאנוסקריפט): „די ליבע", „דער רעבע", „דער ווילנער גראף", „דער שיפער", „דער כאָסיד", „די אגונע", „די סאָל-דאטקע", „דאָס וויגעלע" (א צווייט ליד). א גרויסער שאָד, וואָס איך האָב דאָס באצײַטנס ניט געטאָן. אגעוו, איז דאָס פארלוירנגיין פון דעם דאָזיקן וויכטיקן מאנוסקריפט אן איבעריקע וואָרענונג, אז וויכטיקע דאָקומענטן און מאנוסקריפטן טאָרן ניט בלײַבן אין פרי-וואטע הענט און דארפן איבערגעגעבן ווערן אין די אנטשפרעכיקע מעלוכישע אנשטאלטן.

אין אלגעמיין דארף מען רעכענען, האָט דער לידערבוך אנט-האלטן א היפשן טייל פונעם פאָפולערן מאסעווון לידער־רעפערטואר אין די 70-80־ער יאָרן פון XIX י.ה.

אינעם בוך זײַנען נאָך כוץ דעם געווען א גאנצע ריי לידער

[1] דאָס דאָזיקע ליד האָב איך פונעם מאנוסקריפט אראָפּגעשריבן און פארעפנט-לעכט אין מײַן ארבעט „וועגן פאָלק־איבערארבעטונגען פון גאָטלאָבערס לידער" אין מינסקער „צײַטשריפט" V. כ׳בין פארפירט געוואָרן פון צינבערגס אן אָנווײַזונג, אז דאָס ליד געהער גאָטלאָבערן. אינדערעמעסן איז עס א. בערנשטיינס א ליד (זע א. בערנשטיין „מײַן לידער־מאגאזין").

פונ ב. סאפּאָזשניקאָוונ אַלײנ, אונ אײנער זײַנער א גרויסער ארטיקל (18 זײַטנ) קעגנ לינעצקינ. פונ די דאָזיקע לידער אונ פונעמ ארטיקל זעט זיכ קלאָר ארויס, אז ב. סאפּאָזשניקאָוו האָט מיט זיכ פאָרגעשטעלט א דורכשניטלעכנ, אזוי צו זאָגנ, מאסעוונ טיפּ מאסקל, וואָס האָט פארמאָגט די כאראקטעריסטישע שטריכנ פונ דער האסקאָלע־באַווענונג.

עס זײַנענ בא מיר פארצײכנט די טיטלענ פונ פאָלגנדיקע צוויי לידער סאפּאָזשניקאָווס: „טויוועס מיקויעכ דער טאקסע", „צווײטער בריוו וועגנ טאקסע". דער אינהאלט פונ די דאָזיקע לידער: קריטיק פונ טאקסע, קאָהאָל, קאָהאָלטלײַט, געבויט אַלצ אפ אָרטיקנ זשיטאָמירער מאטעריאַל. אינ דער זעלבער צײַט האָט זיכ אינעמ מאנוסקריפּט געפונענ אויכ סאפּאָזשניקאָווס א כניפעדיק לויב־ליד צו אײנער א זשיטאָמירער גווירנטע, וואָס האָט אימ אמאָל ארויסגעהאָלפנ אינ דער נויט.

אינטערעסאנט איז אויכ געווענ ב. סאפּאָזשניקאָווס ארטיקל קעגנ לינעצקינ. סאפּאָזשניקאָוו האָט ארויסגעשטעלט טײַנעס צו לינעצקינ, אמײַ ער לאכט אזוי בייז אויס די רעביײִמ אונ כסידימ. ער, סאפּאָזשניקאָוו, קענ א סאכ אריסטאָקראטנ אונ געבילדעטע, וואָס האָבנ ערגערע זיטנ פונ די כסידימ.

געענדיקט האָט זיכ דער ארטיקל מיט פאָלגנדיקע פיר שורעס:

„פונ מיר ניט קײנ כאָסיד,
אָבער ניט קײנ אפּיקוירעס,
ער כאפּט ניט קײנ שיראיִמ,
ער לאכט ניט פונ בײדע טוירעס".

דער מאסעווער מאסקל האָט דאָ אפ זײַנ אויפנ פאָרמולירט אײנע א פאָדערונג פונ די אמווײניקסטנ אָנגרײַפערישע עלעמענטנ פונ דער יִדישער האסקאָלע, — סינטעז צווישנ רעליגיע אונ אויפקלערונג — בא וועלכער עס האָט זיכ, אגעוו, געהאלטנ אויכ לינעצקי אַלײנ[1]

צומ ארטיקל איז געווענ צוגעשריבנ א ווענדונג צו גאָלדפאדענ. אינ דער ווענדונג האָט סאפּאָזשניקאָוו געשריבנ גאָלדפאדענ, אז ער שיקט אימ דעמ ארטיקל אפ צו דרוקנ אינ „יִסראָליק" (א באווײַז, אגעוו, אז דער ארטיקל איז געשריבנ אינ יאָר 1875 אָדער 1876), אונ כאָטש עס ווערט אינ אימ (אינעמ ארטיקל) קריטיקירט זײַנ שוטעפ לינעצקי, האָפט ער, אז גאָלדפאדנ וועט דעמ ארטיקל דרוקנ. אונ אויב, שרײַבט ער, איר וועט דעמ ארטיקל צערײַסנ, איז א סימענ, „אז אַלצ, וואָס איר שרײַבט „איז שעקער ווערעזעוו".

1 זע י. רעמיניקס ארטיקל „צו דער געשיכטע פונ „פוילישנ יִנגל" אינ מינסקער „צײַטשריפט" V, ז. 184.

אָט דאָס איז אַלץ, וואָס מיר קאָנען דערציילן, וועגן דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן לידערבוך, א וויכטיקן קולטור-היסטאָרישן דאָקומענט, וואָס איז לײַדער פאַרפאַלן געגאַנגען פאַר דער פאָרשונג.

כ׳וועל דאָ נאָר לעסאָפּ ציטירן עטלעכע קופּלעטן פון א גרעסערן פּריזיון-ליד אין סאָפּאָזשניקאָווס מאַנוסקריפּט, וואָס געפינען זיך בײַ מיר איבערגעשריבן.

## פון די איין-און-צוואַנציקער

דאָרט גייט א מוטער און וויינט,
מע נעמט צו איר קינד בײַ איר,
דעם פּאָטער איז אויך דאָס האַרץ פאַרשטיינט,
עס איז אים ביטער גאָר אָן א שיר.
ער מוז אים אַליין אוועקפירן
צום זשערעבּ זיך שטעלן אַצינד,
ער גיסט מיט טרערן, —
עס גייט אוועק פאַר א סאָלדאַט זײַן קינד.

דאָרט גייט א יונגערמאַן אין א שינעל,
שיין ווי די האַלבע וועלט.
נאָך אים גייט נאָך א מאַמזער
און וויינט, וואָס ער האָט זיך צום זשערעבּ געשטעלט.
דאָרט גייט א יונגערמאַן,
אים איז שלעכט ביזן גרינד,
ער דאַרף א סאָלדאַט זײַן
און לאָזט איבער א ווײַב מיט א קינד.

א יונגערמאַן, וואָס איז זייער קליג,
אַנטלויפט קיין טערקײַ.
כאַפּט מען אים אפן דעם וועג,
איז ער שוין אַף אייביק פאַרבײַ.
ער האָט געוואָלט זײַן א כוואַט,
ער זאָל פון זשערעבּ פרײַ ווערן,
הײַנט איז ער אַן אייביקער סאָלדאַט,
ער מוז צוריק קיין רוסלאַנד אומקערן.

יעדן באַלעבאָס איז אויך ניט גוט,
ער האָט דערוואַקסענע מאַמזערלן,
וואָס פאַר א שידעך ער טוט:
דאַרפן זיי זיך צום זשערעבּ שטעלן.
ער קאָן זיך גאָר קיין אייצע געבן,
עס קאָן גאָר אַנדערש ניט זײַן,
עס איז פאַריאָמערט זײַן לעבן,
געבן זײַן טאָכטער א סאָלדאַט פאַר א מאַן.

און איך, וואָס בין שוין געווען פריַ
און האָב געמאכט פון די איין־און־צוואַנציקער א ליד,
היַינט בין איך אויך פאַרבײַ:
עס איז דאָ א „נאַרוזשני וויד".1
היַינט ווייס איך אַפּ קלאָר,
אַז עס איז מיר שלעכט אצינד,
מע האָט מיר פריזנײַעט איין און צוואַנציק יאָר,
איך דאַרף אָוועקפאָרן פון ווײַב און קינד.

וואָס קאָן טון א כאָסיד א יונגערמאַן,
אים איז שוין שלעכט גאָר,
אַז ער וועט ניט קענען באַם רעבן זײַן
איין מאָל אין יאָר,
היַינט ווי קאָן מען זײַן א ייִד,
ווי קאָן מען טאָן גאָטס געבאָט,
אַפּילע דאַווענען קאָן מען אויך ניט
גאַנצפרי דאַרף מען זײַן אַפּן סמאָט (ר).

נאָר, אַז דער כאָסיד וועט קומען אַהיים,
וועט ער די מיצווע זײַן מעקאַיעם,
ער וועט זיך טייקעף דערמאָנען אין דעם,
ער האָט שוין לאַנג ניט געכאַפּט קיין שיראַיִם.
ער וועט פאַרקאַטשען די פּאָלעס
און וועט לויפן צום רעבנס טיש,
דאָרט וועט ער שוין באַקומען אַלעס,
א שטיקל קוגל מיט א גוטער שטיק פיש.

אין דעם דאָזיקן ליד דאַרף מען פאַרצייכענען דײַטלעכע איראָניע און כויזעק איבערן כאָסיד, כאָטש לויטן גאַנצן אינהאַלט זײַנעם איז דאָס ניט קיין ספּעציִעל אַנטיכסידיש ליד.

2

די האַנטשריפטלעכע לידער־זאַמלונג, פון וועלכער מיר האָבן פאַר דער איצטיקער זאַמלונג גענומען די לידער נומ. 2, ז. 132, נומ. 15, ז. 159, נומ. 59, ז. 198, געפינט זיך אינעם פאָלקלאָר־אַרכיוו פון אונדזער עטנ. סעקציע אונטערן נומ. 214, אָנגעקומען אַהין אינײנעם מיט אַנדערע מאַטעריאַלן פון דער היסט. עטנאָגר. געזעלשאַפט. אויך מיט דער דאָזיקער זאַמלונג האָט אונדז ניט איַנגאַנצן אָפּגעגליקט. עס פעלן איַ

1 לויט איינעם א פונקט אינעם צאַרישן געזעץ וועגן אַלגעמײנעם מיליטער־דינסט (1874) האָבן ספּעציִעלע קאָמיסיעס באַדאַרפט לויטן אויסערלעכן אויסזען („נאַרוזשני וויד") באַשטימען דעם עלטער פון די, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין דאָקומענטן וועגן געבוירן.

איר די ערשטע צען-צוועלפ זײַטנ[1], פונ וועלכע מע וואָלט זיכ עפשער געקאָנט עפעס דערוויסנ וועגנ דעמ אייגנטלעכנ באַזיצער אונ אופשרײַבער פונעמ מאַנוסקריפט. פונ א דאַטע, וואָס געפינט זיכ אונטער איינעמ א ליד — 1894 — קאָנ מענ דרינגענ, אז די גאַנצע זאַמלונג איז מיסטאָמע אופגעשריבנ אינ די 90־ער יאָרנ.

דער מאַנוסקריפט באַשטייט פונ א העפט, וואָס ציילט 92 זײַטנ, 91 פונ זיי זײַנענ פאַרפילט מיט לידער: יידישע — 23 נומערנ, רוסישע אונ אוקראַיִנישע — 25 אונ העברעיִשע — 1 נומער. די יידישע לידער זײַנענ געשריבנ אינ איינ העלפט העפט, די רוסישע אינ דער צווייטער. געשריבנ איז דאָס גאַנצע העפט מיט איינ האַנטשריפט, סײַ די יידישע לידער, סײַ די רוסישע. די האַנטשריפט איז זייער א שיינע, א געצאַצקעטע, די רוסישע לידער זײַנענ געשריבנ אָרטאָגראַפיש קימאַט ריכטיק. עס איז דערפונ קלאָר, אז דער אופשרײַבער איז געווענ א שטיקל אינטעליגענט, גיכער פאַר אלצ טאַקע אויכ א שרײַבלערער. קיינ אוטאָרנ ווערנ בא די לידער ניט אָנגעוויזנ.

צווישנ די דרײַ אונ צוואַנציק יידישע לידער אינעמ העפט זײַנענ פאַראַנ ניינ פאָלקלאָר-לידער, פונ זיי פיר ליבע-לידער, צוויי אַנטיכסידישע, דרײַ סאָציאַל-שטייגערישע. די איבעריקע פערצנ נומערנ זײַנענ, ווי מיר האָבנ דאָס פעסטגעשטעלט דורכ א פאַרגלײַכ מיט באַשטימטע געדרוקטע טעקסטנ, פאָפולערע ליטעראַרישע (אמאָל באַרכאָנישע) לידער אונ טעאַטער-קופלעטנ. דאָ איז לעמאָשל פאַראַנ ליִנעצקיס „ליד פונ דעמ יאָמקיפער, אָדער דאָס באַגעגעניש", גאָלדפאַדנס אויסגעצייכנט אַנטיכסידיש ליד „די כסידע", „נאָ, נאָ, נאָ", „שוינ אָפגעקומענ פאַר דײַנע זינד" (קופלעטנ פונ דער פיעסע „די באָבע מיטנ אייניקל"), צונזערס „דער פוסטער פראַנט", מאַנע קאַאַס באַרכנס „ליד פונ איינ קימפעטאָרנ" אאַוו.

די רוסישע אונ אוקראַיִנישע לידער אינעמ מאַנוסקריפט זײַנענ מערסטנטייל ביליקע טעאַטער-קופלעטנ אונ סענטימענטאַל־מעשטשאַנישע פאָלקלאָרישע אונ ליטעראַרישע ליבע-ראָמאַנסנ — דער טיפישער רעפערטואַר, אונ אמאָל מיסטאַמע אויכ די שאַפונג, פונ שטאָטישע מעשטשאַנישע שיכטנ. פאַר דער פאָלקלאָר-פאָרשונג, ספעציעל פאַר דער טעמע וועגנ אנדערשפראַכיקע ווירקונגענ אינעמ יידישנ פאָלקלאָר־ליד, זײַנענ דאָ באַזונדערס אינטערעסאַנט די עטלעכע אוקראַיִנישע פאָלקלאָרישע ליבע-לידער אונ די רוסישע סענטימענטאַלע ליבע-ראָ-

---

1 ניט באַוווּסט געננוי וויפל, ווײַל די זײַטנ אינעמ מאַנוסקריפט זײַנענ ניט נומערירט, נומערירט זײַנענ בלויז די לידער. די זאַמלונג הייבט זיכ אָנ פונ „די ליד פונ די איינ אונ צוואַנציקער. 14־טע ליד".

מאנסנ. מיר האָבנ דאָ א טייל פונ יענעמ אוקראיִנישנ אונ רוסישנ לידער־רעפּערטואר, וואָס איז געווענ אויכ אינ געברויכ פונ די ייִדישע מעשטשאנישע שיכטנ אונ וואָס האָט מיסטאמע אינ א באשטימטער מאָס די פאָלקלאָר־שאפונג פונ די דאָזיקע שיכטנ באווירקט. די ליבע־ראָמאנסנ, וואָס געפינענ זיכ אינעמ מאנוסקריפּט, דערמאָנענ מיט געוויסע שטריכנ (איבערגעטריבענע סענטימענטאלקייט, באשטענדיקע וויינערלעכקייט אונ קלאָג, באזונדערע סטערעאָטיפּע בילדער אונ ווענדונגענ) אָנ דעמ ייִדישנ פאָלקלאָרישנ מעשטשאנישנ ליבע־ראָמאנס. פארשטייט זיכ, אז די ענלעכקייט שטאמט דאָ פריִער פאר אלצ דערפונ, וואָס סײַ דער ייִדישער, סײַ דער רוסישער סענטימענטאלער ליבע־ראָמאנס זײַנענ אנטשטאנענ אינ איינער אונ דער זעלבער סאָציאַלער אטמאָספער.

די דאָזיקע פעסטשטעלונג שליסט אָבער ניט אויס די מעגלעכקייט אויכ פאר דירעקטע ווירקונגענ פונעמ רוסישנ סענטימענטאלנ ראָמאנס אפנ ייִדישנ.

קעדיי צו געבנ א קאָנקרעטע פאָרשטעלונג וועגנ דעמ דאָזיקנ מינ מאטעריאל, וועלנ מיר דאָ ברענגענ גאנצערהייט איינעמ א ראָמאנס פונעמ מאנוסקריפּט.

## СТРАДАНИЕ.

1. Напрасно я страдаю
И мучу сама себя,
При том я верно знаю,
Не любишь ты меня.

2. Не любишь, мой мучитель,
Кого мне более жаль?
Катитесь горькие слезы,
Катитесь с моих глаз.

3. Не раз я говорила,
Не два, любезный мой,
Оставь свои причуды,
Пробудь хоть раз со мной.

4. Но ты, как ветер в поле,
Все свое твердишь,
С моей несчастной доли,
Смеешься и шумишь.

5. Смейся, варвар, смейся,
Смейся надо мной,

Бог тебя накажет
Несчастною судьбой.

6. Много есть на свете,
Не только я одна.
Скажи мне, друг любезный,
Буду ль я твоя ?

7. Две комнаты открыты,
Где был тайной совет,
Рассталась я с любезным,
Рассталась, бедный свет.

8. Скука и досада,
По улице схожу,
Туда-б я полетела,
Кого страстно я люблю.[1]

9. Туда-б я полетела,
Где милый лежит,
От сна его разбудила,
Но он крепко спит.

10. Встань, мой милый, встань,
Встань, пробудись,
Быть может последний раз
Пришла с тобой простись (!) [2].

אינעמ זעלבנ מאנוסקריפט געפינענ מיר, אגעוו, א קאָנקרעטנ בײַשפּיל וועגנ דעמ, מיט וואָס פאר א וועגנ עס איז אמאָל געגאנגענ די ווירקונג פונעמ רוסישנ אונ אוקראַיִנישנ ליבע-ראָמאנס אפנ ייִדישנ. צו דרײַ ראָמאנסנ, וואָס געפינענ זיכ אינ העפט (צוויי רוסישע אונ איינ אוקראַיִנישער), איז צוגעגעבנ א ייִדישע איבערזעצונג, וואָס געהער מיסטאמע טאקע דעמ אופשרײַבער פונעמ מאנוסקריפט גופא. פארנ אופשרײַבער איז די דאָזיקע איבערזעצונג געווענ ניט גלאט אזוי א ליטערארישע איבונג, ער האָט איבערגעזעצט א ליד צומ זינגענ פאר זיכ אונ מיסטאמע פאר פרײַנט. מע דארפ רעכענענ, אז אזוינע איבערזעצונגענ זײַ-

1 אינ גינזבורג-מארעקס זאמלונג נומ. 216 טרעפנ מיר אנ ענלעכע סטראָפע: „סקוטשנאָ אי דאָסאדנאָ יא פּאָ אוליצע אידו, א אָנ פּאָדליעצ ניע זנײַעט, טשטאָ יא יעוואָ ליובליו״. גאנצ מעגלעכ, אז זי האָט אהינ, אינעמ ייִדישנ ליבע-ליד געטראָפנ (עטוואָס ווארייִרט) טאקע דירעקט פונ דעמ ראָמאנס, וואָס מיר ציטירנ.

2 א גרעסערנ פראגמענט פונעמ דאָזיקנ ראָמאנס געפינענ מיר אינ א זאמלונג אוקראַיִנישע פאָלקלאָר-לידער Данилов, Песни села Андреевки, стр. 21, № 76.

נען ביכלאַל געווען ניט קיין זעלטנהײַט. עס איז אויך אינטערעסאַנט, אַז בײַ דער איבערזעצונג פֿון די דרײַ ראָמאַנסן, איז דער אַנדערש־שפּראַכיקער טעקסט פֿונעם ליד ניט אינגאַנצן אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן. עס איז בלויז נאָך יעדער רוסישער אָדער אוקראַיִנישער סטראָפֿע צוגעגעבן געוואָרן אַ יידישע איבערזעצונג. עס באַקומט זיך אַזוי אַרום אַ מיש־שפּראַכיק ליד.

מיר וועלן דאָ ציטירן אַלס בײַשפּיל אַ פּאָר סטראָפֿן פֿון אונדזער אויפֿשרײַבערס אַן איבערזעצונג. די סטראָפֿן זײַנען גענומען פֿון אַ פֿאַרוסישטן וואַריאַנט פֿונעם פּאָפּולערן אוקראַיִנישן ליבע־ראָמאַנס „Віють вітри, віють буйни“ וואָס געפֿינט זיך אינעם מאַנוסקריפּט.

„Полетела-б я к тебе,
Да крылец не имею.
Где-ж я пойду, нету тебя,
То слезы проливаю.

איך וואָלט צו דיר איבערגעפֿליגן,
נאָר איך האָב קיין פֿליגל ניט,
וווהין זאָל איך גיין, אַז דו ביסט אוועקגעפֿליגן?
פֿאַרגיס איך טרערן אַלע מינוט.

Есть на свете люди злые,
Завидують долю.
Несчастная та былина,
Что растет на дорогу (!).

עס האָבן זיך שלעכטע מענטשן געפֿונען,
און האָבן געשטערט מײַן גליק.
אוי, אומגליקלעך בין איך, ווי די בלומען,
וואָס וואַקסן אויפֿן וועג“.

פּרימיטיוו, אַזוי ווי דער רוסישער וואַריאַנט, אָבער פּאָרט ניט שלעכט איבערגעזעצט, האָבן די דאָזיקע סטראָפֿן געהאַט זיכערע שאַנסן אויף פֿאַרשפּרייט און פּאָפּולער צו ווערן. גאַנץ מעגלעך, אַז אַזוי איז עס טאַקע געווען.

3

ענלעך אין געוויסע פּראָטים צו דעם אויבן באַשריבענעם מאַנוסקריפּט איז אַ דריט האַנטשריפֿטלעך לידער־ביכל פֿון אונדזער אַרכיוו, פֿון וועלכן מיר האָבן פֿאַר דער איצטיקער זאַמלונג אַראָפּגעשריבן דאָס ליד נומ. 88 ז. 235.

אויכ די דאָזיקע זאמלונג ברענגט כוץ ייִדישע לידער עטלעכע רוסישע און אוקראַיִנישע, און אויכ דאָ זײַנענ די רוסישע לידער אינ זייער מערהײַט (6 לידער פונ 8) סענטימענטאַלע ראָמאנסנ. דאָס דאָזיקע לידער-ביכל האָט געהערט צו א לוטשינעצער אײַנוווינערנ סאָרע האָלדנהערשל און איז איבערגעגעבנ געוואָרנ צו אונדז אינ ארכיוו דורכ איר טאָכטער ב. האָלדנהערשל. וועגנ איר מוטער, דער אויפשרײַבערנ פונעמ לידער־ביכל, גיט ב. חאָלדנהערשעל איבער אזעלכע יעדיִעס: „געבוירנ 1879 אינ לוטשינעצ בא פארמעגלעכע עלטערנ, הענדלער. געלערנט אינ דער היימ מיט א לערער ייִדיש און רוסיש, לייענענ און שרײַבנ. ליב געהאט א סאכ צו לייענענ. דאָס לידער־ביכל אָנגעהויבנ צו פירנ מיידלווײַז, אנ ערעכ 1895, אָבער געפירט עס אויכ נאָכ דער כאסענע ביז 1916—1917. דער מאנ האָט געהאלטנ א קלייט, דערנאָכ אנ „אפטעטשנע סקלאד“. די מאמע פלעג אָרגאניזירנ בא אונדז אינ שטוב ייִדישע ספעקטאקלענ, געקריגנ דערויפ דערלויבעניש באמ פריסטאוו. דאָס איז געווענ אנ ערעכ אינ 1905—1906 יאָר. כ'געדענק, מע האָט געשטעלט בא אונדז „שפרינצע די אָדעסער מעקלערנ“, א מינ אָפערעטע. אינ דער זעלבער צײַט האָט מענ געשטעלט בא אונדז א פיעסע, וואָס עס האָט זי אָנגעשריבנ מײַנ לערער. געהייסנ האָט זי „ראספאד“ — עפעס וועגנ קישיניעווער פאָגראָמ, גענוי דעמ אינהאלט געדענק איכ ניט. אָנטייל־גענומענ אינ די ספעקטאקלענ האָט מײַנ מוטער, איר ברודער (געווענ שטענדיק אינ קלייט), זשעני מארגוליס (א טאָכטער פונ אנ אָרטיקנ מענאכעמ־מענדל), דעמ נעמאָנס זונ און טאָכטער“. מיר האָבנ געבראכט די דאָזיקע יעדיִעס, ווײַל זיי קלאָרנ פאר אונדז אויס די סאָציאַלע סוויווע און די קולטור-סוויווע, אינ וועלכער ס'האָט זיכ געפונענ די אויפשרײַבערנ פונ אונדזער מאנוסקריפט.

די לידער-זאמלונג פונ ס. האָלדנהערשל שטעלט מיט זיכ פאָר א ביכל פונ קליינעמ פאָרמאט, געבונדנ, האלט 142 זײַטלעכ. דאָס ביכל אנטהאלט 24 לידער, פונ זיי 16 ייִדישע, 7 רוסישע און איינס אנ אוקראַיִנישעס. טייל זײַטלעכ אינעמ ביכל זײַנענ פארנומענ מיט מארשיידנערליי פארצייכענונגענ (הויצאָע און האכנאָסע אינ דער קלייט, צעטלענ וועש אאוו.). צווישנ די 16 ייִדישע לידער זײַנענ פאראנ פיר פאָלקלאָר־לידער (דאָס פאָפולערע „ליד פונ ווילנער גראפ“, א פאָלקלאָריש וויג־ליד, א פאָלקלאָרישער סענטימענטאלער ראָמאנס און דאָס באקאנטע מילכאָמע-ליד „דאָס 14־טע יאָר איז אָנגעקומענ“). די איבעריקע זײַנענ לידער פונ גאָלדפאדנ, לינעצקי, וועלוול זבאראזשער, א. בערנשטיינ אאַ. די רוסישע לידער זײַנענ קימאט אלע פונ דעמ זעלבנ שניט, וואָס די רוסישע לידער אינ דער אויבנ באשרי־

בענער זאמלונג פונ אונדזער ארכיוו נומ. 214. מערסטנטייל זײַנענ עס, ווי שוינ געזאָגט, סענטימענטאַלע ראָמאַנסנ. דאָס, וואָס אפילע שוינ אינ צוויי לידער-ביכלעכ טרעפנ מיר ברייט פאַרגעשטעלט דעמ רוסישנ מעשטשאַנישנ ליבע־ראָמאַנס, באַשטעטיקט אונדזער האַשאָרע, אז דער דאָזיקער מינ לידער איז געווענ היפּש פאַרשפּרייט אינ דער סוויווע פונ דער יִדישער מעשטשאַנישער יוגנט.

אינ דער דאָזיקער זאַמלונג פאַרנעמט די צאָל פאָלקלאָר־לידער דאפּקע א קליינ אָרט (אנ ערעכ א פערטל פונ דער אלגעמיינער צאָל פאַרצייכנטע יִדישע לידער). דאָס איז אינגאַנצנ נאַטירלעכ. דאָס פאַרמעגלעכע מיידל פונ העגדלערישע שיכטנ, די שפּעטערדיקע פאַרמעגלעכע קליינבירגערשקע איז ניט די טיפּישע געברויכערנ פונ פאָלקלאָר. פונ דער אנדערער זײַט איז קעדײַ צו פאַרצייכענענ א צווייטנ פאַקט, אז אויכ אינ דער דאָזיקער סוויווע פונ פאַרמעגלעכנ קליינבירגערטומ זײַנענ געווענ פּאָפּולער, ווי מיר זעענ עס פונ האָלדנהערשעלס לידער־ביכל, די לידער פונ לינעצקי, וועלוול זבאַראַזשער, גאָלדפאַדנ, צונזער אאוו.

האָלדנהערשעלס לידער־ביכל אנטהאַלט נאָכ איינע אנ אינטערעסאַנטע פאַרצייכענונג: א צעטל פונ איבערגעלייענטע יִדישע אונ רוסישע ביכער. דער צעטל אנטהאַלט 90 נעמענ, פונ זיי 30 יִדישע אונ 60 רוסישע. צווישנ די יִדישע ביכער פאַרנעמט דאָ דעמ אויבנאָנ די שאָמערישע ליטעראַטור (גענוג צו ציטירנ א פּאָר נעמענ פונעמ צעטל: „דער רײַכער בעטלער", „דער פאַרמאַסקירטער מערדער", „דער אָרעמער מיליאָנער", „דער בלוטיקער אדיע" אא.). א באַווײַז, אגעוו, אז די שאָמער־ביכער האָבנ געלייענט ניט נאָר אָרעמע דינסטמיידלעכ, ווי אייניקע בורזשואזע קריטיקער ווילנ האָבנ.

4

לעסאָפּ עטלעכע ווערטער וועגנ א פערטנ מאַנוסקריפּט (געפינט זיכ אינ אונדזער ארכיוו אונטערנ נומער 213), פונ וועלכנ מיר האָבנ פאַרנ איצטיקנ בוכ אראָפּגעשריבנ די לידער נומ. 4, ז. 134 נומ. 36, ז. 178, נומ. 45, ז. 186.

דאָס דאָזיקע לידער־העפט איז אָנגעקומענ צו אונדז אינ ארכיוו פונ דער היסט. עטנ. געזעלשאַפט. עס באַשטייט פונ באַזונדערע ניט צונויפגענייטע 42 זײַטנ (ניט נומערירט) אונ אנטהאַלט 22 יִדישע לידער, פונ זיי 10 פאָלקלאָר־לידער. אלע איבעריקע לידער זײַנענ טעאַטער־קופּלעטנ אונ לידער פונ גאָלדפאַדנ („א ליד פונעמ יִדישנ פּאַספּאָרט", „ענטפערט איר פויגלענ", — קופּלעטנ פונ דער „קישעפ־

מאכערן"), על. צונזער („דאָס ליד פון אײַזנבאַן", „רחל מבכה על בניה") אאַ.

דערפון, וואָס אין דעם דאָזיקן העפט געפינען מיר א פאָלקלאָר־וואַריאַציע פון עדעלשטאַטס ליד „דער ארבעטער" און א עסעסיש[1] וויג־ליד, דאַרף מען רעכענען, אז די זאַמלונג איז געשריבן געוואָרן אין ערעך אין די יאָרן 1900—1910.

## צו זײַטן 133-134, נום. 3

אין גאַטלאָבערס נאָמען איז דאָס ליד קיין מאָל ניט געדרוקט געוואָרן. צי געהער עס טאַקע גאַטלאָבערן איז שווער פעסט־צושטעלן. אָפּ דער פּאָפּולערקייט פונעם דאָזיקן ליד אין די מאַסן זאָגט אײדעס די אופגעבראַכטקייט, מיט וועלכער עס ווערט דערמאָנט דורך ש. אנסקי אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן קלאָג אפן אונטערגאַנג פונעם כסידישן פאָלקלאָר:[2]

„צוגלײַך מיט די אַלטע, אָריגינעלע כסידישע לידער ווערט אויך געזונגען דאָס וווּלגאַרישע אַנטיכסידישע ליד, ווי אַשטייגער:

„דער רעבע פאָרט,
דער רעבע פאָרט,
דער רעבע איז שוין געקומען,
טרינקט בראָנפן אפן קאָרט
דאָס איז דער בעסטער סימען".

## צו זײַטן 134-136, נום. 4-5

פון א דריטן וואַריאַנט פונעם זעלבן ליד, וואָס געפינט זיך אין אַרכיוו פון אונדזער סעקציע (פאַרשריבן י. טשערניאַק אין 1927 יאָר בא מ. פריידינע), ברענגען מיר דאָ פאָלגנדיקן קופּלעט, וואָס קומט אין די געבראַכטע וואַריאַנטן ניט פאָר:

„ס'איז א גרויסע מיצווע אויסצוהערן פון דעם רעבן א זאַך,
אזוינע ווונדערלעכע זאַכן, איך האָב זיי זייער א סאַך:
ס'איז געקומען אײנער א שומער אָן א צונג,
און אויך אָן אַלטער, וואָס וויל ווערן יונג.
זיי האָבן דאָס באַם רעבן באַגערט.
דער רעבע האָט זיי מאַפּטיִעך געווען.
הערט נאָר אויס, וואָס דאָ איז געשען,
איך האָב דאָס אַלײן מיט מײַנע אויגן געזען.

---

1 סס. — סאָציאַליסטן־סאָציאַליסטן, א ייִדישע קלײנבירגערלעכע פּאַרטיי אין געוועזענעם צאַרישן רוסלאַנד.

2 ש. אנסקי — ב. XV, ז. 60.

דער שטומער איז אָן א צונג אװעקגעפאָרן,
דער אלטער איז נאָך עלטער געװאָרן.
אױ, גװאלד, דאָס איז איין מױפעס,
דאָס איז דאָך פון רעבן אלײן,
דער רעבע איז גוט, דער רעבע איז װױל,
דעם רעבנס נעס איז דערבײַ געװען".

## צו זײַט 137, נום. 7

אין פיל פּראָטים דערמאָנט דאָס דאָזיקע ליד, מיכל גאָרדאָנס אנטיכסידיש ליד „מײַן טשװוּע". פּונקט אזױ װי אין מיכל גאָרדאָנס ליד װערט דאָ אױך די קלױמערשטע פרומקײַט און טרײַשאפט דעם רעבן, װאָס לאָזט זיך הערן אין די ערשטע סטראָפן, ארונטערגעריסן דורכן אָפענעם שפּאָט אין דער לעצטער סטראָפע. אױך טעקסטועל פאלן ביידע לידער טײלװײַז צונױף. די צװײטע סטראָפע פון אונדזער ליד („א װארעמע שאל װעל איך זיך קױפן, זומער אין די גרעסטע היצן; א זײַדענעם גארטל װעל איך זיך קױפן, א היטל מיט זיבעצן שפּיצן")—דערמאָנט, לעמאָשל, פאָלגנדיקע סטראָפע אין גאָרדאָנס ליד:

כ'װעל טראָגן א שאל א גרינעם, א ברײטן
אפילע טאמעז, װען די זון שטארק ברענט.
כ'װעל טראָגן א גארטל א פארדרײטן,
אינװײניק אײַנגעשטעקט מײַנע ביידע הענט".[1]

## צו זײַט 138, נום. 8

דאָס דאָזיקע זײער פארשפרײטע ליד איז אן אײנפאכע אנטלײַונג פון אן אוקראַיִנישן פאָלקלאָר-ליד צוליב אנטיכסידישע, אנטיקלערי-קאלע צװעקן. א נאָענטער אוקראַיִנישער װאריאַנט, קימאט גענױ דער זעלבער װי אונדזער „יִדישער", געפינט זיך אין דער אוקראַיִנישער עטנאָגראפישער זאמלונג:

Ужинок з рідного поля вистачаний працею М. г. Москва, 1857, стр. 143

## צו זײַט 203, נום. 63

דער אידילישער גוטער סאָף אין דער זעקסטער סטראָפע שטימט לאכלוטן ניט מיטן דראמאטישן אינהאלט פונעם גאנצן ליד, אױך ניט מיטן סאָף פונעם ערשטן װאריאַנט פונעם דאָזיקן ליד (זע אױבן ז. 202 נום. 62) און זעט דאָ אױס װי צוגעקלעפּט. דער דאָזיקער „אידי-

[1] אין א באמערקונג צו דער דאָזיקער סטראָפע אונטערן טעקסט דערקלערט גאָרדאָן: „די עכטע הײסע כסידים אין פױלן און װאָלין, װאָס זײַנען מעקוראָװים צום צאדיק, טראָגן א גרינעם װאָלענעם שאל אפילע אין די גרעסטע היצן".

ליִשער" סאָפּ איז געוויס ניט פאראנענ געווענ אינעמ אורשפּרינגלעכנ טעקסט פונעמ ליד אונ איז צוגעטראכט געוואָרנ דורכ א שפּעטער־דיקנ זינגער, וואָס האָט ניט געוואָלט אזוי „ביטער" אָפּענדיקנ מיט זײַנע העלדנ.

## צו דעמ אָפּטייל „לידער וועגנ רעקרוטשינע, פּריזיוו אונ מיליטער-דינסט באמ צאריזמ" (זײַטנ 237-256)

1

אינ מ. ווינערס אַרײַנפיר־ארבעט צו אקסענפעלדס „דער ערשטער ייִדישער רעקרוט" ווערנ געבראכט צוויי סטראָפעס פונ אנ אלטנ (געשאפנ ניט שפּעטער ווי אינ 1836 יאָר) אינ ערגעצ קיינמאָל ניט געדרוקטנ פאָלקלאָר־ליד וועגנ רעקרוטשינע. מיר וועלנ דאָ ברענגענ דאָס אנטשפּרעכיקע אָרט פונ מ. ווינערס ארבעט (י. אקסענפעלדס ווערק, ערשטער באנד, קיִעוו, 1931 ז. 95-96):

„אינ א האנט־געשריבענעמ, פאָלקלאָריסטישנ, אינ א סאכ פּראָ-טימ זייער א אינטערעסאנטנ בריוונשטעלער[1] געפינענ מיר דאָס איינ-ציקע — אונ מינאסטאמ טאקע דאָס עלטסטע — דאטירטע „פּריזאָמ־ליד", וואָס פארמאָגט אינהאלטלעכ שוינ אלע כאראקטעריסטישע שטריכנ פונעמ פאָלקסטימלעכנ פּריזיוו-ליד. עס איז ניט קלאָר, ווער עס איז געווענ דער מעכאבער פונעמ ליד, יעדנפאלס איז ער געשטאנענ גאָר נאָענט צו יענע שיכטנ, וואָס האָבנ צומייסטנ געליטנ פונעמ רעקרוטנ־געזעצ. דאָס ליד איז געשריבנ לויטנ נוסעכ פונ די קינעס (מיטנ אלעפבייז-אקראָסטיכ אינ די ערשטע אויסיעס פונ די סטראָפעס)... די ביטערע סאָציאלע נויט אונ פּײַנ קומענ דאָ טיפ װירנדיק צומ אויסדרוק. מיר ציטירנ צוויי כאראקטעריסטישע סטראָפעס (די אויסיעס ג אונ ת):

(ג) גרויס אונ קליינ האָט מענ אונדז געטונ אינ אײַזנ פארשליסנ,
אָבער אונדזערע טרערנ טונ זיכ אינ אלע גאסנ פארגיסנ.
איכ האָב מײַנ פאָטער אונ מוטער געטונ אלע טאָג אינ אלע ערטער שיקנ,
מאכמעס איכ האָב געמיינט, אז זיי וועלנ מיכ מיט איינ פּסורע־טויווע דערקוויקנ.

[1] דער בריוונשטעלער האָט געהערט דעמ שרײַב־לערער מייער־לייב אָליצקי פונ טשערנאָבל... די דאטעס אונ די בריוו פונעמ בריוונשטעלער ווײַזנ דאָס יאָר 1836, די וואסערצייכנס פונעמ פּאפּיר — 1835; דה. אז דער בריוונשטעלער אונ דאָס ליד זײַנענ געשריבנ געוואָרנ 9 יאָר נאָכנ ארויסקומענ פונעמ רעקרוטנ־געזעצ. עס איז, פארשטייט זיכ, מעגלעכ, אז דאָס דאָזיקע ליד איז אנטשטאנענ פריִער ווי 1836 (באמערקונג פונ מ. ווינער).

זײ זײַנענ געקומענ אונ האָבנ מיר געזאָגט:
„מײַנ ליב קינד, מיר זײַנענ געװענ, װו דו האָסט געװאָלט אונ געגליסט,
אָבער מע האָט אונדז געענטפערט, אז מיר װײנענ גאָר אומזיסט.
מיר זײַנענ געװענ, װו דו האָסט אונדז געטונ שיקנ,
אָבער מיר האָבנ ניט מיט װאָס מיר זאָלנ דיכ דערקװיקנ...

(ת) טײקעפ װי איכ בינ אינ פריִאָמ ארײַנגעקומענ,
אזוי האָט מיר באלד מײַנ לאָשנ אָפּגענומענ.
אונ דערבײַ, װי דער יאַדנעראַל האָט מיכ דערזענ,
אזוי האָב איכ פארשטאנענ, אז עס איז מיר שוינ אײנ גרויסע קלאָג געשענ.
אונ אז מע האָט מיכ געפירט צו דער מאָס,
האָב איכ א פרעג געטאָנ מײַנ פאָטער אונ מײַנ מוטער: װאָס באטײַט דאָס?
זאָגט מיר מײַנ פאָטער אונ מײַנ מוטער מיט א גרויס געװײנ:
מײַנ ליבער זונ, דו װעסט ניצל װערנ, אז דו װעסט זײַנ אינ דער מאָס קלײנ.

איכ האָב געװאָלט זיכ אָפּקױפנ מיט מײַנ גוטס אונ האָב,
אָבער מענ האָט ניט געהערט אונ מע האָט א געשרײ געטאָנ: „דײַ אילאָב" 1
דערנאָכ האָט מענ מיכ אװעקגעפירט אינ אנ אנדער כײדער,
אזוי האָט מענ פונ מיר טײקעפ אראָפּגעריסנ מײַנ פאָטערס אונ מוטערס קלײדער.

דאָכ, ליבער, גאָט, זע אונ פאטער שוינ מיט אונדז דעמ צאָרנ אונ פײַנ,
אז די ייִדנ װאָס זײַנענ געבליבנ, זאָלנ כאָטש בא זײער געבאָט זײַנ.
ליבער גאָט, װאָרומ האָסטו אפ מיר אזוי דעמ גזאַרדינ אָנגעשריבנ,
אז מײַנ װײַב אונ קינדער זײַנענ נעבעכ װיסט געבליבנ.

2

די צארישע רעקרוטשינע אונ פארשײדנערלײ געזעלשאפטלעכע שאטזאכנ, װאָס זײַנענ מיט איר געװענ פארבונדנ האָבנ געקראָגנ זײער אָפּשפּיגלונג ניט נאָר אינעמ לידער-פאָלקלאָר. אפ דער זעלבער טעמע האָבנ צװישנ די מאסנ קורסירט אויכ פארשײדענע מײַסעס, אנעקדאָטנ אונ װערטלעכ.

אינ ארכיװ פונ אונדזער עטנאָגראפישער סעקציע געפינט זיכ אײנער אנ אינטערעסאנטער פאָלקלאָר-דאָקומענט װעגנ רעקרוטשינע,— א באדכאָניש שפּיל מיטנ נאָמענ „דער פּוימאַניק", װאָס מיר ברענגענ דאָ אונטנ.

כאימ באודער, פונ װעלכנ א. גורעװיטש, אונדזער קאָרעספּאָנ-דענט, האָט אינ 1932 יאָר די דאָזיקע שפּיל סטענאָגראפיש פאַר-צײכנט, דערצײלט: „דאָס האָט מענ געשפּילט, װענ איכ בינ אלט

1 „Дай лоб" דאָס װאָרט лоб האָט באטײַט: טויגלעכ צומ מיליטער-דינסט. א ניט טויגלעכנ האָט מענ געזאָגט „Затылок" דאָס װאָרט שטאמט פונ א אוראלטנ „פריאָמישנ" מינהעג צו צײכענענ די אָנגענומענע רעקרוטנ דורכ אָפּגאָלנ די האָר אינערנ שטערנ (באמערקונג פונ מ. װינער).

געווענ אכצנ יאָר,—אַצינד איז מיר דרײַ און זיבעציק,—אינ שטעטל אירקלע, פּאָלטאַווער גובערניע. איכ בינ דאָרטנ געווענ א לערער. שפּילנ האָט עס געשפּילט מוישע מאראכאָווסקי". ווי באָודער גיט איבער האָט מאראכאָווסקי דעמלט געזאָגט, אז די שפּיל „דער פּוימאניק" האָט ער אליינ פארפאסט.

וועגנ דעם באדכנ מוישע מאראכאָווסקי, דעם אווטער פונ א פּאָר ביכלעכ באדכאָנישע לידער,[1] איז אויכ פונ אנדערע קוועלנ באַקאַנט,[2] אז ער פלעגט ארומפאָרנ אינ די 70—80 יאָרנ איבער שטעט און שטעטלעכ פונ קיִעווער גוב. און כוץ אייגנטלעכע באדכאָנעס זיכ נאָכ פארנומענ מיט „פּאָרשטעלנ", „פראוועג טעאטער". עס איז דערִיבער צו גלייבנ אינ דער ריכטיקײַט פונ די אלע יעדיִעס, וואָס עס גיט אָנ וועגנ דער דאָזיקער אינטערעסאנטער פיגור פונ א האלב-באדכנ האלב-אקטיאָר כ. באָודער.

דער אינהאלט פונ דער שפּיל „דער פּוימאניק" דערמאָנט ניט מיט גאָרניט אינעם אינהאלט פונ די אלטע פאָלקלאָר-לידער און פאָלקלאָר-מײַסעס וועגנ רעקרוטשינע, וואָס טראקטירנ געוויינלעכ די דאָזיקע טעמע אינ איר טראגישנ שניט, און אינ וועלכע ס'הערשט דעריקער די שטימונג פונ א גרויסנ סאָציִאלנ אומגליק, וואָס האָט געטראָפנ די אָרעמע מאסנ. עטלעכע יאָר נאָכ דער ענדגילטיקער אָפּשאפונג פונ דער רעקרוטשינע[3] האָט דער באדכנ אויסגענוצט די דאָזיקע טעמע אפ אָפּצוכויזעקנ און אָפּצושפּעטנ פונ א פרומענ גאָטספאָרכטיקנ יונגערמאנ, א יעשיווע-באָכער, ווי פונ א טיפּישנ טויגעניכצ און לעקיש. ערשט צומ סאָפ פונ דער גאנצער שפּיל ציט אפ זיכ דער באדכנ ארופ אנ ערנסטע מינע און ענדיקט פרומלעכ מיטנ באקאנטנ סקארבאָווג קלאָגנוסעכ:

„שרײַט זשע יידנ פאר דעם בוירע,
אפ אונדז איז היינט א גזיירע,
אפ אונדז איז היינט א שלעכטע צײַט,
אז יעדנס קינד מוז זײַנ א סאָלדאט.
ס'דארפ אזוי זײַנ,
סע מוז אזוי זײַנ,
דאָ איז קיינער ניט שולדיק,
דאָס איז נאָר גאָטס פלאנ".

1 „דער עלנטער יאָסעמ. יִדישע שיינע לידער" 1872. „יאָנטעוודיקע לידער מיט יאָנטעוודיקע ניגונימ". ווארשע 1886.

2 זע דעם ארטיקל פונ ב. סלוצקי „יִדישע באדכאָנימ שוישפּילער" אינ צײַטשריפט I, מינסק 1926, ז. 257—261.

3 וועדליק באָודער גיט אָנ באקומט זיכ, אז ער האָט די שפּיל געזענ אופירנ אינ 1877 יאָר.

מיט דער סאטירישער טראקטירונג פונ דער יעשיוועניק-געשטאלט שפּיסט זיכ „דער פּוימאניק" דײַטלעכ אָנ אינעם אנטיקלעריקאלנ שטראָמ פונעמ יידישנ פאָלקלאָר, וואָס האָט געפונענ זײַנ אויסדרוק אינ א גאנצ היפּשער צאָל כויזעקטאכערישע לידער, מײַסעלעכ אונ אנעקדאָטנ וועגנ רעביײַמ, ראבאָנימ, מעלאמדימ, כאזאָנימ, יעשיוועניקעס אאוו. דאָס דארפ מענ רעכענענ איז אויכ געווענ די סיבע פונעמ דערפאָלג, וואָס די שפּיל האָט געהאט באמ עולעמ. באודער דערציילט וועגנ דעמ אזוי:

„קינדער פונ די וויגנ זײַנענ געגאנגענ. מ'האָט זיכ אָנגעלאכט, אָנגעלאכט! וואָס פאר א פראגעס דער יעשיווע־באָכער האָט אימ געשטעלט!"

פאר דער טעאטער־פאָרשונג וועלנ עפּשער זײַנ אינטערעסאנט א פּאָר דעטאלנ וועגנ דער אופירונג פונ דער שפּיל, וואָס עס גיט איבער באודער: „צו דער קאָמעדיע דארפ מענ פינפ מענטשנ: א לאָוועצ, צוויי כאפּערס, א יונגערמאנ אונ א פּריזאָמשטשיק. די צוויי מענטשנ אונ דעמ לאָוועצ פלעגט ער (מ. מאראכאָווסקי) נעמענ אינ יעטווידער שטאָט. דעמ יונגנמאנ האָט ער געשפּילט אליינ, די איבעריקע מענטשנ פלעגט ער נעמענ פונ פּובליקומ, מאכנ מיט זיי א רעפּעטיציע. מיט די כאפּערס האָט ער גאָרניט געלערנט, ווײַל זיי האָבנ ניט קיינ ווערטער, זיי שלעפּנ נאָר דעמ יעשיווע-באָכער, נאָר מיט דעמ לאָוועצ האָט ער געמאכט א רעפּעטיציע, ער זאָל וויסנ, וואָס צו זאָגנ. דער יעשיווע־באָכער איז געגאנגענ אָנגעטאָנ מיט א לאנגנ טאלעסקאָטנ, מיט ציצעס ביז די קני, מיט לאנגע פּייעס, די זשופּיצע איז געלעגנ אפנ סטענדער".

## דער פּוימאניק

שטעלט זיכ פאָר א בעסמעדרעשל, אינ בעסמעדרעשל שטייט א סטענדער אונ מע דרייט זיכ א יונגערמאנ הינ אונ צוריק אונ זינגט דעמ ניגנ פונ געמאָרע. פּלוצלינג עפנט זיכ די טיר, אומגעריכט גייט ארײַנ א גאנצער אמאָלעק (מע פלעגט אויסקלײַבנ א מענטשנ, ער זאָל קאָנענ טראָגנ אפ די פּלייצעס), שטעלט זיכ אפ דער שוועל אונ זאָגט:

לאָוועצ.

אָ, ער איז דאָ דער פײַנער יונגערמאנ!

(דער יונגערמאנ קוקט זיכ ניט ארומ, ער דרייט זיכ הינ אונ צוריק אונ זינגט מיט זײַנ ניגנ).

לאָוועצ (גייט צו נעענטער אונ זאָגט).

דו ווייסט יונגערמאנ איכ בינ געקומענ נאָכ דיר.

יעשיוועניק.

וואָס דארפסט איר מיכ?

לאָוועצ.

איכ דארפ ניכ האָבנ.

י ע ש י ו ו ע נ י ק (צעלאכט זיכ מיט א מעשונע געלעכטער).

איר דארפט ניכ האָבנ, מײַנ מאמע האָט מיכ שוינ אײנ מאָל געהאט!

ל אָ ו ו ע צ.

דאָ גייענ קיינ ווערטלעכ ניט אָנ, דו ווייסט, דו שטייסט אפנ אָטשערעד!

י ע ש י ו ו ע נ י ק.

ווו שטיי איכ, אפ א קאָטשערע?

ל אָ ו ו ע צ.

אפנ אָטשערער.

י ע ש י ו ו ע נ י ק.

א, אפנ אָטשערעד!

ל אָ ו ו ע צ.

דו דארפסט גיינ ווערנ א סאָלדאט!

י ע ש י ו ו ע נ י ק.

וואָס הייסט איכ דארפ ווערנ א סאָלדאט? מאנצבלעכ גייענ דענ פאר סאָלדאטנ?

ל אָ ו ו ע צ.

ווער דענ, ווײַבער?

י ע ש י ו ו ע נ י ק.

מײַנ מומע איז געגאנגענ פאר א סאָלדאט.

ל אָ ו ו ע צ.

זי האָט כאסענע געהאט פאר א סאָלדאט.

י ע ש י ו ו ע נ י ק.

נו, אויב אזוי איז עפעס אנדערש. זאָגט מיר איכ בעט אײַכ, פונוואנענ ווייסט איר אז איכ דארפ גײנ? טאָמער גאָר אנ אנדערער? אנו זאָגט מיר, וויאזוי הייס איכ?

ל אָ ו ו ע צ.

דו הייסט כאימ־שײַע־פײַוול־קאָטער.

י ע ש י ו ו ע נ י ק.

אָ, האָט איר שוינ ניט געטראָפנ! איכ הייס קאָטער־פײַוול־שײַע־כאים.

ל אָ ו ו ע צ.

מאכ קײַנ טײַנעס ניט און פארנעמ דײַנע מעטאלטעליגס [1] און קומ מיט מיר.

י ע ש י ו ו ע נ י ק.

און די געמאָרע זאָל איכ אויכ נעמענ?

ל אָ ו ו ע צ.

ניינ, זי מעג בלײַבנ דאָ.

י ע ש י ו ו ע נ י ק.

זאָגט מיר, איכ בעט אײַכ, ווער זענט איר?

ל אָ ו ו ע צ.

איכ? איכ בינ א לאָוועצ.

י ע ש י ו ו ע נ י ק.

אויב אזוי, קענט איר בלײַבנ בא אונדז איג בעסמעדרעש, וועט איר כאפנ פליגנ

ל אָ ו ו ע צ.

ווארפ אוועק די נארישקײַטנ און קומ.

י ע ש י ו ו ע נ י ק.

---

[1] זאכנ, כפֿייצים.

זאָגט מיר, איך בעט אײַך, וואָס טוט א כאָלדאט?

לאָוועץ.

א סאָלדאט? א סאָלדאט שיסט מיט דער ביקס.

יעשיוועניק.

וואָס, פייגעלעך?

לאָוועץ.

ניין, מענטשן.

יעשיוועניק.

נו, און אז מע שיסט א מענטשן איז פארפאלן?

לאָוועץ.

יאָ, פארפאלן.

יעשיוועניק.

נו, און אז מע שיסט מיך, כאָלילע?

לאָוועץ.

איז אויך פארפאלן.

יעשיוועניק.

אויב אזוי ווייל איך טאקע ניט. איך וויל אײַך נאָך עפּעס פרעגן: וויפל קאָסט א סאָלדאט אויסשיסן מענטשן?

לאָוועץ.

דרײַ, פיר.

יעשיוועניק.

ווייסט איר וואָס איך וועל אײַך זאָגן, ברענגט זיי מיר אהער אין בעסמעדרעש.

לאָוועץ.

איך זאָג דיר נאָכאמאָל, מאכ ניט קיין טײַנעס און קום.

יעשיוועניק.

איך וועל אײַך נאָך זאָגן איין וואָרט: איך וועל פרעגן מײַן כײַקע, איך ווייס, אז זי וועט געוויס ניט וועלן.

לאָוועץ.

בא אזעלכע זאכן פרעגט מען ניט קיין ווײַב.

יעשיוועניק.

זי וועט דאָך אָבער וויינען?

לאָוועץ.

זי וועט וויינען און זי וועט זיך איבערוויינען.

יעשיוועניק.

ווארט צו איך וועל זיך נאָך באקלערן.

לאָוועץ.

איך זע, אז מיט דיר איז א מײַסע אָן אן עק.

(ער גיט א געשריי, און די טיר עפנט זיך, און עס גייען ארײַן צוויי כעווערלײַט און כאפן אים און טראָגן אים אוועק).

---

שטעלט זיך פאָר א זאַל, א קאבינעט און ס'זיצט דאָרט דער פּריזאָמשטשיק און סע פירט אים (דעם יעשיוועניק) ארײַן א סאָלדאט מיט א ביקס, און דער סאָלדאט ווײַזט אים, ער זאָל צוגיין צום טיש צו דעם פּריזאָמשטשיק. ער גייט צו מיט דעם קוויטעלע, דערלאנגט און פרעגט דעם פּריזאָמשטשיק:

יעשיוועניק.

וואָס שטייט דאָרט?
פ ר ?אָ מ ש ט ש י ק.
עס שטייט דאָרט כאַיִם־שײַע־פײַוול־קאָטער דאָלזשענ איטי גא סלוזשבו.
י ע ש י ו ו ע נ י ק (מיט א וויינענדיקנ ניגנ),
צי סע שטייט ניט—דאָ דאָמא?
פ ר ?אָ מ ש ט ש י ק.
ניינ, דו דארפסט גיינ דינענ.

י ע ש י ו ו ע נ י ק (גייט אינ סאָלדאטסקע אָדיאָזשע, קערט זיכ צו דעמ אוילעמ אונ זאָגט, ווײַזנדיק אפ די קליידער).

ווי געפעלט אײַכ ברידער דאָס ביגדעשאבעסל? 1 אונ וויפל סאלדוטערס? 2 (ווײַזנדיק אפ די קנעפּלעכ, ציילט) איינס, צוויי, דרײַ, פיר, פינפ, זעקס, זיבנ, אכט, נײַנ, צענ סאלדוטערס. היינטנ איז אויכ דאָ פיר סאלדוטערס, (נאָכדעמ ווײַזט ער אפ דער קעפּקע, וועלכע האָט געהאט א ברייטנ קאָזיראָק) ווי געפעלט אײַכ דאָס גאנעקל? (גיט א גרויסנ זיפצ אונ זאָגט) אז אָכ אונ וויי איז מיר, אז כאַיִם־שײַע־פײַוול־קאָטער דארפ זײַנ א סאָלדאט (זאָגט אונ זינגט).

איינ קאניעוו ניט ווײַט פונ ברעג
איכ, מוישע בינ אליינ געקומענ.
איכ זע מענטשנ גייענ הינ אונ צוריק,
ס'האָט מיכ באמ הארצנ אָנגענומענ,
ס'איז געוואָרנ ענג אינ שטאָט,
זיי זײַנענ זיכ אלע צונויפגעפאָרנ,
זיי וויינענ אונ שרײַענ אונ בעטנ פאר גאָט
אפ זייערע ביטערע יאָרנ.
שרײַט זשע ייִדנ פאר דעמ בוירע,
אפ אונדז איז הײַנט א גזיירע,
אפ אונדז איז הײַנט א שלעכטע צײַט,
אז יעדנס קינד מוז זײַנ א סאָלדאט.

(הינטער די קוליסנ שטייט א כאָר אונ ענטפערט)

ס'דארפ אזוי זײַנ, ס'מוז אזוי זײַנ,
דאָ איז קיינער ניט שולדיק,
דאָס איז נאָר גאָטס פלאנ.

## 3

**מיר דרוקנ דאָ איבער פונ פאולינא ווענגעראָוועס מעמוארנ-בוכ (צווייטער באנד, ז. 155־156, בערלינ, 1910), צוויי עלטערע לידער וועגנ רעקרוטשינע, וואָס זײַנענ אינ קיינ פאָלקלאָר-לידער-זאמלונגענ קיינמאָל ניט געבראכט געוואָרנ.**

---

1 דאָס שאבעסדיקע קלייד.

2 קנעפּ. מעשענע אײַנגעבויגענע קנעפּ פלעגט מענ אמאָל רופנ — „סאָלדאטנ". אפּאָנעמ דערפאר, ווײַל אזוינע קנעפּ פלעגנ זײַנ גענייט בא סאָלדאטישע מונדירנ אונ שינעלנ.

1.

זיצנ שניידער ארומ טיש,
אוי, אוי, אוי, נייענ,—
קומט א גוטער ברידערל
אונ זאָגט: „די כאפערלעכ נייענ".

2.

ווי עס איז ביטער
מיינ ליבע מוטער,
/: א שעפעלע אפנ גרינעמ גראָז; :/
אזוי איז [מיר] ביטער,
מיינ ליבע מוטער,
מע טוט מיר כאפנ
/: ווי א האָז. :/
ניט ווייננ אונ ניט שריי,
מיינע ליבע מוטער,
/: ניט איכ בינ דאָס אליינ[1] :/
נעמט מיכ אָנ פאר מיינעמ הארצנ,
/: זעצ איכ מיכ אנידער אונ וויינ. :/
ווי עס איז ביטער
מיינ ליבע מוטער,
/: א ביימעלע אָנ ריטער; :/
אזוי איז ביטער,
מיינע ליבע מוטער,
מע טוט דאָכ מיט מיר מאכנ
/: פאר א מאָסקאָוויטער. :/

## צו זייט 308, נומ. 47

קיינ געדרוקטע וואריאנטנ צומ דאָזיקנ ליד זיינענ אונדז ניט באקאנט. אנ אָנווייז וועגנ א געמישט-שפראכיקנ (אוקראיניש-יידישנ) וואריאנט פונ דעמ דאָזיקנ ליד געפינענ מיר אינ פאָלגנדע ווערטער פונ אי. אָרשאנסקיס ארטיקל וועגנ יידישע פאָלקסלידער:[2] „בא מיר איז פארשריבנ א מערקווירדיק ליד אפ א צעקאליעטשעטנ קליינרוסישנ אונ יידישנ זשארגאָנ, אינ וועלכנ א יידישע פרוי, א סאָלדאטקע באוויינט איר מאנ, וואָס איז געשטאָרבנ הינטער סעוואסטאָפאָל. פאר א ביישפיל וועל איכ דאָ ברענגענ דעמ סאָפ דערפונ „Идите детки, горовать, Старую мати годовать, Старую мати, середышка, годовать".

---

1 מיסטאמע פארגרייזט פונ „איכ בינ דאָכ ניט אליינ"
2 И. Оршанский „Евреи в России" стр. 399

## צו זײַט 316, נום. 56

דאָס ליד איז א פאָלקלאָרישע איבעראַרבעטונג פון מיכל גאָר־דאָנס ליד „די שטיפמוטער“, װאָס איז אין זײַן צײַט געװען זײער פּאָפּולער. די פאָלקלאָר־װאַריאַנטן גײען זיך פאַנאַנדער מיט גאָרדאָנס ליד בלויז טעקסטועל, ניט ענדערנדיק דערבײַ זײַן אידײיִשן אינהאַלט. אין אונדזער איצטיקן װאַריאַנט באַשטײען, למשל, די ענדערונגען אין פאָלגנדיקן:

1) קײן אײן פערז קימאַט שטימט ניט מיט גאָרדאָנס טעקסט. פון גאָרדאָנס דרײַצן סטראָפן זײַנען דאָ געבליבן פינף.

2) דאָס ליד איז געװאָרן מער דראַמאַטיזירט. בא גאָרדאָנען װערט די דערציילונג געפירט בלויז אין דער מוטערס נאָמען. אין דעם פאָלק־לאָר־װאַריאַנט האָבן מיר אָנשטאָט דעם דעם דיאַלאָג צװישן דער מוטער און קינד.

3) די פינפטע סטראָפע פונעם פאָלקלאָר־װאַריאַנט איז אין גאָר־דאָנס טעקסט אינגאַנצן ניט פאַראַן (כוצן דריטן פערז).

אינעם פאָלקלאָר־אַרכיװ פון דער עטנאָגראַפישער סעקציע געפינען זיך נאָך עטלעכע פאָלקלאָר־װאַריאַציעס פון גאָרדאָנס ליד „די שטיפ־מוטער“ און אויך פון אַנדערע לידער זײַנע.

## צו זײַט 317, נום. 57

דאָס דאָזיקע ליד איז א פאָלקלאָרישע װאַריאַציע פון מאַנע קאַאַס באַדכנס א גרויס ליד (23 סטראָפן) „די ליד פון די קימפּעטאָרן מיט די שטיפמוטער“ (געדרוקט אינעם ביכעלע „קול שמחה — איין שטים פון פרייד,“ דרײַ נײַע לידער... ארויסגעגעבן פון מאַנע קאַאַס בדחן פון ביאַליסטאָק, װילנע 1895).

דער פאָלקלאָר־װאַריאַנט איז א סאַך געפּרעסטער, קאָנדענסירטער, װי מאַנע קאַאַס ליד, ער מײַדט אויס די איבעריקע צעצויגנקײַט פר־נעם אָריגינאַל און איז דעריבער אײַנדריקלעכער. קײן שום אידײיִשע קאָרעקטיװן צו מאַנע קאַאַס באַדכנס ליד זײַנען אינעם פאָלקלאָר־װאַריאַנט ניט ארײַנגעטראָגן געװאָרן. אגעװ, מאַנע קאַאַסעס ליד שליסט אין זיך אײַן א היפש ביסל גאַנצע סטראָפעס און באַזונדערע פערזן, פון מ. גאָרדאָנס ליד „די שטיפמוטער“. די סיטואַציע און אויך עטלעכע בילדער און װערטער פון מאַנע קאַאַס ליד און פון פאָלקלאָר־װאַריאַנט (סטראָפעס 1־2, למשל) זײַנען זײער ענלעך צו די בילדער אין אָנהײב פון „תפתה ערוך“ פון מוישע זאַקוט, װאָס איז געדרוקט געװאָרן מיט א יידישער איבערזעצונג מעץ, תקמ״ז. א האַשפּאָע פון דאָרט איז מעגלעך.

## צום קאַפּיטל „ווירקונגען פונעם אוקראַיִנישן פֿאָלקלאָר-ליד" זײַטן 62-78

קעדיי צו קאָנצענטרירן אין איין אָרט דעם גרונט-מאַטעריאַל צו דער טעמע וועגן סלאַווישע ווירקונגען אויף ייִדישן לידער-פֿאָלקלאָר, ברענגען מיר דאָ די מערהייט פֿון יענע ייִדישע פֿאָלקלאָר-לידער, וואָס שטאַמען וואַרשײַנלעך אָפּ פֿון סלאַווישן לידער-פֿאָלקלאָר, אינאיינעם מיט די סלאַווישע (אין אונדזער פֿאַל הויפּטזאַכלעך אוקראַיִנישע) פּאַראַלעלן צו זיי. בײַ יעדן טעקסט גיבן מיר אָן פֿון אויבן אין קלאַמערן דעם קוואַל פֿונוואַנען מיר דרוקן אים איבער. אויב דער ייִדישער טעקסט צי דער אָדער אַנדערער אוקראַיִנישער פּאַראַלעל איז געדרוקט אין אונדזער איצטיקער זאַמלונג, דרוקן מיר אים דאָ אין דער בײַלאַגע ניט איבער. די ביבליאָגראַפֿיע צו די ייִדישע טעקסטן אין דער בײַלאַגע איז קימאַט אָן אויסשעפּנדיקע. די ביבליאָגראַפֿישע אָנווײַזונגען צו די אוקראַיִנישע טעקסטן פּרעטענדירן ניט אין קיין פֿאַל אויף אויסשעפּלעכקײַט. ווען מיר האָבן געהאַט פֿאַר זיך עטלעכע אוקראַיִנישע פּאַראַלעלן צו איינעם און דעם זעלבן ייִדישן ליד, האָבן מיר דאָ איבערגעדרוקט דעם פּאַראַלעל, וואָס פֿאַלט מער צונויף מיטן ייִדישן טעקסט. אין יענע פֿאַלן, ווען מיר, האָבן פֿאַר זיך געהאַט עטלעכע ייִדישע וואַריאַנטן און איין אוקראַיִנישן פּאַראַלעל, ברענגען מיר דאָ יענעם ייִדישן וואַריאַנט, וואָס פֿאַלט אַמײַנסטן צונויף מיטן אוקראַיִנישן טעקסט.

I

### ייִדישער טעקסט

(קאַהאַן I, ז. 52, נומ. 32, נאָך אַ וואַריאַנט דערצו— ג.מ. ז. 166, נומ. 206).

1. „הער נאָר, דו שיין מיידעלע,
הער נאָר, דו פֿײַן מיידעלע,
וואָס ווילסטו טאָן אין אַזאַ ווײַטן וועג?
וואָס ווילסטו טאָן אין אַזאַ ווײַטן וועג?"

2. „איך וועל גיין אין אַלע גאַסן
און וועל שרײַען, „ווער צום וואַשן!"
אַבי מיט דיר צוזאַמען זײַן,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זײַן!"

3. „הער נאָר, דו שיין מיידעלע,
הער נאָר, דו פֿײַן מיידעלע,
ווו ווילסטו וואַשן אין אַזאַ ווײַטן וועג?
ווו ווילסטו וואַשן אין אַזאַ ווײַטן וועג?"

4. „דו מוזט מיינען, אז איך בין שוואך, —
איך קאָן וואשן וועש באַם טײַך!
אבי מיט דיר צוזאמען זײַן!
אבי מיט דיר צוזאמען זײַן!"

5. „הער נאָר, דו שיינ מיידעלע,
הער נאָר, דו פײַנ מיידעלע,
אפ יואָס ווערטו טריקענען אין אזא ווײַטן וועג?
אפ וואָס ווערטו טריקענען אין אזא ווײַטן וועג?"

6. „כ׳וועל פארקויפן מײַן מונדיר
און וועל מיר קויפן א לאנגן שנור,
אבי מיט דיר צוזאמען זײַן!
אבי מיט דיר צוזאמען זײַן!"

7. „הער נאָר, דו שיינ מיידעלע,
הער נאָר, דו פײַנ מיידעלע,
וואָס ווערטו עסן אין אזא ווײַטן וועג?
וואָס ווערטו עסן אין אזא ווײַטן וועג?"

8. „ברויט מיט זאלץ וועל איך עסן,
טאטע־מאמע וועל איך פארגעסן,
אבי מיט דיר צוזאמען זײַן!
אבי מיט דיר צוזאמען זײַן!"

9. „הער נאָר, דו שיינ מיידעלע,
הער נאָר, דו פײַנ מיידעלע,
אפ וואָס ווערטו שלאָפן אין אזא ווײַטן וועג?
אפ וואָס ווערטו שלאָפן אין אזא ווײַטן וועג?"

10. „איך בין נאָך אזא יונגע פרוי,
איך קאָן שלאָפן אפ א בינטל שטרוי,
אבי מיט דיר צוזאמען זײַן!
אבי מיט דיר צוזאמען זײַן!"

11. „הער נאָר, דו שיינ מיידעלע,
הער נאָר, דו פײַנ מיידעלע,
מיט וואָס ווערטו דיך צודעקן אין אזא ווײַטן וועג?
מיט וואָס ווערטו דיך צודעקן אין אזא ווײַטן וועג?"

12. „דער טוי פונ הימל וועט מיך צודעקן,
די פייגעלעך וועלן מיך אופוועקן,
אבי מיט דיר צוזאמען זײַן!
אבי מיט דיר צוזאמען זײַן!"

## אוקראַיִנישער טעקסט

(Чубинский V, стр. 1199, № 28)

1. Ой поіхав козак
З Польщі на Вкраїну,
Покидає дівчину!
А дівчинонька плаче:
„Та вернися козаче,
Озьми мене с собою".

2. „Що будеш робила,
Дівчино єдина,
На Вкраїні далеко?
„Буду білі хусти прати,
Срібром златом вишивати,
Козаченько-серденько!"

3. „Где ж ти будеш прала,
Дівчино кохана,
На Вкраїні далеко?"
„Ой на крутій же горі,
На білому камені,
Козаченько-серденько!"

4. „Где ж будеш сушила,
Дівчино єдина,
На Вкраїні далеко?"
„На буйному вітрочку,
На шовковому шнурочку,
Козаченько-серденько!"

5. „Где ж будеш прасовала,
Дівчино кохана,
На Вкраїні далеко?"
„Ой на кругій же горі
На тесовім столі,
Козаченько-серденько!"

6. „Щож ти будеш їла,
Дівчино єдина,
На Вкраїні далеко?"
— Ізїм хліба з водою,
Аби жити с тобою,
Козаченько-серденько!"

2

## ייִדישער טעקסט

(זע אויבנ, ז. 158, נ. 14).

## אוקראַיִנישער טעקסט

(Едличка ч. II, стр. 6, № 11)

1. Ой за гаєм, гаєм,
Гаєм зелененьким
Там орала дівчинонька,
Воликом чорненьким.

2. Орала, орала,
Не вміла гукати,
Та найняла козаченька
У скрипочку грати.

3. Грає козак, ґрає,
Бровами моргає:
Вража його мати знає,
Чого він моргає?

4. Чи на мої воли,
Гей чи на корови,
Чи на моє біле личко,
Чи на чорні брови?

5. Воли та корови
Усі поздихають,
Личко біле, чорні брови
Повік не злиняють.

א צווייטער אוקראַיִנישער וואַריאַנט פונעם ליד איז געדרוקט בא Эварницький № 390

3

## ייִדישער (געמישט־שפּראַכיקער) טעקסט

(פונ אַרכיוו פונ דער עטנאָגראַפישער סעקציע. געדרוקטע וואַריאַנטנ, קאַהאַנ II, ז. 275, נומ. 19 (בלויז ייִדישער טעקסט), צמשר, III—II 790—נומ. 6 (געמישט־שפּראַכיקער וואַריאַנט)

1. Над мостом, під мостом
Голуби сидели,
Еще добра не видать
Годы улетели.

2. אפנ בריק, אונטערנ בריק
זיצנ טויבנ פּאָרנ,
נאָכ קיינ גוטס ניט געזענ
אוועק די יונגע יאָרנ.

3. Запрягайте живо, хлопци
Кони вороные,
Мы поедем, мы догоним
Годы молодые.

4. שפּאנט איינ גיכער, שפּאנט איינ שנעלער
פערדנ אינ די פּאָרנ,
מירנ לויפנ, מירנ דעריאָגנ
אונדזערע יונגע יאָרנ.

5. Мы догнали наши годы
На широком мости:
„Годы, годы, возвратитесь
Хоть к нам в гости".

6. מיר האָבנ דעריאָגט אונדזערע יאָרנ
אפנ ברייטנ בריק,
„יאָרנ, יאָרנ, קערט זיכ אומעט
כאָטש אינ געסט צוריק".

7. „Нет, нет, нет, мы не пойдем
Вы не заслужили,
Надо было шановать
Когда мы у вас были".

8. „ניינ, ניינ, ניינ, מיר וועלנ ניט גיינ,
ס'איז ניטאָ צו וועמענ,
ווענ מיר זיינענ בא אייכ געווענ,
ניט באדארפט פארשעמענ".

## דורכויסיק-יידישער טעקסט

(קאהאנ II, ז. 275, נומ. 19)

1. אפנ בארג, איבערנ בארג,
פליענ טויבנ פּאָרנ,
איכ האָב נאָכ גאָר קיינ נאכעס ניט געהאט,
ס'איז אוועק מיינע יונגע יאָרנ.

2. שפּאנט זשע מיר, ברידער, די שווארצע קארע פערד,
אונ לאָמיר לויפנ, פּאָרנ:

עפשער וועלן מיר נאָך קאָנען אומקערן
אונדזערע יונגע יאָרן?

3. „קערט זיך אום, יונגע יאָרן,
מיר וועלן אײַך צונעמען".
„מיר וועלן זיך ניט אומקערן, מיר וועלן זיך ניט אומקערן,
ס'איז ניטאָ צו וועמען!"

4. „קערט זיך אום, יונגע יאָרן,
טוט אונדז ניט פאַרשעמען".

## אוקראַיִנישער טעקסט

(Чубинский V, стр. 33, № 174 פון א ליבע־ליד (סאָפ) (פראַגמענט)

1. Ой з-за гор, з-за кручі
Орли вилітають, —
Не згадаю я розкоші,
Вже літа минають.

2. Запрягайте коні в шори,
Коні вороніï,
Доганяйте-ж літа-ж мої,
Літа молодії.

3. Чи догнали, не догнали
В каліновім мості,
„Вернітеся, літа мої,
Хоч до мене в гості".

4. „Не вернемось, не вернемось,
Не знаєм до кого,
Не вміла нас шанувати
За здоров'я свого".

4

## דורכויסיק יִדישער טעקסט[1]

(קאַהאַן II, ז. 75, נום. 9)

1. אַך, פאָטער, וואָס האָסטו געוואָלט פון מיר האָבן?
גלײַכער וואָלסטו מיר יונגערהייט באַגראָבן,

---

[1] צוויי געמישט־שפּראַכיקע וואַריאַנטן פונעם דאָזיקן ליד זײַנען געדרוקט אין פאָלקלאָר־לידער I, ז. 131—133, נום. 3. 4.

ס׳איז ניש׳ שיינ, ס׳איז ניש׳ פײַנ,
ס׳איז נישטאָ מיט וועמענ אינ גאס ארײַנ צו גיינ.

2. ס׳איז מיר ערגער, ס׳איז מיר נישט ליב,
פארוויסט איז מיר מײַנ לעבנ
צו זײַנ מיט אימ אינ שטוב.
ס׳איז מיר ערגער... אאוו.

3. אָכ, מיינ גאָט! הער אויס מײַנ געדאנק,
לייג אימ אנידער א ביסל קראנק;
אונ אז ער וועט שוינ גוט קראנק זײַנ,
א פונט ליכט אינ שול ארײַנ וועל איכ מענאדער זײַנ.

4. אונ אז ער איז געוואָרנ גוט קראנק,
האָט דאָכ איר געטונ א ביסל באנג;
אזוי ווי מע האָט אימ פונ שטוב ארויסגענומענ,
האָט זי א פרײַענ פּאָנעמ באקומענ.

5. אפנ פעלד גייענדיק האָט זי געוויינט.
צוריק פונ פעלד גייענדיק האָט זי געלאכט:
נעמט אימ, לייגט אימ טיפ אינ דער גרוב,
כ׳זאָל שוינ מער ניט האָבנ אזא קלאָג אינ מײַנ שטוב!

6. מיט די הענט, האָט זי אימ צוגעשאָטנ,
מיט די פיס האָט זי אימ צוגעטראָטנ:
נעמט׳ס אימ, לייגט׳ס אימ טיפ אינ דעמ גרוב,
כ׳זאָל שוינ מער נישט האָבנ אזא קלאָג אינ מײַנ שטוב,
איכ וועל דיר, גאָט, דאנקענ אלע מײַנע יאָרנ,
וואָס איכ בינ אזא שלאק פּאָטער געוואָרנ.

## אוקראַיִנישער טעקסט

(Гринченко III, стр. 333 № 633в)

1. Що той батька зробив,
Що він мене оженив,
За такого мене дав,
Щастя мені не вгадав.

2. Що за мати була,
Що за такого дала?
Лучче ж мені не зрости,
Як за такого йти:

3. І високий худий,
Ні з ким вийти до людей,
Й стидкий й бридкий,
До работи не швидкий.

4. Як жив — не любила,
Як вмер — не тужила
І не буду тужити,
Бо не було з ким жити.

5. Як на лавці лежав,
То ще жалю задав;
Як із лавки взяли;
То всі жалі забрали.

6. Як до гробу йшла
То підскакувала.
Надибала я музики,
Ой, заграйте мені!
Поховала чоловіка,
Тепер ліпше мені.

אנדערע אוקראַיִנישע וואַריאַנטן געפינען זיך בא Чубинский V ז. 796—797, נומ׳ 371 а, б, в. א ווײַסרוסישער וואַריאַנט בא Шейн, Белор. нар. песни, стр. 279 № 531.

5

## ייִדישער טעקסט

(זע אויבן, ז. 293 296, נ.נ. 30, 31, — נאָך א וואַריאַנט—קאַהאַן II, ז. 61, נ. 2)

## אוקראַיִנישער טעקסט

(Чубинский V, стр. 701, № 305)

Ой ти, мамка моя,
А я донька твоя;
Оддала ж ти мене,
Та далеко од себе,
У чужу сторону,
На велику сем'ю.
А велика сем'я
Сіла вечерять сама,
А мене, молоду,
Посилають по воду.
Ой, по воду йду,
Як голубка гуду,
А з водою йду, утиряючись,

До великоі семі прислухаючись.
А велика сем'я,
Тай ну річ говорить,
Мого мужа бранить,
Мого мужа бранить,
Що не хоче мене бить.
А мій муж говорить:
„За що мені жінку бить,
Вона діло мені робить".
Ой, хоч бив, хоч не бив,
Аби сем'ю звеселив.
Ой, бив по стіні,
Та казав по жені,
Ой бив по подушці,
Та казав що по душці.

אנדערע אוקראַיִנישע וואריִאנטנ געפינענ זיכ בא
Гринченко, стр. 304, № 586.
א ווײַסרוסישער וואריִאנט דערצו — בא
Шейн „Белорусские нар. песни", стр. 244, № 425.

אינ ארכיוו פונ דער עטנאָגראפישער סעקציע געפינט זיכ א ווײַסרוסישער וואריִאנט פונעם דאָזיקנ ליד, וועלכנ ס'האָט פארשריבנ י. טשערניאק פונ א ייִדישער פרוי, א נייטערנ, מ. פריידינע, אינ 1927 יאָר (כאָטימסק, ווײַסרוסלאנד) — א באַווײַז אז די דאָזיקע ליד איז באקאנט געווענ אינעם ייִדישנ פאָלקלאָר-רעפערטואר ביז צו דער לעצטער צײַט סײַ אינ זײַנ אורשפרינגלעכער סלאווישער פאָרם, סײַ אינ ייִדיש.

6

## ייִדישער טעקסט

(קאהאנ III, ז. 77, נומ. 112. נאָכ איינ ייִדישער וואריִאנט געפינט זיכ בא קאהאנ II, ז. 59)

1. גיי איכ מיר אינ קעמערל
אונ לייג מיר צו מײַנ קעפעלע
אפ מײַנ מאמקעס בעטעלע,
אונ די מאמע גייט
בענטשנדיקערהייט:
„אכ, דו טאָכטער יונגינקע,
דו האָסט דאָכ דיעטקעס דראָבנינקע,
דו האָסט דאָכ ניט קיינ רו,
דו האָסט דאָכ ניט קיינ רו!"
„אוי, איכ טו, איכ טו,
איכ האָב דאָכ ניט קיינ רו!"

2. גיי איכ מיר אינ קעמערל
אונ לייג מיר צו מײַנ קעפעלע
אפ מײַנ טאטקעס בעטעלע,

און דער טאטע גייט
בענטשנדיקערהייט:
„אַך, דו טאָכטער יונגינקע"... אאו.

3. גיי איך מיר אין קעמערל
און לייג מיר צו מײַן קעפּעלע
אפּ מײַן שוויגערס בעטעלע,
און די שוויגער גייט
שעלטנדיקערהייט:
„אַך, דו שנור, דו פּוילעניצע,
קיין מעלאָכע טוסטו ניט,
נאָר דו טוסט און שלאָפסט,
נאָר דו טוסט און שלאָפסט".
„אוי, איך טו, איך טו,
איך האָב דאָך ניט קיין רו!"

4. גיי איך מיר אין קעמערל
און לייג מיר צו מײַן קעפּעלע,
אפּ מײַן שווערס בעטעלע,
און דער שווער גייט,
שעלטנדיקערהייט:
„אַך, דו שנור, דו פּוילעניצע"... אאו.

5. גיי איך מיר אין קעמערל
און לייג מיר צו מײַן קעפּעלע
אפּ מײַן מאנס בעטעלע,
און מײַן מאן ער גייט,
בענטשנדיקערהייט:
„אַך, מײַן ווײַבעלע יונגינקע,
דו האָסט דאָך דיעטקעס דראָבנינקע,
דו האָסט דאָך ניט קיין רו,
דו האָסט דאָך ניט קיין רו!"
„אוי, איך טו, איך טו,
איך האָב דאָך ניט קיין רו!"

## אוקראַיִנישער טעקסט

(Чубинский V, стр. 700, № 304 פראַגמענט)

Ой, спиться мені,
Дремлеться мені,
Пойду я в сінечки
На білу постілечку,

Де свекорко спить.
Йде свекор керез сінечки:
„Сонливая, дремливая
Невіхна в мене“.

Ой, спиться мені,
Дремлеться мені,
Пойду я в сінечки
На білу постілечку,
Де свекруха спить.
Свекруха керез сінечки йде,
Да й клене мене:
„Сонливая, дремливая,
На ділечко лінивая
Невіхна в мене“.

Ой, спиться мені,
Дремлеться мені,
Пойду я в сінечки,
На білу постілечку.
Де батенько спить.
Аж батенько йде,
Да й хвалить мене.
„Ой, спи, донечка милая,
Пойшла замуж молодая,
Дак не виспалася“.

Ой, спиться мені,
дремлеться мені,
Пойду я в сінечки
На білу постілечку,
Де матюнька спить.
Матюнька йде,
Да й хвалить мене:
„Спи, донечко милая,
Пошла замуж молодая,
Да к не виспалася“.

א צווייטער אוקראַיִנישער וואַריאַנט געפינט זיכ בא טשובינסקינ V, ז. 702, נומער 306. א רוסישער וואַריאַנט פונעמ זעלבנ ליד בא

Шейн, Русские нар. песни, стр. 136, № 66.

א רוסישער וואַריאַנט פונעמ דאָזיקנ ליד איז אויסגענוצט געוואָרנ פונ נעקראַ־סאָוונ אינ זײַנ פּאָעמע „Кому на Руси жить хорошо“ אינ דעמ טייל, ווו ס'ווערט געשילדערט דאָס שווערע לעבנ פונ דער פויערטע (צווייטע טייל, צווייטער קאַפּיטל).

## 7

### ייִדישער טעקסט

(בערעגאָווסקי „ייִדישער מוזיק־פֿאָלקלאָר“ I, ז. 214, נומ. 97, זע אויכ אויבנ; ז. 288, נומ. 25. מיר ברענגענ בלויז דעם פראגמענט, וואָס איז אינטערעסאנט פארנ פארגלײַכ)

1. גיט מיכ אָפּ די מאמע,
גיט מיכ אָפּ דער טאטע,
אינ א פרעמדנ לאנד,
אונ האָט דאָכ מיר אָנגעזאָגט,
אונ האָט דאָכ מיר אונ פארזאָגט,
איכ זאָל זיבנ יאָר ניט זײַנ.

2. בינ איכ ניט געווענ,
בינ איכ ניט געווענ,
איינ יאָר אונ צוויי,
איז דאָכ מיר געוואָרנ,
איז דאָכ מיר געוואָרנ,
אפ מײַנ הארצנ זייער ווינד אונ וויי.

3. ווענ איכ וואָלט האָבנ פליגעלעכ,
ווענ איכ וואָלט האָבנ פליגעלעכ,
וואָלט איכ דאָכ געפלויגנ,
ווי א טרײַער פויגל,
ווי א טרײַער פויגל,
א טאָג מיט א נאכט.

4. אונ וואָלט איכ געקומענ,
אונ וואָלט איכ געקומענ,
צו א נידעריקער ביימעלע,
אונ וואָלט זיכ געזונגענ,
אונ וואָלט זיכ געזונגענ,
א ראכמאָנעסדיק לידעלע.

### אוקראַיִנישער טעקסט

(Едличка, ч. II, стр. 55 פראגמענט)

1. Оддала мене моя матинка.
Та на чужую стороненьку,
Та заказала та приказала,
Щоб сім літ не була.

2. Поживу я годок, поживу я другий,
Стало мені нуднесенько;

Покую я крильця з щирого золотця,
Тай полечу з галочками.

3. Сяду я, впаду у батенька в саду
На крайній та вишеньці,
Сяду я, впаду у матеньки в саду,
На крайній черешеньці...

8

## ייִדישער טעקסט

(זע „פֿאָלקלאָר־לידער“ I, ז. 117, נומ. 17, 18, 19. זע אויך דאָרטן די פֿולע ייִדישע
ביבליאָגראַפֿיע צום ליד)

## אוקראַיִנישער טעקסט

(Piesni polskie i ruskie ludu galicyjskiego. Zebral
i wydal Waclaw s Olewska, Lwów, 1833, str. 79, № 19.)

1. Чорна рола заорана, гей, гей,
Чорна рола заорана,
І кулями засіяна,
Білим тілом зволочена, гей, гей,
І кровою сполочена.

2. Лежить вояк на купині, гей, гей,
Лежить вояк на купині,
Накрив очі червоною,
Червоною китайкою, гей, гей,
Накрив очі китайкою.

3. Ані трумни, ані ями, гей, гей,
Ані трумни, ані ями,
Ані вітця, ані мами,
Ані кому задзвонити, гей, гей,
Ані кому затужити.

4. Дзвонять коні копитами, гей, гей,
Дзвонять коні копитами,
А вояки острогами,
Дзвонять коні копитами, гей, гей,
А вояки острогами.

5. Летить ворон з чужих сторон, гей, гей,
Летить ворон з чужих сторон,
На могилі усідає,
Очі йому випиває, гей, гей
Очі йому випиває.

6. Ходить мати, гукається, гей, гей,
Ходить мати, гукається,
Сина свого шукається,
„Ой, я твого сина знаю, гей, гей,
Бо я з нього попас маю“.

7. „Скажи мені ворон милий, гей, гей,
Скажи мені ворон милий,
Чи мій синок іще білий,
Чи його очі сивенькі, гей. гей,
Та чи вуста румяненькі.

8. Скажи мені, ворон милий, гей, гей,
Скажи мені, ворон милий,
Чи мій синок іще білий,
Чи волосся біліється, гей, гей,
Та чи личко румянеться“.

9. „Вже його вуста синенькі, гей, гей,
Вже його вуста синенькі,
Вже му волоси чорненькі,
На його личку присідаю,
Очі йому випиваю“.

צו די סטראָפע 14־15 פונעמ ייִדישנ טעקסט געפינענ מיר ענלעכע פערזנ אינ א צווייט אוקראַיִניש מילכאָמע־ליד געדרוקט בא Эварницький אונטערנ נומער 432, א שוועסטער פרעגט דאָרטנ דעמ ברודער, ווענ וועט ער קומענ צוריק פונ מילכאָמע. ענטפערט ער איר:

„Візьми, сестро, піску в жменю,
Посій, сестро, на камені,
Колиж, сестро, пісок зійде,
Тоді ваш брат назад прийде“.
„Нема піску, нема сходу,
Нема брата із походу“.

א צווייטער אוקראַיִנישער וואַריִאַנט פונעמ גאַנצנ ליד איז געדרוקט בא Максимович „Украинские нар. песни“, Москва, 1834, стр. 154, № 18.

## 9

## ייִדישער טעקסט

(ג.מ. ז. 257, נומ. 308)

1. גאָט, דו גאָט, דערבאַרעמדיקער,
וואָס בינ איכ ניט קיינ מאַזלדיקער?
ווי מײַנ מאַמע האָט מיכ געבאָרנ,

איז שוין מײַן מאזל באלד פארלאָרן,
און ווי די באָבע האָט מיר צוגענומען,
האָט זי שוין מײַן מאזל ניט געפונען.

2. לײַטישע מאזאָלעס טוען אף די וואסערן שווימען,
און איך טו זוכן און טו ניט געפינען.
און די גאנצע וועלט בין איך ארומגעלאָפן,
און איך האָב מײַן מאזל ניט געטראָפן.

## אוקראַיִנישער טעקסט

(Костомаров, стр. 161, № 65)

1. Пора приходить по щастю тужити;
Що світ великй—нема з ким жити;
Ох, а гдеж бо я піду,
Нігде щастя не знайду,
Ах бідний я, бідний,
Чи є такий в світі бідний чоловік.

2. На щож мене мати на світ видала,
Чому ж вона щастя, ні долі не дала,
Чи такиї куми були,
Що мні щастя, ні доли не дали...
Ах, бідний я, бідний чоловік.

3. Єдному щастя ріками пливе,
А до другого шастя берегами йде;
Я зійшов цілий світ
Мені щастя, ні долі ніт...
Ах, бідний я, бідний чоловік.

4. До літ двацятка сяк так мені було;
А в сім часі і того не стало;
Не стало мені и друга,
Едно друга і все туга:
Ах, бідний я, бідний чоловік.

10

# יידישער טעקסט

(ג.מ. ז. 254, נומ. 306, זע אויך אויבן, ז. 114, ליד נומ. 17)

1. — ווו ווּעסטו מיר לאָזן,
סענדערל, מײַן מאַן?
— אין א שטיבעלע, מײַן ליבסטע ווײַבעלע,
אין א שטיבעלע, מײַן ליבסטע טײַבעלע,
אין א שטיבעלע, מײַן ליבסטע קרוין,
דו בלײַבסט דאָך שוין גאָר אליין!

2. — וואָס וועל איך מיט די קינדער עסן,
סענדערל מײַן מאַן?
— ברויט, מײַן ליבע ווײַבעלע,
ברויט, מײַן ליבע טײַבעלע,
ברויט, מײַן ליבע קרוין,
דו בלײַבסט שוין גאָר אליין!

3. — ווו וועל איך ברויט נעמען,
סענדערל, מײַן מאַן?
— אין סעמערל (1), מײַן ליבע ווײַבעלע... אאוו.

4. — ווו זאָל איך געלט נעמען,
סענדערל מײַן מאַן?
— באַם פּאָרעצל, מײַן ליבע ווײַבעלע... אאוו.

5. — באַם פּאָרעצל איז דאָ א הינטעלע
סענדערל, מײַן מאַן.
— נעם א שטעקעלע, מײַן ליבע ווײַבעלע... אאוו.

6. — ווו זאָל איך נעמען א שטעקעלע,
סענדערל מײַן מאַן?
— אין וואלד, מײַן ליבע ווײַבעלע... אאוו.

7. — אין וואלד איז דאָ א בערעלע,
אוי, סענדערל, מײַן מאַן.
— מיט א שטיינדעלע, מײַן ליבע ווײַבעלע... אאוו.

8. — ווו זאָל איך א שטיינדעלע נעמען,
סענדעדל, מײַן מאַן?
— אין ברוק, מײַן ליבסטע ווײַבעלע,
אין ברוק, מײַן ליבסטע טײַבעלע,
אין ברוק, מײַן ליבסטע קרוין,
דו בלײַבסט דאָך שוין גאָר אליין!

---

1 סעמערל—א קליין שפּײַז-שטעלעכל.

## אוקראַיִנישער טעקסט

(Гринченко III, стр. 658, № 1594)

1. — Ой, діду мій Пархоме,
Що я буду робить, як ти вмреш?
— Ой, по миру, бабко,
Ой, по миру, любко,
Ой по миру, Пархомихо,
Сивая голубка.

2. — Ой, діду мій, Пархоме,
Я собак боюся.
— Ой, з костурцем, бабко,
Ой, з костурцем, любко,
Ой, з костурцем, Пархомихо,
Сивая голубка.

3. — Ой, діду мій, Пархоме,
Де я костурця візьму?
— Ой, до лісу, бабко,
Ой, до лісу, любко,
Ой, до лісу, Пархомихо
Сивая голубка.

4. — Ой, діду мій, Пархоме,
А чим я вирублю?
— Сокиркою, бабко,
Сокиркою, любко,
Сокиркою, Пархомихо
Сивая голубка.

5. — Ой, діду мій, Пархоме,
А де я сокирки візьму?
— До коваля, бабко,
До коваля, любко,
До коваля, Пархомихо,
Сивая голубка.

11

## ייִדישער טעקסט

(פֿון אַרכיוו פֿון דער עטנאָגראַפֿישער סעקציע. געדרוקטע וואַריאַנטן ג.מ. ז. 106,
נ. 133, באַטשאַמטקי, ז. 45, נומ. 24)

ייִסגאַדאַל וועיִסקאַדאַש שמיי ראַבאָ,
וואָס אַמאָל איז געווען איז הײַנט נישטאָ.
טײַטידל דידל, דידל, דידל, דידל, דידל, דײַ.

אמאָל איז געווענ א ייִד א אוישער
איז ער געווענ א קאפּצנ א גרויסער,
טײַטידל. . . אאוו.

[האָט ער געהאט צענ טעכטער]
די ערשטע האָט געהייסנ אָסנעניו,
די צווייטע האָט געהייסנ ביילעניו,
די דריטע האָט געהייסנ געלעגיו,
די פערטע האָט געהייסנ דאָבעניו,
די פינפטע האָט געהייסנ הענעניו,
די זעקסטע האָט געהייסנ וויטעניו,
די זיבעטע האָט געהייסנ זעלדעניו,
דו אכטע האָט געהייסנ כאסעניו,
די נײַנטע האָט געהייסנ טעמעניו,
די צענטע האָט געהייסנ יענטע.

האָט מענ זיי געגעבנ צענ מענער,
איינער פונעמ צווייטנ איז בעסער אונ שענער.
אָסנע מיט איוואנענ זײַנענ דאָכ א פּאָר,
ביילע מיט באָריסנ איז ווײַטער א פּאָר,
געליע מיט גאוורילנ זײַנענ דאָכ א פּאָר,
דאָבע מיט דעניסנ איז ווײַטער א פּאָר,
העניע מיט האוורישקענ זײַנענ דאָכ א פּאָר,
וויטיע מיט וואסיליענ איז ווײַטער א פּאָר,
זעלדע מיט זאכארנ זײַנענ דאָכ א פּאָר,
כאסיע מיט כאריטאָנענ איז ווײַטער א פּאָר,
טעמע מיט טעאָדאָרנ זײַנענ דאָכ א פּאָר,
יענטע מיט יאקאָווג איז ווײַטער א פּאָר.

האָט מענ געקוילעט א קאלב א קליאטשע,
איז פאר זיי געוואָרנ א שווערע זאדאטשע,
אָסנענ דאָס אויבערשטע אונ ביילענ דעמ ביילעק,
געליענ דאָס געלע אונ דאָבענ דעמ פּריידעק,
העניענ דעמ הינטנ אונ וויטיענ דעמ ווידל,
זעלדענ דעמ זאָדיק אונ כאסיענ דעמ ביילעפּ,
טעמענ דעמ ט... יענטענ אפּצולאָכעס.

# אוקראַיִנישער טעקסט

(Гринченко III, стр. 664, № 1624)

Народила чечіточка
Семеро діток,
Тай всі сім дочок :

І Явдосю, і Хведосю
І Катерину, і Варварину
І Орину, і Марину,
Ще й Настасію.

Породивши чечіточка
Погодувала,
Заміж давала.
Що Явдосю за яцька,
А Хведосю за Грицька,
Катерину за Івана,
Варварину за Романа,
А Орину за Давида,
А Марину за Демида,
Настасію за Самійла.

Ой, помилуй, господи,
І мене саму,
Чичиченю господиню
І моїх сватів,
Доччиних батьків:
І Устина, і Мартина,
І Бориса, і Дениса,
І Гапона, і Сапона.
Ще й Македона.

Ой, помилуй господи,
І мене саму,
Чичиченю господиню.
І моїх свацок,
Доччиних маток.
Касю й Васю і Ганусю,
Ще й Одарію.

Наїхали страйно-гайно
До мене у двір
М ли і зяті:
Що з Київа пан Яцько,
З Переяслава пан Грицько,
А з Лищева пан Іван,
З Чернихова пан Роман,
А з Глухова пан Давид,
З Стародубова пан Демид,
З Крюкова Самійло.

12

# ייִדישער טעקסט

(געפינט זיך אינ פאָלקלאָר־ארכיוו פונ דער עטנאָגר. סעקציע)

אשרי האיש, אשר לא הלך,
כ'האָב געהאט א פעטער אײנ וואָלעכ.
איז ער ארויסגעגאנגענ אינ מארק ארײַנ
אונ האָט געפונענ א בײַטעלע מיט דרײַ גראָשנ.
— זאָלסט מײַנ מאנ ארויסגײנ אינ מארק ארײַנ,
זאָלסט שרײַענ:
„Дай, боже, ще!“

איז ער ארויסגעגאנ אינ מארק ארײַנ,
האָט ער געזענ טראָגנ א טויטנ,
האָט ער אָנגעהײבנ צו שרײַענ:
„Дай, боже, ще!“

האָט מענ אימ גענומענ צומ שלאָגנ
אונ צומ באגראָבנ.
פרעגט ער:
„Як же казати?“
זאָגט מענ אימ:
„Дай, бог, щоб земля приймала.“

איז ער ארויסגעגאנ אינ מארק ארײַנ
אונ געזענ א טאטנ מיט א קינד,
האָט ער אָנגעהויבנ צו שרײַענ:
„Дай бог, щоб земля приймала“.

האָט מענ אימ גענומענ צומ שלאָגנ... אאוו.
„Дай, бог, щоб виросло“.

איז ער ארויסגעגאנ אינ מארק ארײַנ,
אונ האָט געזענ א מאנ מיט א גוליע,
האָט ער אָנגעהויבנ צו שרײַענ:
„Дай, бог, щоб виросло!“
האָט מענ אימ גענומענ צומ שלאָגנ... אאוו.
„Дай, бог, щоб вытекло“.

איז ער ארויסגעגאנגענ אינ מארק ארײַנ
אונ האָט געזענ פירנ א פאס ווײַנ,
האָט ער אָנגעהויבנ צו שרײַענ:
„Дай, бог, щоб вытекло“.
האָט מענ אימ גענומענ צומ שלאָגנ... אאוו.

## אוקראַיִנישער טעקסט

(Эварницький, стр. 743, № 814)

Як прийшов Космина голий по дорозі,
босий по морозі,
Я там чоловік та горох молоте,
а він йому й каже:
„Ой, дай тобі боже, сто кип змолотити
в решето забрати“.
Там Космина били,
Там Космина вчили,
Чорниі кудри
Тай покривавили·
— Оцеж тобі дурню, що ти нерозумний;
Як тобі трапиться такую вість бачити,
так ти тоді і кажи:
„Ой, дай тобі боже, не перевозити,
не переносити.

(ווײַטערדיקער אינהאלט: קאָסמינא גייט און זעט, א טאטע באגראָבט א קינד.
זאָגט ער אימ:

„Ой, дай тобі боже, не перевозити, не переносити“.

האָט מענ אימ געשלאָגנ און געהייסנ זאָגנ:

„Царство небесне, вишній покой“.

איז ער געגאנ, האָט ער געזענ א מענטש גייט כאסענע האָבנ, האָט ער אימ געזאָגט:

„Царство небесне, вишній покой“.

האָט מענ אימ געשלאָגנ און געהייסנ זאָגנ:

„Ой, дай тобі боже, гарну жінку взяти, вік скалатати“

איז ער געגאנ, האָט ער דערזענ א פויער סמאליעט א כאזער,
האָט ער צומ פויער געזאָגט:

„Ой, дай тобі боже, гарну жінку взяти, вік скалатати“.

13

## ייִדישער טעקסט

(איבערגעדרוקט פונ לעאָ ווינערס „געשיכטע פונ דער ייִדישער ליטעראטור“
(ענגליש) ז. 66)

1. וואסער שוימט, וואסער שוימט,
טוט מענ גאנצ ווײַט הערנ,
ווענ עס שטארבט דער פאָטער, מוטער,
גיסט דער יאָסעמ מיט טרערנ.

2. דער יאָסעמ גייט, דער יאָסעמ גייט,
דער יאָסעמ טוט גאָר אומזיסט,—

לײַט שאצנ, לײַט זאָגנ,
אז דער יאָסעמ טוט גאָרניט.

3. דער יאָסעמ גײט, דער יאָסעמ גײט,
אונ אינ צאר אונ אינ פּײַנ,
לײַט זאָגנ, לײַט שאצנ,
אז דער יאָסעמ איז שיקער פונ װײַנ.

4. בא מײַנע פרײַנט, בא מײַנע פרײַנט,
װאקסט װײצ אונ קערנער, —
בא מיר יאָסעמ, בא מיר יאָסעמ,
װאקסט דאָכ גראָז אונ דערנער.

5. גאָטעניו, גאָטעניו,
גאָטעניו דו מײַנ,
װאָס האָסטו מיכ ניט באשאפנ
מיט דעמ מאזל, װי מײַנע פרײַנט.

## אוקראאִנישער טעקסט

(Чубинский V, стр. 448, № 14)

1. Зашуміли луги, загреміли ріки,
Помер отец мати—сирота навіки!

2. Сиротка робить й ручек не чує,
Люди кажуть і говорять: він в корчмі ночує".

3. Сиротинка іде із поля зарані,
А люде говорять, що з корчми з гуляння.

4. Як у сироти пшениця родила,
Тоді сиротину родила любила;

5. А як у сироти кукіль уродився,
Тоді од сироти весь рід отступився.

א װײַסרוסישער װאריִאנט פונעמ זעלבנ ליד געפינט זיכ בא
Шейн I, стр. 425, № 522.

אַנ אנדער אוקראאִנישער װאריִאנט[1] ברענגט פאָלגנדיקע פאראלעלע סטראָפע
צו דער פינפטער סטראָפע פונעמ יידישנ טעקסט:

„Доле моя, доле,
Чом ти не такая,
Ой, чом ти не такая,
Як доля чужая?"

1 ציטירט בא קאָסטאָמאַראָװנ Этнографічні писання Костомарова, 1930, стр. 82.

## 14

## ייִדישער טעקסט

(זע אויבנ, ז. 313‑314, נ.נ. 53, 54)

## אוקראַיִנישער טעקסט

(פראַגמענט פונ אַ גרעסער יאָסעם־ליד Чубинский V, стр. 453, № 206)

Та соловейко маленький
Та в тебе голос тоненький,
Та зещебечи ти мені,
А що я в чужій стороні.
Та хожу, блужу й гукаю,
Та свого й роду шукаю.
Та найшла у полі билину
То матусину й могилу;
Та на могилі припала,
Отця й неньку згадала.
Ох й устань, ненько, не лежи,
Та за мною й говори“.

אַנ ענלעכ ווײַסרוסיש ליד געפינט זיכ בא Шейн I, стр. 422, № 518.

## 15

## ייִדישער טעקסט

(געפינט זיכ אינ פאָלקלאָר־אורכיוו פונ דער עטנאָגר. סעקציע)*

1. איכ דער שיפער זיפצ אונ קלער,
וווי אָרעמ אונ עלנט, קומ איכ אהער,
איכ וועל זיכ דאָ אָפּשטעלנ,
זיכ צו פרייענ מיט מײַנע געזעלנ.

2. Ох, я шипар нещасливий,
Журбой хожу, ледве живий,
Ох, хлопці погуляю з вами,
З молодими шипарями.

3. די ווייצ אונ קאָרנ איז אראָפּ גאנצ טיפ
מע האָט אראָפּגענומענ דעמ זעגל פונעמ שיפ,
אונ איכ בינ גרייט מיט מײַנ סאבליע אינ דער האנט,
צו קלאָגנ אונ פרייענ צוזאמענ באנאנד.

4. Жито і пшениця потопляли,
Берлину порожню собирали,
А я до дому порожній вертаюсь
І з бідою прогуляюсь.

## אוקראַיִנישער טעקסט

(Сборник памятников нар. творчества в Сев. Запад. Крае, Вильно, 1866. стр. 92—פראגמענט).

„Ой, я чумак нещасливый,
Хожу с горя ледве живий,
Сам не знаю що робити,
За що руки зачепити.

Воли мої поздихали,
Коні ярма поломали,
Я ж батогом повертаю,
Пойду трохи погуляю“.

16

## ייִדישער טעקסט

(פּינקעס, ז. 406, נומ. 1)

1. — גדיע טי יעדעש, ראָמאני?
— גא קירמאשע, וואצפאני!
— צאָ טי וועזעש, ראָמאני?
— א פור מיט מיידעלעך, וואצפאני!
— ווי טײַער א מיידעלע, ראָמאני?
— טויזנט טאָלער, וואצפאני!
— פארוואָס אזוי טײַער, ראָמאני?
— עס איז גאָלדענע סכוירע, וואצפאני!

2. — גדיע טי יעדעש, ראָמאני?
— גא קערמאשי וואצפאני!
— צאָ טי וועזעש, ראָמאני?
— א פור מיט ייִנגלעך, וואצפאני!
— ווי טײַער א ייִנגעלע, ראָמאני?
— צען א גראָשן, וואצפאני!
— פארוואָס אזוי וואָלוול, ראָמאני?
— עס איז פארפוילטע סכוירע, וואצפאני!

## ווײַסרוסישער טעקסט

(Шейн I, стр. 511 № 630)

1. — Добри вечір, Романя!
— Добри вечір, Моспаня!
— Куди едзиш, Романя?

— На кирмаш, Моспаня!
— Што вязеш, Романя?
— Воз хлопцоу, Моспаня!
— Почом хлопіц, Романя?
— По шелігу, Моспаня!
— Што ж так дзешева, Романя?
— Дзяшоу товар, Моспаня!

2. — Добри вечір, Романя!
— Добри вечір, Моспаня!
— Што вязеш, Романя?
— Воз дзевок, Моспаня!
— Почом дзеука, Романя?
— По сту рублей, Моспаня!
— Што так дорога, Романя?
— Дорог товар, Моспаня!

אנ אוקראַיִנישער וואַריאַנט פונ דעמ ליד געפינט זיכ בא Гринченко, стр. 646, № 1488. מיר דרוקנ דאָ דעמ ווײַסרוסישנ וואַריאַנט, ווײַל ער איז נעענטער צומ יִידישנ ווי דער אוקראַיִנישער.

## 17

## יִידישער טעקסט

(א קינדער־ליד. קאהאנ III, ז. 77, נומ. 163)

אמאָל איז געווענ א באָבעצקע,
האָט זי געהאט א הינדעלע א ראבעצקע.
הינדעלע האָט געלייגט אנ אייעלע,
איז געוואָרנ צווייעלע.
האָט גענומענ די באָבעצקע,
באהאלטנ די אייעלע אונטערנ טירעלע;
איז געקומענ די מײַזעלע
אונ צעבראָכנ די אייעלע מיטנ פיסעלע.
דער דיעד ווייגט,
די באָבעצקע כליפעט,
דער טויערל סקריפעט,
אונ די פייגעלע סוויסצעט
אונ יאנקעלע פיסצעט!

### אוקראַיִנישער טעקסט

(Чубинский III, стр. 107)

Був собі дід та баба,
Та була в їх курочка ряба,
Та злізла на поличку,
Та знесла яєчко.
Мишка бігла,
Хвостом зачепила —
Яєчко впало і розбилось
Дід плаче, баба плаче.
Курочка кудкудаче.

18

### ייִדישער טעקסט

(זע אויבן ז. 140, נ. 9).

### אוקראַיִנישער טעקסט

Ой у лісі, на Йордани,
Сидить баба у калабані
Прийшла свинья тай торкає:
„Вставай, бабо; бо світає".

מיטגעטיילט פון כאוו. ב. גושיאנסקי, וואָס האָט עס געהערט זינגען אין זיינע קינדער־יאָרן פון פויערים אין דאָרף הליבישאָק, ווינניצער געגנט.

19

### ייִדישער טעקסט

(געפינט זיך אין פאָלקלאָר־ארכיוו פון דער עטנאָגר. סעקציע. זע אויך ג.מ., נומ. 107)

זע נאָר טאטע,
זע נאָר מאמע,
וואָס די באָבע האָט געטאָן,
זי האָט געקוילעט אלע הינער
און געלאָזט דעם שווארצן האָן.

### אוקראַיִנישער טעקסט

(Гринченко III, стр. 657, № 1581)

Ой, дивися, дядьку,
Що дядина робить,
Усі кури порізала,
Тільки півень ходить.

## 20

## ייִדישער טעקסט

(קיפּניס I, ז. 129, א רעליגיעז־מיסטיש געמישט־שפּראַכיק ליד. מיר ברענגען בלויז דעם טייל, וואָס איז אינטערעסאַנט פאַרן פאַרגלייַך).

איך הער א געשריי אין א גוואַלד;
דער פאָטער זוכט די קינדער אין וואַלד.
סלישו וו'ליסו הוקאיע,
באַטקאָ סוואָיִך דיטי שוקאיע.

. . . . . . . . . . . . . . . .

קינדער, קינדער, קערט זיך אום אהיים,
ס'איז מיר סמוטנע זייַן אַליין,
דיטי, דיטי, ווערניטעס דאָ דאָמו,
באָ מעני סמוטנאָ ביט סאַמאָמו.

. . . . . . . . . . . . . . . .

## אוקראַיִנישער טעקסט

(Гринченко III, стр. 367. № 667б)

(א שטייגעריש ליד, אינהאַלט — א טאַטע, וואָס האָט כאַסענע דאָס צווייטע מאָל, פאַרלאָזט זייַנע קינדער. ער גייט זיי רופן צוריק אהיים. מיר ברענגען פולע גאַנצע ליד בלויז דעם פראַגמענט, וואָס איז אינטערעסאַנט פאַרן פאַרגלייַך).

„Та щось у лісі гукає,
Батько діток скликає:
Ідіть, дітки до дому,
Бо скучно мені самому“.

## 21

## ייִדישער טעקסט

(ג.מ. ז. 310, נומ. 353)

קראַסנאַ דיעוואָטשקאַ, א כטאָ טי,
טשי פאָידיאָש ס'ראַבינעם טאַנצאָוואַט[י]?
טשטאָ ווי מניע ספּראַשיוואַיטי, א כטאָ יאַ,
פאָידיאָט ראַבין, פאָידו יאַ.

די זעלבע סטראָפע ווערט דערנאָך איבערגעזעצט אף פּויליש, ליטוויש, זשמודיש און ענדלעך אף ייִדיש:

שיינינקע מיידעלע, ווער ביסטו אַליין,
צי וועסטו מיטן רעבן טאַנצן גיין?
וואָס האָט איר מיך צו פרעגן, ווער איך בין אַליין!
אז דער רעבע וועט גיין, וועל איך עך גיין.

## אוקראַיִנישער טעקסט

(Песни малороссиян, новый сборник самых любимых и общеизвестных укр. нар. песень. Москва, 1872, стр. 80, № 2.
פראַגמענט פון א גרעסער ליד)

„Ой дивчина, чия ти?
Ой, чи вийдеш на улицю гуляти?
Ой, не питай, козаченьку, чия я,
Як вийдеш ти, козаченьку, вийду і я.

22

## ייִדישער טעקסט

(זע אויבן, נום. 28, ז. 170)

## אוקראַיִנישער טעקסט

Як би мені сівий кінь,
Я сідельце маю,
Поїхав би на Вкраїну,
Там дівчину знаю.

Приїхав я до неї,
Вілять мені сісти
Дали мені бараболю
Нечищену їсти.

А я на ту бараболю
Косо поглядаю,
На полиці вареники
Я на їх моргаю.

אויפגענומען בא דער קאָלווירטניצע טאַניאַ
מודיטשענקאָ, 26 יאָר, דאָרף פאַטשוויקי,
פּאָפּעלנער ראַיאָן.

לעסאָפ װעלן מיר דאָ נאָך ברענגען איינע א רוסישע פאַראַלעל צו א ייִדישן פאָלקלאָר-ליד.

## ייִדישער טעקסט

(קאַהאַל I, ז. 26 נומ. 17)

ווו איז איז דאָס געסעלע, ווו איז די שטוב,
ווו איז דאָס מיידעלע, וואָס איך האָב ליב?
נישטאָ שוין דאָס געסעלע, נישטאָ שוין די שטוב,
נישטאָ שוין דאָס מיידעלע, וואָס איך האָב זי ליב.

## רוסישער טעקסט

(א פּאָפּולער לידל, ווערט אַגעוו געזונגען אינעם באַקאַנטן סאָוועטישן פילם
„Юность Максима“)

Где эта улица, где этот дом,
Где эта девушка, что я влюблен?
Вот эта улица, вот этот дом,
Вот эта девушка, что я влюблен .

# אינהאלט

זײַט


אַרײַנפיר . . . . . 3

## אַרבעטער־לידער

### I. לידער וועגן אַרבעט, עקספּלואַטאַציע און נויט

1. איך שטיי אויף גאַנץ פרי . . . . . 87
2. בײַ מײַן מאַמען בין איך געווען . . . . . —
3. באַלעבאָסטע, זאָג איך . . . . . 88
4. אַז די באַלעבאָסטע גייט אַרויס . . . . . 90
5. אַכט אַזייגער קום איך צו מײַן אַרבעט . . . . . —
6. מיר זיצן אויף די בענקעלעך, אַראָפּגעלאָזט די קעפּעלעך . . . . . 91
7. בעסער אין דער היים . . . . . 92

### II. לידער וועגן קאַמף און קאָרבאָנעס

8. שאַרפט אײַך וואָפן, קומט צום שטרײַט . . . . . 93
9. שטייט אויף, איר אונטערגעדריקטע ברידער . . . . . 94
10. שאַבעס אינדערפרי, אַזייגער אַכט . . . . . 95
11. ליבע ברידער, סאָלדאַטן . . . . . 96
12. אין טורמעס, אין קייטן, אין לאַנד פון קאַפּיטאַל . . . . . 97
13. זיצן זיצט זיך אין טורמע אויף די נאַרעס . . . . . —

## לידער וועגן אָרעמקייט און נויט

### I. לידער וועגן אָרעמקייט און נויט

1. אַך, פאַרמוטשעט, כ׳בין פאַרמוטשעט . . . . . 101
2. אַ גוט מאָרגן, וואָס מאַכסטו, מײַן טײַערע עסטער . . . . . —
3. אוי, [איך] דער וויסטער באַלעגאָלע . . . . . 102
4. איך, נעבעך, אָרעמער שוימער . . . . . 103
5. ס׳איז וואָר און וואָר . . . . . 104
6. אוי, מאַזל, אוי, מאַזל . . . . . 105
7. אוי, דאַלעס! . . . . . 106
8. איך גיי אַ גאַנצן טאָג . . . . . —
9. אין שטוב איז קאַלט און נאַס . . . . . 107
10. שטיי אויף, מײַן מאַן, טו אָן דײַנע טאַכטוריגים . . . . . 108

11. אלעפ—אינדריקעס עסנ די אשירימ . . . 108
12. אלעפ—איינגעמאכטס עסט דער נאָגיר . . . 109
13. די אלעפ מאכט—הצלרזלעכ געפילטע לעאשירימ . . . 110


## II. לידער וועגנ עמיגראציע אונ עלנטקייט


14. וואָס בינ איכ קיינ אמעריקע געלאָפנ . . . 112
15. דו טוסט, מיינ טייער לעבנ, קיינ אמעריקע אָפּפאָרנ . . . —
16. דיינ טאטע איז געפאָרנ קיינ אמעריקע . . . 113
17. וווהינ זשע פאָרסטו, עליקל מיינ מאנ . . . 114
18. שטייט א טויב אפנ דאכ . . . 115
19. צי האָט איר געהערט, וואָס ס'האָט זיכ פארלאָפנ . . . —
20. צי האָט איר געהערט, וואָס האָט זיכ געטראָפנ . . . 117
21. ווי איז מיינ לעבנ . . . 118
22. הער נאָר אויס מיינ מאנ . . . 119
23. אָנגעשפארט מיט אירע עלנבויגנ . . . 122
24. אָנגעשפארט אינ עלנבויגנ . . . 123


## III. בעטלער-לידער


25. שלעכט אונ ביטער, ווי דער טויט . . . 125
26. אונ סע קראצט מיכ אונ סע בייסט מיכ . . . 126
27. צייט איכ בינ פונ דער היימ אוועק . . . —
28. גיט א נעדאָווע אנ אָרעמאנ א בלינדנ . . . 127


# אנטיקלעריקאלע לידער


1. דאָס ווייסט דאָכ יעדעיער אינ דער וועלט . . . 131
2. אוי, דער רעבע זיצט . . . 132
3. דער רעבע פאָרט, דער רעבע פאָרט . . . 133
4. איינ גרויסע מיצווע איז פונעמ רעבנ צו שמועסנ . . . 134
5. צומ רעבנ איז דאָכ אויכ אנ אקאָרע געקומענ . . . 135
6. אוי, דו ווייבל, דו שיינע, דו פיינע . . . 137
7. א קאלטע מיקווע וועל איכ זיכ מאכנ . . . —
8. На дворі стоячи . . . 138
9. Ой, хусід, хусід був . . . 140
10. גדזיע טענ כאָסיד, צאָ מניע כציאל . . . —
11. דער רעבע מיט די כסידימ . . . 141
12. באמ רעבנ, זאָל לעבנ אונ געזונט זיינ . . . 142
13. דער רעבע איז געגאנגענ טאנצנ . . . 143
14. שאָנעראבע בא א יוסטיקנ באלעבאָס . . . 144
15. אז עס קומט דער ערעוו מיישעכ . . . —
16. אז דו וועסט גיינ אינ גאס . . . 145
17. לויפט ארייַנ דער אויספאָנעמ . . . 146


# ליבע-לידער

## I. לידער וועגנ צעשיידונג


1. איכ טראָג נאָר אינ קלאָג . . . 149
2. דו פאָרסט אוועק אינ א פרעמדר לאנד . . . —

3. גראָ אונ אלט בינ איכ געוואָרנ 150
4. זײַ וויסנ, אז איכ ווארט אפ דיר —
5. די לעוואָנע שײַנט אורומ האלב נאכט 151
6. די דאָזיקע נאכט, וואָס מיר האָבנ ביידע פארבראכט —
7. וואָס האָסטו מיר אָפּגעטאָנ, מײַנ טײַער זיס לעבנ 152
8. די זונ פארגייט פארנאכט 153
9. אוי, ווי א פייגעלע אינ דעמ נעסטעלע 154
10. פישעלעכ אינ וואסער, זיי לעבנ זיכ גאָר פײַנ 155
11. בא דעמ טײַכ שטייט א טויב 156
12. איכ האָב א פערעלע געציילעט —
13. דו האָסט מיר געבראכט א פּאָדארעק 157
14. אפ די בערג די הויכע 158
15. ווער קאָנ פילנ מײַנ הארצ אצינד 159

## II. געשפּרעכנ מיט א מוטער

16. פייגעלע, מײַנ טאָכטער 161
17. הער, כאסי —
18. איכ מיט מײַנ ליבנ —
19. אוי, וויי, מאמע 162
20. אוי, וויי, מאמינ 163
21. די לעוואָנע שײַנט —
22. אוי, מאמעניו, ס׳איז מיר שלעכט 166

## III. געמישט-שפּראכיקע לידער

23. גאָראָד ב׳קאָלײַעוו, פּראנצרוסקי זאוואָד 167
24. קאָגדא יא ביל פּאָלטאווסקי פייגעלע 168
25. איכ שטיי מיר אפּנ גאנעק —
26. אגיוטא סידיט נא באלקאָנטשיקל 168
27. אוי, מוי מילי ראָזא —
28. ווענ איכ זאָל האָבנ א גראָוו פערד 170
29. זא גאָראמי, זא דאָלאמי 171
30. אוי, וויי, מאמע, כאָטיא איכ בינ יונג 172

## IV. טײַנעס אונ קלאָגנ

31. צו דײַנ טאטנ האָב איכ גאָרניט 173
32. אוי, קומ נאָר אהער, מײַנ טײַער זיס לעבנ 174
33. די זונ מיט דער לעוואָנע כוענ אלעס צוזענ 175
34. אוי, גרויסער גאָט, פארלעש די ליכטעלעכ 177
35. צי האָב איכ דיר בא די פּאָלעס געריסנ —
36. איכ שטיי אונ שטיי אינמיטנ יאמ אונ טרינק זיכ 178
37. איכ האָב געאקערט אונ האָב געזייט 179
38. איכ האָב געאקערט אונ געבראָניעוועט 180
39. איכ זיצ אונ שפּיל מיר אפ דער קאטארע 181
40. אוי, שטיי שוינ אופ, טאָכטער, פונ דײַנ געלעגער 182
41. כ׳האָב געסטרויעט א מויער 183
42. די ליבע ברענט, די ליבע ברענט 184

43. מײַנ מאמע האָט געזאָגט נײנ . . . 185
44. שײנ ביסטו, טײַער לעבנ . . . —
45. דו ביסט מײַנ ליכט אונ איכ בינ דײַנ שײַנ . . . 186
46. דעמ ערשטנ אפּדערנאכט . . . 187
47. אוי, בײס יוזעפל איז צו מיר ארײַנגעגאנגענ . . . 188
48. אוי, איכ זיצ מיר אפּ מײַנ פּענצטער . . . 189
49. איכ הײב זיכ אָנ צו באַדענקענ . . . —
50. אוי, איכ זיצ מיר בא מײַנ ארבעט אונ ארבעט . . . 190
51. איכ זיצ מיר בא מײַנ ארבעט אונ איכ ארבעט . . . —
52. זיצנ זיצ איכ בא מײַנ ארבעט . . . 191
53. וואָס טויג מיר מײַנ שײנער ווײַנגאָרטנ . . . —
54. אוי, בלינד בינ איכ שוינ געוואָרנ . . . 193
55. דער זײגער האָט צוועלפ געשלאָגנ . . . 194
56. ווער קאָנ א פײַער אָפּלעשנ . . . 195
57. קראנק בינ איכ קראנק . . . 196
58. קראנק בינ איכ מיר קראנק . . . 197
59. לאָמיר, דושע-לעבנ, אלע זאכנ אָטסטאווענ . . . 198
60. מײַנ מאמע זאָגט מיר הײַנט . . . 200


## V. פּאסירונגענ אונ געשעענישנ


61. אוי, א כאָלעמ האָט זיכ מיר געכאָלעמט . . . 201
62. שוינ דרײַ יאָר, אז איכ שפּיל א ליבע . . . 202
63. וויאַזוי איכ הער א לירניק שפּילנ . . . 203
64. דאָנערשטיק אפּדערנאכט איז פּיציע אינ דער הײמ געזעסנ . . . 204
65. פרײַטיק אינדערפרי בא דער שוועסטער געזעסנ . . . 206
66. טאָג ווי נאכט האָט ער געטראכט . . . 207
67. ער איז ארײַנ צונ, איר אינ שטוב . . . 208
68. מײַנ מאמע פלעג מיכ שטענדיק שלאָגנ . . . 209
69. עפּשער ווילט איר די ליד אויסהערנ . . . 210
70. א נײַע ליד וועל איכ אײַכ זינגענ . . . 211
71. א שײנע וועלט, א ליכטיקע וועלט . . . 212
72. סע איז שוינ פארפאלנ מײַנע יונגע יאָרנ . . . 215
73. איכ זיצ מיר בא מײַנ ארבעט אונ איכ ארבעט . . . 216
74. ס'איז שוינ דרײַ יאָר, מיר שפּילנ בײדע א ליבע . . . 217
75. ס'איז שוינ דרײַ יאָר, אז מיר שפּילנ בײדע א ליבע . . . 218
76. די לעצטע מינוטנ טר איכ מײַנ בריוו שרײַבנ . . . 219
77. טאָג ווי נאכט זיצ איכ אונ טראכט . . . 221
78. אוי, אזויווי מארימ איז שאבעס פארנאכט שפּאצירנ געגאנגענ . . . 222
79. דורכ דיר, זאלמענ, בינ איכ קײנ כאשטשעוואטע אָנגעקומענ . . . 223
80. א טאָג מיט א נאכט האָט זיכ זײדעלע געטראכט . . . 224
81. דעמ ערשטנ טאָג פונ יאָסקעס אָפּעראציע . . . 225


## VI. סענטימענטאַלע ראָמאנסנ.


82. פונ גרויס ראָסאדע לײג איכ זיכ, מאמעניו, שלאָפנ . . . 226
83. פאר גרויס ראָסאדע לײג איכ זיכ שלאָפנ . . . 227

84. איכ גיי מיר ארום א גאנצנעם טאָג . . . . . 228
85. אז דאָס מיידל הייבט אָנ גייג מיטנ יינגעלע . . . . . 230
86. אכ, מײַנ הארצ, מײַנ קרויג . . . . . 231
87. מײַנ טרײַעס הארצ, מײַנ טרײַעס לעבנ . . . . . 233
88. אכ, ווי א פלאם פונ א פײַער . . . . . 235

## לידער וועגנ רעקרוטשינע, פריזיוו אונ מיליטער-דינסט באַם צאריזם

1. זײַנעַ מיר געלאָפנ . . . . . 239
2. בעגידישע קינדער הערט אופ צו שטיפנ . . . . . 241
3. אז איכ בינ קיינ זשיטאָמיר געקומענ . . . . . 244
4. בעסאראביע איז פריילעכ געשטאַנענ . . . . . 246
5. א פאָטער גייט ווײַס ווי שניי . . . . . 247
6. אזוי ווי מע האָט מיר איינ מאָס געשטעלט . . . . . —
7. עס האָט זיכ צוזאמענגעקליבנ דער גאנצער באראָד . . . . . 249
8. ווי מע פירט מיכ אונטער דעמ סטאנאָק . . . . . 250
9. אז מע נעמט ארויס א נומער א גרויסנ . . . . . 251
10. זײַט זשע מיר געזונט . . . . . —
11. וווהינ זײַנענ מיר פארפלויגנ . . . . . 252
12. אז איכ בינ אינ ערשטנ באַי געקומענ . . . . . 253
13. קיינ נײַנצנ יאָר בינ איכ נאָכ ניט אלט געוואָרנ . . . . . —
14. אָכ, טויזנט נײַנ הונדערט, אינ דעמ פערצנטנ יאָר . . . . . 154
15. אָרעמ אונ עלנט אונ געשווינד . . . . . 255

## שיקורים-לידער

1. איכ זיצ מיר אינ שענקל . . . . . 259
2. אוי, דו, לעוואָנע . . . . . 261
3. איכ גיי מיר ארײַנ אינ שענק ארײַנ . . . . . 262
4. ווענ אפ אלע פעלדער זאָל וואקסנ קאָרנ . . . . . —
5. מאָנאָפאָל, מאָנאָפאָל . . . . . 263
6. מײַנ פעטערל איז געווענ א גאנצ ווילער ייִד . . . . . 664
7. אוי, לאָמיר אלע פריילעכ זײַנ . . . . . 265
8. איכ האָב געטרונקנ ביר פונ א פלאש . . . . . 266
9. צאָרעס, מאמע, איז מיר באשערט . . . . . 267
10. מיר זײַנענ ארײַנגעקומענ צו רעב מאָטלענ . . . . . —
11. ווײַנט זשע ייִדעלעכ, אונ שרײַט אונ קלאָגט . . . . . 268
12. ווי טיפ אונ קאלט ס'איז דער קייווער . . . . . —
13. מאשקע איז דאָכ מינאשאָמאַיִמ . . . . . 269

## לידער וועגנ שטייגער

### I. לידער וועגנ שטייגער

1. איכ האָב דאָכ דיר געזאָגט . . . . . 273
2. איכ, נעבעכ, אָרעמ מיידל . . . . . 274
3. איכ אינ דרויסנ געזײַט . . . . . —
4. גיי איכ מיר ארויס אינ מארק ארײַנ . . . . . 275
5. שטיי איכ מיר אפנ טיר . . . . . —

| | | |
|---|---|---|
| 6. | א שיינ מיידעלע ביסטו | 276 |
| 7. | כאנצי איז געזעסנ בא איר טאטנ אפ דער טיר | 277 |
| 8. | דער שאדכנ ווארפט אנ אייגל | 278 |
| 9. | אונ אז דער כאָכנ וויל ניט די קאלע | — |
| 10. | א שאדכנ צו זײַנ איז דאָכ זייער גוט | 279 |
| 11. | איינ גוטמאָרגנ, איינ גוטמאָרגנ, ליבסטער האַר | 280 |
| 12. | פונוואנענ פאָרט איר, גוטע ברידערלעכ | 281 |
| 13. | יִנגעלעכ מיט מיידעלעכ | — |
| 14. | אוי, פריִכאוו רעבע זײַוול | 283 |
| 15. | אוי, וויי, מוטער | — |
| 16. | הערט זשע אויס מײַנ נײַע פאָלקע | 284 |
| 17. | טאנצט מיידנ | — |
| 18. | האָפּטשיקא, מאָיא מילע | — |
| 19. | נעכטנ באדערנאכט | 285 |
| 20. | הוליעט, מענער, העפעט, ווײַבער | — |
| 21. | זײַט־זשע מיר געזונט | — |
| 22. | מעכוטענעסטע מײַנע, מעכוטענעסטע געטרײַע | 286 |
| 23. | איר פאָרט זיכ שוינ אוועק | — |
| 24. | אוי, זשאל, זשאל | 287 |
| 25. | די מאמע האָט זיכ מיר אָפּגעגעבנ | 288 |
| 26. | מײַנ הארצ, מײַנ הארצ ציט צו דיר | 289 |
| 27. | וואָס׳טו דאָרטנ אָפּגעטאָנ | — |
| 28. | טאָכטער, דו ליב, טאָכטער, דו מיינ | 291 |
| 29. | ס׳האָט זיכ מיר געכאָלעמט | 292 |
| 30. | מאמע מײַנע, צי בינ איכ ניט א טאָכטער דײַנע | 293 |
| 31. | אזא שווארצע אונ אזא גרינגע | 294 |
| 32. | אוי, ווו נעמ איכ אמאָליקע יאָרנ | 295 |
| 33. | שטייט א מויער, ווער (!) איז שיינ | 296 |
| 34. | אז אנ אלמענ נעמט א מיידל, זונטיק, זונטיק | 297 |
| 35. | א יאָר נאָכ מיינ כאסענע זעט, ווי איכ קוק אויס | 298 |
| 36. | בינ איכ מיר א יונגערמאנטשיק | 299 |
| 37. | בינ איכ א יונגער קנאבע | 301 |
| 38. | מיטנ פיסעלע | 302 |
| 39. | אוי, וויי, מיינ ווײַבעלע איז קראנק | 303 |
| 40. | א גוטנ אָוונט אײַכ, ברײַנע | — |
| 41. | שענקט איינ נעדאָווע | 304 |
| 42. | מע האָט זי דאָכ שוינ אפנ בעט ארופגעלייגט | — |
| 43. | אפ די הויכע בערג, וואָס זײַנענ מיט גראָז באוואקסנ | 305 |
| 44. | די הויכענע בערג, די הויכענע בערג | 306 |
| 45. | פליט איינ קאטשקעלע איבערנ יאמ | 307 |
| 46. | קאטשעט זיכ א יאשטשיקל איבערנ יאמ | — |
| 47. | יִדל האָט אינ שול ניט געקענט אײַנשטיינ | 308 |
| 48. | יִדל דער רויטער איז געפאָרנ אפ א יאריד | 309 |
| 49. | אפנ יאריד איז ער געפאָרנ | 310 |
| 50. | מײַנ שוויגער, זאָל לעבנ, איז געשטאָרבנ | 311 |

## II. יעסוימים-לידער


51. צייט איך בין א יאָטעם געבליבן . . . 311
52. עלנט פון אלע ביימעלעך . . . 312
53. סאָלאָווייטשיק מאליענקי . . . 313
54. סאָלאָווייטשיק קלוגינקער . . . 314
55. וואקסט איך וואלד א ביימעלע . . . 315
56. אפן בעסוילעם אונטער א מאצייווע . . . —
57. אך, ווי אפילע דער מיגורסטער . . . 316
58. ניין יאָר בין איך אלט געוואָרן . . . 317
59. איינע ליגט קראנק א יאָר אָדער צוויי . . . 318
60. איך שטיי אפ דיין קייווער און וויין . . . 319
61. איך שטיי מיר באַ דיין קייווערל און וויין . . . 320
62. גייט א יאָסעמל און ער קלאָגט . . . 321

**באמערקונגען און צוגאָבן** . . . 323

Редактор—М. Винер.
Техред—М. Погостер.
Корректор—И. Левинсон.
Сдано в набор—29/XII — 35 г.
Подписано к печати 3/VI-36 г.
Ф. б. 62Х94 1/16. 24 3/4 п. л.
„Эмес“ № 223. Уп. Главлита Б—22766.
Тираж 2.000.

Тип. „Дер Эмес“, Москва, Покровка, 9.
Зак. № 1259